STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07941

VOS THUT MEN?

Nikolay Gavrilovich Chernyshevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ג. טשערנישעווסקי

וואָס טהוט מען?

ראָמאַן.

אַ פאָלשטענדיגע איבערזעצונג
אונטער דער רעדאַקציאָן פון
דר. ק. פארנבערג

ערשטער באַנד.

ליטעראַרישער פערלאַג.
256 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
.1917

.1

דער נאר.

דעם 11טען יולי, 1856, אין דער פריה, זיינען די דיענער פון איינעם פון די גרעסטע פעטערבורגער האטעלען, ביי דער סטאנציאן פון דער מאסקווער באהן, געווען ערשטוינט און אביסעל דערשראקען. דעם פאריגען אבענד, 9 א זייגער, איז געקומען צו פאהרען א מאן מיט א רייזע־קאסטען; האט פארנומען א צימער, נעגעבען צום פארשרייבען זיין פאספארט, האט געבעטען פאר זיך א טהעע און א קאטלעט; האט אנגעזאגט, מען זאל איהם אין אבענד ניט בעאונרוהיגען, ווייל ער איז מיעד און וויל שלאפען, נור אויף מארגען זאל מען איהם אונבעדינגט אויפוועקען 8 אוהר, ווייל ער האט זעהר נויטיגע געשעפטען.

ער האט צוגעמאכט די טיהר פון צימער, א ווײלע האט זיך געהערט, ווי ער רוישט מיט'ן מעסער און גאפעל, און מיט די טהעע געשיער; אבער באלד איז אלעם שטיל געווארען, — וואהרשיינליך, איינגעשלאפען.

דער פריהמארגען איז געקומען; 8 אוהר האט דער דיענער אנגעקלאפט בײ'ם גאסט, — דער גאסט לאזט זיך ניט הערען; דער דיענער קלאפט שטארקער, זעהר שטארק. — דער רייזענדער רופט זיך ניט אפ. הייסט עס ער שלאפט פעסט.

דער דיענער האט אויסגעווארט א פיערטעל שטונדע און ווידער גענומען וועקען, און זיך ווידער ניט דערוועקט. ער האט גענומען בעראטהען זיך מיט די אנדערע דיענער, מיט'ן בופעטשיק.

"האט פיעלייכט עפעס פאסירט מיט איהם?" מען מוז אויפברעכען די טהיר".

"ניין, דאס טויג ניט: אויב שוין יא ברעכען, דארף מען צו דעם די פאליציי".

האט מען בעשלאסען: פרובירען וועקען נאך א מאל, שטארקער, און אויב ער וועט איצט ניט אויפשטעהען, מוז מען שיקען נאך דער פאליציי. מען האט געמאכט די לעצטע פראבע. און מען האט טאקי ניט דערוועקט; מען האט אװעקגעשיקט נאך דער פאליציי און מעןווארט צו זעהען וואס דא וועט זיין.

ארום צעהן א זייגער אין דער פריה איז געקומען דער פאליציי־בעאמטער; ער האט אליין אנגעקלאפט, האט געהייסען די דיענער קלאפען. דער זעלבער ערפאלג ווי פריהער.

"פארפאלען, ברעכט די טהיר, קינדער!"

מען האט די טהיר איינגעבראכען. דאס צימער איז לעדיג.

"זאל מען א קוק טהון אונטער'ן בעט."

און אונטער'ן בעט איז דער רייזענדער אויך ניטא. דער פאליציי־בעאמטער געהט צו צום טיש — אויפ'ן טיש איז געלעגען א בויגען פאפיער און אויף איהם איז געווען אנגעשריבען:

"איך געה אוועק ארום 11 אוהר אווענד און וועל זיך שוין ניט אומקעהרען.

מען וועט מיך דערזעהען אויפ'ן ליטיינעם בריק צווישען 2־3 ביי נאכט. פאר־דעכטיגט קיינעם ניט."

"אט דאס איז עס; די געשיכטע איז איצט קלאהר, און מיר האבען עס גאר ניט געקענט פארשטעהען," האט געזאגט דער פאליציי־בעאמטער.

""וואס? וואס? איוואן אפאנאסעוויטש?" פרעגט דער בופעטשיק.

"ברענגט טהעע, וועל איך דערצעהלען."

די ערצעהלונג פון דעם פאליציי־בעאמטען איז אין דעם האטעל לאנג נאכ־דערצעהלט און איבערגערעדט געווארען מיט לעבעדיגען אינטערעס. די געשיכטע איז אזוי געווען.

האלב דריי ביי נאכט — און די נאכט איז געווען א וואלקענדיגע, א פינס־טערע — האט אין מיטען ליטיינעם בריק א בליסטשע געטהאן א פייערל און עס האט זיך דערהערט א שאס פון א פיסטאלעט. די נאכטוועכטער און עטליכע פארבייגעהער זיינען זיך צונויפגעלאפען — אבער קיין שפור פון קיין מענשען איז דא ניט געווען. הייסט עס, ער האט ניט א צווייטען געשאסען נור זיך אליין. עס האבען זיך באלד געפונען בעלנים צו שפרינגען אין וואסער; מען האט באלד געבראכט פיש־האטשעקעס און א פיש־נעץ; מען האט געזוכט אין וואסער, גע־כאפט א פופציג גרויסע שפענער, אבער קיין קערפער האט מען ניט געפונען: אין אמת'ן, קען מען איהם דען געפינען? — די נאכט איז פינסטער, און אין צוויי שטונדען ארום וועט עס איהם פארטראגען אין ים אריין, און געה זוך! דעריבער האבען זיך געפונען פראגרעסיסטען וואס האבען געצווייפעלט אין דער גאנצער געשיכטע.

"עס קען זיין אז דא איז טאקי קיין שום קערפער ניט געווען! מעגליך אז א שכור'ער, אדער אזוי א יונגאטש, האט זיך אביסעל שפאס געמאכט — האט אויסגעשאסען און איז אנטלאפען — און א קשיה אויף אמעשה, פיעלייכט שטעהט ער גאר דא צווישען אלע און שמייכעלט זיך צו איבער'ן גערודער וואס ער האט אנ־געמאכט."

אבער די מאיאריטעט איז געבליבען קאנסערוואטיוו, ווי אימער, ווען זי

דענקט ריכטיג, און האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס אַלטע: וואָס שפּאַס? — ער האָט זיך אַריינגעשאָסען אַ קויל אין קאָפּ און שוין; די פּראָגרעסיסטען זיינען געבליעבען בעזיעגט. אָבער די זיעגרייכע פּאַרטיי האָט זיך, ווי אימער, נאָך׳ן זיעג, געשפּאַלטען. געשאָסען זיך, יאָ, אָבער צוליעב וואָס? „אַ שכור", איז געוועזן די מיינונג פון איינינע קאָנסערוואַטאָרס; „אַ רואינירטער שאַרלאַטאַנטשיק", האָבען גע׳טענה׳ט די אַנדערע. „פּשוט אַ נאַר" האָבען צוגעשטימט אַלע, אפילו די יעניגע, וואָס האָבען אָפּגלייקענט אַז ער האָט זיך דערשאָסען. און ווירקליך, צי האָט זיך דערשאָסען אַ שכור, אָדער אַ רואינירטער שאַרלאַטאַן; צי האָט זיך אַ יונגאַטש ניט דערשאָסען, נור אַזוי בלויז אָפּגעשפּיעלט אַ קאָמעדיע — איז דאָס יעדענפאַלס נאַרישע פּוילע שטיק.

מיט דעם האָט זיך די געשיכטע ביי נאַכט אויפ׳ן בריק געענדיגט. אין דער פריה האָט זיך ארויסגעשטעלט אין האָטעל, לעבען מאָסקווער באַהן, אַז דער נאַר האָט ניט געמאַכט קיין שפּאַס, נור זיך טאַקי דערשאָסען. אָבער אין דיעזען רעזולטאַט פון דער געשיכטע איז נאָך פאַרבליעבען איינס, מיט וועלכען עס זיינען געוועזן איינפערשטאַנען אפילו די בעזיעגטע; און נעמליך: אויב ס׳איז ניט קיין שפּאַס, און אימיצער האָט זיך טאַקי דערשאָסען, איז ער פּאָרט אַ נאַר.

דיעזער אַלע צופריעדענשטעלענדער רעזולטאַט איז געוועזן בעזאָנדערס שטאַרק טאַקי דערפאַר, וואָס געזיעגט האָבען די קאָנסערוואַטאָרס: און ווירקליך, ער זאָל געוועזן שיסען בלויז אויף שפּאַס, טאָ וואָלט מען נאָך אין תוך אריין געקענט צווייפלען צי איז ער טאַקי אַ נאַר, אָדער בלויז אַ ליץ. אָבער ער האָט זיך געשאָסען אויפ׳ן בריק — נו, ווער שיסט זיך גאָר אויף אַ בריק? וואָס איז גאָר אויף אַ בריק? צו וואָס אויף אַ בריק? נאַריש, אויפ׳ן בריק? — און דערפאַר — געוויס אַ נאַר.

און איינינע האָבען נאָך אַמאָל אָנגעהויבען צווייפלען: געשאָסען זיך אויפ׳ן בריק; — אויף אַ בריק שיסט מען זיך ניט, — פאָלגליך, ניט געשאָסען זיך. אָבער פאַרנאַכט האָט מען די דיענער פון האָטעל גערופען צו דער פּאָליציי־אָבטהיילונג, צו בעטראַכטען דאָס דורכגעשאָסענע היטעל, וואָס מען האָט ארויסגעשלעפּט פון וואַסער. אַלע זיינען געוועזן איינשטימיג, אַז דאָס איז געוועזן דאָס זעלבע היטעל, וואָס דער רייזענדער האָט געטראָגען, קיין צווייפעל, דאַרום, ער האָט זיך דערשאָסען, און דער גייסט פון צווייפעל און פּראָגרעס איז אין גאַנצען בעזיעגט געוואָרען.

אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז ס׳איז אַ „נאַר". — אָבער פּלוצלונג האָבען אַלע גענומען ריידען: אויפ׳ן בריק — אַ פלינקער אויפטהו! — הייסט עס, אום זיך

ניט לאַנג צו מאַטערן, טאָמער געלינגט ניט זיך ריכטיג צו דערשיסען, — קלוג בערעכענט! פון יעדער וואנד — אריין אין וואסער, און איידער עפּעס, דער־טרונקען ווערען — יא, אויפ'ן בריק.... קלוג!

.2

די ערשטע פאָלגע פון דער נארישער געשיכטע.

אין דעם זעלבען פריהמאָרגען, ארום 12 א זייגער, איז א יונגע דאמע געזעסען אין איינעם פון די דריי צימערן אין דער קליינער זומער־וואָהנונג, אויף דעם קאַ־מענע אינזעל. זי האָט גענעהמ און האָט זיך שטיל צוגעזונגען א פריילעכע, מוטהיגע פראנצויזישע ליעדעלע.

„ארים זיינען מיר", האָט דאָס ליעדעלע געלויטעט — „נור מיר זיינען ארביימס־לייטע, אונזערע הענט זיינען שטארק. מיר זיינען אונוויסענד, אָבער קיינע נאראנים ניט, און מיר זוכען ליכט. לאָמיר זיך לערנען, וויסען וועט אונז בעפרייען; לאָמיר ארבייטען, די ארבייט וועט אונז רייך מאכען; ס'וועט געלינגען, מיר וועלען לעבען, און דערלעבען —

(ס'וועט געלינגען,
ווער ס'וועט דערלעבען, וועט זעהן.)

"מיר זיינען גראָב, פון אונזער גראבהייט ליידען מיר אליין, מיר זיינען פול מיט פאָראורטהיילע, און ליידען טאַקי איבער זיי; מיר פיהלען דאס. מיר וועלען זוכען גליק און געפינען מענשליכקייט, און וועלען ווערען גוט, — עס געהט דאצו — מיר וועלען לעבען און דערלעבען.

"ארבייט אָהן וויסען איז פרוכטלאָז, אונזער גליק איז אונמעגליך אָהן דעם גליק פון אנדערע. לאָמיר זיך לערנען, וועלען מיר ווערען רייך און גליקליך; און מיר וועלען זיין ברידער און שוועסטער. עס געהט דאצו — מיר וועלען לעבען און דערלעבען.

"מיר וועלען לערנען און ארבייטען, זינגען און ליעבען, און עס וועט קומען דער גן עדן אויף דער וועלט. לאָמיר זיך פרעהען מיט'ן לעבען, — עס געהט דאצו, עס קומט שוין באלד, מיר וועלען עס אלע דערלעבען, —

("לאָמיר זשע לעבען,
ס'וועט צוגעהען שנעל,

קומען קומט עס,

זעהען אַלע, וועלען מיר עס").

לעבעדיג און מוטהיג איז געווען דאס ליעדעלע, און דער נגון א פרעהליכער. עס האָבען זיך אין איהם געהערט א צוויי דריי טרויעריגע נאָטען, אָבער זיי האָבען זיך בעהאלטען אונטער דעם אַלגעמיינעם פרעהליכען כאראקטער פון דעם איינ־האַלט, זיינען בטל געווארען אין דעם מאָטיוו, און אין גאנצען פערשוואונדען אין דעם ענדליכען קופּלעט ; אם וועניגסטען וואָלטען זיי זיך געדאַרפט בעהאלטען און פערשוואונדען ווערען — און זיי וואָלטען טאָקי פערשוואונדען, ווען די דאמע וואלט געווען אנדערש אויפגעלעגט ; אָבער איצט האָבען די עמליכע טרויעריגע נאָטען ביי איהר געקלונגען העכער, ווי די איבריגע. בעמערקענדיג דאס, האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט, און האָט זיי גענומען זינגען שטילער, און די פרעהליכערע

נאָטען העכער. אָבער באַלד האָבען איהרע געדאַנקען איהר פערטראָגען ווייט פון דער ליעד, און די טרויעריגע נאָטען קלינגען שוין ווידער העכער. מען קען זעהען, אז די יונגע דאמע וויל צו זיך ניט צולאָזען קיין טרויער, אָבער וואס זי זאָל ניט אָנווענדען, שטעהט ער אַלץ פון איהר ניט אָב, און צו איז דאס פרעהליכע ליעדעלע טרויעריג, אדער צו ווערט עס ווידער פרעהליך, ווי עס דאַרף צו זיין, די דאמע נעהט גאנץ פלייסיג. זי איז א גוטע נעהטאָרין.

אין צימער איז אריין די דיענסט, א יונגע מיידעל.

—זעהט, מאַשאַ, ווי איך נעה. איך האָב שוין כמעט געענדיגט די מאַנזשעטען, וואס איך נעה מיר אויף אייער חתונה.

—אַך, איהר האָט זיי וועניגער אויסגעשטיקט ווי די, וואס איהר האָט מיר געמאַכט.

—ווי דען ? געוויס דאַרף א כלה זיין שעהנער אויסגעפּוצט פון אלעמען אויף דער חתונה.

—און איך האָב איך געבראכט א בריעף, ווערא פּאוולאָווגא.

ווערא פּאוולאָווגאַ'ס געזיכט האָט ארויסגעצייגט ערשטוינונג, ווען זי האָט גענומען עפּענען דעם בריעף : אויפ'ן קאָנווערט איז געווען דער פּאָכט שטעמפּעל פון דער שטאדט. "ווי קען עס זיין ? ער איז דאָך גאָר אין מאָסקווע ?" זי האָט שנעל אויפגעעפענט דעם בריעף, איז בלאַס געווארען, איהר האנד מיט'ן בריעף איז ארונטער געפאַלען.

„ניין, עס קען ניט זיין, איך האָב ניט ריכטיג געלעזען, אין בריעף שטעהט דאס גאָר ניט !" און זי האָט צוריק אויפגעהויבען די האנד מיט'ן בריעף.

עס זיינען פאריבער בלויז צוויי סעקונדען, אָבער דאס מאָל האָבען איהרע

אויגען לאנג, אונבעוועגליך געקוקט אויף די עטליכע צײלען פון בריעף, און דיעזע ליכטיגע אויגען זיינען געוואָרען פינסטערער און פינסטערער, דער בריעף איז איהר ארויסגעפאלען פון די אָפּגעשוואכטע הענד אויפ'ן נעה טישעל; זי האָט מיט די הענט בעדעקט איהר פּנים און זיך צו וויינט.

"וואס האָב איך געטהאָן! וואס האָב איך געטהאָן!" און ווידער געוויינט.

"וועראָטשקא, וואס איז דיר אזוינס? דו האָסט אויך ליעב צו וויינען? טרעפט זיך עס מיט דיר אויך? וואס איז דיר אזוינס?" — א יונגער מאַן איז מיט שנעלע, פאָרזיכטיגע טריט אריינגעקומען אין צימער.

"נאַ, לעז... ס'איז אויפ'ן טיש!"

זי האָט שוין ניט געוויינט, נור זי איז געזעסען אונבעוועגט, קוים געאָטעמט.

דער יונגער מאַן האָט גענומען דעם בריעף; ער איז אויך בלאַס געוואָרען, זיינע הענט האָבען אָנגעהויבען ציטערען. לאנג האָט ער געקוקט אויפ'ן בריעף, אָבּוואהל ער איז ניט געווען קיין גרויסער, סך הכל א צוואנציג ווערטער:

"איך האָב אייך געשטערט אייער רוה, איך געה ארונטער פון דער ביהנע. זאָל אייך ניט באנג טהאָן; איך ליעב אייך ביידע אזוי שטארק, אז איך בין גליקליך מיט מיין בעשלוס. זייט געזונט".

דער יונגער מאַן איז לאנג געשטאַנען, האָט זיך געריבען דעם שטערען, אָנגע־הויבען דרעהען די וואָנצען, גענומען קוקען אויפ'ן ארבעל פון זיין פּאלטאָ; ענדליך איז ער געקומען צו זיך. ער איז צוגעגאנגען צו דער יונגער פרוי, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסען אונבעוועגט, קוים אָטהעמענדיג ווי אין א הינהערפלעט. ער האָט אָנגע־נומען איהר האנד:

"ווערָאָטשקא!"

אָבער קוים האָט זיין האנד אָנגעריהרט איהרע, ווי זי איז אויפגעשפּרונגען מיט א שרעקענס געשריי, גליך ווי פון אַן עלעקטרישען קלאַפּ, און האָט זיך שנעל אוועקגערוקט פון דעם יונגען מאַן, און איהם קאָנוואולסיוו אָפּגעשטויסען,

"אוועק! ריהר מיך ניט אָן! דו ביזט אין בלוט! זיין בלוט איז אויף דיר! איך קען אויף דיר ניט קוקען! איך געה פון דיר אוועק! איך געה! טרעט אָפּ פון מיר!"

און זי האָט פון זיך אָפּגעשטופּט און אָפּגעשטופּט די הוילע לופט; און פּלוצלונג האָט זי זיך א שאָקעל געטאָן און איז אנידער געפאלען אויפ'ן שטוהל, און זיך מיט די הענט פארדעקט דאָס פּנים.

—און אויך אויף מיר איז זיין בלוט! אויף מיר! דו ביזט ניט שולדיג — נור איך... איך אַליין! וואס האָב איך געטהאָן! וואס האָב איך געטהאָן!" עס האָט

זי געשטיקט פון געוויין.

„ווערא̇טשקא, פריינד מיין“ !... האָט ער שטיל און איינגעשראָקען זיך אָנגע־
רופען.

זי האָט א שווערען זיפץ געטהאָן, און מיט א רוהיגער, אָבער נאָך אלץ ציטערנ־
דער שטימע האָט זי אויסגערעדט, קוים געקענט אויסרעדען :

“מיין ליעבער, געה דיר איצט ! אין א שטונדע ארום קום צוריק. איך וועל
שוין זיין רוהיג. גיב מיר א ביסעל וואסער, און געה דיר !“

ער האָט איהר געפאָלגט, שווייגענדיג. ער איז אריין צו זיך אין צימער, זיך
ווידער געזעצט ביי זיין שרייבטיש, ביי וועלכען ער איז מיט א פיערטעל שטונדע
צוריק געזעסען אזא רוהיגער, אזא צופריעדענער. ער האָט ווידער גענומען די פען...
“אין אזעלכע מינוטען דארף מען טאַקי קענען זיך בעהערשען ; איך האָב ווילענס־
קראפט — אלעס וועט איבערגעהען... איבערגעהען.... און די פען האָט אָהן זיין ווי־

סען אליין געשריבען אין מיטען פון עפּיס אַן ארטיקעל : “וועט זי עס אריבער־
טראגען ? — שרעקליך — פארפאלען דאס גליק“....

“מיין ליעבער, איך בין פערטיג, לאָמיר זיך דורכריידען !“ האָט זיך דערהערט
פון צווייטען צימער. דער יונגער פרוי׳ס שטימע איז געווען פארשטיקט אבער פעסט.

“מיין ליעבער, מיר מוזען זיך שיידען. איך האָב בעשלאָסען, ס׳איז שווער, נור
עס וואָלט נאָך שווערער געווען זיך ווייטער צו זעהן. איך בין זיין מערדערין. איך
האָב איהם ערמאָרדעט צוליעב דיר“.

“ווערא̇טשקא, מיט וואס ביזטו דען שולדיג ?“

“זאָג גאָר ניט, פארטיידיג מיך ניט, ווייל איך וועל דיך פערהאסען, איך, איך
בין אין גאנצען שולדיג. פארגיב מיר, מיין ליעבער, וואס איך נעם אָן דיזען בע־
שלוס וואס איז א ווייטאָג פאר דיר — און פאר מיר אויך. אָבער איך קען אנדערש
ניט האנדלען. דו אליין וועסט אין גיכען איינזעהן, אז אזוי האָט מען געדארפט
האנדלען. דאָס קען אנדערש ניט זיין, מיין פריינד, העך זשע זיך איין, איך פארלאָז

פעטערבורג. עס וועט זיין לייכטער אין דער ווייטען פון יענע פלעצער, וואָס וואָל־
טען מיך עראינערט אָן דאָס פארגאנגענע, איך פארקויף מיינע זאכען ; מיט דעם
געלד קען איך אָפּלעבען א שטיקעל צייט — וואו? אין טווער, אין ניזשני, איך ווייס
ניט וואו, אלץ איינס. איך׳ל זוכען שטונדען צו לערנען זינגען; ווארשיינליך, וועל איך
געפינען. ווייל איך דענק זיך צו בעזעצען ערגיץ אין א גרויסע שטאָדט. אויב איך
וועל ניט געפינען, וועל איך געהן פאר א גובערנאנטקע. איך דענק אז איך וועל קיין
נויט ניט ליידען ; און אויב יא, וועל איך זיך ווענדען צו דיר ; זעה זשע, אז דו

זאלסט יעדנפאלס אימער האָבען פארטיג אביסעל געלד פאר מיר ; דו ווייסט דאָך, אז איך דאַרף א סך. איך האָב גרויסע אויסגאבען, אָבוואָהל איך בין א קארגע : איך קען זיך אָהן דעם ניט באגעהן. הערסט ? איך זאָג זיך ניט אָפּ פון דיין הילף ! זאָל עס דיר צייגען, מיין פריינד, אז דו בלייבסט מיר ליעב... און איצט לאָמיר זיך געז

זעגנען אויף אימער ! פאָהר אוועק אין שטאָדט אריין... טאַקי שוין, שוין. מיר וועט לייכטער זיין, ווען איך וועל בלייבען אליין. מאָרגען וועל איך שוין דא ניט זיין — דאן מעגסטו צוריק קומען. איך פאָהר קיין מאָסקווע, דאָרט וועל איך זיך ארומזעהן, וועל אויסגעפינען אין וועלכער פראווינץ־שטאדט קען מען זיכערער רעכענען אויף שטונדען. איך פערבאָט דיר צו קומען צו דער סטאנציאָן מיך צו בעגלייטען. זיי געזונד, מיין ליעבער, גיב מיר דיין האנד צום געזעגנען זיך ; צום לעצטען מאָהל וועל איך זי דריקען".

ער האָט זי געוואָלט אומאַרמען, אָבער זי האָט ניט דערלאָזט.

"ניין, מ'דאַרף ניט, מ'טאָר ניט ! ס'וואָלט געווען א בעליידיגונג פאר איהם. גיב מיר דיין האנד, איך דריק זי, זעהסט ווי שטארק ! זיי געזונד !"

ער האָט איהר האנד ניט ארויסגעלאָזען פון זיינער.

"גענוג שוין, געה דיר !" — זי האָט צוגענומען די האנד, ער האָט ניט געוואגט צו פראטעסטירען.

"בלייב געזונד !" — זי האט אויף איהם אזא צערטליכען קוק געטהון, און זי

איז מיט פעסטע טריט אוועק צו זיך אין צימער, און האָט זיך אויפ'ן וועג אפילו איין מאָל ניט אומגעקוקט צו איהם.

ער האָט לאנג ניט געקענט געפינען זיין הוט ; אָבוואָהל ער האָט איהם א מאָל פינף גענומען אין האנד, ניט זעהענדיג, אז ער נעמט איהם ; ער איז געווען ווי שכור, ענדליך האָט ער פערשטאַנען, אז דאס וואס ער האלט אונטערן ארם, איז טאַקי זיין הוט, וואס ער זוכט. ער איז ארויס אין פאָרצימער, אָנגעטאָן דעם אויבער־ראָק ; און לאָזט זיך שוין געהען צום טויער.

"ווער לויפט עס נאָך מיר ? געווים מאשא... ס'איז איהר וואהרשיינליך ניט גוט !" ער קוקט זיך אום — ווערא פאוולאָוונא האָט זיך איהם א וואָרף געטהון אויפ'ן האלז, איהם ארומגענומען און שטארק געקושט.

"ניין, כ'האָב זיך ניט איינגעהאלטען, מיין ליעבער ! איצט זיי געזונד אויף אימער !"

זי איז אוועקגעלאָפען, זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט, און האָט זיך בעגאָסען מיט די טרעהרען, וועלכע זי האָט אזוי לאנג איינגעהאלטען.

.3

א הקדמה צו דעם עיקר המעשה.

"דער אינהאלט פון דיעזער ערצעהלונג אין ליעבע, די הויפט פערזאן — א פרוי.

"דאס איז גוט, אפילו ווען די ערצעהלונג אליין זאל זיין א שלעכטע." — זאגט די לעזערין.

דאס איז אמת, זאג איך.

דער לעזער שטעלט זיך ניט צופריעדען מיט אזעלכע לייכטע שליעסע, ביי דעם מאן איז דאך פון דער נאטור די דענקונגס־פעהיגקייט שטארקער און פיעל מעהר ענטוויקעלט, ווי ביי דער פרוי.

ער זאגט:

"די לעזערין דענקט מסתמא אויך אזוי, אבער זי האלט ניט פאר נויטיג עס צו זאגען, און דארום האב איך קיין גרונד ניט מיט איהר צו שפארען זיך. —

דער לעזער זאגט:

"איך ווייס אז דיעזער דערשאסענער העררר האט זיך ניט דערשאסען". איך לייקען אב זיינע ווערטער "איך ווייס" און זאג: דו ווייסט עס ניט, ווייל מען האט עס דיר נאך ניט געזאגט, און דו ווייסט נור דאס, וואס מען זאגט דיר; אליין ווייסטו גאר ניט, דו ווייסט אפילו ניט, אז דערמיט, וואס איך האב אזוי אנגעפאנגען די ערצעהלונג, האב איך דיך געמאכט צום נאר. דו האסט דאס דאך ניט גע־וואוסט, — אמת? נו, טא ווייס!

יא, די ערשטע בלעטלאך פון דער ערצעהלונג צייגען, אז איך האב א גאנץ קליינע מיינונג פון דעם פובליקום. איך האב געברויכט דעם געוועהנליכען קונץ פון די ראמאנען שרייבער: האב אנגעפאנגען די ערצעהלונג מיט דראמאטישע סצע־נעס, ארויסגעריסענע פון מיטען דער מעשה, אדער פון סוף, און זיי איינגעדעקט אין סודות.

דו, פובליקום, ביסט גוטהערציג, זעהר גוטהערציג, און דערפאר קלייבסטו ניט איבער, און שטויסט זיך ניט אן. אויף דיר קען מען זיך ניט פארלאזען, אז דו זאלסט

פון די ערשטע בלעטלעך קענען פערשטעהן: צי וועט דער אינהאלט פון דער ער־צעהלונג זיין ווערט געלעזען צו ווערען. דו האסט א טעמפען חוש; ער נויטיגט זיך אין הילף. די הילף בעשטעהט פון צוויי זאכען: ענטוועדער דער שרייבער האט א

נאָמען, אדער זיין סטיל איז א שפּאַנענדער.

איך דערלאנג דיר דא מיין ערשטע ערצעהלונג, דו האָסט דיר נאָך ניט ערווארבען קיין מיינונג צו וויסען, אויב דער שרייבער איז בעשאָנקען מיט א טאַלאנט (דו האָסט דאָך אזוי פיעל שרייבער, וועמען דו האָסט צוגעשריבען א טאַלאנט !) מיין נאָמען וואָלט דיך נאָך ניט געקענט צוציהען, האָב איך דיר געמוזט פארווארפען א נעץ, דיך צוציהען מיט עפעקטען. זיי ניט בייז אויף מיר, ביזט אליין שולדיג ; דיין אונשולד האָט מיך געצוואונגען זיך צו ערנידריגען צו דיעזען בילינגען מיטעל. אָבער איצט ביזטו שוין אין מיינע הענד, און איך קען מיר שוין פארטזעצען די ערצעהלונג, ווי מיר געפעלט, אָהן שום שפּיצלעך. ווייטער וועט שוין קיין געהיימניס ניט זיין. מיט צוואנציג בלעטלאָך פריהער וועסטו קענען זעהן ווי יעדער פלאָנטער וועט זיך ענדיגען. דערווייל קען איך דיר שוין דערצעהלען דעם סוף פון מיין ערצעהלונג : די געשיכטע וועט זיך ענדיגען פרייליך, מיט משקה און מיט געזאַנג.

דעם שרייבער ליגען ניט אין קאָפּ קיינע איבריגע צאַצקעס, גוטעס פּובליקום, ווייל ער טראַכט נור דערפון, וואס פאר א צומישעניש עס איז שוין ביי דיר אין קאָפּ. ווי פיעל אומזיסטע ענמת נפש עס פערשאפט דיר די ווילדע צומישעניש פון דיינע בעגריפע. עס איז מיר אי א ווייטאָג, אי א געלעכטער אויף דיר צו קוקען :

דו ביסט אזוי שוואך און שלעכט פון דער אונגעהויערער מאסע דומהייטען אין דיין קאָפּ.

איך בין בייז אויף דיר, וואס דו ביזט אזוי שלעכט צו די מענשען פון וועלכע דו אליין ביזט א טייל. פארוואס ביסטו אזוי שלעכט צו זיך אליין ? אָט דערפאר מוסר איך דיך, איך וויל דיר העלפען. פון וואס זשע הייבט מען אָן דיר צו העלפען ? אָט טאקי דערפון, פון וואס דו טראַכטסט זיך איצט : "וואס איז דאס פאר א שרייבער, וואס ער רעדט צו מיר אזוי פרעך ?"

נו וועל איך דיר זאגען, וואס פאר א שרייבער איך בין.

איך האָב אפילו קיין סימן ניט פון טאלאנט. אפילו אין דער שפּראַך בין איך אויך א קנאפער בריה. אָבער דאָס איז גאָר ניט : לעז, גוטעס פּובליקום, וועסט עס לעזען ניט אָהן נוצען. דער אמת איז א גוטע זאך : ער באלוינט פאר די חסרונות פון דעם שרייבער וואס דיענט איהם. דערפאר וועל איך דיר זאגען : אויב איך זאל דיך ניט ווארנען, וואָלט זיך דיר נאָך אפשר אויסגעוויזען, אז מיין ערצעהלונג איז אָנגעשריבען קינסטלעריש, אז דער שרייבער בעזיצט פיעל פּאָעטישען טאַלאנט. נאָך איך האָב דיך געווארענט, אז איך האָב קיין טאלאנט ניט — וועסטו

שוין איצט וויסען אז אלע מעלות פון דער ערצעהלונג בעשטעהען נור אין דעם
וואס אלץ איז אמת.
דאך, מיין גוטעס פובליקום, טענה'נדיג מיט דיר, לאמיך שוין פאר איין גאנג.
דערערדען ביז'ן סוף : וועלען ווילסטו, אבער קענען קענסטו ניט טרעפען דאס וואס

איך האב ניט דערזאגט. ווען איך זאג דיר, אז איך האב קיין סימן פון קונסט —
טאלאנט, און אז מיין ערצעהלונג איז גאנץ שוואך אין דער דורכפיהרונג, טראכט
זשע דיר ניט, אז איך ערקלעהר דיר, אז איך בין ערגער פון יענע דיינע ראמאנען
שרייבער וועמען דו האלסט פאר גרויס, און אז מיין ראמאן איז ערגער פון זייערע
ווערק. ניט דאס זאג איך. איך זאג, אז מיין ערצעהלונג איז זעהר שוואך אין דער

דורכפיהרונג אין פערגלייך מיט די ווערק פון מענשען, ווירקליך בעגאבטע ; אבער
מיט די געלויבטע ווערק פון דיינע באריהמטע שרייבער מעגסטו מיין ערצעהלונג
נאך אימער פערגלייכען, שטעל זי זאגאר העכער — וועסט קיין טעות ניט מאכען !
אין איהר איז נאך פארט דא מעהר קונסט ווי אין יענע ; מעגסט גאנץ זיכער זיין.
דאנק זשע מיר ; דו ביסט דאך א בעלן צו בוקען זיך צו די יעניגע, וואס פער־
אכטען דיך — בוק זשע זיך צו מיר.
אבער עס איז דא, צווישען דיר, פובליקום, א טהייל מענשען, וואס איך שעץ.
מיט דיר, די אונגעהייערע מאיאריטעט, בין איך פרעך — און מיט דיר, און טאקי
נור מיט דיר האב איך ביז אהער גערעדט, מיט די מענשען, וואס איך האב עבען
דערמאנט, וואלט איך גערעדט בעשיידען, זאגאר מיט דרך ארץ, אבער מיט זיי
האב איך ניט געדארפט זיך דורכרעדען. זייער מיינונג האלט איך טייער, אבער איך

וויים פאראויס, אז זיי זיינען מיט מיר. מענער גוטע און שטארקע, עהרליכע און
פעהיגע, ניט לאנג זיינט איהר ערשיענען צווישען אונז, אבער איהר זיינט שוין ניט

קליין אין צאהל, און שנעל ווערט איהר אלץ מעהר. וואלט איהר שוין געווען דאס
פובליקום, וואלט איך שוין ניט געדארפט שרייבען ; וואלט איהר נאך גאר ניט
געווען, וואלט איך נאך ניט געקענט שרייבען. אבער איהר זיינט נאך ניט דאס פוב־

ליקום, נור איהר זיינט שוין דא אין פובליקום, דארום מוז איך און מעג שוין
שרייבען !

ערשטער קאפיטעל.

דאס לעבען פון ווערא פאוולאָוונא ביי איהרע עלטערען.

.1

די ערציהונג פון ווערא פאוולאָוונא איז געווען זעהר אַ געוועהנליכע. אין איהר לעבען, פאר דער בעקאַנטשאַפט מיט'ן מעדיצינישען סטודענט לאָפּוכאָוו, איז געווען עפּעס וואָס מערקווירדיג, אָבער ניט אונגעוועהנליך. אָבער אין איהרע האנדלונגען איז שוין דאמאָלס געווען עפּיס בעזאנדערס.

ווערא פאוולאָוונא איז אויסגעוואקסען אין דעם פיעלגאָרענדיגען הויז אויף דער גאָראָכאָווע, צווישען דער סאַדאָווע גאַס און דעם סעמיאָנאָווסקי בריק, אין פּעטערבורג. יעצט איז דאס הויז בעצייכענט מיט דעם געהעריגען נומער, אָבער אין 1852, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיינע נומערען, איז אויפ'ן הויז געווען אן אויפשריפט : "דאס הויז פון דעם ווירקליכען שטאאטס־ראטה איוואַן זאכאראָוויטש סטאָרעשניקאָוו". דאס האָט געמעלדעט די אויפשריפט ; אָבער איוואַן זאכאריטש סטאָרעשניקאָוו איז נאָך געשטאָרבען אין יאהר 1837, און זייט דאן איז דער בעל־הבית פון דעם הויז געווען זיין זוהן מיכאַאיל איוואנאָוויטש, — אזוי איז דאס געווען געשריעבען אין די דאָקומענטען. אָבער ביי די שכנים פון הויז איז מיכאאיל איוואנאָוויטש געווען דער בעל הבית'טעס זוהן, און די בעל הבית'טע פון הויז איז געווען אננא פעטראָוונא.

דאס הויז איז נאָך דאמאלס, גראדע ווי איצט, געווען א גרויסע, מיט צוויי טויערען, מיט פיער איינגענגע צו דער גאס, און מיט דריי הינטערשטע הויפען. איבער דער שעהנסטער טרעפּ צו דער גאַס, אויף דעם ערשטען גאָרן, האָט געוואָהנט אין 1852, ווי איצט אויך, די בעלהבית'טע מיט דעם זוהן. אננא פעטראָוונא איז נאָך איצט פארבליבען, ווי דאמאָלס, אן אַנגעזעהענע דאמע. מיכאאיל איוואָנאָוויטש, אן אַנגעזעהענער אָפיציער איצט, איז אויך דאמאלס געווען אן אַנגעזעהענער און שעהנער אָפיציר.

ווער עס וואָהנט איצט איבער דער שמוציגסטער פון די פיעלע הינטערשטע טרעפּ פון דעם ערשטען הויף, אויפ'ן פיערטען גאָרען, צו דער רעכטער האנד, ווייס איך ניט ; אָבער אין 1852 האָט דאָ געוואָהנט דער פערוואלטער פון הויז, פּאוועל קאָנסטאנטיניטש ראָזאלסקי, א שטארקער, און אויך אַנגעזעהענער מאנספערזאן,

מיט זיין פרוי מאריא אלעקסעיעווגא, א מאגערע, שטארקע. הויך געוואקסענע דאמע
מיט דער טאכטער, א דערוואקסטענע מיידעל — דאס איז אונזער ווערא פאוולאווגא
—און מיט דעם ניין־יעהריגען זוהן פעדיא.
אחוץ דעם וואס ער האט געפיהרט דאס הויז, האט נאך פאוועל קאנסטאנטי־

ניטש געדיענט אלס געהילף ביים הויפט בעאמטען פון אן אבטהיילונג, ערגיץ

אין א דעפארטמענט. פון דער שטעלע האט ער ניט געהאט קיין הכנסות, פון
דעם הויז האט ער יא געהאט, אבער מיטעלמעסיגע. אן אנדערער וואלט געקריעגען
פיעל מעהר, נור פאוועל קאנסטאנטינימש, ווי ער פלעגט אליין זאגען, האט געהאט
א געוויסען ; אבער דערפאר איז די בעל הבית'טע געווען צופריעדען מיט איהם,
און אין פיערצעהן יאהר האט ער דא צוזאמענגעקליבען א קאפיטאל פון א צעהן
טויזענד רובעל. פון דער בעל הבית'טעס קעשענע איז דא נור געווען דריי טויזענד,
ניט מעהר ; דאס איבריגע איז צוגעוואקסען גאר אהן שאדען פאר דער אייגענטימע־

רין. פאוועל קאנסטאנטינימש האט געליהען געלד אויף משכנות.
מאריא אלעקסעיעווגא האט אויך געהאט א שעהן קאפיטאל, א פינף טויזענד,
האט זי געזאגט פאר גוטע בעקאנטע. אבער אין אמת'ן האט זי געהאט מעהר.
דער פונדאמענט פון דעם קאפיטאל איז געלעגט געווארען א יאהר 15 פאר דעם,
דורך דעם אויספערקויף פון א פוטערנעם ראק, קליידער און מעבעל, וואס מאריא

אלעקסעיעווגא האט גע'ירש'נט פון איהר ברודער, א בעאמטען. אריינקריגענדיג א
הונדערט און פופציג רובעל האט זי זיי אויף געליהען אויף משכנות, האט פיעל

מעהר געריזיקירט פון איהר מאן, און פיל מאל איז זי טאקי אריינגעפאלען !
עפים א שווינדלער האט ביי איהר געליהען 5 רובעל, און נעגעבען א משכון א פאס־

פארט, — דער פאספארט איז געווען א גע'גנב'טער און מאריא אלעקסעיעווגא האט
געמוזט צולעגען נאך א 15 רובעל אום זיך פון דער זאך ארויסצופלאנטערען. אן
אנדער שווינדלער האט פער'משכנ'ט פאר 20 רובעל א גאלדענעם זייגער. דער זיי־
גער, האט זיך ארויסגעשטעלט, איז געווען ארונטערגענומען פון א גע'הרג'טען, און

מאריא אלעקסעיעווגא האט עס געקאסט א שעהנע מטבע אום זיך ארויסצופלאנטע־
רען פון דער געשיכטע.
נור אויב זי האט געליטען פערלוסטען, וואס איהר מאן האט אויסגעמיידט,
ווייל ער איז געווען מעהר פארזיכטיג אין אננעהמען משכנות, זיינען אבער דערפאר
די פערדיענסטען ביי איהר געגאנגען שנעלער. עס פלעגען זיך געפינען גאר בעזאנ־
דער פעלע ווי צו קריעגען געלד.
איין מאל, — ווערא פאוולאווגא איז נאך דאמאלס געווען א קליינע : פאר אן

ערוואקסענע טאַכטער, וואָלט דאָס מאַריאַ אַלעקסעיעוונא ניט געטהאָן. אָבער דאָן. וואָרום טאַקי ניט ? א קינד פאַרשטעהט דאָך גאָר ניט ! און וועראַטשקא וואָלט עס טאַקי ניט פאַרשטאַנען, ווען די קעכין וואָלט עס איהר ניט געווען ריכטיג ער־קלעהרט. און די קעכין וואָלט עס איהר אויך ניט געווען ערקלעהרט, ווייל א קינד דאַרף דאס ניט וויסען, נור זי האָט עס פון פאַרדרוס ארויסגעבאָלבעט, נאָך דעם

ווי מאַריאַ אַלעקסעיעוונא האָט זי גוט דורכגעקלאַפּט פאַר שכור'ן מיט איהר ליעב־האָבער, און סאי ווי איז ביי מאַטריאָנען איין אויג שטענדיג געווען אונטערגע־שלאָגען, ניט פון מאַריאַ אַלעקסעיעוונא'ן, נור פון איהר ליעבהאָבער, און דאָס איז דוקא גוט, ווייל אַ קעכין מיט אַן אונטערגעקלאַפּט אויג קאָסט ביליגער.

אַ מאָל איז, אַלזאָ, געקומען צו מאַריאַ אַלעקסעיעוונא א בעקאַנטע דאַמע, אַ שעהן געקליידעטע, א רייכע, א שעהנע, און איז געבליבען ביי איהר צו גאַסט. א וואָך האָט זי זיך געפיהרט רוהיג, נור צו איהר פלעגט אלץ קומען א שטאַאטס בע־אמטער, אויך א שעהנער, און פלעגט וועראטשקאן שענקען צוקערקעס, און שעהנע ליאַלקעס. ער האָט איהר איינמאָל געשענקט צוויי ביכלעך, ביידע מיט בילדער.

אין איין ביכעל זיינען געווען שעהנע בילדער, חיות, שטעדט; דאָס צווייטע בי־כעל האָט מאַריא אַלעקסעוונא ביי ווערַאטשקא'ן צוגענומען, באַלד ווי דער גאַסט

איז נור אוועקגעפאָהרען, און זי האָט טאַקי נור ביי איהם איין מאָל עס געזעהן; ער אליין האָט עס איהר געציינט. אונגעפעהר א וואָך איז די בעקאַנטע פאַרבליבען, און אלעס איז געווען שטיל אין הויז: מאַריאַ אַלעקסעוונא איז די גאַנצע וואָך יעדעס מאָל צוגעגאַנגען צום שאַפּקעלע (וואו די פלאַש בראַנפען איז געשטאַנען); דעם שליסעל האָט זי קיינעם ניט געגעבען. זי האָט מאַטריאָנען ניט געשלאָגען און

ווערַאטשקא'ן ניט געשלאָגען, און האָט זי אויך ניט געזידעלט, נאָר א מאָל ביי נאכט האָבען די שרעקליכע געשרייען פון דער בעקאַנטער, און דאס טופּען און גע־רודער אין הויז געהאַלטען אין איין וועקען ווערַאטשקא'ן.

אין דער פריה איז מאַריאַ אַלעקסעיעוונא צוגעגאַנגען צום שאַפּקעלע, און איז ביי איהם געשטאַנען לענגער ווי געוועהנליך און האָט אלץ געזאָגט: — "דאַנקען גאָט, מיט חסד, דאַנקען גאָט!" האָט זאָגאר צוגערופען צום שאַפּקעלע מאַטראָנען און געזאָגט: "לחיים, מאַטראָנישקאַ, דו האָסט זיך דאָך אויך אָנגעהאָרעוועט", און נאָך דעם האָט זי זיך ניט גענומען שלאָגען און זידלען, ווי אין אנדערע צייטען נאָכ'ן שאַפּקעלע, נור האָט זיך געלעגט שלאָפען, א קוש טוענדיג ווערַאטשקאן. נאָך דעם איז אין הויז ווייטער א וואָך געווען רוהיג, דער גאַסט האָט ניט געשריען, נור איז אלץ פערבליבען אין צימער, און נאָך דעם איז זי אוועקגעפאָהרען.

אין א צוויי טעג ארום נאָך איהר אוועק פאָהרען, איז געקומען שוין אַן אַנדער שטאַאַטס בעאַמטער און האָט מיט זיך געבראַכט די פּאָליציי, און האָט שטאַרק

געזידעלט מאריא אַלעקסעיעוונא ; אָבער מאריא אַלעקסעיעוונא אַליין האָט איהם ניט נאָכגעגעבען קיין איינציג וואָרט און האָט אַלץ גע'טענה'ט : "איך ווייס פון גאָר ניט צו זאָגען. קוקט נאָך אין די הויז־ביכער ווער ס'איז ביי מיר געשטאַנען ! אַ פּסקאָווער קרעמערקע סאַוואַסטיאַנאָווא, מיין בעקאַנטע, און שוין !" דער שטאַאַטס־בעאַמטער האָט זיך אָנגעשימפּפט, אָנגעשימפּפט און איז ענדליך אוועק און זיך שוין מעהר ניט געציינט. דאָס האָט וועראָטשקא געזעהן, ווען זי איז אַלט געווען 8 יאָהר, און ווען זי איז אַלט געוואָרען 9 יאָהר האָט איהר מאַטריאָנא ערקלעהרט,

וואָס פאר אַ פאַל דאָס איז געווען. איבריגענס איז אַזאַ פאַל נאָר איינער געווען ; עס זיינען געווען אַנדערע פעלע, אָבער ניט זעהר פיעלע.

ווען וועראַטשקא איז אַלט געווען 10 יאָהר איז זי אַמאָל געגאַנגען מיט דער מוטער אויפ'ן מאַרק. פּלוצלינג האָט זי בעקומען אַ זעץ אין קאָפּ, מיט דער בעמערקונג : "קוקסט אויפ'ן קלויסטער, נאַר, און צלמ'סט זיך ניט ? זעהסט דאָך, אַז אַלע גוטע מענשען צלמ'ן זיך !"

צו צוועלף יאָהר האָט וועראָטשקא אָנגעהויבען געהן אין פּאַנסיאָן, און צו איהר האָט אָנגעהויבען אַריינגעהן אַ פאָרטעפּיאַנאָ לעהרער, — אַ שיכור, אָבער אַ זעהר גוטער דייטש, און זעהר אַ גוטער לעהרער, נור צוליעב זיין שיכרות האָט ער געמוזט געהן פאַר ביליג.

צום פיערצענטען יאָהר האָט זי שוין באַנעהט די גאַנצע פאַמיליע, נור די פאַמיליע איז דאָך ניט געווען גרויס !

ווען וועראַטשקא איז געגאַנגען אויפ'ן זעכצעהנטען יאָהר האָט די מוטער אויף איהר אָנגעהויבען שרייען אַזוי : "וואַש אָפּ דיין צורה, זי איז ווי ביי אַ ציגיינערין ! אָבער וועסט זי ניט דערוואַשען, געבאָרען אַזאַ פּאַרזעהעניש, איך ווייס גאָר ניט אין וועמען זי איז געראָטען". פיעל איז וועראָטשקא אויסגעשטאַנען פאַר איהר טונקעלען קאָליר פון געזיכט, און זי האָט זיך איינגעוואוינט צו האַלטען זיך פאַר

אַ מיאוס'ע. פריהער פלעגט זי די מוטער פיהרען כמעט אין שמאַטעס, אָבער איצט האָט זי אָנגעהויבען זי צו פוצען. און געהענדיג מיט דער מוטער אין קלויסטער טראַכט זיך די אויסגעפּוצטע וועראַטשקא : "אַן אַנדערער וואָלטען די קליידער געפּאַסט, אָבער אויף מיר, וואָס מען זאָל ניט אָנטהאָן, אַלץ אַ ציגיינערין — אַ פּאַרזעהעניש, סאַי אין אַ ציצענעם, סאַי אין אַ זיידענעם קלייד. ווי גוט עס איז צו זיין

א שעהנע. איי ווי מיר ווילט זיך זיין א שעהנינקע !"

צו זעכצעהן יאָהר האָט וועראַטשקא אויפגעהערט לערנען ביי'ם פּיאַנאָ לעהרער
און אין פּאַנסיאָן, נור זי האָט אַליין שוין געגעבען לעקציאָנען אין דעם זעלבען
פּאַנסיאָן; שפּעטער האָט די מוטער איהר געפונען נאָך מעהר שטונדען.
אין א האלב יאָהר ארום האָט די מוטער שוין אויפגעהערט רופען וועראַטש־
קא'ן ציגיינערין און פערזעהעניש, און האָט זי אָנגעהויבען פּוצען נאָך בעסער ווי
פריהער, און מאַטראָנא, — דאָס איז שוין געווען די דריטע מאַטראָנא, נאָך יע־
נער; ביי יענער איז אימער געווען אונטערגעשלאָגען דאָס לינקע אויג, און ביי
דיעזער די לינקע באַק, אָבער ניט אימער, — און מאַטראַנא האָט געזאָגט וועראַטש־
קא'ן, אז פּאַוועל קאָנסטאַנטינטשעס עלטסטער, א וויכטיגער עלטסטער, מיט אָן
אָרדען אויפ'ן האַלז, האָט בדעה זיך צו שדכן'ען צו איהר. און טאַקע אין אמת'ן,
די קלענערע בעאַמטע פון דעם דעפּאַרטאַמענט, האָבען גענומען רעדען, אַז דער
עלטסטער פון דער אבטיילונג, ביי וועמען פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש האָט געדיענט,
איז געווארען זעהר גוט צו'ן איהם, און דער עלטסטער אליין האָט צווישען זיינע
גלייכע, אָנגעהויבען אויסדריקען א מיינונג, אז ער דאַרף א ווייב, זאָל זיין אפילו
אָהן נדן, אבי א שעהנע און האָט אויך אויסגעדריקט די מיינונג, אז פּאַוועל קאָנ־
סטאַנטיניטש איז א גוטער בעאַמטער.

מיט וואס דאס וואָלט זיך געענדיגט, ווייסט מען ניט, נור דער עלטסטער פון
דער אפּטיילונג האָט זיך לאַנג געקליבען, און דאָ האָט זיך דערווייל געטראָפען אַן
אנדער פאַל.

דער בעל הבית'טעס זוהן איז אריינגעקומען צום פערוואַלטער זאָגען, אז די מו־
טער בעט איהם צו ברענגען מוסטערן פון פערשיעדענע שפּאַליערען, ווייל זי וויל
אויפ'ס ניי איבערפּוצען די וואָהנונג, אין וועלכע זי וואָהנט. פריהער פלעגען אַזעל־
כע בעפעהלע איבערגעגעבען ווערען דורכ'ן הויפּט דיענער. דעם עסק וואַלטען שוין
געקענט פארשטעהן אפילו ניט אַזעלכע געניטע מענשען, ווי מאַריא אלעקסעיעוונא
מיט איהר מאַן. און אריין קומענדיג איז שוין דער בעל הבית'טעס זוהן דערווייל אָב־
געזעסען מעהר ווי א האלבע שטונדע, און האָט זיי אָנגעטהון דעם כבוד און געטרונ־
קען טהעע. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מאריא אַלעקסעיעוונא געשענקט דער טאָכ־
טער א שאַכטעל, אַ ניט קיין אויסגעלייזטען משכון, און האָט פאַר איהר בעשטעלט
ביים שניידער צוויי זעהר גוטע, נייע קליידער,—די מאַטעריע אַליין האָט געקאָסט:
אויף איין קלייד 40 רובעל, אויפ'ן צווייטען 52 רובעל, און צוזאמען מיט די
שליארקעס, מיט די סטענגעס און מיט'ן פאַסאָן האָבען ביידע קליידער געקאָסט

174 רובעל: אזוי אס ווענינסטענס האט מאריא אלעקסעיעוונא געזאגט דעם מאן. אבער ווערעטשקא האט געוואוסט, אז אין גאנצען איז אוועק נאך וועניגער ווי הונדערט רובעל — ווייל זי איז דאך געווען ביים איינקויפען.

נור אפילו פאר 100 רובעל קען מען דאך אויך מאכען צוויי זעהר שעהנע קליידער. ווערעטשקא האט זיך געפרעהט מיט די קליידער, האט זיך געפרעהט מיט'ן שאכטעל, אבער מעהר פון אלעמען האט זי זיך געפרעהט מיט דעם, וואס די מוטער האט ענדליך איינגעשטימט צו קויפען איהר שיך ביי קאראלעוו'ן; אויפ'ן מארק זיינען דאך די שיך אזוי מיאוס, און קאראלעוו'ס ליגען דאך אזוי שעהן אויפ'ן פוס.

די קליידער זיינען ניט געווען אומזאנסט: דער בעל הבית'טעס זוהן האט גענומען איינגעהן צום פערוואלטער און פערשטעהט זיך, ער פלעגט מעהר איינטענה'ן מיט דער טאכטער, ווי מיט דעם פערוואלטער'ס ווייב, וועלכע פלעגען איהם, פערשטעהט זיך, טראגען אויף די הענד. נו, און די מוטער פלעגט דער טאכטער אנזאגען, אלעס ווי גהעריג איז,—דאס דארף מען אפילו ניט שרייבען, דאס איז שוין א זאך וואס מען קען אליין פארשטעהן.

איין מאהל נאך מיטאג, זאגט די מוטער: "ווערעטשקא טהו זיך אן, אבער שעהן. איך האב דיר פארשאפט אן איבערראשונג — מיר פאהרען אין אפערא, איך האב גענומען א בילעט אין דער צווייטער רייהע וואו אלע גענעראלען זיצען, אלץ צוליעב דיר, נארעלע. דאס לעצטע געלד זשאלעווע איך ניט. דעם טאטען דיינעם האט שוין גענוג ארויסגעריסען די גדערים פון'ם בויך וואס דו האסט איהם אפגעקאסט. אין פאנסיאן וואס די מאדאם אליין האט אונז אפגעקאסט! און ער, דער פיאנא לעהרער! פיהלסט עס אפילו ניט, דו אונדאנקבארע, עס ווייזט אויס, דו האסט קיין הארץ ניט, גאר קיין געפיהל ניט!" מאריא אלעקסעיעוונא האט נור גערעדט, זי האט שוין די טאכטער ניט געזידעלט; הייסט דען דאס געזידעלט? מאריא אלעקסעיעוונא, פלעגט שוין נור אזוי שמועסען מיט ווערעטשקא'ן, אבער זידלען זי האט זי שוין לאנג אויפגעהערט, און שלאגען האט זי זי שוין קיין איין מאל ניט. זינט עס איז ארויס דער קלאנג פון דעם בעאמטען פון דער אבטיילונג.

איז מען אוועק אין אפערא. נאכ'ן ערשטען אקט איז אין דער לאזשע אריין דער אייגענטימערינ'ס זוהן, און מיט איהם נאך צוויי פריינד, — איינער א שטאאטס בעאמטער, א מאגערער, און א זעהר שעהן געקליידעטער, און דער צווייטער, א מיליטער־בעאמטער, א דיקער, און שוין אן איינפאכערער. מען האט זיך איועקגעזעצט און מען האט גענומען שושקען זיך, אמייסטען האט גערעדט דער בעל הבית'טעס זוהן צום שטאאטס בעאמטען. דער מיליטער בעאמטער האט גאר

ווייניג גערעדט. מאריא אלעקסעיעוונא האָט זיך צוגעהערט, זיי האָט געהערט כמעט יעדעס וואָרט, נור דאָס ווייניג פארשטאַנען, ווייל זיי האָבען אַלץ גערעדט אויף פראנצויזיש. א פּינף ווערטער פון זייער געשפּרעך האָט זי געוואוסט: בעל (שעהן) שאַרמאַנט, (בעצויבערענד), אמור (ליעבע), באָהנער, (גליק) — נו, צו וואָס דאַרף מען די ווערטער? בעל, שאַרמאַנט — מאריא אַלעקסעיעוונא האָט שוין אַזוי אויך לאַנג געהערט, אז איהר ציגיינערין איז בעל, שאַרמאַנט; אמור — מאריא אלעק־סעיעוונא זעהט שוין אַליין, אז ער האָט זיך איבער די אויערען פארכלאָפּעט אין אמור; און אויב יאָ אמור, איז שוין, פארשטעהט זיך אויך באָהנער, — צו וואָס דאַרף מען די אַלע ווערטער? נאָר אָבער ווען קומט ער שוין שדכן'ען זיך?

"ווערָאטשקא, דו אונדאנקבארע, נאָך ווי אונדאנקבאר", שעפּטשעט מאריא אלעסעיעוונא צו דער טאָכטער: וואָס דרעסטו אוועק דעם פּיסק פון זיי? האָבען זיי דיך בעליידיגט מיט זייער אריינקומען? מען טהוט דיר אָן כבוד, נאַר. און חתונה איז אויף פראנצויזיש — מאריאַזש, ניין, ווערָאטשקא? און חתן, כלה און חופּה שטעלען. ווי זאָגט מען דאָס אין פראנצויזיש?"

ווערָאטשקא האָט איהר געזאָגט.

"ניין, אזעלכע ווערטער, הערט מען עפּעס גאָר ניט... ווערא, ווייזט אויס, דו האָסט מיר די ווערטער ניט גוט געזאָגט, דו וועסט שוין האָבען אַ סוף"!

"איך האָב זיי ריכטיג געזאָגט; אָבער דיזע ווערטער וועט איהר פון זיי ניט הערען. קומט, איך קען דאָ לענגער ניט פערבלייבען".

"וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט, נידערטרעכטיגע?" די אויגען האָבען זיך ביי מאריא אלעקסעיעוונא אָנגעגאָסען מיט בלוט.

"קומט. טוט מיט מיר דערנאָך וואָס איהר ווילט, אָבער איך פערבלייב דאָ ניט. איך וועל אייך שפּעטער דערצעהלען וואָרום. מאַמעניו! (דאָס, שוין אין דער הויך): דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק וועה. איך קען דאָ ניט זיצען. איך בעט אייך!"

ווערָאטשקא האָט זיך אויפגעשטעלט.

די קאַוואַליערען זיינען אויפגעשפּרונגען.

"ס'וועט איבערגעהן, ווערָאטשקא", האָט שטרענג, אָבער מיט ווירדע געזאָגט מאריא אלעסעיעוונא: "געה זיך דורך מיט מיכאאיל איוואַניטש איבער'ן קאָרידאָר, און ס'וועט איבערגעהען".

"ניין, ס'וועט ניט איבערגעהען; איך פּיהל זיך זעהר שלעכט. שנעלער, מאַמעניו".

די קאַוואַליערען האָבען געעפענט די טיהרען, האָבען געוואָלט ווערָאטשקאַ'ן

פיהרען ביי דער האנד, — זי האָט זיך ענטזאגט, די מויד! זיי האָבען אליין דערלאנגט די מאַנטלען. זיינען אליין געגאַנגען איהר אריינזועצען אין די קאַרעטע. מאַריא אלעקסעיעוונא האָט מיט שטאָלץ געקוקט אויף די לאַקעען: "איהר זעהט, מוזשיקעס, וואס פאַר קאַוואַליערען — און אָט דיעזער וועט זיין מיין איידעם! איך אליין וועל האַלטען אזעלכע דיענער, און דו ברעקעל זיך, ברעקעל זיך, חוצפה'ניצע, — איך וועל דיך שוין צוברעקלען".

אבער שא, שא — עפּעס זאָגט דער איידעם איהר שלעכטער מויד, אריינזוצעגדיג די שטאָלצע טויגעניכטס אין קאַרעטע. סאָנטע — דאס איז, דאכט זיך געזונד, סאַוואַר — זיך דערוויסען, וויזיט — איז ביי אונז אויך אזוי, פערמעטע — ערלויבט. מאַריא אלעקסעיעוונא'ס כעס איז ניט געשטילט געוואָרען פון דיעזע ווערטער; אָבער זי האָט זיי אריינגענומען אין זינען. די קאַרעטע איז אוועק.

וואס האָט ער דיר געזאָגט, ווען ער האָט דיך אריינגעזעצט?"

"ער האָט געזאָגט, אז מאָרגען פריה וועט ער צו מיר קומען געוואָהר ווערען".

"ס'איז ניט קיין ליגען, אז מאָרגען?"

וועראָטשקא האָט געשוויגען.

"דיין טרפה מזל!" — אָבער מאַריא אלעקסעיעוונא האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און א ריס געטהאָן די טאָכטער ביי די האָר. נאָר איין מאָל, און דאָס זעהר לייכט.

"נו, כ'וועל דיך מיט קיין פינגער ניט אָנריהרען, אבער מאָרגען זאָלסטו מיר זיין פרעהליך! שלאָף ביי נאָכט, נאַר איינער! נור נישט געוויינט. היט זיך, אז איך זאָל דיך מאָרגען ניט דערזעהן א בלאַסע, אדער מיט פאַרוויינטע אויגען. איך האָב דיר ביז אהער געשוויגען, אָבער איך וועל דיר שוין מעהר ניט פאַרשווייגען. כ'וועל ניט שאָנעווען דיין שעהן צורה'קעלע, אלץ איינס וועט עס צו גרונד געהען, לאָמיך חאָטש וויזען ווער איך בין!"

"איך האָב שוין פון לאַנג אויפגעהערט וויינען, דו ווייסט עס דאָך".

"נו, גוט, און זיי מיט איהם מעהר רעדעוודיג".

"יא, מאָרגען, וועל איך מיט איהם רעדען".

"מאַקע, אזוי, שוין צייט צום שכל צו קומען. האָב גאָט אין הארצען, און האָב רחמנות אויף דער מאַמע, אונפערשעהמטע!"

צעהן מינוטען זיינען פאַריבער.

"וועראָטשקא, זיי ניט בייז אויף מיר. אויס ליעבע זידעל איך דיר, איך מיין נור דיין טובה. דו ווייסט גאָר ניט ווי טייער א מאַמע'ן זיינען איהרע קינדער. ניין

חדשים האָב איך דיך אונטער'ן הארצען געטראגען ! וועראטשקא, דאנק מיר אָפּ, פאָלג מיך, דו וועסט אליין זעהן, ס'איז דיין טובה. האלט זיך מיט איהם ווי איך לערן דיך, — און מאָרגען מאכט ער דיר א פאָרשלאג !"

"מאמעניו, דו האָסט א טעות. ער דענקט גאר ניט צו מאכען קיין פארשלאג. מאמעניו, ווען דו זאלסט וויסען וואס זיי האָבען גערעדט !"

"איך ווייס : אויב ניט פון א חופה, ווייסט מען שוין פון וואס. אָבער ער האָט שלעכט אָנגעטראָפען. מיר וועלען איהם איינדרעהען אין צעהנטען. אין א זאק וועל איך איהם אין קלויסטער אריינטראגען, פאר די האָאר וועל איך איהם ברענגען צו שלעפּען, און ער וועט נאָך מעגען א דאנק זאָגען. נו, ס'איז ניטאָ מיר דיר וואס צו טענה'ן, כ'האָב שוין אזוי אויך צו פיעל אָנגערעדט : מיידלעך דארפען דאס גאר ניט וויסען. דאס זאל די מאמע זאָרגען. אָבער א מיידעל דארף פאלגען, זי פארשטעהט נאָך גאָר ניט. נו, וועסטו רעדען מיט איהם, ווי איך היים דיר ?"

"יא, איך וועל מיט איהם רעדען".

"נו, און איהר, פּאווועל קאָנסטאנטיניטש, וואס זיצט איהר ווי א קלאָץ ? זאָגט איהר, ווי א טאטע, אז איהר באפעהלט איהר צו פאלגען די מאמע, אז די מאמע וועט זי ניט געהן לערנען אויף שלעכטס !"

"מאריא אלעקסיעוונא, דו ביזט א קלוגע פרוי, אָבער ס'איז אביסעל געפעהרליך ; דו ווילסט אביסעל פיהרען צו שטרענג !"

"שוטה איינער! דאָס הייסט א מין שפּראך — דערצו נאָך פאר ווערנאטשקען אין די אויגען.

כ'האָב שוין חרטה וואס כ'האָב דיר גאר א טשעפּע געטהאָן ! מען זאגט א ווערטעל : ריהרט ניט אויף דעם גיהנום ! א מין זאָג דאס איז ! דו טענה ניט, זאָג : דארף א טאָכטער פאלגען א מאמען ?"

"געוויס דארף זי ; ווי דען, מאריא אלעקסעיעוונא !"

"נו, באפעהל זשע, ווי א טאטע".

"וועראטשקא פאָלג אין אלץ דיין מאמען. דיין מאמע איז א קלוגע פרוי, א געניטע פרוי. זי וועט דיך ניט לערנען קיין שלעכטעס. ווי א טאטע באפעהל איך דיר".

די קארעטע איז צוגעפאָהרען צום טויער.

"גענוג, מאמע. איך האָב אייך שוין געזאגט, איך וועל רעדען מיט איהם. איך בין זעהר מיעד. איך מוז רוהען".

"לעג זשע זיך שלאָפען, איך וועל דיך ניט וועקען. מען דארף דאס אויף מאָר־

גען. שלאָף זיך גוט אויס".

ווירקליך, די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געגאַנגען אויף די טרעפּ האָט מאַריא אַלעקסעיעוונא געשוויגען, — און ווי פיעל דאָס האָט איהר געקאָסט! און ווידער ווי פיעל האָט איהר געקאָסט, ווען וועראַטשקאַ איז גלייך אַוועק צו זיך אין צימער, זאָגענדיג, אַז זי וויל קיין טהעע ניט, — ווי פיעל עס האָט מאַריא אַלעקסעיעוונא'ן געקאָסט צו זאָגען מיט אַ ווייכער שטימע: „וועראַטשקאַ, קום אַהער צו מיר!" — די טאָכטער איז צוגעגאַנגען. —

"איך וויל דיך בענטשען אויף דער נאַכט, וועראַטשקאַ, בעג אַן דאָס קעפּעלע!"

די טאָכטער האָט זיך איינגעבויגען.

"זאָל דיך גאָט בענטשען, וועראַטשקאַ, ווי איך בענטש דיך".

זי האָט די טאָכטער דריי מאָהל געבענטשט, און האָט איהר געגעבען קושען די האַנד.

"ניין, מאַמעניו, איך האָב דיר שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז איך וועל דיין האַנד ניט קושען. אָבער איצט, לאָז מיך אָפּ. איך פיהל ווירקליך זעהר שלעכט".

אַך, ווי די אויגען האָבען ביי מאַריא אַלעקסעיעוונא'ן ווידער אַ ברען געטהאָן. אָבער זי האָט זיך אַ כּוח אָנגעטהון, און האָט ווייך געזאָגט: "געה, רוה זיך אויס".

קוים האָט זיך וועראַטשקאַ אויסגעטהאָן, און אַוועקגעלעגט די קליידער — און גענומען האָט עס איהר פיעל צייט, ווייל זי האָט זיך אַלץ פאַרטראַכט: אָט נעמט זי אַראָפּ דעם בראַסלעט און בלייבט מיט איהם אין דער האַנד זיצען, נעמט אַרויס אַן אויררינגעל — און זיך ווידער פאַרטראַכט, און אַזוי איז אַ לאַנגע צייט פאַריבער, ביז זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז דאָך שרעקליך מיעד, אַז זי האָט דאָך אפילו ניט געקענט איינשטעהן פאַר'ן שפּיגעל, און האָט זיך געמוזט פון מיעדקייט אַרונטערלאָזען אויף אַ שטוהל גלייך ווי זי איז נור אַריין צו זיך אין צימער, און אַז מען מוז זיך שנעל אויסטהאָן און געהן שלאָפען.

קוים האָט וועראַטשקאַ זיך געלעגט אין בעט, ווי אין צימער איז אַריינגעקומען מאַריא אַלעקסעיעוונא מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער עס איז געווען אַ גרויסע טאַס, און אַ גאַנצע באַקס צוויבאַק.

"טרינק, וועראַטשקאַ! אָט טרינק געזונטערהייט! איך אַליין האָב דאָס דיר געבראַכט: זעהסט, די מאַמע טראַכט פון דיר! איך זיץ מיר אַזוי און טראַכט: וואָס איז גאָר וועראַטשקאַ געגאַנגען שלאָפען אָהן טהעע? אַליין טרינק איך און טראַכט. און אָט האָב איך דיר געבראַכט. טרינק, מיין טייער טאָכטערל!

מאַרגע האָט וועראַטשקאַ'ן געקלונגען אין אויער איהר מוטערס שטימע ; זי איז ווירקליך געווען ווייך און גוט, — דאס איז זי געווען. זי האָט מיט ערשטוינונג א קוק געטהאָן אויף דער מוטער. מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ס באַקען האָבען געברענט און די אויגען האָבען אַ ביסעל געבלאַנדזשעט.

"טרינק, איך וועל זיצען אביסעל און קוקען אויף דיר, ווערסט אפּטרינקען, וועל איך ברענגען נאָך אַ טאָס".

די טהעע, האַלב אויסגעמישט מיט געדיכטע, געשמאַקע מילך האָט אויפגע־וועקט דעם אַפּעטיט. וועראטשקא האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן עלענבויגען און גע־נומען טרינקען.

"ווי געשמאַק די טהעע איז, ווען זי איז פריש, געדיכט, און פול מיט צוקער און קרים ! זעהר געשמאַק ! גאר ניט ווי די אויסגעווייקטע טהעע מיט איין שטיקעל צוקער, וואס עקעלט זאָגאר. אז איך וועל האָבען מיין אייגען געלד, וועל איך אי־מער טרינקען אזא טהעע", א דאנק דיר, מאַמעניו.

"שלאָף נאָך ניט, כ'וועל דיר ברענגען נאָך איינע".

זי איז צוריק געקומען מיט נאָך אַ טאָס מיט דעם זעלבען גוטען טהעע.

"טרינק, איך וועל נאָך אביסעל זיצען". קעגען אַ מינוט האָט זי געשוויגען, פּלוצלונג האָט זי גענומען רעדען עפּעס גאר בעזאנדערס, א מאָל כאַפּענדיג די ווער־טער און א מאָל ציהענדיג יעדעס וואָרט.

— אָט, וועראטשקא, האָסטו מיר אָבגעדאַנקט. שוין לאַנג פון דיר קיין דאנקבארקייט ניט געהערט. דו דיינקסט, איך בין אַ שלעכטע. יא, איך בין אַ שלעכטע, אבער מען קען ניט זיין ניט שלעכט ! נאר שוואַך בין איך געוואָרען, וועראטשקא ! פון דריי כוסות שוין מאַכולע — און איך בין דאָך נאָך גאָר ניט אַלט ! דו האָסט מיר אויך עגמת נפש אָנגעטהאָן, וועראטשקא, זעהר אַ סך ! נו בין איך אָנגעשוואַכט. איך האָב אַ שווערען לעבען וועראטשקא, איך וויל ניט דו זאָלסט אַזוי לעבען. דו לעב רייך און ווי פיעל מאַטערניש האָב איך אריבער־געטראָגען, וועראטשקא, און ווי פיעל, און ווי פיעל ! דו געדיינקסט ניט ווי מיר האָבען געלעבט מיט דיין פאָטער, ווען ער איז נאָך אַ פערוואַלטער גע־ווען ! — אָרים, אָ, ווי אָרים מיר האָבען געלעבט, און איך בין דאָך דאַן אַן עהר־ליכע געווען, ווערעטשקא ! איצט בין איך ניט קיין עהרליכע. ניין, איך וויל דעם חטא ניט נעהמען אויף מיין נשמה, וועל קיין ליגען פאַר דיר ניט זאָגען, וועל ניט

זאָגען אַז איך בין איצט אַן עהרליכע! ווייל יענע צייט איז שוין לאַנג פאַרביי. דו, ווראַטשקאַ, ביזט אַ געלערנטע, איך ווייס אָבער אַלץ וואָס איז אין אייערע ביכער געשריבען; דאָרט איז פערשריבען אַז מען דאַרף ניט טהאָן אַזוי, ווי מען האָט מיט מיר געמאַכט. „דו זאָגסט, ניט קיין עהרליכע“! און אָט איז דיין טאַטע — דיינער איז ער אַ טאַטע, נאָרניקעס איז ער קיין טאַטע ניט געווען — אַזאַ שוטה, ער שטעכט מיר אויך די אויגען, זידעלט זיך! נו האָט מיר אַ בייזקייט געכאַפּט: אויב איהר האַלט מיר שוין סאַי ווי פאַר אַ ניט עהרליכע, וועל איך שוין זיין אַזאַ! נאָדינקאַ איז געבאָרען געוואָרען. נו איז בכן? ווער האָט עס מיר אויסגעלערנט? ווער האָט די שטעל געקראָגען? דאָ איז מיין שולד געווען ווענינער ווי זיין שולד. און זיי האָבען דאָס קינד ביי מיר צוגענומען, אין פּרייוט אַבגעגעבען, געווען אונמעגליך אפילו זיך דערוויסען, וואו זי איז — אָט אַזוי האָב איך איהר אפילו ניט געזעהן, ווייס ניט, צי לעבט זי... וואו נאָך לעבען! מילא איצט, וואָלט איך זיך ווייניג גענומען צום האַרצען, אָבער דעמאָלט איז ניט אַזוי לייכט געווען, האָט עס מיר אַ בייזקייט אָנגעכאַפּט! בין איך געוואָרען אַ שלעכטע. דאַמאָלט ערשט איז אַלץ אַוועק גוט. ווער האָט פאַר דיין טאַטען, דעם נאַר, אַ שטעל געקראָגען? — איך האָב געקראָגען, און ווער האָט איהם פאַר אַ פערוואַלטער געמאַכט? איך האָב איהם געמאַכט. נו, האָבען מיר אָנגעהויבען גוט צו לעבען. און פאַר וואָס? ווייל איך בין געוואָרען אַ ניט־עהרליכע און אַ שלעכטע. איך ווייס, ווראַטשקאַ, דאָס שטעהט טאַקי ביי אייך אין די ביכער געשריבען, אַז נאָר די ניט־עהרליכע און שלעכטע איז גוט צו לעבען אויף דער וועלט, און דאָס איז אמת, ווראַטשקאַ! אָט האָט איצט דיין טאַטע געלד — דאָס האָב איך איהם צוגעשטעלט. און איך האָב נאָך אפשר מעהר געלד פאַר איהם — דאָס האָב איך אַליין געקראָגען, און אויף דער עלטער אַ שטיקעל ברויט פערזאָרגט. און דיין טאַטע, דער נאַר, האָט אָנגעהויבען מיך אַכטען, האָט אָנגעהויבען ביי מיר געהן אויף דער סטרונע, איך האָב איהם אויסגעמושטירדט! פריהער פלעגט ער מיר טרייבען, מיך זידלען. און פאַר וואָס? דאַמאָלט איז ניט געווען פאַר וואָס, נאָר פאַר דאָס, וואָס איך בין קיין שלעכטע ניט געווען, און ביי אייך אין די ביכער, ווראַטשקאַ, שטעהט געשריבען, אַז אַזאַ לעבען טויג ניט — און דו מיינסט, אַז איך ווייס עס ניט? נאָר אין אייערע ביכער שטעהט געשריבען, אַז ווי באַלד ניט אַזוי לעבען, דאַרף מען אַלץ פון דאָס

ניי איינפיהרען, אַבער נאָך איצטיגע פּאראנדקעס טאָר מען ניט לעבען ווי זיי זיי הייסען. טו פאר וואָס פיהרען זיי ניט איין די נייע פּאראנדקעס? אך, וועראטשקא, דו מיינסט, איך וויים ניט, וועלכע נייע פּאראנדקעס עס זיינען באַשריבען אין אייערע ביכער? איך וויים, גוטע. נאָר מיר וועלען ניט דערלעבען דערצו. נאַריש איז דאָס פאָלק, ווי קען מען מיט אַזאַ נארישען עולם אַזוינע גוטע פּאראנדקעס איינפיהרען? טו זאָלען מיר לעבען נאָך די אַלטע פּאַראנדקעס און דו לעב אויך אַזוי. און וואָס זיינען אַזוינס די אַלטע פּאראנדקעס? ביי אייך אין די ביכער שטעהט געשריבען די אַלטע פּאראנדקעס זיינען אַזוינע: נור נאָר אָפּ און שינד די הויט, און דאָס איז אמת, וועראטשקא. הייסט עס, ווי באַלד די נייע פּאראנדקעס זיינען ניטאָ, לעב נאָך די אַלטע: שינד די הויט און נאָר אָפּ, פון ליעבע זאָג איך דיר,

מאריא אלעקסעיעווּנא האָט זיך צוכראַפּעט און איז אנידער געפאלען.

.2

מאריא אלעקסעיעווּנא האָט געוואוסט, וואס ס'איז גערעדט געווארען אין טהעאטער, זי האָט אַבער נאָך ניט געוואוסט וואס עס איז ארויסגעקומען פון דיעזען געשפּרעך.

אין דער צייט, וואס זי, א געערגערטע פון די יסורים איבער איהר טאָכטער, (און טאַקי איבער דער ערגערניש האָט זי זיך געהאט אריינגעגאָסען א סך ראָם אין

פּונש, האָט שוין פון לאַנג געכראַפּעט — אין דער צייט האָט מיכאאיל איוואַנאָוויטש סטאָרעשניקאָוו געגעסען אבענד־ברויט אין איינעם פון די מאָדישע רעסטאָראנען צוזאמען מיט די איבריגע קאוואליערען, וואס זיינען אריינגעקומען אין דער לאָזשע, צווישען דער קאָמפּאניע איז נאָך געווען א פיערטע פּערזאָן, — א פראנצויזקע, וועלכע איז געקומען צו פאָהרען מיט'ן אפיציער. דאס עסען האָט שוין געהאלטען צו ענדע.

"מאָסי סטאָרעשניק! — סטארעשניקאָוו האָט זיך דערפרעהט: די פראנצויזקע האָט זיך ביי דעם מאָלצייט שוין צום דריטען מאָהל געווענדעט צו איהם: —"מאָסיו סטאָרעשניק! ערלויבט מיר אייך אזוי צו רופען, ס'קלינגט בעסער און עס איז לייכטער אויסצורעדען. איך האָב ניט געדענקט, אז איך וועל זיין די איינציגע דאמע אין אייער געזעלשאפט: איך האָב געהאָפט צו זעהען דא אדעל'ן. עס וואָלט געווען זעהר אנגענעהם, איך זעה זי אזוי זעלטען.

"אדעל האָט, צום אונגליק, זיך צוקריגט מיט מיר". דער אָפיציער האָט נאָך

עפּעס געוואַלט זאָגן, נור ער האָט פאַרשוויגען.

"גלויבט איהם ניט, מאַדעמואַזעל זשולי", האָט געזאָגט דער שטאַאטס בעאַמטער, "ער האָט אייך מורא צו זאָגען דעם אמת, ער דענקט, אז איהר וועט ברוגז ווערען ווען איהר וועט זיך דערוויסען, אז צוליעב א רוסישע האָט ער אוועקגעוואָרפען די פראַנצויזקע".

"איך וויים ניט, צו וואָס מיר זיינען אהער געקומען !" האָט געזאָגט דער אָפיציער.

"פאַר וואָס ניט, סערזש, אז זשאַן האָט געבעטען ! און מיר איז טאַקע זעהר אַנגענעהם זיך צו בעקאַנען מיט מאָכיו סטאָרעשניק. אָבער, מאָסיו סטאָרעשניק, פוי, וואָס פאַר א שלעכטען געשמאַק איהר האָט ! איך וואָלט ניט געהאַט דאַגעגען, איהר זאָלט געוועזען אוועקוואַרפען אדעל צוליעב דער גרוזינקע, אין וועמעס לאָזשע איהר זענט, מיט זיי ביידע געוועזן ; אָבער צו פאַרבייטען אויף א רוסישע... איך שטעל זיך פאָר ! אויגען אָהן א פאַרב, שיטערע האָר אָהן א פאַרב, א נאַריש פּנים אָהן א פאַרב... ענטשולדיגט, ניט אָהן א פאַרב, נור, ווי איהר זאָגט, בלוט און מילך, א מאכל, וואָס נאָר אייערע עסקימאָסען קענען נעמען אין מויל אריין ! זשאַן, דערלאַנגט דאָס אַש-טעלערעל, אָט דער וואָס זינדיגט נעגען חן, זאָל באַשיטען מיט אַש זיין זינדיגען קאָפּ !"

"דו האָסט אָנגערעדט אזוי פיעל נאַרישקייטען, זשולי, דאָס ניט ער דאַרף מיט אַש באַשיטען דעם קאָפּ, נור דו", האָט געזאָגט דער אָפיציער. אָט דיעזע, וואָס דו האָסט אָנגערופען גרוזינקע, איז טאַקע אליין די רוסישע".

"דו מאַכסט שפּאַס פון מיר."

"אַן אמת'ע רוסישע מיידעל", האָט געזאָגט דער אָפיציער.

"אונמעגליך !"

"אומזאָנסט דענקסטו, ליעבע זשולי, אז אין אונזער נאַציאָן איז דאָ נור איין טיפּ פון שעהנהייט, ווי אין אייערער. אפילו ביי אייך איז דאַכט זיך אויך דאָ א סך בלאָנדינקעס. אָבער מיר, זשולי, זיינען א פערמישעניש פון פעלקער, פון ווייס-האָריגע, ווי די פיננען ביז שווארצע, פיעל שווארצער פון די איטאַליענער, — דאָס זיינען די טאַטערן, מאָנגאָליען. זיי אַלע האָבען פיעל פון זייער בלוט אריינגעבראַכט אין אונזערע ! די בלאָנדינקעס, וואָס דו קענסט איז נאָר איינער פון די לאָקאַלע טיפען, זיי זיינען זעהר פאַרשפּרייט, אָבער זיי זיינען ניט דער הערשענדער טיפּ.

"דאָס איז וואונדערליך ! אָבער זי איז פּראַכטפאָל ! ווארום געהט זי ניט אויף דער ביהנע ? דאָך, מיינע העררען, רעד איך נור פון דעם וואָס איך האָב געזעהן. עס

בלייבט נאָך א פראגע, און זעהר א וויכטיגע: איהר פוס? — אייער גרויסער פּאָעט קאראַסען, האָט מען מיר דערצעהלט, זאגט, אין גאַנץ רוסלאַנד איז ניטאָ קיין פינף פּאָר קליינינקע, שעהנינקע פיסעלעך".

זשולי, דאָס האָט געזאָגט ניט קאראַסען — רוף איהם בעסער קאַרמאַזין. קאַרמאַזין איז געווען א היסטאָריקער און דאָס ניט קיין רוסישער, נאָר א טאָטער־שער. אָט האָסטו נאָך א בעווייז, ווי פארשידענאַרטיג אונזערע טיפּען זיינען. דער שפרוך וועגען די פיסל שטאַמט פון פושקינען. זיינע ליעדער זיינען גע־ווען גוט פאר זייער צייט. איצט אָבער האָבען זיי פאַרלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זייער ווערטה. נאָך איינס. די עסקימאָס וואָהנען אין אמעריקע! אונזערע ווילדע, וואָס טרינקען הירש־בלוט הייסען סאַמאָיעדען.

— איך דאַנק אייך, סערזש קאַראַמזין — א היסטאָריקער; פושקין — דעם קען איך; עסקימאָס — אין אמעריקא; די רוסישע — סאַמאָיעדען (זעלבסטפרעסער); יא, סאַמאָיעדען — דאָס קלינגט גאַנץ שעהן: סאַ־מאַ־יע־דען! איצט וועל איך געדיינקען. איך, מיינע העררען, וויל באַפוילען סערזש'ן דאָס אַלץ מיר דערצעהלען, ווען מיר זיינען אליין, ניט אָבער אין דער געזעלשאַפט. דאָס איז זעהר נוצליך פאר'ן געשפּרעך. דערצו געה איך פשוט אוים פאר וויסענשאַפט; איך בין געבאָרען געוואָרען צו זיין א מאַדאַם סטאַיל. נאָר דאָס איז א זייטיגע פראגע. מיר קעהרען זיך אום צו דער פראגע: וואָס איז מכח איהר פוס?

— אויב איהר וועט מיר ערלויבען, מאָרגען זיך ווייזען פאר אייך, מאַדעמאַ־זעל זשולי, וועל איך אייך ברייננגען איהרען א שוך.

— ברייננגט, איך וועל אָנמעסטען, דאָס רופט ארוים מיין נייגעריגקייט.

סטאַרעשניקאָוו איז געווען א גליקליכער: וואָס הייסט? ער האָט זיך קוים געהאַלטען פאר'ן עק פון זשאַנען, זשאַן האָט זיך קוים געהאַלטען פאר'ן עק פון סערזשען. זשולי — איינע פון די ערשטע פראַנצויזקעס צווישען די פראַנ־צויזקעס פון סערזשעס חברותא — אָט דאָס הייסט א כבוד, א גרויסער כבוד!

— די פוס איז צופרידענשטעלענדיג — האָט בעשטעטיגט זשאַן. אָבער איך, ווי א געזעצטער מענש, אינטערעסיר זיך מעהר מיט וויכטיגערעס. איך האָב זיך צוגעקוקט צו איהר ביוסט.

— דער ביוסט איז זעהר גוט, — האָט געזאָגט סטאַרעשניקאָוו, קריגענדיג מוטה פון דעם וואָס מען האָט געלויבט דעם געגענשטאַנד פון זיין געשמאַק. ער

האָט שוין אָנגעהויבען טראַכטען, אַז ער מעג שוין זאָגען קאָמפּלימענטען זשור־לין, אַ זאַך וואָס ער האָט זיך ביז איצט ניט ערלויבט. — יאָ, איהר ביוסט איז באַצויבערענדיג; כאָטש באמת צו לויבען דעם ביוסט פון אַן אַנדער פרוי דאָ — איז פּשוט אַ חטא.

— כאַ, כאַ, כאַ! — אָט דער הערר וויל זאָגען קאָמפּלימענטען צו מיין ביוסט! איך בין ניט קיין היפּאָקריט און קיין אַבנאַרערין, הערר סטאַרעשני־קאָוו; איך ליב זיך אַליין ניט און וויל ניט ליידען אַז אַנדערע זאָלען לויבען דאָס, וואָס איז ביי מיר שלעכט. גאָט צו דאַנקען, איך האָב נאָך גענוג אַזוינס מיט וואָס איך קען באמת זיך בערימען. אָבער מיין ביוסט — כאַ, כאַ, כאַ! זשאַן! איהר האָט געזעהען מיין ביוסט — זאָגט איהם! איהר שווייגט זשאַן? אייער האַנד, מאָסיע סטאַרעשניקאָוו. — זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד. — צי פיהלט איהר, וואָס פאַר אַ קערפּער דאָס איז? פּרובירט נאָך דאָ — און דאָ. איצט ווייסט איהר? איך טראָג אַן אָנגעלעגטען ביוסט, פּונקט ווי איך טראָג אַ קלייד, אַן אונטערקלייד, אַ העמדעל; ניט דערפאַר ווייל דאָס געפעלט מיר — נאָך מיין מיינונג וואָלט געווען בעסער אָהן די היפּאָקריטסטוואָ — נאָר ווייל אַזוי איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט. אָבער אַ פרוי וואָס האָט אַזוי פיעל גע־לעבט ווי איך — און, ווי נאָך געלעבט, מאָסיע סטאַרעשניקאָוו! איך בין איצט אַ הייליגע, אַ פרושטע אין פערגלייך מיט דעם, וואָס איך בין אַמאָל געווען — אַזאַ פרוי קען מעהר איהר ביוסט ניט פאַרהיטען! און מיט אַמאָל האָט זי זיך צואוויינט:

— מיין ביוסט! מיין ביוסט! מיין ריינקייט! אַך, גאָט מיינער, צי בין איך דערצו געבאָרען געוואָרען?

איהר זאָגט ליגען, מיינע העררען, האָט זי זיך צושריען, איז אויפגעשפּרונ־גען און גענומען קלאַפּען מיט'ן קולאַק אין טיש, איהר רעדט רכילות! איהר זייט נידעריגע ברואים! זי איז ניט זיין לובאָוניצע! ער וויל זי קויפען! איך האָב געזעהן, ווי זי האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם, ווי זי האָט געברענט מיט כעס און שנאה. דאָס איז שענדליך!

— יאָ — האָט דער ציווילנער געזאָגט, זיך אויסציהענדיג פויל: דו האָסט אַביסעל צופיעל זיך באַריהמט; ביי אייך האָט זיך אפילו נאָך ניט אָנגעהויבען און דו האָסט שוין אָנדערצעהלט, אַז דו לעבסט מיט איהר, אַז דו ביזט זאָגאַר זיך

פארנאנדערגעאנגגען מיט אדעל כדי אונז מעהר צו איבערצייגען. יא, דו האסט אונז באשריבען זעהר שעהן דאס, וואס דו האסט אליין נאך ניט געזעהן; איבערי־געגס, איז ניט קיין בייז: אויב ניט א וואך פריהער, וועט עס זיין א וואך שפעטער — גאנץ גלייך. און דו וועסט ניט דארפען זיך ענטטוישען און די בע־שרייבונגען וואס דו האסט געמאכט פון דיין אייגענער פאנטאזיע. דו וועסט געפי־נען אפילו בעסער ווי דו מיינסט אליין. איך האב גוט בעקוקט: דו וועסט זיין צופרידען. —

סטארעשניקאוו איז געווען אויסער זיך פון כעס: "ניין מאדמואזעל זשולי, ערלויבט מיר אייך צו פארזיכערען, אז איהר האט א טעות אין אייערע שליסע; פארצייט מיר, וואס איך רעד אייך דאגעגען, אבער זי — איז מיין ליעבהאבערין. דאס איז געווען די געוועהנליכע ליעבעס קריעג אויס אייפערזוכט; זי האט מיך געזעהען זיצען צום ערשטען אקט ביי מאדמואזעל מאטילדען אין דער לאזשע, — דאס איז אלעס!"

"א ליגען, מיין ליעבער, א ליגען", האט זשאן געזאגט, און א גענעץ געטאן.

"ניט קיין ליגען, ניט קיין ליגען".

"דערוויז. איך בין א פראקטישער מענש, און אהן בעוויזע גלויב איך ניט".

"וואס פאר בעווייזע קען איך דיר ברענגען?"

"נו, אט קריעכסטו צוריק, זאגסט אליין אויס, אז ס'איז א ליגען. בעווייזע? גלייך איז עס טאקי שווער צו געפינען? אט נא דיר: מארגען קומען מיר זיך דא ווידער צוזאמען דא עסען. מאדעמאזעל זשולי וועט זיין אזוי גוט און ברענגען סער־זש'ען איך וועל ברייגגען מיין שעהנינקע בערטא און דו וועסט ברייגגען זי; אויב דו ברייגגסט זי — האב איך פארשפיעלט, און די קאסטען זיינען אויף מיין רעכע־נונג; מאמער ברייגגסטו זי ניט — ווערסטו ארויסגעטריבען מיט שאנדע פון אונ־זער קרייז! זשאן האט א ציה געטון דאס גלעקעל; א דיענער איז ערשיענען. —

סימאן, זייט אזוי גוט: אויף מארגען א טיש פיר זעקס פערזאן, אבער גראדע דאס זעלבע, ווי ווען כ'האב דא ביי אייך געשטעלט א חופה מיט בערטא'ן, — געדענקט איהר, פאר ווייגאכטען? — און אויך אין זעלבען צימער".

"נאך אזא ווטשערע ניט געדענקען מאסיו? ס'וועט אלעס געטהאן ווערען".

—דער דיענער איז אוועק.

"אבשייליכע מענשען! העסליכע מענשען! איך בין געווען צוויי יאהר א

שטראַסען פרוי אין פּאַריז, א האלב יאהר האָב איך געלעבט אין א הויז, וואו גנבים פלעגען זיך פערזאמלען, און איך האָב דאָרט ניט אָנגעטראָפען צוזאמען אזעלכע

דריי נידריגע מענשען ! מיין גאָט, מיט וועמען איך בין געצוואונגען צו זיין אין געזעלשאַפט. ווארום קומט מיר אזא שאנדע, אָ, גאָט ?" זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף די קניע. "גאָט ! איך בין א שוואכע פרוי ! הונגער האָב איך געקענט פארטראָגען, אָבער אין פּאַריז איז ווינטער אזוי קאלט ! די קעלט איז געווען אזוי שטאַרק, און דער נסיון אזוי גרויס ! איך האָב געוואָלט לעבען, כ'האָב געוואָלט ליעבען, — גאָט ! דאס איז דאָך קיין עברה ניט, טאָ ווארום זשע שטראָפסטו מיך אזוי ? רייס מיך ארויס פון דיעזען קרייז, רייס מיך ארויס פון דיעזען שמוץ ! גיב מיר כח ווידער צו געהן צו מיין אלטען לעבען אין פּאַריז, איך בעט ביי דיר גאָר קיין אנדערס ניט, קיין אנדערס האָב איך ניט די ווערטה, אָבער באַפריי מיך פון דיעזע מענשען, פון דיעזע אבשייליכע מענשען !"

זי איז אויפגעשפרונגען און האָט געזאָגט צום אָפיציער : "סערזש, ביסטו אויך אזוינער ? ניין, ביסט בעסער פון זיי ! ("בעסער", האָט דער אָפיציער קאלטבלוטיג באמערקט) — איז דאס דען ניט אבשייליך ?"

"אבשייליך, זשולי".

"און דו שווייגסט ? דערלאָזט ? שטימסט צו ? נעהמסט אנטהייל ?"

"זעץ זיך נאָר ביי מיר אוועק אויף די קניע, מיין ליעבע זשולי". (ער האָט זי גענומען לאַסטשען און זי האָט זיך בערוהיגט.) "ווי ליעב איך האָב דיך אין אזעלכע מינוטען ! דו ביסט א פיינע פרוי. נו, ווארום, ווילסטו ניט מיט מיר חתונה האָבען ? ווי פיעל מאָל האָב איך ביי דיר שוין דאס געבעטען ? ווילינ שוין איין".

"הייראט ? א יאָך ? קיין מאָהל ניט ! כ'האָב דיר פארבאָטען צו מיר צו ריידען פון אזעלכע נארישקייטען. ערגער מיך ניט. אבער.... סערזש ! טייערער סערזש ! פארבאָט איהם ! ער האָט מורא פאר דיר, — רעטע זי !"

"זשולי, זיי אַ ביסעל איבערלעגט. דאס איז אונמעגליך. ווען ניט ער, וועט זיין אַן אנדערער, אלץ איינס. אַט קוק, זשאַן, וויל זי שוין ביי איהם אוועקנעהמען,

און אזעלכע זשאַנען, ווייסטו זיינען דאַ טויזענדער. פון אַלע קען מען ניט איינהיטען, אז אַ מאַמע וויל האַנדלען מיט אַ טאָכטער. מיט'ן שטערן קען מען די וואַנד ניט דורכקלאַפּען, זאָגען מיר, רוסען. מיר זיינען אַ קלוג פאָלק, זשולי. דו זעהסט ווי רוהיג איך לעב, זייט איך האָב אָנגענומען אַט דעם דאָזיגען פרינציפּ אונזערען

— קיין מאָל ניט ! דו ביזט אַ קנעכט, די פראַנצויזקע איז פריי. די פראַנצויזקע קעמפּפט — זי פאַלט, אָבער קעמפּפט ! איך וועל ניט דערלאָזען ! ווער

איז זי? וואו וואהנט זי? דו ווייסט?

— איך וויים.

— זאָלען מיר פאָרען צו איהר. איך וועל איהר מתריא זיין!

—איינס א זייגער ביי נאכט? זאָלען מיר בעסער פאהרען שלאָפען. צום ווי־דערזעהן, זשאַן. צום ווידערזעהן, סטארעשניקאוו. איהר פערשטעהט דאָך, אז איהר דארפט ניט ווארטען אויף מיך און זשולי צו אייער מאָרגענדיגען אבענד־עסען. איהר זעהט דאָך, ווי אויפגעבראכט זי איז און מיר אליין געפעלט אויך, באמת, די גאנצע געשיכטע ניט. געווים ארט אייך מיין מיינונג ניט. צום ווידער־זעהן.

— אָט דאָס איז א משוגענע פראַנצוויזקע, — האָט דער ציווילנער געזאָגט זיך אויסציהענדיג, אונזער אָפיציר און זשולי זיינען אוועק. זעהר א פיקאנטע פרוי, נאָר דאָס איז שוין צופיעל. עס איז זעהר אנגענעהם צו זעהן ווי א שעהנע פרויענצימער איז קאפריזנע. אָבער איך וואָלט מיט איהר ניט אויסגעהאלטען קיין 4 שעה ניט און ווער רעדט שוין פון 4 יאהר! געווים, סטארעשניקאוו, אונזער מאָלצייט וועט צוליעב איהר קאפריז ניט אויפגעגעבען ווערען. איך וועל ברייני־גען פאול'ן מיט מאטילדען אנשטאט זיי. און איצט וואָלט שוין געווען צייט געהן א היים. איך דארף נאָך פארפאהרען צו בערטען און נאכהער צו דער קליינער לאטכען, וועלכע איז זעהר ליעבהארציג.

3.

— נו, וועראטשקא, גוט. די אויגען ניט פארוויינט. עס ווייזט אוים, זי האָט פארשטאנען אַז די מוטער רעדט ריכטיג; פריהער פלעגט זי אלץ זיך איינשפא־נען. וועראטשקא האָט געמאכט א אונרוהיגע באוועגונג — נו, זאָל זיין אזוי, איך וועל ניט ריידען, זיי ניט בייז, איך בין נעכטען ביי דיר אין צימער אָט אזוי אנטשלאָפען געוואָרען. אפשר האָב איך וואָס איבעריגעס אָנגערעדט? איך בין נעכטען געווען לא עליכם'דיג. דו גלויב ניט אלץ, וואָס איך האָב שכור'ערהייט אנגערעדט — דו הערסט? גלויב ניט.

ווערטשקא האָט ווידער געזעהן די פריהערדיגע מאריא אלעקסעיעוונא. נעכטען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אונטער דער שאלאכץ פון א חיה קוקען ביי איהר ארוים מענשליכע שטריכען, איצט — ווידער א חיה און מעהר גאָר ניט.

ווערטשקא האָט זיך געמאטערט בייצוקומען אין זיך דעם עקעל: זי

האט אבער ניט געקאנט. פריהער האט זי נאר געהאסט די מוטער; נעכטען האט זי געמיינט אז זי הערט אויף זי צו האסען, זי וועט נאר אויף איהר רחמנות האבען — איצט האט זי ווידער געפיהלט א פעראכטונג. אבער מיטלייד איז אויך געבליבען אין דעם.

— טו זיך אן, וועראטשקא! ער וועט באלד קומען!

זי האט מיט גרויס זארג ארומגעקוקט די טאכטערס קליידער. אויב דו וועסט זיך האלטען מיט'ן שכל, וועל איך דיר שענקען אויריגגלעך מיט גרויסע רובינען — זיי זיינען אלטמאדיש, נאר אז מען זאל זיי איבערמאכען, וועט ארויס א גוטע בראשקע. זיי זיינען פארבליבען אין זאלאג פאר 150 רובעל, מיט צינ־זען 250 רובעל און ווערטה זיינען זיי 400. דו הערסט, איך וועל שענקען. —

עס האט זיך באוויזען סטארעשניקאוו. ער האט נעכטען לאנג ניט געוואוסט, ווי דורכצופיהרען די אויפגאבע, וואס ער האט אויף זיך ארויפגעטשעפעט. ער איז געגאנגען צו פוס פון רעסטאראן א היים און האט אלץ געטראכט. נאר א היים איז ער געקומען שוין א רוהיגער. — האט אויסגעטראכט, געהענדיג — און איצט איז ער געוועזען צופרידען מיט זיך.

ער האט זיך נאכגעפרעגט וועגען ווערא פאוולאוונאס געזונד — „איך בין געזונד". ער האט געזאגט, אז ער איז זעהר צופרידען, פארפיהרט א געשפרעך וועגען דעם, אז מען דארף זיך באנוצען מיט'ן געזונד, — „געוויס דארף מען, און נאך דער מיינונג פון מאריא אלעקסעיעוונא — מיט דער יוגענד אויך.

ער איז דערמיט גאנץ איינפערשטאנען, און דענקט אז ס'איז גוט זיך צו בע־נוצען מיט'ן היינטיגען אבענד אום זיך דורכצופאהרען הינטער דער שטאדט: "ער טאג איז פראסטיג, דער וועג איז פראכטפאל. מיט וועמען דענקט ער צו פאהרען? בלויז זאלבע דריט: איהר, מאריא אלעקסעיעוונא, ווערא פאוולאוונא און איך.

אויב אזוי איז מאריא אלעקסעיעוונא גאנץ צופרידען; אבער איצט געהט זי מאכען קאפע און צובייסען, און וועראטשקא וועט דערווייל עפּיס זינגען.

"וועראטשקא, זינג עפּעס!" זעצט זי צו מיט א מאן, וואס דערלאזט ניט קיין ווידערשפּרוך.

"כ'וועל זינגען".

וועראטשקא האט זיך געזעצט ביי דער פּיאנא און אנגעפאנגען זינגען „די טראיקא" — דאן איז אקארשט געשאפען געווארען מוזיק צו דער ליעד.

לויט דער מיינונג פון מאריא אלעקסעיעווגא אונטער'ן טיער, איז די ליעד געווען זעהר גוט: עס איז געווען וועגען א דארפס מיידעל וואס האט זיך פערקוקט אויף אן אפיציער וועלכער איז פערבייגעפאהרען אין אן עקיפאזש מיט דריי פערד געשפאנט. מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך געטראכט:

ווערקא, — זי זאל נור וועלען, זי איז דאך א קלוגע.

באלד האט זיך ווראטשקא אפגעשטעלט: דאס איז גוט; מאריא אלעקסעיעוו־נא האט טאקי אזוי געהייסען: זינג אביסעל, און דאן רעד אביסעל.

אט רעדט טאקע ווראטשקא, אבער צו מאריא אלעקסעיעוונאס פערדרוס רעדט זי גאר אויף פראנצויזיש.

"סארא נאר איך בין, גאר פארגעסען אנצוזאגען, אז זי זאל ריידען רוסיש".

אבער ווערא רעדט שטיל... שמייכעלט, — נו, הייסט עס, נישקשה, גוט. אבער, וואס האט ער אזוי אנגעשטעלט די אויגען? מ'שטיינס געזאגט, דער נאר, ס'א מין נאר דאס איז! נור פינטלען מיט די אויגען קען ער. אבער טאקי אזעלכע דארפען מיר. אט, גיט זי איהם די האנד — קלוג געווארען ווערקא, א וואויל מיידעל!

און דאס איז דער געשפרעך וואס איז אנגעגאנגען צווישען די צוויי, וועלכע די מוטער האט ניט פערשטאנען:

"מאסיו סטארעשניקאוו, איך מוז מיט איך ריידען ערנסט. נעכטען האט איהר גענומען א לאזשע, כדי מיך צו צייגען פאר אייערע פריינד, אלס אייער ליעבהא־בערין. איך וועל אייך ניט געהן זאגען, אז דאס איז אונעהרליך: איהר זאלט דאס זיין פעהיג צו פערשטעהן, וואלט איהר דאס ניט געווען געטהאן. אבער איך ווארן אייך: אויב איהר וואגט זיך צו מיר צו קומען אין טהעאטער, אין גאס, וואו עס ניט איז, — גיב איך אייך א פראסק אין פנים. מיין מאמע וועט מיך ממית'ן (אט דא האט עס ווראטשקא א שמייכעל געטהאן), אבער זאל זיין וואס עס וויל, אלין איינס! היינט אבענד קריעגט איהר פון מיין מאמען א צעטעלע, אז אונזער גע־פלאנטער שפאציער איז צוריקגערופען, ווייל איך בין קראנק".

ער איז געשטאנען און געפינטעלט מיט די אויגען, ווי מאריא אלעקסעיעוונא האט עס שוין בעמערקט.

"איך רעד מיט אייך, ווי מיט א מאן, וואס האט קיין פונק פון עהרע. אבער עס קען זיין איהר זיינט נאך ניט אין גאנצען פארדארבען. אויב אזוי בעט איך אייך: הערט אויף צו קומען צו אונז. דאן וועל איך אייך מוחל זיין פאר די פער־לוימדונג. אויב איהר באשטייט, גיט מיר אייער האנד". זי האט איהם אויסגע־

שטרעקט די האַנד, ער האָט זי גענומען, אַליין ניט פֿאַרשטעהענדיג, וואָס ער טהוט.

"איך דאַנק אייך. נעהט זשע אייך. זאָגט, אַז איהר דאַרפֿט זיך איילען צוגריי־טען די פֿערד צום פֿאָהרען".

ער האָט ווידער געפּינטעלט מיט די אויגען. זי האָט זיך שוין אומגע־קעהרט צו די נאָטען און פֿאָרטגעזעצט די "טראַיקאַ".

א שאָד, דאָרט זיינען קיינע מבינים ניט געווען; אינטערעסאַנט צו הערען זייער מיינונג; געוויס ניט אָפּט איז זיי אויסגעקומען צו הערען געזאַנג מיט אַזאַ געפֿיהל; שוין אָביסעל צו פֿיעל געפֿיהל, ניט אַרטיסטיש.

א מינוט שפּעטער איז מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ אַריינגעקומען, און די קעכין האָט געבראַכט אַ טאָץ קאַפּעע און צובייסען. אַנשטאָט, וואָס סטאַרעשניקאָוו זאָל זיך זעצען צו די קאַפּעע האָט ער זיך גאָר גערוקט צו דער טהיר.

"וואו נעהט איהר גאָר, מיכאַאיל איוואַניטש?"

"איך איל זיך הייסען איינשפּאַנען!"

'כ'איז נאָך דאָ גענוג צייט, מיכאַאיל איוואַניטש".

אָבער מיכאַאיל איוואַנאָוויטש איז שוין געווען הינטער'ן טהיר.

מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין זאַל מיט אויפגע־הויבענע קולאַקעס. „וואָס האָסטו געטהאָן ווערקאַ, פֿאַרשאָלטענע? הא?" אָבער די פֿערשאָלטענע ווערקאַ איז שוין אין זאַל ניט געווען; די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר אין צימער, אָבער די טיר פֿון ווערעטשקאַס צי־מער איז געווען פֿאַרקלאַפּט. די מוטער האָט זיך גענומען שפּאַרען מיט אַלע כחות, אָבער די טהיר האָט זיך ניט געעפֿענט און די פֿערשאָלטענע ווערקאַ האָט גע־זאָגט: „אויב איהר וועט אויסברעכען די טהיר, וועל איך אויסברעכען דעם פֿענסטער און נעהמען רופֿען צו הילף. איך וועל אַ לעבעדיגע זיך ניט איבער־געבען אין אייערע הענד". —

מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט אַ לאַנגע צייט געשטורמט, נאָר די טהיר ניט געבראָכען. צום סוף איז זי פֿאַרמאַטערט געוואָרען שרייענדיג. דאַמאָלט האָט ווערעטשקאַ געזאָגט: „מאַמענקאַ, פֿריהער האָב איך איינמאָל אייך ניט האָלט געהאַט, נאָר פֿון נעכטען אָן האָב איך אויף אייך דערצו נאָך רחמנות געקראָגען. איהר האָט פֿיעלע צרות געהאַט און דערפֿאַר זייט איהר געוואָרען אַזאַ. פֿריהער פֿלעג איך מיט אייך ניט ריידען, איצט אָבער וויל איך מיט אייך ריידען, נאָר אויב איהר וועט זיך ניט בייזערען, זאָלען מיר זיך דורכריידען, אַזוי ווי מיר

האבען ביז איצט ניט גערעדט“.

געוויס, מאריא אלעקסעיעוונא האט די ווערטער ניט זעהר גענומען ביים הארצען. אבער די פערמאטערטע גערוועזן פאדערן רוהע און מאריא אלעקסעיעוו־נא האט אנגעהויבען נאכטראכטען: טאמער טאקי זיך ארייננלאזען אין פער־האנדלונגען מיט דער טאכטער? זי, די מרשעת, געהט דאך שוין אין גאנצען ארויס פון מיינע הענד און אהן איהר קען מען דאך גאר ניט טהאן. מען קען דאך איהר ניט חתונה מאכען מיט דעם טפוש מישקא אהן איהר! דערצו וויים איך דאך ניט וואס זי האט איהם געזאגט. זיי האבען דאך די האנד געדריקט איי־נער דעם צווייטען — וואס זשע בעדייט עס?

אט אזוי איז די פארמאטערטע מאריא אלעקסעיעוונא געזעסען, זיך ווער־פענדיג צווישען בייזקייט און ביטריקייט, ביז דער גלעקל האט א קלונג געטהאן. דאס זיינען געוועזן זשולי און סערזש.

4.

— סערזשי צו רעדט איהר מוטער פראנצוויזיש? איז געוועזן דאס ערשטע וואס זשולי האט א פרעג געטהאן, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט.

— איך וויים ניט. דו האסט נאך אלץ ניט ארויסגעווארפען דעם געדאנק פון דיין קאפ?

— ניין ניט ארויסגעווארפען. און ווען בעטראכטענדיג אלע אומשטענדען איז זי געקומען צום שלום אז די מוטער פארשטעהט ניט קיין פראנצויזיש, האט זי מיטגענומען סערזשען מיט זיך אלס איבערזעצער. איבריגענס איז איהם שוין אזוי באשערט געוועזן. ער וואלט געמוזט פאהרען, אויב אפילו ווערעס מוטער וואלט געוועזן קארדינאל מעצאפאנטי אליין, און ער האט זיך ניט בעקלאגט אויף זיין שיקזאל און איז איבעראל נאכגעפאהרען נאך זשולי.

זשולי איז אויפגעשטאנען שפעט; אויפ׳ן וועג איז זי פארפאהרען צו וויכ־מאנען; נאכהער שוין ניט אויפ׳ן וועג, נאר וויל זי האט געדארפט, איז זי פארפאהרען נאך אין 4 קראמען. אט אזוי האט פאסירט, אז מיכאאיל איוואנא־וויטש האט שוין באוויזען זיך דורכצורייידען, און מאריא אלעקסעיעוונא האט שוין באוויזען צו שטורמען ביז זשולי און סער זש זיינען דערפאהרען פון ליטיינע ביז גאראכאווע.

— מיט וועלכען אויסרייד זיינען מיר געקומען? פי, ס׳ארא פאסקודנע טרעפ!

אזוינע האָב איך אין פּאַריז אויך ניט געטראָפן.

— גאַנץ גלייך, וואָס עס וועט קומען אין קאָפּ אריין. די מוטער גיט געלד אויף פּראָצענט, נעהם ארונטער די הראָשקע. אָדער נאָך בעסער: זי אַליין גיט פּיאַנאָ שטונדען. מיר וועלען זאָגען אַז דו האָסט אַ פּלימעניצע.

מאַטראָנאַ האָט צום ערשטען מאָל אין לעבען זיך פאַרשעמט, וואָס זי האָט אַ צושלאָגענעם פּנים, בעת זי האָט דערזעהן סערזשעס מונדיר און באַזונדערס זשולים פּראַכט. אַזאַ וואַזשנע דאַמע האָט זיך נאָך קיין מאָל אין געזיכט ניט אריינגעקוקט. אין אַזאַ התפּעלות איז אויך געקומען מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ, ווען מאַטראָנאַ האָט איהר געמאָלדען אַז עס איז געקומען פּאָלקאָווניק נ. מיט זיין פרוי. באַזונדערס „מיט זיין פרוי!". דער קרייז וועגען וועמען עס פּלעגען דער־גהען רכילות׳ן צו מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ איז ניט געוועזן העכער פון דער שיכט פון שטאַטסראַטהען. אָבער די רכילות׳ן וועגען אמת׳ע אריסטאָקראַטען פּלעגען אויסשטאַרבען אויפ׳ן האַלבען וועג צו מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ; דערפאַר האָט זי אַזוי בוכשטעבליך פאַרשטאַנען דעם טיטול „מאַן און פרוי" וואָס סערזשע און זשו־לי האָבען געגעבען איינע דעם אַנדערן לויט דעם פּאַריזשער מנהג. מאַריאַ אַלעק־סעיעוונאַ האָט גיך זיך צוגעפּוצט און איז ארויסגעלאָפען אַנטקעגען.

סערזשע האָט געזאָגט אַז ער איז זעהר צופרידען מיט נעכטיגער געלעגענ־הייט א. אז. וו., אַז זיין ווייב האָט אַ פּלעמעניצע א. אז. וו., אַז זיין ווייב רעדט ניט קיין רוסיש און דערפאַר איז ער דער איבערזעצער.

— יאָ, איך קען דאַנקען מיין באַשעפער, — האָט מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ גע־זאָגט. — ווערעטשקאַ האָט אַ גרויס טאַלאַנט צו לערנען אויף פּיאַנאָ און זי וועט זיך פיהלען גליקלאַך וואָס איהר טאָכטער וועט אַנהויבען אריינגעהן אין אַזאַ הויז; נאָר מיין לעהרערקע איז ניט אינגאַנצען געזונד. מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט גערעדט באַזונדערס הויך, אַז ווערעטשקאַ זאָל הערען און עס אויסטייטשען פאַר שלום און אַליין האָט זי, ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצער התפּעלות, זיך איינגע־נעסען מיט די אויגען אין די געסט: — איך ווייס ניט, צי וועט זי זיין בכח זיך צו בעווייזען און ווייזען אַ פּראָבע פון איהר שפּילען אויפ׳ן פּיאַנאָ.

— ווערעטשקאַ, מיין פריינד, קענסטו ארויס אָדער ניט ?

— עפּעס זייטיגע מענשען, קיין סצענע וועט ניט זיין — פאַר וואָס ניט ארויסגעהן ? ווערעטשקאַ האָט געעפענט די טהיר, האָט אַ קוק געטהאָן אויף סער־

זש'ען און איז אַן אויפגעקאָכטע געוואָרען פון כעס און שאַנדע.

דאָס וואָלטען ניט געקאָנט בעמערקען אפילו שלעכטע אויגען, און זשולי האָט געהאַט אויגען נאָך מעהר פאַרשענדיג ווי ביי מאַריאַ אַלעקסעיעווגאַ'ס אַליין. די פראַנצויזקע האָט אָפגעהויבען פון תוך אַריין.

— מיין ליעב קינד, איהר וואונדערט זיך און ערגערט זיך, זעהענדיג פאַר זיך אַ מענשען אין וועמעס אנוועזענהייט איהר זייט נעכטען אַזוי מיאוס באַליידיגט געוואָרען און וועלכער האָט, וואַהרשיינליך, אַליין אַנטייל גענומען אין די בעליידי־גונגען. מיין מאַן איז לייכטזיניג, ער איז אָבער פאָרט בעסער פאַר די אַנדערע חברה־לייט. איהר ענטשולדיגט איהם צוליעב מיר, איך בין געקומען צו אייך מיט גוטע אבזיכטען. די שטונדען פאַר מיין פלימעניצע זיינען נור אַן אויסרייד; נאָר מען דאַרף איהם אַנהאַלטען. איהר וועט וואָס עס איז אויפשפּילען, נאָר קירצער — מיר וועלען דאַן אַוועק אין אייער צימער און זיך דורכריידען. פאָלגט מיר, מיין קינד. —

— צי איז עס יענע זשולי, וועמען די גאַנצע אריסטאָקראַטישע יוגענד פון פעטערבורג קען? צי איז עס יענע זשולי, וואָס וואַרפט אַרויס אַזוינע וויצען פון וועלכע אַ סך אויסוואורפען ווערען רויט? ניין דאָס איז אַ פירסטין, צו וועמעס אויערן עס איז קיין מאָל קיין גראָב וואָרט ניט דערגאַנגען.

ווערעטשקאַ האָט אָבגעשפּיעלט איהר פּראָבע אויפ'ן פּיאַנאָ. זשולי איז גע־שטאַנען ליעבען איהר און סערזש האָט זיך אונטערהאַלטען מיט מאַריאַ אַלעקסע־יעוונאַ כדי פון איהר אַרויסצוקריגען, וואָס פאַר'אַ עסקים האָט זי מיט סטאָרעשני־קאָוו'ן. אין אייניגע מינוט אַרום האָט זשולי אָבגעשטעלט ווערעטשקען, האָט איהר גענומען פאַר די טאַליע, איז זיך דורך מיט איהר איבער'ן זאַל און האָט איהר אַוועקפיהרט אין צימער. סערזש האָט ערקלעהרט, אַז זיין פרוי איז צו־פרידען מיט ווערעטשקאַס שפּיעל, נאָר זי וויל מיט איהר דורכריידען, ווייל מען דאַרף וויסען דעם כאַראַקטער פון דער לעהרערין א. אַז. וו. און האָט פאָרטגע־זעצט דעם געשפּרעך וועגען סטאָרעשניקאָוו'ן. דאָס אַלץ איז געוועזן שעהן. אָבער מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט גענומען קוקען שאַרפער און מיט מעהר פערדעכ־טיגונג.

מיין ליעבעס קינד, האָט זשולי געזאָגט, אַריינגעהענדיג אין ווערעטשקאַס צימער. אייער מוטער איז זעהר אַ שלעכטע פרוי. אָבער אום צו וויסען ווי מיט

איך צו ריידען, דערצעהלט מיר ווי אזוי און צו וואס זייט איהר נעכטען געווען אין טהעאטער? דאס אלץ ווייס איך שוין פון מיין מאן, נאר פון אייער ערצעה־לונג וועל איך דערקענען אייער כאראקטער. האט פאר מיר קיין מורא ניט. אויסהערענדיג ווראטשקא'ן האט זי געזאגט: „יא, מיט אייך קען מען ריידען. איהר האט כאראקטער און אין די פארזיכטיגסטע דעליקאטע אויסדריקע האט זי דערצעהלט וועגען נעכטיגען וועט. אויף דעם האט ווראטשקא געענטפערט מיט דער ערצעהלונג וועגען דעם פארשלאג זיך דורכצופאהרען שפאצירען.

— וואס האט ער געוואלט אייער מוטער אבנארען, אדער זייביידע האבען געגען אייך א פארשווערונג געמאכט?

ווראטשקא, האט מיט היץ גענומען זאגען, אז איהר מוטער איז גאר ניט אזא שלעכטע פרוי, צו זיין אין אזא פערשווערונג.

“איך וועל דאס באלד זעהן”, האט זשולי געזאגט. “איהר פערבלייבט דא איהר זיינט דארט אן איבריגע”. זשולי האט זיך צוריקגעקעהרט אין זאל.

“סערזש, ער האט שוין דיעזע פרוי און איהר טאכטער געבעטען זיך דורכפאה־רען היינט אבענד. דערצעהל איהר פון דער נעכטיגער וועטשערע”.

“אייער טאכטער געפעלט מיין פרוי, איצט דארף מען נאר באשטימען דעם פרייז, און, וואהרשיינליך, וועלען מיר זיך איבער דעם ניט צוגעהען. נור לאזט מיך ענדיגען מיין געשפרעך איבער אונזער געמיינשאפטליכען בעקאנטען. איהר לויבט איהם זעהר שטארק. אבער ווייסט איהר אם וויינינגסטענס, וואס ער זאגט איבער זיין בעציהונג צו אייער פאמיליע? — צום ביישפיעל, מיט וועלכען צוועק ער האט אונז איינגעלאדען אין אייער לאזשע?”

אנשטאט צו ווערען נייגעריג האט אין מאריא אלעקסעיעווגא'ס אויגען א בלישטשע געטהון דער געדאנק: “מיר פארשטעהן אן עסק”.

“איך בין קיין רכילות'ניצע” האט זי מיט אונצופריעדענהייט געענטפערט. “איך צוטראג אליין קיין פליאטקעס ניט און כ'הער זיך וועניג וואס צו צו זיי!” “מאלע וואס יונגע לייט פלוידערען צווישען זיך. עס איז ניט כדאי וועגען דעם צו ריידען”.

“נו, גוט; און דאס וועט איהר אויך אנרופען פליאטקעס?”

ער האט גענומען דערצעהלען די געשיכטע פונ'ם אבענד, נעכטען אין רעסטא־ראן. מאריא אלעקסעיעוונא האט איהם ניט געלאזט ענדיגען. ווי ער האט נור ארויסגעלאזט דאס ערשטעווארט פון דעם וועט, האט זי געגעבען א שפרונג און א

צוקאַכטע געשריען, גאר אין גאַנצען פארגעסדיג די געהויבענקייט פון גאסט :

”אַט וואס ער וויל ! אַך, איז דאס אַ מערדער ! אַך איז דאס אַ לומפּ ! אַט דאס האַט ער אונז גערופען זיך דורכצופאַהרען ! ער האַט דאס מיך געוואלט אונטער דער שטאדט אויף יענער וועלט אוועקשיקען, אום די אונבעשיצטע מיירעל צו שענדען ! אַך, איז דאס אַן אויסוואורף !” — און זאַ ווייטער.

דאַן האַט זי גענומען דאנקען דעם גאסט פאר רעטען איהר לעבען און די עהרע פון איהר טאַכטער.

”איך האַב זיך טאַקי אַנגעשטויסען, מיין הערר, אז איהר זייט ניט סתם געקומען, שטונדען זיינען טאַקי שטונדען, אַבער א צוועק האַט איהר אנאַנדערען, נור איך האַב זיך געטראַכט עפּעס אנדערש ; איך האַב געמיינט, אז איהר האַט פאר איהם אנאַנדער כלה אַנגעגרייט, און ווילט איהם פון אונז אפּרעדען. איך האַב געזינדיגט געגען אייך, פּערצייעט מיר, גנעדיגסט. ביז'ן קבר וועל איך אייך די טובה ניט פארגעסען”. א. ז. וו., זי האַט זיך געזידעלט, געדאנקט, זיך ענטשולדיגט — אלעס צוזאמען, אָהן ארדנונג.

ניט לאַנג האַט זשולי זיך צוגעהערט צו דער לאַנגער רעדע, דער זין פון וועלבער איז איהר קלאָהר געווען פון דעם טאָן, פון דער שטימע, און פון די באוועגונגען. ביי די ערשטע ווערטער פון מאריא אלעקסעיעוונא האַט זיך די פראנצויזין אויפגעהויבען און זיך צוריקגעקעהרט צו ווערא'טשקא'ן אין צימער.

”ניין, אייער מוטער איז ניט געווען זיין מיטהעלפערין, און איז איצט זעהר אויפגערעגט אויף איהם. אבער איך קען גוט אזעלכע לייטע, ווי אייער מוטער. קיינע געפיהלען וועלען זיך לאַנג ביי זיי ניט איינהאַלטען געגען געלד אנגעלעגנהייטען. זי וועט זיך באלד ווידער נעהמען פאנגען חתנים, און איין גאט ווייסט, מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען. יעדענפאלס, אייך וועט זעהר שווער זיין. די ערשטע צייט וועט זי אייך צו רוה לאָזען ; אָבער איך זאג אייך, דאס וועט ניט זיין אויף לאַנג. וואס זאלט איהר איצט טהאָן ? האַט איהר עפּיס איינענע אין פּעטערבורג ?”

”ניין”.

”א שאדען, האַט איהר אַ ליעבהאַבער ?”

ווערא'טשקא האַט ניט געוואוסט וואס אויף דעם צו ענטפערען, זי האַט נורמאַדנע געעפענט די אויגען.

”ענטשולדיגט, ענטשולדיגט, מען זעהט שוין, אבער ס'איז נאָך ערגער.

— הייסט עס, איהר האַט גאר ניט וואו זיך אויפצוהאַלטען. ווי זשע זאָל זיין ? נו, הערט זיך איין. איך בין ניט אזאַ ווי אייך דוכט זיך אוים. איך בין ניט

זיין ווייב, נאָר ער האַלט מיר אויס. מיך קען גאַנץ פּעטערבורג ווי די ערנסטע פרוי. אָבער איך בין אַן עהרליכע פרוי. אויב איהר זאָלט קומען צו מיר, ווערט איהר פאַרלירען אייער גוטען נאָמען; עס איז גענוג געפעהרליך פאַר אייך דאָס אַליין, וואָס איך בין איין מאָל געוועזן ביי אייך אַ היים און זאָל איך נאָר קומען אַ צווייטען מאָל, וואָלט געווים געהייסען אייך פאַראונגליקען. דאָך דאַרפען מיר זיך פאָרט נאָך זעהן און פיליייכט ניט איין מאָל נאָך — אויב איהר האָט נאָר צוטרויען צו מיר. האָט איהר? ווען זשע זייט איהר מאָרגען פריי?

— אַרום 12 אַ זייגער. — האָט ווערראַטשקא געזאָגט. — עס איז אַביסעל צו פריה פאַר זשולי, נאָר, גאַנץ גלייך, זי וועט הייסען זיך אויפוועקען און וועט ווערראַטשקאַן טרעפען אין יענער ליניע פון גאַסטיני־דוואָר, וואָס איז אַנטקעגען נעווסקי. זי איז קורצער פאַר אַלע. דאָרט קען מען לייכטער איינע די אַנדערע טרעפען און דאָרט קען קיינער זשולין ניט.

און אָט איז נאָך אַ גליקליכער געדאַנק. גיט מיר פּאַפּיר און איך וועל דעם אויסוואָרף שרייבען אַ בריעף, אום איהם אין די הענד אריין צו קריגען. זשולי האָט אָנגעשריבען: מאָסיע סטאָרעשניקאָוו, איהר געפינט זיך איצט געווים אין גרויס פערלעגענהייט; אויב איהר ווילט אַרויסקריכען פון דער צרה, זייט ביי מיר 7 אַ זייגער. „מי לע־טעליע". איצט, זייט מיר געזונד!

זשולי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, נאָר ווערראַטשקא האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן איהר אויפ'ן האַלז, און האָט געקושט און האָט געוויינט. און זשולי האָט שוין לאַנג ניט אויסגעהאַלטען — זי איז דאָך ניט געוועזן אַזוי צוריקגעהאַלטען אויף טרעהרען ווי ווערראַטשקא און שוין זעהר ריהרענד איז געוועזן די פרייד און שטאָלץ וואָס זי האָט אַ נאָבעלע טהאַט אָבגעטהאָן; זי איז אריינגעפאַלען אין התפּעלות, האָט גערעדט, האָט גערעדט מיט טרעהרען און קושען און האָט פאַר־ענדיגט מיט אַן אויסרוף:

— פריינד מיינס, ליעבעס, גוטעס קינד! זאָל דיר גאָט פאַרהיטען, דו זאָלסט קיין מאָל ניט וויסען, וואָס איך פיהל איצט, ווען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען ריהרען זיך אָן צום ערשטען מאָל אָן מיינע ליפּען ריינע ליפּען. שטאַרב, נאָר לאָז זיך ניט קושען אָהן ליעבע!

5.

סטארעשניקאווס פלאן איז ניט געווען אזוי מערדעריש, ווי מאריא אלעקסע־יעווגא האט זיך פארגעשטעלט: אויף איהר אופן האט זי צוגעגעבען דער זאך א צו גראבע פארמע, אבער דעם תוך פון דער זאך האט זי פערשטאנען. סטארעש־ניקאוו האט געמיינט שפעטער אין אבענד ארייגצופיהרען זיינע דאמען אין רעס־טאראן, וואו מען האט זיך געקליבען אבהאלטען דעם אבענדעסען; פארשטעהט זיך, זיי זיינען פארפאהרען, נאטירליך, מען דארף זיך אנווארימען, טרינקען א גלאז טהעע; ער וועט ארייגשיטען אפיום אין מאריא אלעקסעיעווגאס גלאז; וועראטשקא וועט זיך פארלירען דערזעהענדיג די מוטער א גע'חלש'טע; ער וועט וועראטשקא'ן ארייגפיהרען אין צימער, וואו דאס אבענדברויט איז סערווירט, וועט ער שוין האבען געווינען דעם וועט; וואס ווייטער וועט זיין, וועט מען זעהן. אפשר וועט וועראטשקא זיין אזוי צומישט אז זי וועט גאר ניט פארשטעהן און וועט מסכים זיין צו זיצען אין א פרעמדער געזעלשאפט, און אויב אפילו ז׳ וועט באלד אוועק, איז אויך קיין אונגליק ניט. מען וועט איהר מוחל זיין, ווייל זי איז אקארשט איצט ארויסגעטראטען אויפ'ן וועג פון אן אוואנטאריסטקע און, נאט־טירליך, שעמט זיך נאר אונטער די ערשטע צייט. נאכהער וועט ער מיט מאריא אלעקסעיעווגא שוין צורעכט קומען: וועט זיך אויסקויפען מיט געלד — עס וועט דאך איהר סאי ווי סאי גאר ניט העלפען.

נאר וואס זאל ער איצט טהאן? ער האט פארשאלטען זיין באריהמעריי פאר די חברים, זיין פארלירען זיך בעת וועראטשקא האט א קעהר געטהאן אן א זייט, און זיך געוואונשען אין דר'ערד אריין.

און אט, ווען ער איז געזעסען אזוי צוטראגען, איז געקומען זשולים בריעף און ארייגגעגאסען באלזאם אין זיין צוואווייטאגטער נשמה, און האט אריינ־געטראגען א שטראהל פון ליכט אין דער גרויסער פינסטערניש. א ברייטער וועג האט זיך דערפיהלט אונטער די פיס פון דעם וואס האט זיך געטרונקען און א טיע־פער בלאטע. א, זי וועט העלפען, זי, די קליגסטע פרוי, זי קען אלץ, אויסטראכטען די איידעלסטע פרוי! — א 10 מינוט פאר 7 א זייגער, איז ער שוין געשטאנען פאר איהר טהיר — „זיי ווארטען און האבען באפוילען אייך ארייגצולאזען" —

ווי פרעכטיג זיצט זי, ווי שטרענג קוקט זי! זי האט קוים איינגעבויגען די קאפ ענטפערענדיג אויף זיין בעגריסונג.

„זעהר צופריעדען איך צו זעהן. איך בעט איך זיצען." —

קיין איינציגער מוסקעל האט זיך ניט א ריהר געטהאן אין איהר פנים. זי וועט
שוין אוועקגעבען א סוף. עס מאכט ניט, זידעל, אבי רעטע.

„מאסיו סטארעשניק", האט זי אנגעהויבען מיט א קאלטען, לאנגזאמען טאן.
„איך איז בעקאנט מיין מיינונג איבער דער זאך, וועגען וועלכער מיר ווילען יעצט
ריידען. איך האב געזעהן די יונגע פערזאן, פון וועמען עס האט זיך געהאנדעלט
געסטערן, איך האב געהערט פון אייער היינטיגען וויזיט צו איהר, איך וויס, אלזא,
אלעס, און בין זעהר צופרידען, ווייל דאס בעפרייט מיך פון דער שווערער נויטיגקייט
ביי איך נאך עפעס אויסצופרעגען. אייער לאגע איז קלאהר אי מיר, אי איך. מיר
דאכט זיך, איהר קענט זיך פון דער אנגעלעגענהייט ניט ארויסדרעהען אהן פרעמדער
הילף, און קענט ניט ערווארטען קיין ערפאלגרייכע הילף פון קיינעם א חוץ מיר.
אויב איהר האט עפעס צו זאגען דאגעגען, זאגט; איך ווארט."

„אלזא, (נאך א שטילשווייגען) איהר דענקט, גראדע ווי איך, אז קיין אנ־
דערער א חוץ מיר איז ניט אימשטאנדע איך צו העלפען. הערט זשע אויס, וואס
איך קען און וויל פאר איך טהאן; אויב די פארגעשלאגענע הילף מיינע וועט זיך
איך ציינען גענוג, וועל איך אויסזאגען די בעדינגונגען, אויף וועלכע איך וויל זי
געבען."

און מיט דער זעלבער פילער מאס רייד און לאנגע הקדמות, האט זי געזאגט, אז
זי קען זשאן'ען שיקען א בריעף, אין וועלכען זי וועט זאגען, אז נאך דער נעכטיגער
אויפרעגונג איהרער האט זי זיך איבערגעלייגט, און וויל שוין יא אנטהייל נעהמען
אין דעם אבענד מאהלצייט, נור אזוי ווי היינטיגער אבענד איז שוין ביי איהר פער־
נומען, בעט זי זשאן'ען ער זאל איינרעדען סטארעשניקאוו'ן, ער זאל אפלייגען דעם
אבענד; וועגען דער צייט, וועט זי שוין מיט זשאן'ען שפעטער אפריידען.

זי האט דעם בריעף איבערגעלעזען, — אין בריעף האט זיך געהערט די זיכער־
הייט, אז סטארעשניקאוו וועט געווינען דעם וועט. איז דער בריעף גענוגענד? —
נעווים. אין דיזען פאל, זאגט זשולי ווייטער, וועט זי דעם בריעף אוועקשיקען אויף
צוויי בעדינגונגען:

„איהר מעגט זיי אננעהמען, אדער ניט אננעהמען—נעהמט איהר זיי אן, שיק
איך דעם בריעף; נעהמט איהר זיי ניט אן — פערברען איך דעם בריעף". אט זיינען
די בעדינגונגען: די ערשטע: איהר הערט אויף פערפאלגען די יונגע פערזאן, פון
וועלכער מיר רעדען; די צווייטע: איהר הערט אויף דערמאנען איהר נאמען אין

אייער געשפרעך."

"נור דאס! — טראכט זיך סטאַרעשניקאָוו — "איך האָב גערענקט, ווייסט דער טייוועל וואס זי וועט פאָדערן, און ווייסט דער טייוועל וואס איך וואָלט מאָקי געווען גערארפט טהאָן!"

ער איז מסכים, זיין געזיכט איז צופריעדען איבער די לייכטע בעדינגונגען, אבער זשולי ווערט ניט וויכער, און ציהט אַלץ, און ערקלעהרט אַלץ...

"דאס ערשטע — דארף מען צוליעב איהר, דאס צווייטע — אויך צוליעב איהר, אבער נאָך מעהר צוליעב איך: איך לעג אָב דעם אבענד מאָהלצייט אויף א וואָך, דערנאָך נאָך אויף א וואָך, און די געשיכטע וועט פערגעסען ווערען, אבער איהר פערשטעהט, אז אנדערע וועלען אָן איהם פערגעסען נור אין דעם פאַל, ווען איהר וועט ניט דערמאָנען קיין וואָרט פון דער יונגער פערזאָן, פון וועלכער" א. ז. וו. זי ערקלעהרט אויך און בעווייזט אפילו דאס, אז זשאָן, וועט קריגען דעם בריעף אין צייט.

"איך האָב נאכגעפרעגט, ער עסט מיטאג ביי בערמאָ'ן" א. ז. וו.

"אַלזאָ, דער בריעף ווערט געשיקט", זאָגט זי צולעצט, "איך בין גאַנץ צופריעדען. בעמיהט זיך איהם איבערצולייענען — איך פאָדער ניט קיין צוטרויען, נו, שוין איבערגעלעזען — בעמיהט זיך אַליין איהם צו פערזיגלען — אָט איז א קאָנווערט. — איך קלינג נאָך דער דיענסטמיידעל.

"פאָלינא, בעמיהט זיך איבערצוגעבען דיזען בריעף", א. ז. וו. — "פאָלינא, איך האָב זיך היינט מיט מאָסיו סטאַרעשניקאָוו'ן ניט געזעהן, ער איז דאָ ניט געווען — פערשטעהט איהר?" —

א גאַנצע שעה האָט זיך געצויגען אָט די מאַטערניש פון ראַטעווען. ענדליך איז דער בריעף געווען אוועקגעשיקט און דער געראַטעוועטער האָט פרייער אָבגעאָטעמט, אבער שוויים האָט זיך געגאָסען פון איהם עמערסווייז. און זשולי האָט גערעדט ווייטער:

אין א פערטעל שעה ארום וועט איהר דארפען לויפען א היים, כדי זשאָן זאָל אייך טרעפען. אבער א פערטעל שעה האָט איהר נאָך פרייע און איך וועל עס באַנוצען אייך צו זאָגען עטליכע ווערטער: איהר מעגט פאָלגען מיין עצה, אדער ניט פאָלגען, אבער ערנסט נאַכטראַכטען וועגען דעם זאָלט איהר. איך וועל ניט ריידען מיט אייך וועגען די פליכטען פון אן עהרליכען מאַן בנוגע צו א מיידעל, וועמעס נאָמען ער האָט געשענדעט; איך קען צו גוט אונזער אריסטאָקראַטישע יונגע לייט!

צו ערוואַרטען וועלכע עס איז נוצען פון בעטראַכטען די זייט פון דער פראַגע. איך געפין אָבער אַז חתונה האָבען מיט דער יונגער פּערזאָן וועגען וועלכע מיר ריידען דאַ, וואָלט געוועזען פאַר אייך פון גרויס נוצען. ווי אַ פרוי און אַפּענהערציגע, וועל איך אייך אויסזאָגען די מאָטיווען, פאַר וואָס איך קום צו אַזאַ שלום מיט פולער קלאָהרהייט. כאָטש אייניגע פון די מאָטיוועז וועלען אַביסעל ניט אנגענעהם אייך זיין. איבריגענס וועט זיין גענוג אייערער איין וואָרט, איך זאָל ווייטער ניט ריידען. איהר זייט אַ מאַן מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער און איהר זייט אין געפאַהר אריינצופאַלען אין די האַנד פון אַ שלעכטער פרוי, וועלכע וועט אייך מאַטערן און שפּילען מיט אייך. זי איז גוט און עדעל, און דערפאַר וואָלט זי אייך ניט בעליידיגט. חתונה האָבענדיג מיט איהר וואָלט איהר אייערע קאַריערע פאַרבעסערט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי איז פון אַ נידעריגערע אבשטאַמונג, און וואָס זי איז פיעל אָרימער ווי איהר. ווען זי זאָל זיין אריינגעבראַכט אין דער העכערער געזעלשאַפט, מיט אייערע געלד־מיטלען, און מיט איהר שעהנקייט, שכל און פעסטען כאַראַקטער, וואָלט זי דאָרט פערנומען אַ גלענצענדען אָרט; די נוצען דערפון זיינען קלאָהר פאַר יעדען מאַן. נאָר אויסער די נוצען וואָס וואָלט געהאַט יעדער אַנדער מאַן פון אַזאַ פרוי, זייט איהר, דורך די בעזונדערהייטען פון אייער נאַטור באַזונדערס אַנגעוויזען אויף דעם צו האָבען הילף פון דער זייט, איך וועל זאָגען אָפען און אַ פיהרער. מיין יעדער וואָרט איז געוואויגען; מיין יעדער וואָרט איז געגרינדעט אויף מיין בעאָבאַכטונג איבער איהר. איך פאָדער פון אייך קיין צוטרויען ניט. אָבער איך רעקאָמענדיר אייך נאָכצוטראַכטען וועגען מיין עצה. איך צווייפעל שטאַרק צו וועט זי מסכים זיין אייער פאָרשלאָג אָנצונעהמען; אָבער, אויב זי וואָלט עס געטהאָן, וואָלט פאַר אייך זעהר גוט געווען. איך פאַרהאַלט אייך מעהר ניט, איהר דאַרפט שנעל לויפען אַ היים.

6.

מאַריא אַלעקסעיעוונא האָט שוין, זעלבסטפערשטענדליך ניט געהאַט קיין טענות צו ווערַאָטשקאַן, פאַר וואָס זי האָט זיך ענטזאָגט צו פאָהרען שפּאַצירען; ווען זי האָט זיך ארומגעזעהן אַז מישקאַ נאַר איז גאָר ניט אַזאַ נאַר און אַז ער האָט כמעט איהר אַליין אָבגענאַרט. זי האָט ווערַאָטשקאַ'ן געלאָזען צו רוה און אויפ'ן צווייטען פריה מאָרגען איז ווערַאָטשקאַ גאָר אָהן שטערונג אַוועק אין נאַסטינידוואָר: „דאַ פריהרט, איך האָב ניט ליעב קיין קעלט — האָט זשולי גע־

זאָגט. מען דאַרף ווי עס איז זיך פאַרקלייבען? וואַרט א ווײלע, איך וועל באַלד זיך צוריקקעהרען פון דער קראַם".

זי האָט פאַר וועראַטשקא'ן געקויפט א דיקען שלייער. „טהוט עס אָן, דאַ־מאָלט קענט איהר פאָהרען מיט מיר אָהן שום געפאַהר. אָבער הויבט ניט אויף דעם שלייער, כל זמן מיר זיינען ניט אליין. פּאַולינא קען אפילו האַלטען א סוד, איך וויל אָבער ניט אַז אפילו זי זאָל אייך זעהן. איך היט אייך צופיעל, מיין קינד!"

אין אמת'ן איז זי אַליין געווען אָנגעטאָן אין מאַנטעל און דער הוט פון איהר דינסט אונטער א דיקען שלייער. — ווען זשולי האָט זיך אָנגעוואַרעמט און האָט אויסגעהערט אַלע נייעס פון וועראַטשקא'ן, האָט זי איהר דערצעהלט וועגען איהר צוזאַמענטרעפען זיך מיט סטאָרעשניקאָוו'ן.

— איצט, מיין ליעב קינד, איז קיין ספק ניט אַז ער וועט אייך מאַכען א פאַרשלאַג. די לייט פאַרליבען זיך ביז איבער די אויערן, ווען מען וויזט צוריק זייער תאוה. ווייסט איהר, מיין קינד, אַז איהר האָט מיט איהם געהאַנדעלט ווי אַן ערפאַהרענע קאָקעטקע? קאָקעטסטוואָ, איך מיין די אמת'ע און ניט די נאַרישע אונפעהיגע פעלשונגען: יענע זיינען עקעלהאַפט, ווי יעדע שלעכטע פעל־שונג פון א גוטער זאַך — קאָקעטסטוואָ דאָס איז שכל, טאַקט און דער צופּאַ־סען זיך פון א פרוי צו א מאַן. און דערפאַר ווירקען גאַנץ אונשולדיגע מיידלאַך ניט ווילענדיג ווי ערפאַהרענע קאָקעטקעס, אויב זיי האָבען נאָר שכל און טאַקט. עס קען זיין אז מיינע אַרגומענטען האָבען אויך געווירקט אויף איהם. אָבער הויפּט־זעכליך אייער פעסטקייט. — ווי עס זאָל ניט זיין, ער וועט אייך מאַכען א פאַר־שלאַג און איך גיב אייך אַן עצה דעם פאַרשלאַג אָנצונעהמען.

"איהר האָט מיר נעכטען געזאָגט: בעסער שטאַרבען, איידער געבען א קוש אָהן ליעבע."

"מיין ליעבעס קינד, דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין היטץ; אין מינוטען פון היטץ איז דאָס ריכטיג און גוט. אָבער דאָס לעבען איז א פשוט'ער חשבון."

"ניין, ניעמאַלס, ניעמאַלס! ער איז העסליך, דאָס איז אבשייליך! איך וועל זיך ניט ערנידעריגען, זאָלען זיי מיך אויפעסען, איך וועל זיך דורכ'ן פענסטער וואַר־פען, איך וועל געהן קלייבען נדבות... אָבער אוועקגעבען די האַנד צו א העסליכען נידעריגען מאַן — ניין בעסער שטאַרבען!"

זשולי האָט איהר גענומען ערקלעהרען וואָס איהר וועט אַרויסקומען דערפון

"איהר וועט זיך בעפרייען פון די פערפאַלגונגען פון אייער מוטער, אייך שטעהט פאַר די געפאהר צו זיין פערקויפט, ער איז ניט קיין שלעכטער, בלויז ניט קיין איבערגעשפיצטער. ניט קיין איבערגעשפיצטער און ניט קיין שלעכטער מאַן איז בעסער פון אַלע אַנדערע, פאר אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער. איהר וועט זיין די בעל הבית'טע אין הויז."

זי האָט איהר מיט העלע פאַרבען געשילדערט די לאַגע פון די אַקטריסעס, מעטרעסעס, וואָס לאָזען די מענער איבער זיך ניט הערשען אין דער ליעבע, נור זיי הערשען איבער זיי.

"דאָס איז די בעסטע לאַגע אין דער וועלט פאַר דער פרוי, ווען צו אַזאַ אונ־אבהענגיגקייט און הערשונג, ווערט נאָך פון דער געזעלשאַפט'ס זייט צוגעזעצט אַ פאָרמעלע אַנערקענונג פון געזעצליכקייט."

זי האָט גערעדט פיעל, וואָרעטשקאַ האָט גערעדט פיעל,ביידע האָבען זיך געהיצט, וועראָטשקאַ האָט ענדליך געזאָגט:

"איהר רופט מיך אָן אַ פאַנטאַזיאָרקע, איהר פרעגט מיך וואָס וויל איך פונ'ם לעבען? איך וויל ניט הערשען, איך וויל זיך ניט אונטערגעבען, איך וויל ניט אָפּנאַרען, זיך ניט מאַסקירען, איך וויל ניט קוקען אויף יענע'ס מיינונג, זיך יאָגען נאָך דעם, וואָס אַנדערע רעקאָמענדירען מיר, ווען איך אַליין דאַרף עס ניט. איך בין ניט געוואָהנט צו קיין רייכטהום — איך אַליין דאַרף עס ניט — דאַרף איך עס זוכען, נור דערפאַר, ווייל אַנדערע דענקען, אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך? איך בין ניט געווען אין דער געזעלשאַפט, און ביי מיר איז נאָך ניטאָ קיין נייגונג צו גלענצען אין דער געזעלשאַפט. וואָרום זשע זאָל איך מיט עפּעס אָפּפערען פאַר אַ גלענצענדער לאַגע נור דערפאַר, ווייל, נאָך דער מיינונג פון אַנדערע, איז עס אַנגענעהם? צוליעב דעם, וואָס איך אַליין דאַרף ניט, וועל איך ניט אָפּפערען מיט גאָר ניט, ניט ניט נור ניט מיט זיך, אפילו מיט'ן קלענסטען קאַפּריז וועל איך ניט אָפּ פערן. איך וויל זיין אונאַבהענגיג, און לעבען ווי מיר געלוסט זיך; וואָס איך אַליין ברויך, אויף דעם בין איך פערטיג. וואָס איך ברויך ניט, דאָס וויל איך ניט. וואָס איך וועל דאַרפען שפּעטער, ווייס איך ניט; איהר זאָגט: איך בין יונג, אונגעניט, און מיט דער צייט וועל איך זיך אומבייטען — נו, וואָס איז, ווען כ'וועל זיך אומ־בייטען, וועל איך זיין אומגעביטען, אבער יעצט וויל איך ניט."

"וואָס וויל איך איצט? פרעגט איהר — נו, יאָ, דאָס ווייס איך ניט. צי ווילט זיך מיר ליעבען אַ מאַנספּערזאָן? איך ווייס ניט. נעכטען אין דער פריה, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך אפילו ניט געוואוסט, אַז מיר וועט זיך געלוסטען איך ליעב צו האָבען; מיט אייניגע שטונדען פאַר דעם, וואָס איך האָב אייך אָנגעהויבען

צו ליעבען, האָב איך ניט געוואוסט, אַז איך וועל אייך ליעבען, און האָב ניט געוואוסט, ווי איך וועל פּיהלען, ווען איך וועל אייך ליעבען. אזוי ווייס איך איצט ניט, וואס איך וועל פּיהלען, ווען איך וועל ליעבען אַ מאַנספּערזאָן, איך ווייס נור, אַז איך וויל זיך קיינעם ניט אונטערגעבען, איך וויל זיין פריי. איך וויל קיינעם פּאַר קיין זאַך ניט זיין דאַנקבאַר, אום קיינער זאָל ניט וואַגען זאָגען צו מיר: דו מוזט פאר מיר עפּעס טהאָן! איך וויל טהאָן נור דאס, וואס איך וועל וועלען, און זאָלען אַנדערע טהאָן דאס זעלבע. איך וויל פון קיינעם גאָר ניט פאָדערן, איך וויל ניט שטערען קיינעם'ס פרייהייט, און אליין וויל איך אויך זיין פריי.“

זשולי האָט זיך צוגעהערט און זיך פערטראַכט, פערטראַכט און יעדעס מאָל רויט געוואָרען.

”אזוי, קינד מיינס, אזוי!“ — האָט זשולי אויסגערופען. — ”איך וואָלט אליין אזוי געפּיהלט, ווען איך זאָל ניט זיין אויסגעלאַסען. ניט מיט דעם בין איך אויסגעלאַסען, מיט וואס אַ פרוי ווערט אָנגערופען אַ פערפאַלענע, ניט דערמיט בין איך אויסגעלאַסען, וואס מיין קערפּער איז איבערגעגעבען געוואָרען צו שאַנדע, נור דערמיט, וואס איך בין צוגעוואָהנט געוואָרען צו ליידיגגעהעריי, צו לוקסוס, בין ניט איז מיין אויסגעלאַסענהייט. הער ניט וואס איך האָב דיר אָנגערעדט, מיין קינד: בכח צו לעבען פון זיך אליין, איך נויטיג זיך אין די הילף פון אנדערע, — אָט דאס איך האָב דיר טמא געמאַכט. אָט דאָס איז דער אונגליק: איך קען זיך ניט צוריהרען צו ריינקייט, ניט פאַרשמוצענדיג עס. אַנטלויף פון מיר, קינד מיינס, איך בין אַ שלעכטע פרוי — טראַכט ניט פון דער וועלט! דאָרטען זיינען אַלע העסליך, נאָך ערגער פון מיר; וואו ליידיגגעהעריי, דאָרט איז העסליכקייט, וואו לוקסוס, דאָרט איז העסליכקייט! — אַנטלויף, אַנטלויף!

.7

סטאָרעשניקאָוו האָט אָפּטער און אָפּטער גענומען דענקען: פאַר וואס זאָל איך טאַקי, ווירקליך, ניט נעהמען און חתונה האָבען מיט איהר? מיט איהם האָט פּאַסירט אַ זעהר געוועהנליכער פּאַל אין לעבען, ניט נור פון אַזעלכע ניט־זעלבסטשטענדיגע מענשען, נור אַפילו אין לעבען, פון שטאַרקערע כאַראַקטערע. אַפילו אין דער געשיכטע פון די פעלקער זיינען דאָ אַזעלכע פּעלע, ווי מען קען לעזען אין די ביכער פון יום, גיבבאָן, ראַנקע און טיעררי. די מענשען שטופּען זיך אין איין זייט, נור דערפאַר, ווייל זיינען איינגעוואָהנט צו געהן אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג. פּרובירט זיי זאָגען די ווערטער: „אנו, ברידער, פּרובירט זיך נור שטופּען אין דער

אנדערער זייט!" — זיי וועלען הערען, וועלען נעהמען זיך אויסדרעהען רעכטס, און דאַן זיך טאַקי שטופּען אין דער אַנדערער זייט.

סטאַרעשניקאָוו האָט געהערט און געזעהן, אז די רייכע יונגע לייט קריגען פאַר זיך שעהנינקע, ארימע מיידלעך אלס ליעבהאָבערינס, האָט ער פּרובירט מאַכען ווערקאַטשקאַ'ן פאַר זיין ליעבהאָבערין. קיין אַנדער וואָרט איז איהם אין קאָפּ ניט געקומען. האָט ער נור דערהערט אַן אַנדער וואָרט: "מען מעג חתונה האָבען" — האָט ער גענומען דענקען פון דאס וואָרט "ווייב", ווי ער האָט פריהער געטראַכט פון דעם וואָרט "ליעבהאָבערין".

דאָס איז אַ געמיינשאַפטליכער שטריך, דורך וועלכען סטאַרעשניקאָוו האָט מיט זיין פּערזענליכקייט פאַרגעשטעלט ניין צעהנטעל פון דעם כלל פון דער מענשהייט. די היסטאָריקער און די פּסיכאָלאָגען זאָגען, אז אין יעדען בעזונדערען פאַקט, ווערט די געמיינשאַפטליכע אורזאַכע אינדיווידואַליזירט דורך די לאָקאַלע, צייטליכע, פּערזענליכע און ראַסען עלעמענטען און אז טאַקי נור זיי, די בעזאַנדערע עלעמענטען זיינען וויכטיג, לאָמיר אַלזא ריידען פון דיזען בעזונדערען פאַל.

דאס וויכטיגסטע האָט שוין זשולי געזאָגט. (גלייך זי וואָלט געלעזען די רוסישע ראָמאַנען, וועלכע דערמאַנען דאס אַלעס!): ווידערשטאַנד צוהיצט נאָך מעהר דעם וואונש. סטאַרעשניקאָוו האָט זיך איינגעוואָהנט צום געדאַנק ווי ער וועט "בעזיצען" ווערקאַטשקאַ'ן. גראַדע, ווי זשולי, האָב איך ליעב גראָבע זאַכען אָנצורופען מיט די ווירקליכע נעמען פון דער איינפאַכער שפּראַך, אויף וועלכער מיר כמעט אַלע, רעדען. סטאַרעשניקאָוו האָט זיך שוין זייט עטליכע וואָכען אַלץ פאַרגעשטעלט ווערקאַטשקאַ'ן אין אַלערליי פּאָזעס, און איהם האָט זיך געגלוסט, אז דיעזע בילדער זאָלען פערווירקליכט ווערען. האָט זיך גאַר ארויסגעשטעלט, אז זי וועט זיי ניט פערווירקליכען אין דער ראָלע פון א ליעבהאבערין, — נו זאָל זי זיי פערווירקליכען אין דער ראָלע פון א ווייב. אַלץ איינס, דער עיקר איז ניט די ראָלע, נור די פּאָזע, דאס הייסט דאס בעזיצען.

אָך, שמוץ! אָך שמוץ! — "בעזיצען" — ווער וואגט צו בעזיצען א מענשען? מען בעזיצט א כאַלאַט, א פּאאר פּאַנטאָפעל, אָבער וואס זאָג איך? כמעט יעדער פון אונז, מענער, בעזיצט איינע פון אייך, מיינע שוועסטער, אבער זייט איהר דען אונזערע שוועסטער?... איהר זיינט אונזערע לאָקייען! איינִיגע פון אייך, פּיעלע — הערשען איבער אונז — דאס מאַכט ניט: פּיעלע לאָקייען הערשען דאָך אמאָל אויך איבער זייערע הערען.

די געדאַנקען איבער די פּאָזעס האָבען זיך אין סטאַרעשניקאָוו צושפּיעלט

נאָכ'ן טהאטער מיט אזא קראפּט, ווי נאָך קיין מאָהל ניט. צייגענדיג זיינע פריינד די ליעבהאבערין וועלכע ער האָט זיך איינגעדענקט אז ער האָט שוין, האָט ער דער־זעהען, אז די ליעבהאבערין איז פּיעל בעסער ווי ער האָט געדענקט. די שעהנהייט, ווי דער פערשטאַנד און ווי יעדע אנדערע מעלה, ווערט פון דער מאיאריטעט פון מענשען נור אבגעשאצט לויט דער אלגעמיינער מיינונג. יעדער זעהט, אז דאס שעהנע געזיכט איז שעהן, אָבער ביז וועלכען גראד דאס איז שעהן, קען מען דען דאס בעשטימען, ביז די שטופּע איז ניט בעשטימט דורך א דיפּלאָם. ווראַטשקאַ'ן האָט מען אויף דער גאַלעריע, אדער אין די שטולען פון די לעצטע רייען גאר ניט בעמערקט; נור ווען זי איז ערשיענען אין דער לאָזשע פון צווייטען גאַרן, האָט מען אויף איהר אָנגעשטעלט פּיעלע גלעזלעך, און ווי געלויבט האָט מען זי פאר סטאַרעשניקאָוו'ן! און סערזש? אָך, דער מאן מיט'ן עדעלסטען געשמאַק! און זשולי? — ניין, ניין אז ס'קומט שוין יא אָן אזא גליק, איז ניטאָ וואס איבערצו־

קלעהרען אונטער וועלכען נאָמען איהם צו „בעזיצען".

זיין איינגעליעבע איז אויפגערייצט געווארען צוזאמען מיט דער תאוה. ער האָט זיך דערמאָנט וואס זשולי האָט צו איהם געזאגט: — "זי וועט קיים ייעלען הייראטען מיט איך" — וואס? ניט הייראטען מיט איהם, אין אזא מונדיר, און מיט אזא הויז? ניין, זי וועט הייראטען! אָט וועסטו זעהן!"

עס איז געוועזן נאָך א זאך וואס האָט איהם גערייצט: סטאַרעשניקאָוו'ס מוטער וועט, געוויס אויך זיין געגען דער חתונה. און ביז איצט האָט סטאַרעשניקאָוו אביסעל געציטערט פאר דער מאמען, און צו זיין אבהענגיג פון איהר איז געוויס אויך ניט לייכט געוועזן. און יעצט האָט איהם גענומען קלאפּען דער געדאַנק: "איך האָב ניט מורא; איך האָב א כאראקטער".

א חוץ דעם איז נאָך געוועזן א וואונש דורך א שעהנע ווייב זיך א רוקצוטהון אין דער וועלטליכער קאַריערע.

מיט איין וואָרט, סטאַרעשניקאָוו האָט יעדען טאָג אלץ שטאַרקער געדענקט צו הייראטען, און אין א וואָך ארום, ווען מאריא אלקסעיעוונא איז אהיים געקומען שפּעט פון קלויסטער, און איז געזעסען און האָט געקלעהרט, ווי איהם צו פאנגען, איז ער אליין ערשיענען צו מאכען א פאָרשלאג. ווראַטשקא איז ניט ארויסגעקו־מען פון איהר צימער, ער האָט נור געקענט רעדען מיט מאריא אלעקסעיעוונא.

מאריא אלעקסעיעוונא האָט, נאַטירליך, געזאגט, אז פון איהר זייט האַלט זי עס א גרויסען כבוד, נור, אַלס ליעבענדע מוטער, מוז זי אויסגעפינען דער טאָכטערס מיינונג, און בעט איהם געדיגסט צו קומען מאָרגען פריה נאָך אָן אנטווארט.

"א דורכגעטריבענע, די מויד מיינע, ווערקא, האָט צום מאן געזאגט מאריא

אלעקסעיעוונא. "בעטראכט נור, ווי זי האט דעם בחור אריינגעכאפט אין די הענד אריין! און איך האב געטראכט, געטראכט און האב ניט געוואוסט ווי א דרעה צו טהון זיך! האב געדענקט ס'וועט מיר שווער אנקומען איהם ווידער צו פערדרעהען דעם קאפ. האב געדענקט, אז די געשיכטע איז שוין אין גאנצען איבערגעפיהרט, און זי, טייבעלע, האט ניט איבערגעפיהרט, נור צו א גוטען סוף צוגעפיהרט, — זי האט געוואוסט, ווי צו האנדלען. יא, א חיטרע, ניטא וואס צו רעדען".

"גאט גיט שכל די קליינע קינדער", האט אויסגערעדט פאוועל קאנסאטניניטש.

אין היימישען לעבען האט ער זעלטען ווען געשפיעלט א ראלע. נאר מאריא אלעקסעיעוונא איז געווען א פרוי וואס האט ליעב געהאט צו אנערקענען די רעבטען פון פאטער אנצוזאגען זיין טאכטער וועגען א הייראטס-פארשלאג. זי וועט דעם מאן אפגעבען די עהרע־ראלע, וועלכע קומט מיט רעכט דעם קאפ און הערשער פון דער פאמיליע. פאוועל קאנסטאנטיניטש און מאריא אלעקסעיעוונא האבען זיך אנידער געזעצט אויף דער סאפע און האבען מאטראנען געשיקט בעטען די פריילין גנעדיסט צו קומען צו זיי.

"ווערא," האט פאוועל קאנסטאנטיניטש אנגעפאנגען, "מיכאאיל איוואניטש מאכט אונז די עהרע, און בעט דיין האנד. מיר, אלס ליעבענדע עלטערן, האבען געענטפערט, אז נויטהען וועלען מיר דיך ניט, אבער מיר אליין זיינען צופריעדען. דו, אלס א גוטע און געהארכזאמע טאכטער, ווי מיר קענען דיך פון אימער, וועסט זיך פערלאזען אויף אונזער שכל. מיר האבען אפילו קיינמאל ניט געוואגט ביי גאט צו בעטען אזא גוטען חתן. ביזטו מסכים? ווערא?"

ווערא האט א וויילע געשוויגען. נאכהער האט זיך ביי איהר פון הארצען ארויסגעריסען דאסווארט "ניין!"

"וואס זאגסטו, ווערא?" האט א געשריי געטהאן פאוועל קאנסטאנטיניטש. די אנגעלעגענהייט איז געווען אזוי קלאהר, אז ער האט געמעגט שרייען, ניט אנפרעגענדיג זיך ביי דער ווייב ווי צו האנדלען.

"ביזט פון זינען אראב, נאר? וואג דאס צו זאגען נאך אמאל, דו חוצפה'ניצע!" האט מאריא אלעקסעיעוונא גענומען שרייען, אויפשטעהענדיג מיט די פויסטען צו דער טאכטער.

"ערלויבט נור, מאמע," האט ווערא געזאגט אויפשטעהענדיג. "אויב דו ריהרסט מיך אן, געה איך אוועק פון הויז; פערשליסטו מיך, ווארף איך זיך ארויס דורכ'ן פענסטער. איך האב געוואוסט ווי דו וועסט אננעהמען מיין ענטזאגונג, און האב בעקלעהרט, וואס צו טהאן. זעץ זיך, און בלייב זיצען, אויב ניט געה איך ארויס."

מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך צוריק געזעצט. ס'אַרא נארישקייט, פארגעסען די פעדערשטע טיהר צו פערשליעסען אויף'ן שלאס!

"איך וועל מיט איהם ניט הייראטען. אהן מיין ווילען וועט מען קיין חתונה ניט מאכען."

"ווערא, דו ביסט פון זינען אראב, האט געזאגט מאריא אלעקסעיעוונא מיט א פערשטיקטער שטימע.

"ווי קען דאס זיין, וואס זשע וועלען מיר איהם מארגען ענטפערן?" האט דער פאטער געזאגט.

"איהר זייט ניט שולדיג, ווען איך וויל איהם ניט."

די סצענע האט געדויערט א צוויי שטונדען. מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך שטארק געקאכט. א צוואנציג מאל האט זי געגומען שרייען, האט צוזאמען געדריקט די פויסטען אבער ווראטשקא האט אלץ געזאגט: "שטעה ניט אויף, אז ניט געה איך אוועק". מען האט גערעדט, זיך געאמפערט און זיך צו גאר ניט דערשלאגען. עס האט זיך געענדיגט מיט דעם, וואס מארטאַנא איז אריינגעקומען און האט גע־פרעגט, צי זאל זי דערלאנגען דעם מיטאג. דער פיראג איז שוין איבערגעשטאנען.

"בערעכען זיך ביז'ן אווענד, ווערא, בערעכען זיך, נאר!" האט געזאגט מאריא אלעקסעיעוונא, און האט מאטראנא'ן עפעס א שעפטשע געטון אין אויער אריין.

"מאמע, דו ווילסט מיר עפעס אפטהאן, ארויסנעמען דעם שליסעל פון מיין טיהר, אדער עפעס אנדערש, טהו גאר ניט. דו וועסט ערגער מאכען".

מאריא אלעקסעיעוונא האט געזאגט דער קעכין: "מען דארף ניט". — ס'א חיה דאס איז, די ווערקא! ער זאל איהר ניט וועלען פאר איהר צורה, וואלט מען זי געדארפט צובלוטיגען, אבער איצט ווי קען מען זי גאר אנריהרען? זי וועט זיך מיאוס מאכען, די פערפלוכטע!"

מען איז געגאנגען מיטאג עסען. מען האט געגעסען שווייגענדיג. נאכ'ן מיטאג איז ווראטשקא אוועק צו זיך אין צימער. פאוועל קאנסטאנטיניטש, האט זיך ווי געוועהנליך צוגעלעגט. אבער עס איז איהם ניט געלונגען. קוים האט ער אנגעהויבען דרעמלען, איז אריין מאטראנא און געזאגט אז דער אייגענטהימערינס דיענער איז געקומען; די אייגענטהימערין פון דער הויז בעט, אז פאוועל קאנסטאנטיניטש זאל באלד קומען צו איהר. מאטראנא האט אין גאנצען געציטערט ווי א בלאט.

צו וואס האט זי געדארפט ציטערן?

8.

און ווי זאל זי ניט ציטערן אז דורך איהר, דורך איהר לאנגע צונג איז ארויס דער גאנצער אונגליק? עס האט זיך איהר געדארפט אויסריידען פאר דער פרוי פון דעם קוכער פון סטארעשניקאוו'ס מוטער אז „אייער הערר האט א שידוך גע־

טהאָן מיט אונזער פֿריילײן”. באלד האבען עס געוואוסט אלע דיענסטען און אײנע פון זײ איז געלאָפען אָנזאָגען די נײעס צו אָנאַ פּעטראָווגא, סטארעשניקאָוו’ס מוטער.

אנא פּעטראָוונא האָט געאויקעט, געאויקעט, צוויי מאָל אין חלשות געפאלען און האָט געשיקט נאָך’ן זוהן. דער זוהן איז געקומען.

”מישעל, איז דאס אמת, וואס איך הער?“ (מיט א טאָן פון כעס און צער)

”וואָס האָסטו געהערט, מאַמאַ?“

”אז דו האָסט געמאכט א פאָרשלאָג דער... דער... טאָכטער פון אונזער פערוואלטער?“

”יא, מאַמאַ.“

”ניט אָנפרעגענדיג דער מאַמע’ס מײנונג?“

”איך האָב געוואָלט בעטען דײן צושטימונג נאָכדעם, ווי איך וועל קריגען איהר’ס“.

”איך דענק, אז אין איהר אײנווילליגונג האָסטו געקענט זײן מעהר פערזיכערט, ווי אין מײנער.“

”מאַמאַ, הײנט איז אזוי די מאָדע, אז פריהער פרעגט מען בײ דער מײדעל, און דאַן זאָגט מען שוין די עלטערן.“

”איז עס אזוי, לויט דײן מײנונג? עס קען זײן, אז לויט דײן מײנונג איז אָנגענומען, אז די זיהן פון שעהנע פאמיליען זאָלען חתונה האָבען גאָט ווײסט מיט וועמען, און די מאַמעס מוזען אײנווילליגען דאַרויף?“

”זי, מאַמאַ, איז ניט א גאָט־ווײס־ווער; ווען דו וועסט זי דערקענען, וועסטו בעשטעהן אויף מײן אויסוואהל.“

”ווען איך וועל זי דערקענען! — איך וועל זי קײן מאָל ניט דערקענען! בעשטעהן אויף דײן אויסוואהל! — איך פערבאָט דיר יעדען געדאַנק וועגען דיזען אויסוואהל! הערסט, כ’פערבאָט דיר!“

”מאַמאַ, ס’פיהרט זיך שוין ניט אזוי; איך בין קײן קלײן אינגעל ניט, וואָס דו דאַרפסט מיך פיהרען בײ דער האַנד. איך ווײס אלײן, וואו צו געהן.“

”אָך!“ אננא פּעטראָוונא האָט פערדעקט די אויגען.

פאר מאריא אלעקסעיעוונא’ן, זשולי’ן און וועראָטשקא’ן פלעגט מיכאאיל איוואנאָוויטש בטול ווערן, אָבער דאָס זײנען געווען דאָך פרויען מיט שכל און כאַראַקטער; און דאָ, וואָס אָנבעטרעפט שכל, איז די שלאַכט א גלײכע, און אויב אפילו כאַראַקטער האָט די מאַמע א ביסעל מעהר, האָט אָבער דערפאַר דער זוהן א פעס־

טען באַדען אונטער די פּיס; ביז איצט האָט ער מורא געהאַט פאַר דער מאַמע’ן בלויז אויס געוואָהנהייט, אָבער זיי ביידע האָבען גוט געדענקט, אז אין דער ווירקליכקייט איז זי ניט די בעל הבית’טע נור דעם בעל הבית’ס מוטער, ניט מעהר. דער בעל הבית איז ער. דערפאַר טאַקע האָט די מוטער זיך ניט געאיילט מיט’ן ענטשלאָסענעם וואָרט „איך פערבאָט“, האָט געצויגען דעם געשפּרעך, האָפענדיג אַרונטער צו קלאַפּען און מיעד מאַכען דעם זוהן, נאָך איידער עס וועט קומען צו דער אמת’ער שלאַכט. אָבער דער זוהן איז שוין אַוועק אַזוי ווייט, אַז אומקעהרען זיך האָט מען שוין ניט געקענט, און ער האָט זיך שוין געמוזט האַלטען פעסט.

"מאַמאַ, איך פערזיכער איך, אַז קיין בעסערע טאָכטער וואָלט איהר ניט געקענט האָבען."

"רצח! מוטער־מערדער!"

"מאַמאַ, לאָמיר זיך דורכרעדען קאַלטבלוטיג. פריהער אָדער שפּעטער מוז מען דאָך הייראַטען און אַ פערהייראַטער מאַן מוז האָבען אַ גרעסערע הוצאה ווי אַן אונפערהייראַטער. איך וואָלט דאָך געקענט הייראַטען אַזעלכע, וואָס אַלע הכנסות פון הויז וואָלטען אַוועקגעגאַנגען אויף מיין ווירטהשאַפט. אָבער זי וועט זיין אַ געהאָרכזאַמע שנור, און מיר וואָלטען געקענט בלייבען וואָהנען מיט דיר, ווי ביז אַהער."

„רצח! מערדער! אַוועק פון מיינע אויגען!“

"מאַמע, זייט ניט בייז! איך האָב זיך מיט קיין שום זאַך ניט פאַרזינדיגט".

"האָט חתונה מיט אַזאַ גאָר ניט, און איז נאָך ניט שול־יג".

"נו, איצט, מאַמע געה איך אַליין אַוועק. איך וויל ניט, אַז מען זאָל זי פאַר מיר אָנרופען מיט אַזעלכע נעמען".

מערדער! אַנאַ פּעטראָוונאַ איז געפאַלען אין חלשות, און דער זוהן איז אַוועק געגאַנגען, צופריעדען מיט דעם, וואָס ער האָט בראַוו אויסגעהאַלטען די ערשטע סצענע, וועלכע איז וויכטיגער פון אַלע.

זעהענדיג, אַז דער זוהן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אַנאַ פּעטראָוונאַ אויפגעהערט צו חלש’ן, דער זוהן דרעהט זיך בעשטימט אַרוים פון די הענד! אַלס ענטפער צו "איך פערבאָט!" ערקלעהרט ער, אַז דאָס הויז געהערט צו איהם! אַנאַ פּעטראָוונאַ האָט געקלעהרט, געקלעהרט האָט אויסגעגאָסען איהר ביטער האַרץ פאַר דער עלטסטער קאַמער מערכען וועלכע האָט אין דיעזען פאַל אין גאַנצען געטהיילט מיט דער בעל הבית’טע די געפיהלען פון פעראַכטונג צו דער טאָכטער פונ’ם פערוואַלטער, האָט מיט איהר אָן עצה געהאַלטען און געשיקט נאָכ’ן פערוואַלטער.

"ביז איצט בין איך זעהר געווען צופריעדען מיט אייך, פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש; אָבער איצט קענען די אינטריגען, אין וועלכע איהר האָט פיעלייכט קיין

אנטהייל ניט גענומען, מיך צווינגען זיך מיט אייך צו קריעגען“.

“אייער עקכעלענץ, איך בין אין דעם גאר ניט שולדיג, גאט איז אן עדות“.

“מיר איז שוין פון לאנג בעוואוסט, אז מיין זוהן שלעפט זיך נאך אייער טאכטער. איך האב איהם ניט געשטערט, ווייל א יונגער מאן קען דאך ניט לעבען אהן צושטרייאונג. איך שמייכעל צו צו די שפיעלערייען פון די יונגע לייט. אבער איך וועל ניט דערלאזען אזא ניעדריגען שידוך פאר מיין משפחה. ווי האט גאר אייער טאכטער געוואגט זיך אין קאפ ארייננעהמען אזעלכע אויסזיכטען?“

“אייער עקסעלענץ, זי האט ניט געוואגט צו האבען אזעלכע אויסזיכטען. זי איז א געהארכזאמע מיידעל, מיר האבען זי ערצויגען מיט דרך ארץ“.

“וואס מיינט איהר דערמיט צו זאגען?“

“זי, אייער עקסעלענץ, וועט קיין מאל ניט וואגען צו געהען געגען אייער ווילען“.

אנא פעטראוונא האט איהרע אויערען ניט געגלויבט. איז עס מעגליך, אין אמת'ן, אזא גליק?

“איהר דארפט שוין וויסען מיין ווילען... איך קען ניט צושטימען צו אזא מאדנעם, מען קען זאגען, ניט קיין גלייכען שידוך“.

“מיר פיהלען דאס, אייער עקסעלענץ, און וועראטשקא פיהלט דאס. זי האט טאקי אזוי געזאגט: “איך וואג ניט דער'רוגז'ן, זאגט זי, זייער עקסעלענץ“.

“ווי אזוי דען האט דאס פאסירט?“

“אזוי איז דאס געווען, אייער עקסעלענץ: אייער זוהן האט אויסגעדריקט זיין וואונש פאר מיין ווייב, און מיין ווייב האט געזאגט, אז זי וועט איהם גאר ניט זאגען ביז מארגען אין דער פריה, און איך מיט מיין פרוי האבען בדעה געהאט, אייער עקסעלענץ, צו ערשיינען פאר אייך, און אייך אלעס מיטטהיילען, ווייל איצט, אזוי שפעט, האבען מיר ניט געוואגט צו בעאונרוהיגען אייער עקסעלענץ. און ווען אייער זוהן איז אוועקגעגאנגען, האבען מיר געזאגט וועראטשקא'ן, אז זי זאגט עס אזוי: איך בין מיט אייך, פאפעניו און מאמעניו, גאנץ איינפער־שטאנען, אז מיר דארפען אפילו ניט דענקען דערפון“.

“איז זי דאך טאקע א קלוגע און עהרליכע מיידעל“.

“געוויס, אייער עקסעלענץ, א געהארכזאמע מיידעל!“

“נו, עס פרעהט מיך זעהר, אז מיר קענען פערבלייבען גוטע פריינד. איך וועל אייך דערפאר בעלוינען. אט טאקי גלייך בין איך פערטיג צו בעלויגען. אויף דער פאראדנער טרעפ, וואו דער שניידער וואהנט, איז דאך די וואהנונג אויפ'ן צווייטען גארען לעדיג?“

"אין דריי טעג ארום ווערט זי פריי, אייער עקסעלענץ".

"נעהמט זי פאר זיך. איהר מעגט אויסגעבען ביז 100 רובעל אויפ'ן אויספוצען איהר. דאס געהאלט וועל איך אייך פערגרעסערען אויף 240 רובעל א יאהר".

"ערלויבט מיר צו בעטען דאס הענטעלע פון אייער עקסעלענץ !"

"גוט, גוט ; — טאטיאנא ! (ס'איז אריין די עלטסטע קאמערמערכען) געפין מיר מיין בלויען זיידענעם פאלטא. דאס שענק איך אייער פרוי. ער קאסט 150 רובל, (85 רובעל) איך האב איהם נור צוויי מאל (מעהר ווי 20 מאל) אנגעטהון ! דאס שענק איך אייער טאכטער".

אנא פעטראוונא האט דעם פערוואלטער דערלאנגט א זעהר קליינעם פרויען זייגער. איך האב פאר איהם בעצאהלט דריי הונדערט רובעל, איך קען בעלויגען, און וועל אייך שפעטער ניט פערגעסען".

האבענדיג אוועקגעשיקט דעם פערוואלטער, האט אנא פעטראוונא ווידער א רוף געטהאן טאטיאנא'ן.

"רופט מיר אריין מיכאאיל איוואנאוויטש'ן, — ניין, איך וועל בעסער אליין געהען צו איהם. זי האט מורא געהאט, אז די שליח'טע זאל דערוויילע ניט איבער־געבען דעם זוהן'ס לאקיי, און דער לאקיי וועט איבערגעבען דעם זוהן דעם אינהאלט פון דעם פערוואלטערס מיטטהיילונג, דאן וועט דער עפעקט זיך אויסוועפען, און ס'וועט דעם זוהן פון איהרע ווערטער שוין ניט אזא שלאג טהון אין דער נאז אריין.

סטארעשניקאוו איז געלעגען און האט זיך גאנץ צופריעדען נעדרעהט די וואנצען.

"צו וואס איז זי געקומען אהער ? כ'האב דאך דא ניט קיין חלשות־טראפענס" האט ער געטראכט, ביים ערשיינען פון דער מוטער. אבער ער האט אויף איהר פנים דערזעהן דעם שטאלץ פון נצחון.

זי האט זיך אנידער געזעצט און געזאגט :

"זעץ זיך, מיין זוהן, און מיר וועלען זיך דורכרעדען".

און לאנג האט זי אויף איהם געקוקט מיט א שמייכעל. ענדליך האט זי אויס־געשפראכען : — "איך בין זעהר צופריעדען, מיין זוהן, טרעף, מיט וואס איך בין צופריעדען ?"

"איך וויים ניט וואס צו דענקען, מאמע ; דו רעדסט אזוי זאנדערבאר"....

"דו וועסט זעהען, אז עס איז גאר ניט זאנדערבאר ; טראכט אביסעל, פיליכט וועסטו פארט טרעפען".

וויטער א לאנגער שווייגען. ער זוכט אין די געדאנקען און זי קוועלט אן פון

נצחון.

"דו קענסט ניט טרעפען, — איך וועל דיר זאגען, דאס איז זעהר איינפאך און נאטירליך; אויב דו זאלסט האבען א פונק פון ערדלען געפיהל, וואלסטו געטראפען. דיין ליעבהאבערין, — אין פריהעריגען געשפרעך האט אנא פעטראוונא פארזיכטיג מאנעווירט, איצט האט מען שוין ניט געדארפט קיין פארזיכטיגקייט: פונ'ם שונא איז שוין צוגענומען דאס מיטעל זי צו בעזיעגען, — דיין ליעבהאבערין, — פראטעסטירט ניט געגען דעם נאמען. דו האסט אליין אומעדום צופויקט, אז זי איז דיין ליעבהאבערין, דיזע פעראכטעטע בעשעפעניש... דיזעס וועזען פון נידעריגער אבשטאמונג, נידעריגער ערציהונג, נידעריגער אויפפיהרונג.

"מאמע, איך וויל ניט הערען אזעלכע אויסדריקע וועגען דער מיידעל, וואס וועט זיין מיין פרוי".

"איך וואלט זיי טאקי ניט געברויכט, ווען איך זאל רענקען, אז זי וועט זיין דיין פרוי. אבער איך האב טאקי אנגעפאנגען מיט דעם צוועק, אום דיר צו ערקלעהרען, אז דאס קען ניט זיין, און ווארום עס קען ניט זיין. לאז זשע מיך ענדיגען. איך וויל זאגען, אז דיין ליעבהאבערין, דאס וועזען אהן א נאמען, אהן ערציהונג, אהן אויפפיהרונג, אהן געפיהלען — אפילו זי האט דיך פערשעהמט, אפילו זי האט פערשטאנען די אונאנשטענדיגקייט פון דיין פערלאנג"...

"וואס, וואס, מאמע? זאג זשע!"

"איך האב געוואלט זאגען, אז אפילו זי — פערשטעהסט, אפילו זי! — האט געקענט פערשטעהען און אבשעצען מיינע געפיהלען, אפילו זי! ווען זי איז געוואהר געווארען פון איהר מוטער, וועגען דיין פארשלאג, האט זי געשיקט דעם פאטער מיר זאגען, אז זי וועט ניט געהן געגען מיין ווילען, און וועט ניט פארשעהמען אונזער משפחה מיט איהר פערפלעקטען נאמען".

"מאמא, איהר נארט מיך?"

"צו אונזער ביידענס גליק, ניין. זי זאגט, אז"...

אבער סטארעשניקאוו איז שוין ניט געוועזען אין צימער, ער האט שוין געהאלטען אין ארויסווארפען דעם מאנטעל.

"האלט איהם, פיאטר, האלט איהם!" האט אנא פעטראוונא געשריען צום דינער. פיאטר האט געעפענט דאס מויל פון אזא אויסערגעוועהנליכען בעפעהל, אבער סטארעשניקאוו איז שוין געלאפען אויף די טרעפ.

9.

"נו, וואס הערט זיך?" האט מאריא אלעקסיעוונא געפרעגט ביים אריינגעקומענעם מאן.

"אויסגעצייכענט, מאמעלע;" זי איז שוין געוואָהר געוואָרען און זאָגט: ווי וואַגט איהר? און איך זאָג: מיר וואַגען טאַקי נים, אייער עקסעלענץ, אין ווערראַטשקאַ אפילו האָט אויך ענטזאָגט.

"וואָס? וואָס? אזוי דאָסטו פון נאַרישקייט אַ בורטשע געטאָהן, דו עזעל?"

"מאַריא אַלעקסעיעווּנאַ"...

"עזעל! פאַדלעץ! דער'הרג'עט זאָלסטו ווערען! נאַזשע דיר!" — דער מאַן האָט געקראָגען אַ פאַטש.—"נא זשע דיר! — נאָך אַ פּראַסק. — "אַט אזוי דאַרף מען דיך לערנען, דעם נאַר!"

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און איהם גענומען שלעפּען. די לעקציאָן האָט געדויערט ניט ווייניג צייט, ווייל ווען סטאָרעשניקאָוו איז אָנגעקומען אין צימער, האָט ער געפונען מאַריא אַלעקסעיעווּנאַ'ס לעקציאָן נאָך אין פולען גלאַנץ.

"עזעל, אפילו די טהיר האָט ער ניט פערמאַכט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע, פרעמדע מענשען געפינען אונז! וואָלסט זיך כאָטש שעהמען, שווייַן איינער!" האָט זיך מאַריא אַלעקסעיעווּנאַ אָבגערופען.

„וואו איז ווערא פּאַוולאָווּנאַ? איך דאַרף זעהן ווערא פּאַוולאָווּנאַ'ן, טאַקי באַלד. איז עס מעגליך אַז זי ענטזאָגט?" האָט געפרעגט סטאָרעשניקאָוו.

די אומשטענדען זיינען געווען אַזוינע שווערע, אַז מאַריא אַלעקסע־יעווּנאַ האָט אַזש אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט נאַפּאָליאָנען נאָך דער וואַטערלאָאער שלאַכט, ווען דער מאַרשאַל גרושי האָט בעוויזען, אַז ער איז נאַריש, ווי סטאָרעשניקאָוו, און לאַפאַיעט האָט גענומען פּרעך ווערען ווי ווערראַטשקאַ. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געמאַטערט, געמאַטערט, האָט בעווי־זען וואונדערס פון קונסט,—און איז געבליבען מיט גאָרנישט, און האָט נור גע־קענט אַ מאַך טהאָן מיט דער האַנד און זאָגען: איך זאָל זיך אָפּ פון אַלץ, זאָל טאָהן ווער עס וויל, וואָס ער וויל, מיט זיך און אויך מיט מיר.

"ווערא פּאַוולאָווּנאַ! איהר ענטזאָגט מיר?"

"אורטהיילט אַליין, צו קען איך איך ניט ענטזאָגען."

"ווערא פּאַוולאָווּנאַ! איך האָב אייך גרויזאַם בעליידיגט, איך בין שולדיג, און בין ווערטה בעשטראָפט צו ווערען, אָבער איך קען אייער ענטזאָגונג ניט אריבערטראָגען."

ווערראַטשקאַ האָט צוגעהערט עטליכע מינוטען; ס'איז דאָך ענדליך שוין צייט צו מאַכען אַן ענדע—ס'איז שווער.

ניין, מיכאַאיל איוואַניטש, גענוג; הערט אויף. איך קען ניט בעשטעהן".

„אויב אזוי, בעט איך אייך איין זאך: רחמים. איצט איז נאך אין אייך פריש דער געפיהל פון מיין בעליידיגונג... גיט מיר איצט ניט קיין ענטפער, לאזט מיר נור צייט צו פערדינען אייער פערגעבונג! איך צייג זיך אייך נידריג, געמיין, אבער זעהט, פיעלייכט וועל איך זיך אויסבעסערען, איך וועל געברויכען אלע מיינע קרעפטען אויף אויסצובעסערען זיך! העלפט מיר, שטופט מיך איצט ניט אוועק, גיט מיר צייט, איך וועל אייך אלעס פאלגען! איהר וועט זעהן ווי געהארכזאם איך בין; ס'קען זיין איהר וועט אין מיר אויך עפעס גוטעס דערזעהן, גיט מיר צייט".

איך האב מיטלייד מיט אייך", האט ווערא‏טשקא געזאגט, „איך זעה די ערנסטקייט פון אייער ליעבע" (ווערא‏טשקא, דאס איז נאך גאר קיין ליעבע ניט, דאס איז נור א צוזאמענמישעניש פון העסליכקייט מיט אלערליי געמיינהייט, — ליעבע איז ניט דאס; ניט יעדער ליעבט די פרוי, פון וועמען איהם איז אונאנגענעהם צו קריגען ענטזאגונג, — ליעבע איז גאר ניט דאס — אבער ווערא‏טשקא ווייסט דאס נאך ניט, און איז געריהרט.) „איהר ווילט איך זאל ניט געבען קיין ענטפער — גוט. אבער איך ווארען אייך, אז דאס אפלעגען וועט פיהרען צו גאר ניט. איך וועל אייך קיין מאל ניט געבען קיין אנדער ענטפער, ווי דעם, וואס איך האב אייך היינט געגעבען".

„איך וועל פערדינען, פערדינען, אן אנדער ענטפער, איהר רעטעט מיך! ער האט אנגעכאפט איהר האנד און גענומען קושען".

מאריא אלעקסעיעווגא איז אריין אין צימער, און היננעריסען פון די געפיהלען, האט זי געוואלט בענשען די ליעבע קינדער אהן פארמאליטעטען, דאס הייסט אהן איהר מאן, און שוין דער נאך איהם ארייגרופען און זיי בענשען פארמעל. סטארעשניקאוו האט צושטערט א האלב פון איהר פרייד, ערקלעהרענדיג איהר, אז אבוואהל ווערא פאוולאוונא איז נאך ניט בעשטאנען, אבער זי האט נאך ניט ענטזאגט, נור אבגעלעגט דעם ענטפער. שלעכט, אבער דאך פארט בעסער אין פערגלייך מיט פריהער.

סטארעשניקאוו איז א היים געקומען מיט א נצחון. ווידער איז ארויפגעשוואומען דאס הויז, און אנא פעטראוונא האט געמוזט ווידער חלש'ן.

מאריא אלעקסעיעווגא האט גאר ניט געוואוסט, וואס צו דענקען וועגען ווערא‏טשקא'ן. די טאכטער האט געוויס אי גערעדט, אי געהאנדעלט געגען דער מוטער'ס ווילען. אבער ס'איז אויסגעקומען, אז זי האט בייגעקומען אלע שוויריגקייטען, מיט וועלכע מאריא אלעקסעיעווגא האט זיך ניט געקענט טפראווען. מען זאל אורטהיילען נאכ'ן גאנג פון דער זאך איז אויסגעקומען, אז ווערא‏טשקא וויל

דאס זעלבע, וואס מאריא אלעקסעיעוונא, נור אלס א געלערנטע און דורכגעטריבענע ממזר'טע בעארבייט זי דעם עסק אויף אן אנדער מאניער. אבער אויב אזוי, ווארום זשע זאגט זי עס ניט דער מוטער ? למשל : מאמעניו, איך יויל דאס זעלבע, וואס דו, זיי רוהיג ! אדער איז זי שוין טאקי אזוי דער'רונזט. אויף דער מוטער, אז די זאך, ארום וועלכער זיי װאלטען געדארפט ארבייטען בײדע אין איינעם, וויל זי גאר פיהרען אהן דער מוטער ? דאס וואס זי ציהט אב דעם ענטפער, האט מאריא אלעקסעיעוונא גוט פערשטאנען ; זי וויל אזוי אויסמושטירען דעם חתן, אז ער זאל אהן איהר קיין דיבע ניט קענען טהון, און צווינגען אנא פעטראוונא'ן זיך אונטערצו־געבען. ס'איז קלאהר, זי איז נאך ביטרער פון מאריא אלעקסעיעוונא'ן אליין.

ווען מאריא אלעקסעיעוונא האט אזוי געטראכט, האבען איהרע געדאנקען זי געבראכט טאקי נור צו דער איבערצייגונג. אבער די אויגען און אויערען האבען אימער געצייגט פונקט פארקעהרט. דאך, וואס טוט מען, אויב ס'איז טאקי ניט אזוי און די טאכטער וויל ווירקליך ניט הייראטען סטארעשניקאוו'ן ? זי איז אזא ווילדע חיה, אז ס'איז ניט צו וויסען ווי זי איינצוצאמען. ס'איז גאנץ מעגליך אז ווערקא, די טויגעניכטס, וויל ניט הייראטען, — ס'איז זאגאר קיין צווייפעל ניט, — דער געזונטער פערשטאנד איז געווען צו שטארק ביי מאריא אלעקסעיעוונא'ן, אז זי זאל זיך אליין אפנארען מיט איהר אייגענע בעהויפטונגען איבער ווערעטשקא'ן, אלס א ביטרע אינטריגאנטקע ; אבער די מויד ארבייט אזוי, אז אויב זי הייראט יא, דאן וועט זי שוין זיין די פולע הערשערין, אי איבער'ן מאן, אי איבער זיין מוטער, אי איבער'ן הויז, — וואס זשע בלייבט איבער צו טהון ? ווארטען און קוקען, מעהר טאר מען גאר ניט טהון. איצט וויל נאך ווערקא :יט, זי וועט זיך צוגע־געוואהנען, וועט זי שוין וועלען. נו, און אביסעל טאקי מיט בייזען אויך. אבער ווען ס'איז די צייט דאצו. איצט דארף מען נאר ווארטען ווען דיעזע צייט וועט קומען. און מאריא אלעקסעיעוונא האט געווארט. דער געדאנקען, אז ווערעטשקא טרייבט צו דער חתונה, נעגען וועלכען איהר געזינטער פערשטאנד האט פראטעס־טירט, איז איהר אבער געווען אנגענעהם. אלץ, אויסער די ווערטער און האנדלונ־גען פון ווערעטשקא'ן, האט באשטעטיגט דיעזען געדאנק : דער חתן איז געווען א זיידענער.

סטארעשניקאוו'ס מוטער האט זיך געראנגעלט א וואך דריי, אבער דער זוהן האט זי געסטראשעט מיט'ן הויז, און זי האט זיך אונטערגעגעבען. זי האט אויס־געדריקט דעם וואונש זיך מיט ווערעטשקא'ן צו בעקענען, — ווערעטשקא איז ניט געגאנגען צו'ן איהר. אויף דער ערשטער מינוט האט מאריא אלעקסעיעוונא

געטראכט, ווען זי וואָלט געווען אויף וועראַטשקאַ'ס אָרט וואָלט זי געהאַנדעלט קלינגער: וואָלט יאָ געגאַנגען נור איבערדענקענדיג, האָט זי פערשטאַנען, אַז ניט געווען — איז פיעל קלינגער. אָך, איז דאָס אַ ביטערע ממזר'טע! — און ווירקליך: אַ וואָך צוויי ארום איז אַנאַ פעטראָוונאַ אליין אריינגעקומען מיט'ן אויסרעד אָנצוקוקען די נייע בעפּוצונגען פון דער נייער קוואַרטיר. זי איז געווען קאַלט און בייסענדיג ליעבהערציג; נאָך איהרע צוויי דריי שטאָך ווערטער איז זיך וועראַטשקאַ אַוועק צו זיך אין צימער; איידער וועראַטשקאַ איז אַוועק, האָט מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ ניט געדענקט, אַז ס'איז גוט אַוועקצוגעהן, האָט געדענקט. מען דאַרף ענטפערען אַ שטאָך אויף אַ שטאָך, אָבער ווען וועראַטשקאַ איז יאָ אַוועק געגאַנגען האָט מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ באַלד פערשטאַנען: יאָ, אַוועק געהען איז דאָס בעסטע. — זאָל איהר דער זוהן דערגעהן די יאָהרען, נאָך בעסער! אין אַ וואָך צוויי־דריי ארום איז אַנאַ פעטראָוונאַ ווידער אריינגעקומען, און האָט שוין ניט געזאָגט קיינע אויסרעדען, נור איינפאַך געזאָגט, אַז זי איז זיי געקומען בעזוכען, און אין וועראַטשקאַ'ס אַנוועזענהייט האָט זי שוין קיין שטעכווערטער ניט געגעבען.

אַזוי איז זיך די צייט געגאַנגען. דער חתן האָט וועראַטשקאַ'ן געגעבען מתנות; דאָס איז געטהון געוואָרען דורך מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ'ן, ביי וועמען זיי זיינען טאַקי, נאַטירליך, פערבליבען, גראָדע ווי דער זייגער פון אַנאַ פעטראָוונאַ'ן; דאָך ניט אַלע; איינינגע, די ביליגערע, האָט מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ וועראַטשקאַ'ן אָבגעגעבען, זאָגענדיג אַז דאָס זיינען ניט אויסגעקויפטע משכנות. מען האָט דאָך געדאַרפט אַז דער חתן זאָל זעהן אויף דער כלה כאָטש איינינגע פון זיינע זאַכען. ער האָט געזעהן און זיך איבערצייגט, אַז וועראַטשקאַ האָט בעשלאָסען צו בעשטעהן. אויב ניט וואָלט זי דאָך ניט אָנגענומען זיינע מתנות; וואָרום זשע ציהט זי אַזוי לאַנג? ער אַליין האָט פערשטאַנען, און מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט איהם אויך אָנגעצייגט וואָרום; זי וואַרט ביז זיין מוטער וועט אין גאַנצען ווייך ווערען.... און ער האָט זיך גענומען מיט אַ פערדאָפּעלטער פלייסיגקייט ציהען זיין מוטער אויפ'ן שטריקעל — די בעשעפטיגונג האָט איהם פערשאַפט ניט ווייניג פערגעניגען.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט מען וועראַטשקאַ'ן געלאָזט צו רוה; מען האָט איהר געקוקט אין מויל אריין. דאָס שטעהען אויף דער סטרונע פאַר איהר איז איהר געווען העסליך, און זי האָט זיך געסטאַרעוועט צו זיין וואָס ווייניגער מיט דער מוטער. די מוטער האָט אויפגעהערט וואָגען אריינצוקומען אין איהר צימער, און ווען וועראַטשקאַ איז דאָרט געזעסען, דאָס הייסט, כמעט אַ גאַנצען טאָג, האָט מען

זי ניט בעאונרוהיגט. סטאַרעשניקאָוו׳ן האָט זי אַמאָל יא ערלויבט אריינצוקומען אין איהר צימער. ער איז צו׳ן איהר געווען געהאַרכזאם, ווי א קינד. זי פלעגט איהם הייסען לעזען, — פלעגט ער לעזען פלייסיג, גלייך ווי ער וואָלט זיך געפערטיגט צו אן עקזאמען ; ער האָט וועניג וואס טאָלק ארויסגעטראגען פונ׳ם לעזען. זי פלעגט פראבירען איהם העלפען מיט געשפרעך, — דער געשפרעך איז איהם געווען מעהר פערשטענדליך ווי די ביכער, און ער האָט געמאַכט עטוואס פארטשריטע, לאנגזאמע, ניט קיין גרויסע, אָבער אלץ פאָרשריטע. ער האָט שוין אָנגעפאנגען זיך עטוואס אנשטענדיגער צו האלטען צו זיין מוטער, אנשטאט זי צו ציהען אויפ׳ן שטריקעל, האָט ער זי שוין נור געהאלטען אין דער צוים.

אזוי זיינען אוועק דריי פיער מאָנאַט. עס איז געווען א מלחמה־שטילשטאַנד, עס איז געווען רוהע, אָבער יעדען טאָג האָט געקענט אויסברעכען א שטורם, און ווערא־טשקא׳ן פלעגט דאָס הארץ איינפאלען פון דער שווערער ערוואַרטונג — ניט היינט איז מאָרגען, און סטאָרעשניקאָוו, אָדער איהר מוטער, וועט צושטעהן מיט דער פאָדערונג, אז זי זאָל איינשטימען. עוויג וועלען זיי דאָך ניט וואַרטען. אבער אין דער ווירקליכקייט איז אזעלכעס ניט געשעהן ; איך זאָל וועלען פערנאַרען מיט אונקלאָהרהייט, וואָלט איך איצט ניט געזאגט, אז עס איז גאַר ניט פאָרגעקומען :

אָבער איך שרייב אָהן קונצען און דארום זאָג איך: קיין שפּאַנענדער צוזאַמענשטויס וועט ניט זיין, די לאַגע וועט זיך אויפלעזען אָהן שטורמען, אָהן דונערען און בליצען.

צווייטער קאפיטעל.

די ערשטע ליעבע און די געזעצליכע הייראט.

.1

ס'איז בעקאנט, אז אין די פריהעריגע צייטען פלעגען אזעלכע פאסירונגען זיך ענדיגען אויף אזא אופן: אן אויסגעצייכענטע מיידעל אין א ניעדריגער פא־מיליע, דער חתן וועלכען מען האט איהר מיט געוואלט געוואלט אנהענגען איז א שטיק גאר־ניט, וועלכער געפעלט איהר ניט, און וועלכער איז אליין שוין אזוי אויך א טויגעניכטס, און וואלט וואס ווייטער אלץ ערגער געווארען; אבער האלטענדיג זיך מיט־געוואלד לעבען איהר, גיט ער זיך איהר אונטער, און ביסלעכווייז ווערט ער עהנליך צו א נישקשה'דיגען מענשען, ניט קיין גוטען, אבער אויך ניט קיין שלעכטען. דאס מיידעל וועלכע האט איהם אין אנפאנג ניט געוואלט, האט שטור־פען־ווייז זיך צוגעוואהנט איהם אימער צו האבען אונטער דער האנד; און, קומענ־דיג צו'ר איבערצייגונג, אז פון די ביידע צרות, נעמליך אזא מאן און אזא משפחה, ווי איהרע, איז שוין דער מאן די קלענסטע צרה, און זי בעשליסט זיך דעם יונגען מאן צו בעגליקען. אין אנפאנג איז איהר געווען זעהר ניט גוט גליקליך צו מאכען אהן ליעבע; אבער דער מאן איז געווען א געהאָרזאמער; ס'מאכט ניט אוים; איינ־לעבען זיך הייסט איינליעבען זיך, און זי פלעגט פערוואנדעלט ווערען אין די גע־וועהנליכע גוטע דאמע, דאס הייסט אין א פרוי, וואס אליין איז זי טאקי א גאנץ גוטע, אבער האט זיך צוגעפאסט צו די פוסטקייט, און איז געבליבען לעבען אויף דער וועלט, נור אום איבערצושטופען דאס לעבען.

אזוי איז עס פריהער געשעהן מיט די גוטע מיידלעך, אזוי איז עס פריהער געשעהן מיט די גוטע יונגע לייט, וואס אלע זיינען זיי געווארען וואוילע מענשען און האבען געלעבט אויף דער וועלט נור אום איבערצושטופען דאס לעבען.

אזוי איז עס געווען פריהער, ווייל געפיהלפאלע מענשען זיינען געווען זעהר ווייניג; אויף זיי איז געווען א גרויסער יקרות.

אבער איצט זיינען אפטער און אפטער דא אנדערע פעלע: די געפיהלפאלע מענשען האבען אנגעהויבען זיך צובעגעגנען. ווי קען דען דאס ניט פאסירען אפטער און אפטער, ווען די צאהל פון אזעלכע מענשען וואקסט פון יאהר צו יאהר? און מיט דער צייט וועט דאס ווערען דער געוועהנליכסטער פאל, און נאך שפעטער וועט

שוין גאר ניט זיין קיין אנדערע פעלע, ווייל אלע מענשען וועלען זיין אזעלכע. דאן וועט זיין זעהר גוט.

ווערֿאטשקא'ן איז שוין איצט אויך גוט. דערפאר דערצעהל איך איהר לעבען (מיט איהר ערלויבניס) ווייל, אויף ווי פיעל איך ווייס, איז זי איינע פון די ערשטע פרויען, וועמעס לעבען האט זיך גוט איינגעאָרדענט. די ערשטע פעלע האבען אן היסטאָרישען אינטערעס. די ערשטע שוואלב אינטערעסירט זעהר שטארק די איינוואהנער פון די קאלטע לענדער.

דער פאל, פון וועלכען איהר לעבען האט זיך אָנגעהויבען גוט איינצואָרדנען, איז געוועזן אזעלכער; מען האט געדארפט אָנפאנגען צו פערפערטיגען צו דער גימנאזיע ווערֿאטשקאס קליינעם ברודערל. דער פאטער האט גענומען נאָכפרעגען ביי די מיטבעאמטע אויף א ביליגען לעהרער. איינער פון זיי האט איהם רעקאָמענדירט א מעדיצינישען סטודענט לאָפוכאָוו.

א מאל פינף אדער זעקס איז שוין לאפוכאָוו געוועזן אויף זיינע נייע שטונדען איידער ווערֿאטשקא און ער האבען זיך דערזעהען. ער פלעגט זיצען מיט פעדיא'ן אין איין עק פון דער קווארטיער, און זי אין דעם צווייטען, ביי זיך אין צימער. אָבער די עקזאמענס אין דער אקאדעמיע זיינען אָנגעקומען; האט ער איבערגעביטען די שטונדען פון דער פריה אויף אבענד, ווייל אין דער פריה האט ער אליין געמוזט לערנען, און ווען ער איז געקומען אין אבענד האט ער געטראָפען די גאנצע פאמיליע ביי טהעע.

אויף דער קאנאפע זיינען געזעסען די בעקאנטע פערזאָנען: דעם שילערס טאטע־מאמע, לעבען דער מאמען אויפ'ן שטול, דער שילער, און אביסעל ווייטער, אן אונבעקאנטע פערזאָן — א הויכע, שלאנקע מיידעל, א גאנץ טונקעלע, מיט געדיכטע שווארצע האָר — "געדיכטע, שעהנע האָר" — מיט שווארצע אויגען — "שעהנע אויגען, זאָגאר זעהר שעהנע" — מיט א זיד־לענדישען טיפ פון געזיכט, — ווי א קליין־רוססלענדישע: ניין, גיכער א קאווקאזער טיפ; נישקשה, זעהר א שעהן געזיכט, אביסעל צו קאלט, דאס איז שוין גאָר ניט זיד־לענדיש; פריש און געזונט: ס'וואָלט געווען גאנץ שלעכט פאר אונז, דאקטוירים, ווען דאס גאנצע פאָלק וואלט געווען אזוי! יא, די פארב א געזונטע און די ברוסט א ברייטע, — זי דארף ניט דעם דאקטאר. באלד ווי זי קומט ארויס אין דער וועלט אריין, וועט זי מאכען אן עפעקט. אָבער וואס געהט עס מיך אָן". אזוי האט זיך געטראכט דער לעהרער.

און זי האט אויך א קוק געטהון אויף דעם אריינגעקומענעם לעהרער. דער סטו־

דענט איז שוין ניט געווען קיין אינגעל, א מאַן פון מיטעלען וואוקס, אדער אביסעל העכער פון מיטעלען וואוקס, מיט טונקעלע ברוינע האָאר, מיט רינגעלמעסינע, זאָגאר שעהנע געזיכטציגע, מיט א שטאָלצען און בראווען אויסזעהען — "ניט קיין מיאוס'ער, און ס'קען זיין, א גוטער, נור אביסעל צו סעריעז".

אין די געדאַנקען האָט זי צונעזעצט : "אָבער וואס געהט עס מיך אָן ?" ווייל עס איז קיין פראגע ניט געווען, צו ווערט זי זיך מיט איהם אינטערעסירען. האָט איהר שוין דען פעדיא ניט אָנדערצעהלט אזוי פיעל, אז ס'איז געוואָרען לאַנגווייליג צו הערען ? — "ער, שוועסטערעל, איז א גוטער, אָבער ניט קיין רעדעוודיגער. און איך זאָג איהם, שוועסטערעל, אז דו ביזט א שעהנע, און ער, שוועסטערל, זאגט: "נו, וואס איז ?" און איך שוועסטערעל, זאָג איהם : אלע ליעבען דאָך די שעהנע, און ער זאָגט : "אלע נאראנים ליעבען זיי", און איך זאָג : און איהר ליעבט זיי גאר ניט ? און ער זאָגט : "איך האָב קיין צייט ניט", און איך שוועסטערעל זאָג איהם: ווילט איהר זיך מיט וועראטשקא'ן גאָר ניט בעקענען ? און ער זאָגט : כ'האָב אָהן איהר א סך בעקאַנטע".

דאָס אלעס האָט פעדיא אָנגעפּלוידערט שוין באלד נאָך דער ערשטער לעקציאָן, און שפּעטער פלעגט ער אלץ אויף אזא'ן אופן פּלוידערען נאָך מיט פערשיעדענע אזעלכע צוזעצונגען : "איך האָב איהם היינט, שוועסטערעל, געזאגט, אז אויף דיר קוקט יעדער, ווען דו קומסט ערגעץ, און ער, שוועסטערעל, האָט געזאגט : "נו, זעהר גוט" ; און איך האָב איהם געזאגט : און איהר ווילט אפילו אויף איהר ניט קיין קוק טהון ? און ער האָט געזאגט : "איך וועל נאָך זעהען„. אדער, שפּעטער : און איך האָב איהם שוועסטערעל, דערצעהלט, ס'ארא קליינע הענטעלעך דו האָסט, האָט ער, שוועסטערעל, געזאגט : "אייך ווילט זיך אביסעל פּלוידערען, איז דען ניטא עפּעס אנדערש צו רעדען, אינטערעסאנטערעס ?"

און דער לעהרער האָט זיך דורך פעדיא'ן דערוואוסט אלעס, וואס מען האָט געברויכט צו וויסען איבער דער שוועסטער. ער פלעגט פעדיא'ן אבהאלטען פון רייי־דען איבער די פאמיליען אנגעלעגענהייטען, נאָר ווי קען מען א גיין יעהריגען קינד שטערען פאר אייך אויסצובאַלבען אלעס, סיידען מען שרעקט איהם איין ? אויפ'ן פינפטען ווארט געלינגט אייך איהם אבצושטעלען, אָבער, שוין צו שפּעט, קינדער הויבען דאָך אָן אָהן א פּאררעדע, גלייך פון דעם תוך; און צוזאמען מיט אנדערע ערקלעהרונגען איבער אנדערע פאמיליען אנגעלעגענהייטען, האָט דער לעהרער דער־הערט דיעזע רייד : "מיין שוועסטערעל האָט שוין גאר א רייכען חתן ! די מאמע זאָגט : דער חתן איז א נאר !" "אוי, ווי די מאמע געהט עס ארום דעם חתן !" "און די מאמע זאגט : מיין שוועסטערעל האָט קלוג געפאנגען דעם חתן !" "און

די מאַמע זאָגט : איך בין ביטרע, אָבער וועראַטשקאַ איז נאָך ביטערער פון מיר !"
"און די מאַמע זאָגט : מיר וועלן דעם חתן'ס מאַמע פון'ם הויז אַרויסטרייבן",
און אַזוי ווייטער.

נאַטירליך, מיט אַזעלכע אויסקינפטע איינער איבער דעם אַנדערן, האָבן די יונגע לייטע געהאַט גאָר ווייניג לוסט זיך צוזאַמענקומען. פון דעסטוועגן, ווייסן מיר דערוויילע, אַז דאָס איז געווען נאַטירליך נור אויף וועראַטשקאַ'ס זייט : זי איז נאָך ניט געשטאַנען אויף דער שטופע פון דער ענטוויקלונג, אַז זי זאָל זיך סטאַרען צו "בעזיעגען די ווילדע", און "צווימען דיעזען בער", און איז עס אײדער דען געלעגען אין קאָפּ ? זי איז געווען צופריעדען, אַז מען לאָזט זי צורוה. זי איז געווען אַ צו־שלאָגענער, אויסגעמאַטערטער מענש, וועמען ס'האָט געגליקט זיך עפּעס אַזוי אַוועק־לעגען, אַז די צובראָכענע האַנד איז שטיל געבליבען, און דעם ווייטאָג אין זייט הערט מען ניט, און וואָס האָט מורא זיך אַ קעהר טהון אום דאָס פריהערדיגע ברעכען אין אַלע גלידער זאָל ניט צוריק קומען. ווי ליעגט איהר אין זינען צו מאַכען. ניי בע־קאַנטשאַפט, און דערצו נאָך מיט יונגע לייט ?

יאָ, אַזוי איז געווען וועראַטשקאַ ; נו, און ער ? לויט פעדיאַ'ס ווערטער, איז ער אַ שעמעוודיגער, און דער קאָפּ איז ביי איהם אָנגעפילט מיט ביכער, און אַנאַטאָ־מישע אַפּאַראַטען, וואָס פערשאַפען דעם זיסטען תענוג פאַר דער זעעלע פון אַ גוטען מעדיצינישען סטודענט. נור אפשר, האָט זי זיך אַמאָל געטראַכט, האָט דאָס אַלעס פעדיאַ אויף איהם אויסגעטראַכט ?

.2

ניין, פעדיאַ האָט דאָס ניט אויסגעטראַכט אויף איהם. לאָפּוכאָוו איז טאַקי גע־ווען אַזאַ סטודענט, וועמעס קאָפּ איז געווען אָנגעפילט מיט ביכער, — מיט וואָס פיר ביכער, דאָס וועלען מיר שוין זעהן אין די ביבליאָגראַפישע נאָכפאָרשונגען פון מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ'ן, — און מיט אַנאַטאָמישע פּרעפּאַראַטען ניט אָנפילענדיג דעם קאָפּ מיט פּרעפּאַראַטען, קען מען קיין פּראָפעסאָר ניט זיין, און לאָפּוכאָוו האָט טאַקי נור אויף דעם אַרויסגעקוקט.

אין זיינע געלד אַנגעלעגענהייטען, האָט לאָפּוכאָוו געהערט צו דער זעהר קליינער מינאָריטעט פון מעדיצינישע פרייע סטודענטען, דאָס הייסט, פון די סטודענטען וואָס לעבען ניט אויף דער רעגיערונג'ס געהאַלט, און צו דער זעלבער צייט ליידען ניט קיין הונגער און קעלט. ווי פון וואָס עס לעבט די גרויסע מאַיאָרי־טעט פון זיי — דאָס ווייס נור גאָט אַליין, און פאַר די מענשען איז דאָס אונבע־גרייפליך. אָבער אונזער צעהלונג וויל זיך ניט בעשעפטיגען מיט מענשען וואָס נויטיגען זיך אין עסענוואַרג : דערפאַר וועלען מיר נאָר אין 2—3 ווערטער דער־

מאנען וועגען יענער צייט, ווען לאפוראוו האט זיך געפונען אין אזא ניט פאַ־סיגען צושטאנד.

און געפינען אין אזא צושטאנד האט ער זיך ניט לאנג — א יאהר דריי, זא־גאר נאך ווייניגער.

איידער ער איז אנגעקומען אין דער מעדיצינישער אקאדעמיע האט ער געהאט גענוג צו עסען. דער פאטער זיינער, א ריאזאנער בירגער, האט געלעבט, לויט זיין בירגערליכער גראד, ניט ארים, דאס הייסט זיין פאמיליע האט געהאט בארשט מיט פלייש, ניט בלויז זונטאג אליין, און האט זאגאר געטרונקען טהעע יעדען טאג. אויס־האלטען דעם זוהן אין גימנאזיע האט ער שוין ווי ס'איז געקענט. דער זוהן האט שוין זייט זיין פונפצעהנטען יאהר דאס אליין עטוואס פערלייכטערט, געבענדיג אייניגע שטונדען. אבער אום אויסצוהאלטען דעם זוהן אין פעטערבורג זיינען שוין די מיטלען פון פאטער ניט געווען גענוג: אין די ערשטע צוויי יאהר, האט לא־פוכאוו זאגאר געקריעגען פון דער היים א 35 רובעל א יאהר, און אויך כמעט אזוי פיעל האט ער געקראגען פאר'ן איבערשרייבען פאפיערען. פריי פערדינגענדיג זיך אין איינעם פון די קווארטאלען פון דעם וויבארגער געריכט־הויז,—אט, נור אין דיעזער צייט, האט ער זיך גענויטיגט. און שולדיג אין דעם איז ער געווען טאקי אליין: ער איז געווען אויף רעגיערונגס קאסטען, אבער ער האט עפעס פערפיהרט א קריעג, און האט געמוזט אוועק אויף איינענע קעסט.

ווען ער איז געווען אויפ'ן דריטען קורס, האבען זיינע געשעפטען זיך גענומען פערבעסערען. דער געהילף פון קווארטאלנעם האט איהם פארגע־שלאגען שטונדען, דאן האבען זיך געפונען נאך שטונדען, און אט שוין זייט צוויי יאהר אז ער נויטיגט זיך ניט מעהר, און האט שוין מעהר פון א יאהר אבגעוואהנט אויף איין קווארטיר, און דאס אויך ניט אין איינער, נור אין צוויי פערשיעדענע צימערען, — דאס הייסט שוין, ניט ארים, — מיט נאך איינעם אזא גליקליכען, קירסאנאוו'ען.

די צוויי זיינען געווען די בעסטע פריינד. ביידע האבען זיך פריה צוגעוואהנט מיט דער אייגענער קראפט זיך דורכצושלאגען דעם וועג, ניט האבענדיג קיין שטי־צע. איבערהויפט איז צווישען זיי געווען פיעל עהנליכעס, אזוי אז ווען מען וואלט זיי בעגעגענט יעדען בעזונדער וואלטען זיי ביידע אויסגעוויזען ווי מענשען פון זעלבען כאראקטער. און ווען איינער האט זיי געזעהן צוזאמען, האט ער בעמערקט, אז אבוואהל זיי זיינען ביידע זעהר סאלידע ערנסטע מענשען, דאך איז לאפוכאוו אביסעל מעהר איינגעהאלטען זיין הבר — אביסעל מעהר אפגעהערציג.

איצט וועלען מיר ריידען נור פון לאפּוכאָוו'ן, קירסאַנאָוו וועט ערשיינען פיעל שפּעטער.

און רעדענדיג פון לאפּוכאָוו'ן קען מען פון איהם זאָגען נור דאס, וואס מען וואָלט געדארפט ווידערהאָלען פון קירסאנאוו'ען. צום ביישפּיעל, לאָפּוכאָוו איז איצט מעהר פון אלעס געווען בעשעפטיגט, ווי איינצואָרדענען זיין לעבען נאָכ'ן ענדיגען דעם קורס, צו וועלכען ס'איז געבליעבען נור איינינע מאָנאַטען, גראדע ווי ביי קירסאַנאָוו'ן. און דער פּלאַן פאר דער צוקונפט איז ביי זיי ביידען געווען דער זעלבער.

לאָפּוכאָוו האָט בעשטימט געוואוסט, אז ער וועט זיין אַ דאָקטאר אין איינעם פון די פּעטערבורגער מיליטער האָספּיטאַלען, — דאס ווערט בעטראכט אלס א גרויס גליק — און וועט באלד קריעגען דעם פּראָפעסאָר שטוהל אין דער אקאדעמיע. מיט פּראַקטיקע האָט ער זיך ניט געוואָלט בעשעפטיגען.

דאס איז געווען אזא אמביציע אין יענער צייט צווישען איינינע פון די בעסטע מעדיצינישע סטודענטען. נאָכ'ן ענדיגען דעם קורס זיך ניט צו בעשעפטיגען מיט דער פּראַקטיק, וועלכע איז דאס איינציגע וואס גיט דעם דאָקטאָר די מיטלען צו א וואָהלהאבענדעם לעבען, נור ביי דער ערשטער מעגליכקייט אָוועקצוואַרפען די מעדיצין און זיך נעהמען צו איינער פון איהרע הילפס־וויסענשאַפטען —צו דער פּיזיאָלאָגיע, כימיע, אָדער עטוואס ענליכעס. כאָטש יעדער פון זיי ווייסט דאָך, אז ווען ער זאָל זיך בעשעפטיגען מיט דער פּראַקטיקע, וואָלט ער ביי 30 יאָהר געהאָט אַ גרויסע רעפּוטאַציאָן, ביי 35 א פּערזיכערונג אויפ'ן גאנצען לעבען, ביי 45 — רייכטהום. אָבער דיעזע טענה'ן אנדערש : זעהט איהר, די מעדיצין געפינט זיך איצט נאָך אין אזא קינדערשען צושטאַנד, אז מען דארף נאָך ניט קורירען, נור פּערפּערטיגען פאר די צוקינפטיגע דאקטוירים מאטריאל אום צו קענען קורירען. און אָט דארום זאָגען זיי זיך אָב פון רייכטהום, אפילו פון די נויטיגסטע זאכען, זיצען אין די האָספּיטעלער, מאַכענדיג, פערשטעהט איהר מיך, אינטערעסאנטע בעאָבאכטונגען פיר דער וויסענשאפט, צושניידען זשאַבעס, צושניידען יעהרליך הונדערטער טויטע קערפּערם, און ביי דער ערשטער מעגליכקייט פערשאַפען זיי זיך כימישע לאבאראטאָריעס.

מיט וועלכען גראד שטרענגקייט זיי פיהרען דורך דיעזען הויכען בעשלוס, ווענדט זיך, געוועהנליך, אָן דעם, ווי זייער היימישער לעבען איז איינגעאָרדענט : אויב זייער פאמיליע דארף עס ניט, פאנגען זיי אפילו ניט אָן צו פּראַקטיצירען, דאס הייסט זיי לאָזען זיך כמעט איבער אין נויט ; אָבער ווען די פאמיליען נויטווענדיגקייט צווינגט עס, פערנעהמען זיי זיך מיט פּראַקטיקע נור אויף אזוי פיעל,

ווי די פאמיליע ברויכט עס, דאס הייסט אין א קליינעם מאסשטאב, און קורירען נור מענשען, וועלכע זיינען אין אמת'ן קראנק און וועלכע מען קען ווירקליך קורירען ביי דעם היינטיגען קלעגליכען צושטאנד פון דער וויסענשאפט, דאס הייסט אזעלכע קראנקע ביי וועלכע מען קען גאר ווייניג פארדינען. את צו דיעזע מענשען האבען געהערט לאפוכאוו און קירסאנאוו.

זיי האבען געדארפט אין דיעזען יאהר ענדיגען דעם קורס און האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען האלטען (אדער, ווי מען זאגט אין דער אקאדעמיע: אבגעבען) דעם עקזאמען גלייך אויף דאקטאר פון מעדיצין. איצט האבען זיי ביידע געארבייט פיר זייער דאקטאר דיסערטאציעס, און האבען פערניכטעט א גרויסע צאהל זשאבעס; ביידע האבען זיי זיך אויסגעקליבען פאר זייער ספעציאליטעט די נערווען סיסטעם, און האבען אזוי צו זאגען, צוזאמען געארבייט. אבער צוליעב דער פארמע פון דער דיסערטאציע האבען זיי צוטהיילט זייער ארבייט: איינער האט פערצייכענט אלס מאטעריאל פאר זיין דיסערטאציע אייניגע בעאבאכטעטע פאקטען, און דער צווייטער — אנדערע.

אבער ס'איז שוין צייט צו רעדען פון לאפוכאוו'ן אליין. עס איז געווען א צייט ווען ער האט גאנץ נישקשה'דיג געשכור'ט. דאס איז געווען ווען ער האט נים געהאט אויף קיין טהעע אדער איז ארומגעגאנגען אהן שיך. דיעזע צייט איז געווען גינסטיג פאר שכרות נים נאר ווייל עס האט זיך געוואלט אזוי, נאר וואס עס איז געווען לייכטער. טרינקען איז בילליגער פון עסען און זיך קליידען. איצט איז שוין פון לאנג ניטא קיין אנדער מענש, וואס זאל פיהרען א מעהר שטרענגען לעבען, און נים נור אין בעצוג צו וויין אליין.

אין די פריהעריגע צייטען האט לאפוכאוו געהאט נים ווייניג ליעבע געשיכטעס. איין מאל, צום ביישפיעל, איז פארגעקומען אזא געשיכטע. ער האט זיך פערליעבט אין א דורכרייזענדע טענצערין. וואס טהוט מען? ער האט געטראכט, געטראכט און איז אוועק צו איהר אויף דער קווארטיר.

"וואס ווינשט איהר?"

— בין געשיקט פון דעם און דעם גראף מיט א בריעף.

דער סטודענטען מונדיר איז לייכט פונ'ם דיענער אנגענומען געווארען פאר א מונדיר פון אן איבערשרייבער, אדער פון א דענשטשיק.

"גיט אהער דעם בריעף. וועט איהר ווארטען אויף אן ענטפער?"

"דער גראף האט בעפוילען צו ווארטען".

דער דיענער האט זיך אומגעקעהרט פערוואונדערט.

"זי האָט בעפוילען איך צו איהר אריינצורופען".

"אָט איז ער, אָט איז ער!" האָט די טענצערין אויסגערופען. "ער שרייט נאָך מיר אימער אזוי, אז אפילו פון דעם קליידער צימער דערקען איך זיין שטימע!

ווי פיעל מאָל האָט מען איך אָבגעפיהרט אין דער פאָליציי פאר מאכען אונאָרדנונג צוליעב מיין עהרע?"

"צוויי מאָל".

"ניט גענוג. נו, צו וואס זיינט איהר אהער געקומען?"

"איך צו זעהן".

"גאנץ גוט. און וואס ווייטער?"

"איך ווייס ניט, וואס איהר ווילט".

"איך ווייס, וואס איך וויל, איך וויל פרישטיקען. איהר זעהט, דאס געשיער איז אויפ'ן טיש. זעצט זיך אויך אנידער".

מען האָט געבראכט פאר איהם אויך געשיער. זי האָט פין איהם געלאכט, ער האָט פון זיך אליין געלאכט. ער איז יונג, ניט מיאוס, ניט קיין נאר.... פאר וואס טאקי ניט אָנשטיפען זיך אביסעל מיט איהם? געשטיפט מיט איהם א וואָך צוויי, דערנאָך זאגט זי צו איהם:

"נעהמט דעם וועג!"

"איך האָב שוין טאקי אליין אויך געוואלט אוועקגעהן, אָבער ס'דאָט מיר ניט נעפאסט!"

"הייסט עס, מיר צוגעהען זיך אלס גוטע פריינד?"

מען האָט זיך נאָך אמאָל ארומגענומען און גאנץ גוט...

אָבער דאס איז געווען לאנג, א יאהר דריי צוריק, און איצט, שוין א יאהר צוויי, אז ער האָט אוועקגעווארפען אלע שטיפערייען.

א חוץ די חברים און א צוויי־דריי פראפעסארען, וואס האָבען אין איהם פאראויס געזעהען א גוטען וויסענשאפטליכען ארבייטער, האָט ער זיך נור געזעהען מיט די פאמיליען, וואו ער האָט געגעבען שטונדען. אבער אפילו מיט דיעזע פאַ־מיליען האָט ער זיך טאקי בלויז געזעהען. ווי פאר פייער, האָט ער מורא געהאַט צו ווערען מיט זיי היימיש און האָט זיך געהאַלטען זעהר טרוקען, קאַלט מיט אלע פערזאָנען פון זיי, א חוץ מיט זיינע קליינע שילער און שילערינען.

3.

און אַזוי האָט פאַסירט. לאַפוכאָוו איז אריינגעקומען אין צימער, האָט דער־זעהען די געזעלשאַפט, וואָס איז געזעסען ביי'ם טהעע טיש, און צווישען זיי אויך ווערראטשקא'ן.

"איך בעט אייך: זיצט", האָט געזאָגט מאריא אלעקסעיעוונא: "מאטראנא, גיב נאָך א גלאָז".

"אויב דאס איז פאר מיר, דאנק איך אייך; איך וועל ניט טרינקען".

"מאטראנא, מ'דאַרף קיין גלאָז ניט. (א גוט ערצויגענער יונגער מאַן!) וואָרים ניט? איהר וואָלט געדאַרפט יאַ טרינקען א גלאָז טהעע!"

ער האָט געקוקט אויף מאריא אלעקסעיעוונא'ן, אבער, ווי אוממיסנע, האָט ער א קוק געטהאָן אויף וועראטשקא'ן, — עס קען זיין, ווירקליך, אז טאַקי אוממיסנע? ס'קען זיין, ער האָט בעמערקט, ווי זי האָט לייכט א ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס.

"איך דאנק אייך; איך טרינק טהעע נור אין דער היים", האָט ער געזאָגט.

"פון דעסטוועגען איז ער גאָר ניט אזא שעמעוודיגער, ער איז אריינגעקומען און האָט זיך לייכט, פריי געבויגען", טראַכט זיך וועראטשקא.

"פון דעסטוועגען, אויב זי איז אפילו א פערדאָרבענע מיידעל, שעמט זי זיך פאָרט, אַם וועניגסטען, פאר דער מוטערס ניט ערנסטקייט", טראַכט זיך דער לעהרער.

אָבער פעדיא האָט באַלד געענדיגט זיין טהעע, און איז אוועק געגאַנגען לערנען. אויף אזאַ אופן איז דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דעם אָבענד געווען גאָר דאָס, וואָס מאריא אלעקסעיעוונא האָט געקריגען א גינסטיגע מיינונג איבער דעם לעהרער, זעהענדיג, אז איהר צוקערפּושקע וועט וואהרשיינליך ניט ליידען קיין גרויסען שאָדען פונ'ם איבערטראָגען די שטונדען פון דער פריה אויף ביי נאַכט.

אין צוויי טעג אַרום האָט דער לעהרער ווידער געפונען די פאמיליע ביים סאַמאָוואַר און האָט זיך ווידער ענטזאָגט פון טהעע, און דערמיט האָט ער שוין גאָר אין גאַנצען בערוהיגט מאריא אלעקסעיעוונא'ן, אָבער דאָס מאָל האָט ער ביים טיש דערזעהן א נייע פּערזאָן — אַן אָפיציער, צו וועלכען מאריא אלעקסעיעוונא איז געווען אזוי זיס.

"א דער חתן!" האָט ער זיך געטראַכט.

ווען דער חתן, האָט דערזעהן דעם לעהרער, האָט ער איהם אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס מיט א נאַכלעסיגען, לאַנגזאַמען בליק, ווי עס פיהרט זיך אין א גוטע געזעלשאַפט. נור קוים האָט ער אָנגעפאַנגען צו נעהמען די מאָס, האָט ער דערפיהלט, אז דער לעהרער — ניט נאָר נעהמט ער פון איהם אליין אויך אראָב א מאָס, נאָר נאָך ערגער: ער קוקט איהם גלייך אין די אויגען, און נאָך דערצו אזוי פלייסיג, אז אנשטאַט פאַרטצוזעצען נעהמען די מאָס, האָט דער חתן גע-

זאָגט :

"שוועד איז אייער פעקעל, מאַסיע לאַפּוכאָוו. — איך מיין אַ דאָקטאָר פעקעל".

"יאַ, שווער", און קוקט ווייטער איהם גלייך אין די אויגען.

"אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז אייער מונדיר פון דעם און דעם פּאָלק?

"יאַ, איך דיען אין דעם און דעם פּאָלק", ענטפערט סטאַרעשניקאָוו.

"און שוין לאַנג דיענט איהר?"

"ניין יאָהר".

"גלייך אריין אין דיענסט, אין דיעזען פּאָלק?"

"גלייך".

"האָט איהר שוין אַ ראַטע אדער נאָך ניט?"

"ניין, איך האָב נאָך ניט". (ווי ער נעהמט עס מיך אויפ׳ן פערהער, גלייך ווי כ׳וואָלט פאַר איהם ערשיינען אלס איינפאַכער סאָלדאַט.)

"האָפּט איהר באַלד צו קריעגען?"

"נאָך ניט."

"המ... — דער לעהרער האָט גערעכענט ס׳איז געגוג, אין האָט געענדיגט דעם פערהער, נאָך אַ מאָל אַ שאַרפען קוק געבענדיג אין די אויגען דעם כלומר׳שטיגען סאָלדאַט.

"פון דעסטוועגען — פון דעסטוועגען — טראַכט זיך ווערֹאַטשקאַ — וואָס "פון דעסטוועגען?" — ענגדליך האָט זי געפונען וואָס דער "פון דעסטוועגען" איז — "פון דעסטוועגען האַלט ער זיך אַזוי, ווי סערזש וואָלט זיך געהאַלטען, ווּעלכער איז דאַן געקומען מיט דער גוטער זשולי. וואָס זשע פאַר אַ שעמעוודיגער איז ער? אָבער ווארום זשע רעדט ער אַזוי מאָדנע איבער די מיידלעך, און זאָגט אַז די שעהנע מיידלעך ליעבען נור נאַראָנים? און ווארום זשע האָט ער גאָרניט געוואָלט הערען פון מיר, און געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אינטערעסאַנט?"

"ווערֹאַטשקאַ, אָט נעהם און שפּיעל עפּעס אויף דער פּיאַנאָ, איך און סטאַרעשניקאָוו וועלען הערען!" זאָגט מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ. ווען ווערֹאַטשקאַ שטעלט אוועק אויפ׳ן טיש די צווייטע טאַס.

— אפשר טאַקי!

— און טאָמער וואָלט איהר גאָר וואָס אויסגעזונגען, ווערא פּאַוולאָוונאַ, גיט צו מיט אַ הכנעה׳דיגען טאָן מיכאַאיל איוואַנאָוויטש.

— אפשר טאַקי!

— דער „אפשר טאקע“ קלינגט אזוי ווי עס וואלט מיינען: „איך בין פערטיג, אבי טשעפעט זיך אָב פון מיר“ — טראכט דער לעהרער. און ס'איז דאך שוין א פינף מינוטען, אז ער זיצט דאָ, און אָבוואָהל ער האָט אויף איהר ניט געקוקט, ווייסט ער פּאָרט, אז זי האָט אפילו איין מאָל קיין בליק ניט געטהאָן אויפ'ן חתן, א חוץ וואָס זי האָט איהם איצט געענטפערט. און א קוק געטהאָן האָט זי אויף איהם אזוי, ווי זי האָט געקוקט אויף דער מוטער, און אויפ'ן פאָטער — קאַלט, און גאָר ניט ליעבליך. דאָ איז עפּיס ניט אזוי, ווי פעדיא האָט דערצעהלט. דאָך, גיכער פון אלעם, איז די מיידעל א שטאָלצע, א קאלטע, וואָס וויל אריין אין די הויכע פענסטער, אום דאָרט צו הערשען און גלענצען; איהר איז אונאנגענעהם, וואָס ס'האָט זיך איהר צו דעם ניט געמאכט א חתן, א בעסערער; אָבער פעראכטענדיג דעם חתן, נעהמט זי דאך אן זיין האנד, ווייל עס איז ניטאָ קיין אנדער האנד, וואָס זאָל זי פיהרען אהין, וואו ס'גלוסט זיך איהר אריינצוקומען. פון דעסטוועגען איז דאָס א ביסעל אינטערעסאנט.

“פעדיא, טרינק אָב שנעלער,” האָט די מוטער בעמערקט.

“איילט איהם ניט, מאריא אלעקסעיעוונא, איך וויל אויך הערען, אויב ווערא פאוולאָוונא ערלויבט.”

ווערעטשקא האָט גענומען די ערשטע נאָטען, וואָס האָבען זיך איהר פאָפאַדעט, אפילו ניט א קוק טהוענדיג, וואָס דאָס איז, האָט געעפענט דאָס העפט, ווי־דער וואו ס'האָט זיך געמאכט, און האָט גענומען שפּיעלען ווי א מאשין — אַלץ איינס, וואָס ניט שפּיעלען, אבי שנעלער פטור ווערען. אָבער די פּיעסע האָט זיך פאָפאַדיעט א גוטע, ארויסגענומען פון א ניש'קשה'דיגער אָפּערא, און דער מיידעל'ס שפּיעלען איז באַלד געוואָרען לעבהאַפט. ווען זי האָט געענדיגט, האָט זי געוואָלט אויפשטעהן.

“אָבער איהר האָט פערשפּראָכען צו זינגען, ווערא פאוולאָוונא; ווען איך זאָל וואגען, וואָלט איך אייך געבעטען צו זינגען פון ריגאָלעטטאָ” (אין יענעם ווינטער איז לאַ דאָננאַ ע' מאָבילע געווען זעהר אין דער מאָדע).

“גערן.” ווערעטשקאַ האָט אָבגעזונגען לאַ דאָננאַ ע' מאָבילע, איז אויפגעשטאַנען און איז אוועק צו זיך אין צימער.

“ניין, זי איז ניט קיין קאַלטע מיידעל, אָהן א נשמה. דאָס איז אינטערעסאנט,” האָט זיך געטראַכט לאָפּוכאָוו, דער לעהרער.

“גוט, ניט וואָהר?” האָט סטאָרעשניקאָוו געזאָגט צום לעהרער, שוין מיט אן איינפאכער שטימע, און ניט ארונטערנעהמענדיג קיין מאָס. מיט אזעלכע מענשען,

וואָס נעהמען איינפּאַכע סאָלדאַטען אויפ'ן פּערהער לוינט זיך ניט צו זיין אין שלעכטע פערהעלטניסע. ווארום זשע טאַקי ברעקלען זיך מיט'ן לעהרער און איהם בייז מאַכען?"

"יא, גוט."

"און איהר זיינט א מבין אויף מוזיק?"

"ניש'קשה'דיג."

"און אליין שפּיעלט איהר?"

"א ביסעל."

ביי מאַריא אַלעקסעיעוונא'ן האָט א בליץ געטהאָן א גליקליכער געדאַנק אין קאָפּ.

"אויף וואָס שפּיעלט איהר, דמיטרי סערגעאיטש?"

"אויף דער פּיאַנאָ."

"מעג מען אייך בעטען אונז פערשאַפען דעם פערגעניגען?"

"עס פרעהט מיך זעהר".

ער האָט געשפּיעלט עפּיס א פּיעסע. געשפּיעלט האָט ער ניט פּויגעלדיג, אָבער ניש'קשה'דיג, ניט שלעכט.

אַז ער האָט געהאַלטען אין ענדיגען די שטונדע, איז מאַריא אַלעקסעיעוונא צו־געקומען צו איהם און האָט איהם געזאָגט, אַז מאָרגען איז ביי זיי א קליינער אָבענד — דער טאָכטער'ס געבורטסטאַג, און זי בעט איהם ער זאָל אַזוי גוט זיין און קומען.

פערשטעהט זיך (טראַכט זיך דער לעהרער) עס פעהלען אוים קאַוואַליערען ווי געוועהנליך אויף אַזעלכע אָבענדען. אָבער עס מאַכט ניט, ער וועט נעהענטער א בליק טאָהן אויף דיעזער מיידעל. אַרום איהר איז דאָ עפּעס אינטערעסאַנטעס.

"זעהר דאַנקבאַר, איך וועל קומען", ענטפערט ער.

אָבער דער לעהרער האָט געהאַט א טעות. מאַריא אַלעקסעיעוונא האָט געהאַט א וויכטיגערען צוועק פאַר זיך אַליין ווי פאַר די טאַנצענדע מיידלעך.

לעזער, דו פערשטעהסט שוין, מסתמא פריהער אַז ביי דיעזען אָבענד וועט זיין א שטיקעל שמועס און אַז ווערא׳טשקא און לאָפּוכאָוו וועלען זיך פערליעבען איינער אין דעם אַנדערען. געוויס אַזוי.

4.

מאַריא אַלעקסעיעוונא האָט געוואָלט מאַכען א גרויסען אָבענד צו ווערא׳טש־קא'ס געבורטסטאָג, אָבער ווערא׳טשקא האָט געבעטען מען זאָל ניט איינלאַדען קיין שום געסט. מען האָט אָפּגעמאַכט אַז מען זאָל מאַכען דעם אָבענד און איינ־

לאָדען נור איינינע פּערזאָנען, די נאָהענטסטע בעקאַנטע. מען האָט איינגעלאָדען פּאַוועל קאָנסטאַנטינאָוויטש'ס מיט־בעאַמטע (נאַטירליך העכערע אין גראַד, און עלטערע אין אַמט), מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ'ס צוויי פריינדינען און דריי מיידלעך, וועלכע זיינען מיט וועראַטשקאַ'ן געווען נעהענטער ווי אַנדערע.

בעטראַכטענדיג די פּערזאָנען אָן האָבען נעכטיג פּערזאָנען נאָך געפעלט אינעם קוואַרטיר. מען האָט דאָך לאַפּוכאָווען גערופען, און ער האָט זיך דערווייל גרויסאַרטיג באַנומען. פון פריער, אַז מען האָט לאַפּוכאָווען איינגעלאָדען ניט פאַר אַ קאַוואַליער, צוליעב וואָס דען? געבענדיג אַ טראַכט האָט ער זיך דערמאָהנט אַז פאַר זיין איינלאַדונג איז ער געווען עקזאַמינירט אין זיין שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ. הייסט עס, ער איז גערופען אום צו פערקלענערן די אויסגאַבען, מען זאָל ניט דאַרפען קיין פּיאַנאָ שפּיעלער.

"גוט, טראַכט ער: ענטשולדיגט, און ער איז צוגעגאַנגען צו פּאַוועל קאָנסטאַנטינאָוויטש'ן.

"נו, פּאַוועל קאָנסטאַנטינאָוויטש, שוין צייט זיך צו זעצען ביים וויסטשפּיעל; איהר זעהט די עלטערע לייטע איז לאַנגווייליג!"

"און איהר שפּיעלט אין ווי הויך?"

"ווי איהר ווילט".

מען האָט באַלד צוזאַמענגעשטעלט אַ פּאַרטיע, און לאַפּוכאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט שפּיעלען. די אַקאַדעמיע אויף דער וויבאָרגער זייט—איז אַ קלאַסישער אַנשטאַלט פאַר קאָרטענשפּיעל. דאָרטען טרעפט ניט זעלטען אַז אין עפּעס אַ נומער (ד. ה. אין אַ צימער פון די רעגיערונגס סטודענטען) שפּיעלט מען אָפּ אַנדערטהאַלבען מעת לעת נאָך אַנאַנד. מען דאַרף צוגעבען אַז די סומען וואָס געפינען זיך דאָרטען אין צירקולאַציאָן אויף די קאָרטען טישלעך זיינען פיעל קלענער ווי אין דעם ענגלישען קלוב, אָבער דער מאַסשטאַב פון קונסט ביי די שפּיעלער איז דאָ העכער. לאַפּוכאָוו האָט אויך שטאַרק אונטערגעשפּיעלט אין זיין צייט—דאָס הייסט אין דער שלעכטער צייט.

"מיינע דאַמען, ווי וועט עס זיין? — שפּיעלען נאָך דער רייהע איז גוט. אָבער מיר פערבלייבען נור זיעבען; עס וועט אויספעהלען אַ קאַוואַליער אָדער אַ דאַמע פאַר'ן קאַדריל.

דער ערשטער קאָן האָט זיך געהאַלטען אין ענדיגען, ווען איינע פון די מיידלעך, מעהר בוואָטסקע פון די אַנדערע, איז צוגעלאָפען צו לאַפּוכאָוו'ן.

"מאַסיע לאַפּוכאָוו, איהר מוזט טאַנצען".

"מיט איין בעדינג" האָט ער געזאָגט, אויפשטעהענדיג און פערבויגענדיג זיך.

"מיט וועלכען?"

"איך בעט אייך צום ערשטען קאַדריל".

"אַך, מיין גאָט, איך בין שוין אנגאַזשירט צו דעם ערשטען, צום צווייטען — מיט פערגעניגען."

לאַפּוכאָוו האָט זיך ווידער טיעף פערבויגען. צוויי פון די קאַוואַליערען האָבען נאָך דער רייהע נאָך געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ. צו דעם דריטען קאַדריל האָט לאַפּוכאָוו פארבעטען וועראָטשקא'ן, — דעם ערשטען האָט זי געטאַנצט מיט סטאַרעשניקאָווען, דעם צווייטען—ער מיט דער כוואַטסקע מיידעל.

לאַפּוכאָוו האָט בעאָבאַכטעט וועראָטשקא'ן, און האָט זיך שליסליך איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון זיין פריהעריגער מיינונג איבער איהר, אלס אַ מיידעל אָהן אַ נשמה וועלכע האָט מיט קאַלטער אויסגערעכענטקייט חתונה מיט אַ מענשען, וועלכען זי פעראַכטעט. ער האָט פאַר זיך געזעהן אַ געוועהנליכע יונגע מיידעל, וועלכע טאַנצט און לאַכט מיט דער גאַנצער נשמה. יאָ, דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז זי איז געווען אַ געוועהנליכע מיידעל, וואָס האָט ליעב געהאַט טאַנצען. זי האָט געבעטען אַז קיין אבענד זאָל גאָר ניט זיין, אָבער דער אבענד איז דאָך געמאַכט געוואָרען,, און זי—זי האָט עס גאָר ניט ערוואַרטעט,—האָט פערגעסען איהר קומער. אין דיעזע יאָהרען געלוסט זיך אַזוי ניט צו זאָרגען, אָבער ליעבען, לאַכען און פרעהען זיך געלוסט זיך אַזוי שטאַרק אַז די קלענסטע מעגליכקייט צו פערגעסען, צווינגט אויף אַ צייט צו פערגעסען די זאָרג. לאַפּוכאָוו איז שוין איצט געווען גינסטיג געניגט צו איהר, אָבער פיעלעס איז נאָך אַלץ ניט געווען פערשטענדליך.

ער איז געווען פעראינטערעסירט מיט דער מאָדניקייט פון וועראָטשקא'ס לאַגע.

"מאַסיע לאַפּאַכאָוו, איך האָב אייך גאָר ניט ערוואַרטעט צו זעהן אייך טאַנצען" — האָט זי אָנגעפאַנגען.

„וואָרום? איז דאָס דען אַזוי שווער צו טאַנצען?"

"אים אַלגעמיין, געוויס ניט; אָבער פאַר אייך—פערשטעהט זיך, יאָ".

"וואָרום זשע פאַר מיר?"

"ווייל איך ווייס אייער געהיימנים,—אייערע און פעדיאַ'ס, איהר פעראַכטעט פרויען".

"פעדיאַ האָט ניט גאַנץ ריכטיג פערשטאַנען מיין געהיימניס: איך פעראַכטע ניט די פרויען, נור איך מייד זיי אויס,—אָבער ווייסט איהר וואָרום? איך האָב

אַ כּלה, זעהר אַן אייפערזיכטיגע, וועלכע, אום מיך צו צווינגען זיי אויסצוזיידען, האָט זי מיר דערצעהלט זייער געהיימנים.

"איהר האָט אַ כּלה?"

"יאָ".

"דאָס איז אונערוואַרטעט! אַ סטודענט—און איז שוין פערלאָבט! זי איז אַ שעהנע, איהר זיינט פערליעבט אין איהר?"

"יאָ, זי איז אַ פּאַרשוין, און איך ליעב זי זעהר".

"זי איז אַ ברונעטקע, אָדער אַ בלאָנדינקע?"

"דאָס קען איך אייך ניט זאָגען. דאָס איז אַ געהיימניס".

"נו, דאַרף מען ניט, אויב ס'איז אַ געהיימנים. אָבער וואָס פאַר אַ געהיימנים איבער די פרויען האָט זי פּאַר אייך ענטדעקט, אום אייך צו צווינגען זיי אויס־צומיידען?"

"זי האָט בעמערקט, אַז איך ליעב ניט צו זיין שלעכט אויפגעלייגט—האָט זי מיר אַ שעפּטשע געטאָהן אַ ווייבערשען סוד, אַז איך קען ניט זעהן קיין פרוי און ניט ווערען שלעכט אויפגעלייגט,—און דאַרום מייד איך אויס די פרויען."

„איהר קענט ניט אָנקוקען קיין פרוי און ניט ווערען שלעכט אויפגעלייגט? איך זעה אַז איהר זייט גאָר ניט פעהיג צו מאַכען קאָמפּלימענטען".

"ווי זשען דען זאָל איך זאָגען? איך ווער שלעכט אויפגעלייגט ווייל איך בע־דויער די פרויען".

"זיינען מיר דען אַזוי בעדויערנסווערטה?"

"זיינט איהר דען קיין פרוי ניט? איך ברויך אייך נור דערמאָהנען אייער הערצענס וואונש—און איהר שטימט מיט מיר איין. דאָס איז דער אַלגעמיינער וואונש פון אַלע פרויען".

"זאָגט, זאָגט".

"אָט, איז עס: אַך, ב'וואָלט געוואָלט זיין אַ מאַנספּערזאָן!" איך האָב ניט בעגעגענט קיין איינציגע פרוי ביי וועלכער מען זאָל ניט קענען געפינען דיעזען וואונש וועלכען זיי האַלטען בסוד. אָבער אַם מייסטען דאַרף מען זי גאָר ניט זוכען—זי ווערט גלייך אַרויסגעזאָגט, אונגעבעטען. באַלד ווי די פרוי ווערט פון עפּעס אויפגערודערט—הערט מען גלייך עטוואָס אַזעלכעס: „אָרימע בעשעפּעני־שען זיינען מיר, פרויען!" אָדער: "אַ מאַנספּערזאָן איז גאָר ניט דאָס, וואָס אַ פרוי", אָדער גאָר אַזוי, מיט גלייכע ווערטער: "אַך, וואָרום בין איך ניט קיין מאַנספּערזאָן!"

וואָראָטשקאַ האָט אַ שמייכעל געטאָהן: "אמת, דאָס קען מען הערען פון

יעדער פרוי.״

״אַט זעהט איהר ווי בעדויערנסווערטה די פרויען זיינען? אויב עס זאָל מקוים ווערען דער הערצענס וואונש פון יעדע פון זיי, וואָלט אויף דער וועלט ניט פערבליבען קיין איין פרוי״.

״יאָ, עס צייגט אזוי אויס״, האָט געזאָגט ווראַטשקאַ.

״גראַדע דאָס זעלבע ווי ס'וואָלט ניט פערבליבען אויף דער וועלט קיין איין אָרים־מאַן, אויב ס'זאָל מקוים ווערען דער וואונש פון יעדען אָרימאַן. זעהט איהר, זיינען דען די פרויען ניט בעדויערנסווערטה? אזוי בעדויערנסווערטה ווי די אָרימע לייט. ווענען איז אנגענעהם צו זעהן אָרימע לייט? אַט גראַדע אזוי איז מיר אונאַנגענעהם צו זעהן פרויען, זייט איך האָב זיך דעריוואוסט פון זייער געהיימנים. און זי איז מיר אויפגעדעקט געוואָרען דורך מיין אייפערזיכטיגע כלה, סאַמע אין דעם טאָג פון דער פערלאָבונג. ביז יענער צייט האָב איך זעהר גע־ליעבט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון פרויען; און דערנאָך—ווי מיט דער האַנט צוגע־נומען. די כלה האָט מיך אויסקורירט״.

״אַ גוטע און קלוגע מיידעל איז אייער כלה. יאָ, מיר פרויען זיינען—בע־דויערנסווערטהע באַשעפענישען, מיר נעבעך! האָט געזאָגט ווראַטשקאַ:—אָבער ווער איז אייער כלה? איהר רעדט אזוי פאַרשטעלט״.

״דאָס איז מיין געהיימנים, וועלכע פעדיאַ וועט איך ניט דערצעהלען. איך בין פאָלקאָמען איינפערשטאַנען מיט'ן וואונש פון די אָרימע לייט, אַז זיי זאָלען מעהר ניט זיין; און ווען עס איז וועט דיעזער וואונש ערפילט ווערען; פריהער אדער שפעטער און... מיר וועלען קענען איינאָרדנען דאָס לעבען אזוי, אַז עס וועט ניט זיין קיין אָרימע״.

״ס'וועט ניט זיין?״ האָט איבערגעשלאָגען ווראַטשקאַ: „איך אַליין האָב אויך געדענקט, אַז ס'וועט ניט זיין: אָבער ווי אזוי זיי וועלען ניט זיין, צו דעם האָב איך זיך שוין ניט געקענט דערטראַכטען, — זאָגט, ווי אזוי?״

״דאָס קען איך אייך אַליין ניט דערצעהלען, דאָס קען דערצעהלען נור מיין כלה; איך קען אייך זאָגען נור איינס: זי זאָרגט שוין דאַפיר, און זי איז זעהר אַ שטאַרקע, זי איז שטאַרקער פון אַלעמען אויף דער וועלט. אָבער, מיר רעדען ניט פון איהר נור פון די פרויען. איך בין פאָלקאָמען איינפערשטאַנדען מיט דעם וואונש פון די אָרימע לייט, אַז זיי זאָלען ניט זיין אויף דער וועלט, ווייל דאָס וועט שוין טאָקי טהון מיין כלה. אָבער איך בין ניט איינפערשטאַנען מיט'ן וואונש פון די פרויען, אַז קיין פרויען זאָלען ניט זיין אויף דער וועלט, ווייל דער וואונש קען ניט

מקוים ווערן, און מיט דעם וואָס עס קען ניט מקוים ווערן, דערמיט שטים איך ניט איין. אָבער ביי מיר איז דאָ אַן אַנדער וואונש: איך וואָלט וועלן, אז די פרויען זאָלען זיך בעפריינדען מיט מיין כלה, — זי זאָרגט פאר זיי, ווי זי זארגט פאר פיעלעס, פאר אלעס. ווען זיי זאלען זיך בעפריינדען מיט איהר, וואָלט איך קיין אורזאכע ניט געהאט זיי צו בעדויערען, און ביי זיי וואָלט פערשוואונדען דער וואונש: "אך, ווארום בין איך ניט געבארען געווארען א מאנספערזאָן!" בעקענענ־דיג זיך מיט איהר וואָלט די פרויען ניט געווען ערגער, ווי די מאנספערזאָנען".

"מאָסיע לאָפּוכאָוו! נאָך איין קאדריל! אונבעדינגט!"

"איך וועל אייך דערפאר בענטשען!" ער האָט איהר א דריק געטהון די האנד, אָבער אזוי רוהיג, און ערנסט, גלייך ווי ער וואָלט געווען איהר חבר'טע, אדער זי זיין חבר — דעם ווי פיעלטען?"

"דעם לעצטען".

"גוט".

מאריא אלעקסעיעוונא האָט זיך עטליכע מאָל דורכגעשפאציערט לעבען זיי אין צייט פון קאדריל.

וואָס האָט מאריא אַלעקסעיעוונא געטראכט פון אזא געשפרעך, אויב זי האָט זיך אונטערגעהערט? מיר, וואס האָבען איהם אין גאנצען געהערט פון אָנ־פאנג ביז'ן סוף, וועלען אלע זאָגען, אז אזא געשפרעך אין צייט פון קאדריל — איז זעהר זאָנדערבאר.

עס איז געקומען דער לעצטער קאדריל.

מיר האָבען אלץ גערעדט פון מיר, האָט געזאגט לאָפּוכאָוו: דאס איז דאָך זעהר ניט ליעבליך פון מיין זייט, וואס איך האָב אלץ גערעדט פון זיך. איצט וויל איך זיין ליעבליך, רעדען פון אייך, ווערא פאוולאָוונא. איהר ווייסט, אז איך האָב פון אייך געהאט אן ערגערע מיינונג, ווי איהר פון מיר, און איצט... נו, דאס שפעטער, אָבער דאָך, קען איך מיר אויף איין זאך ניט ענטפערען, ענטפערט איהר מיר. ווען אייער חתונה זיין באלד?"

"קיינמאָל ניט".

"איך האָב טאקי אזוי געדענקט, די לעצטע דריי שטונדען, זייט איך בין אהער ארויסגעקומען פון אונטער דעם קאָרטען־טיש. אָבער ווארום זשע רעכענט ער זיך פאר א חתן?"

"ווארום ער רעכענט זיך פאר א חתן? — ווארום! — איינס קען איך אייך ניט זאָגען, ס'איז מיר שווער. אָבער דאס צווייטע קען איך אייך זאָגען: עס טהוט מיר לייד פאר איהם. ער האָט מיך אזוי ליעב. איהר וועט זאָגען: מען דארף איהם

גלייך ארויסזאָגען, וואָס איך דענק פון אונזער חתונה — איך האָב געזאָגט; ענטפערט ער: זאָגט ניט, דאָס טויטעט מיך, שווייגט".

דאָס איז די צווייטע אורזאכע, און די ערשטע, וועלכע איהר קענט ניט דער־צעהלען מיר, קען איך זי דערצעהלען אייך: אייער לאַגע אין דער פאמיליע איז שרעקליך".

"איצט איז עס שוין ערטרעגליך. איצט מאַטערט מיך קיינער ניט, — מען וואַרט, און מען לאָזט, אדער מען לאָזט מיך כמעט צורוה".

"אָבער דאָס קען דאָך אַ לאַנגע צייט אזוי ניט דויערען. מען וועט צו'ן אייך אָנהויבען צוצושטעהן. וואָס וועט זיין דאַן?"

"גאָר ניט. איך האָב שוין געטראַכט דערפון און האָב שוין בעשלאָסען. דאַן פערבלייב איך דאַ ניט. איך קען ווערען אַן אקטריסע. ס'אַרא בענײדענשאַפטער לעבען דאָס איז! אונאבהענגינקייט! אונאבהענגינקייט!"

"און אפּלאָדיסמענטען".

"יא, דאָס איז אַנגענעהם, אָבער דאָס וויכטיגסטע — די אונאבהענגינקייט! טהון, וואָס איך וויל, — לעבען ווי איך וויל, קיינעם ניט פרעגענדיג, פון קיינעם גאָר ניט פאָדערנדיג, אין קיינעם, אין קיינעם זיך ניט נויטיגען. איך וויל אזוי לעבען!"

"אזוי, דאָס איז גוט! איצט האָב איך צו אייך אַ בקשה: איך וועל אויס־געפינען, ווי דאָס צו מאַכען, צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדען, — יא?"

"איך דאַנק אייך". ווערעשטשקא האָט איהם אַ דריק געטהאָן די האַנד, „טהוט, עס וואָס שנעלער: מיר ווילט זיך וואָס פריהער זיך אויסרייסען פון דיעזען העס־ליכען, אונערטרעגליכען, ערנידעריגענדען צושטאַנד! איך זאָג: "איך בין רוהיג, מיר איז ערטרעגליך" — איז דען דאָס ווירקליך אזוי? זעה איך דען ניט, וואָס מען טהוט מיט מיין נאָמען? ווייס איך דען ניט וואָס עס דענקען פון מיר אלע, וואָס זיינען איצט דאָ? אַן אינטריגאַנטקע, זי כיטרעט, וויל זיין רייך, וויל אריין אין די הויבע געזעלשאַפט, גלענצען, וועט דעם מאַן האַלטען אונטער דער פּאָדעש־ווע, וועט מיט איהם דרעהען, איהם אָפּנאַרען.

ווייס איך דען ניט, אז אלע דענקען אזוי פון מיר? איך וויל ניט אזוי לעבען, איך וויל ניט!"

פּלוצלונג האָט זי זיך פערטראַכט.

"לאַכט ניט פון וואָס איך וועל זאָגען: מיר טהוט דאָך לייד פאַר איהם, — ער ליעבט מיך אזוי!"

„ער ליעבט אייך ? קוקט ער אויף אייך אזוי ווי אַט איך, אדער ניין ? אזא קוק האָט ער ?“

„איהר קוקט גלייך, איינפאך. ניין, אייער קוק בעליידיגט מיך ניט“.

„זעהט איהר, ווערא פּאוולאָוונא, דאס קומט דערפון..... אלץ איינס, און ער קוקט אזוי ?“

וועראטשקא איז רויט געווארען און האָט געשוויעגען.

„הייסט עס, ער ליעבט אייך ניט. דאס איז ניט קיין ליעבע, ווערא פּאוולאוונא“.

„אָבער“.... וועראטשקא האָט ניט דער רעדט און האָט זיך אָבגעשטעלט.

„איהר האָט געוואלט זאגען : וואס זשע דען איז דאס, אויב ניט ליעבע ? נאָר לאָמיר בעסער דערפון ניט רעדען. נאָר, אז דאָס איז קיין ליעבע ניט, וועט איהר שוין אַליין אויך זאָגען. וועמען האָט איהר אַם בעסטען ליעב ? — איך רעד דא ניט פון דיעזער ליעבע, — אָבער פון די עלטערען פון די חבר'טעס ?“

„איך גלויב, אז קיינעם ניט פון זיי בעזאנדערס שטארק. אָבער ניט לאַנג צו־ריק האָב איך זיך בעגעגענט מיט זעהר א זאָנדערבארער פרוי. זי האָט פון זיך זעהר שלעכט גערעדט, האָט מיר פערבאָטען פאָרטצוזעצען מיין בעקאנטשאפט מיט איהר. מיר האָבען זיך געזעהן דורך זעהר א זאָנדערבאַרען צופאַל. זי האָט געזאָגט אז ווען ס'זאָל זיך מיר מאכען אזא נויט וואס ס'וואָלט נאָר פערבליבען צו שטאַר־בען, דאַן זאָל איך זיך ווענדען צו'ן איהר, אָבער ניט אנדערש. אַט זי האָב איך שטאַרק ליעב געקריגען“.

„ווינשט איהר, אז זי זאָל פאר אייך עפּעס טהון אזעלכעס, וואס וואָלט גע־ווען אונאנגענעהם אדער שעדליך פאר איהר ?“

וועראטשקא האָט א שמייכעל געטהון. — ווי איז דאס דען מעגליך ?

„אָבער ניין, שטעלט אייך פאָר, אז איהר וואלט דארפען, אז זי זאָל פאר אייך טהאָן עפּיס און זי וואָלט צו אייך זאָגען : „אויב איך זאָל דאס טהאָן וועל איך צוליעב דעם מוזען ליידען“. וואלט איהר נאָך אלץ געפאָדערט פון איהר ? וואָלט איהר אלץ ניט אפּגעטרעטען ?

„איך וואָלט בעסער געשטאָרבען“.

„אַט זאָגט איהר שוין אַליין אז דאס איז — ליעבע, נור דאס איז ליעבע — איינפאך א געפיהל, אבער ניט קיין ליידענשאפט. מיט וואס אונטערשיידעט זיך ליידענשאפט פון א געוועהנליכען געפיהל ? מיט דער קראפט. הייסט עס, אז מיט אַן איינפאכען געפיהל, א שוואכען, א גאנץ שוואכען אין פערגלייך מיט א ליידענ־שאפט, שטעלט אייך די ליעבע אוועק אין אזא בעציהונג צו א מענשען, אז איהר זאגט : „בעסער שטאַרבען איידער זיין די אורזאכע פון זיינע ליידען“. אויב אַן

איינפאכעם געפיהל זאגט אזוי, וואס זשע וועט שוין זאגען די ליידענשאפט, וועלכע איז טויזענדער מאל שטארקער? זי וועט זאגען: "גיעבער וועל איך שטרבען, אייד דער — ניט נאר פאדערען, ניט נאר בעטען, — בעסער געזאגט, איידער איך זאל דערלאזען, אז א מענש זאל פאר מיר טהון עפעס אנדערש, א חוץ דאס וואס איהם אליין איז אנגענעהם; בעסער וועל איך שטארבען, איידער איך וועל דערלאזען, אז ער זאל זיך צוליעב מיר צו עטוואס צווינגען, און עטוואס זיך שטערען". — אט אזא ליידענשאפט, וואס זאגט אזוי, דאס איז — ליעבע. אבער, אז די ליידענשאפט איז ניט אזעלכע, איז זי א ליידענשאפט, אבער גאר קיין ליעבע ניט. איך געה פון דאנען אוועק. איך האב אלעס געזאגט, ווערא פאוולאוונא".

ווערא‍טשקא האט געדריקט זיין האנד.

"צום ווידערזעהען. ווארום זשע גראטולירט איהר מיך ניט? היינט איז דאך מיין געבורטסטאג".

לאפוכאוו האט אויף איהר א קוק געטהאן. "קען זיין.... קען זיין!"....

5.

"ווי שנעל, ווי אונערווארטעט"—טראכט ווערא‍טשקא, אליין אין איהר צימער, נאך דער ענדע פון'ם אבענד: — צום ערשטען מאל גערעדט, און געווארען אזוי נאהענט! א האלבע שטונדע צוריק איינער דעם אנדערען ניט געקענט, און אין א שטונדע ארום דערזעהען, אז מען איז געווארען אזוי נאהענט! ווי זאנדערבאר דאס איז!"

ניין, דאס איז גאר ניט זאנדערבאר, ווערא‍טשקא. ביי דיזע מענשען, ווי לאפוכאוו, זיינען דא צוייבער ווערטער, וועלכע ציהען צו יעדעס בעטריבטעס, און בעליידיגטעס וועזען. דאס זאגט זיי אונטער זייער כלה אזעלכע ווערטער. אט וואס ווערא‍טשקא איז ווירקליך זאנדערבאר:

— ווי קומט עס וואס דו ביזט אזוי רוהיג? מען דענקט דאך, אז ליעבע איז אן אונרוהיגעס געפיהל. אבער דו וועסט איינשלאפען אזוי רוהיג, ווי א קינד, און עס וועלען דיך ניט בעאונרוהיגען, קיינע חלומות — סיידען עס וועלען זיך דיר חלום'ען פרעהליכע קינדערשע שפילען, פאנטען, כאפער־לאך, אדער פיעלייכט טענץ, אבער נור פרעהליכע, און אונבעזארגטע. ביי אנדערע קומט עס אוים מאדנע, און דו ווייסט אפילו ניט צו איז דאס מאדנע, אבער איך וויים, אז דאס איז ניט מאדנע. אנגסט אין ליעבע — איז ניט די ליעבע אליין, די אנגסט אין איהר צייגט, אז עפים איז דארט ניט ווי עס דארף צו זיין, ווייל ליעבע אליין איז פרעהליך און אונבעזארגט.

"ווי זאַנדערבאַר דאָס איז," טראַכט ווראַטשקאַ: — "איך האָב דאָך אליין איבערגעטראַכט, איבערגעפיהלט, וואס ער זאָגט, אי איבער די פרויען, אי איבער די אָרימע, אי איבער דעם ווי מען דאַרף ליעבען, — פון וואַנען האָב איך דאָס גענומען? איז דאָס געווען אין די ביכער, וואס איך האָב געלעזען? — ניין, דאָרט איז גאָר אַזעלכעס ניטאָ. אָדער אויב עס איז יאָ דאָ איז מיט אַזוינע בעגרענצונגען, און אלעס קומט דאָרט אויס עפּיס אַזוי אונגעוועהנליך, אונוואהרשיינליך. גליך ווי ס'וואָלטען געווען טרוימערייען, וועלכע זיינען גוט, אָבער מקוים ווערען וועלען זיי ניט! און מיר האָט זיך אויסגעציינט, אז ס'איז אזוי איינפאַך, איינפאַכער פון אלעס, אז ס'איז דאָס געוועהנליכסטע, אָהן וועלכען מען קען ניט זיין, אז ס'וועט אלעס ריכטיג אזוי זיין, אז דאָס איז ריכטיגער פון אלעס! און איך האָב נאָך געמיינט, אז דאָס זיינען די בעסטע ביכער.

"אַט איז זשאָרזש זאַנד, — אַזאַ גוטע, אַזאַ זיטליכע שרייבערין! — אבער ביי איהר איז דאָס אלעס נור טרוימערייען! אדער אונזערע — ניין, ביי אונזערע איז גאָר אַזעלכעס ניטאָ. אָדער ביי דיקענסאָן'ען — ביי איהם איז דאָס יאָ דאָ. אבער ס'זעהט אויס, אז ער האָפט אפילו ניט דערויף; ער ווינשט עס נור, ווייל ער איז אַ גוטער, אָבער אַליין ווייסט, אַז דאָס קען ניט זיין. ווי זשע ווייסען זיי ניט, אַז אָהן דעם קען מען ניט זיין, אז דאָס דאַרף מען ווירקליך אזוי מאַכען, און דאָס וועט אונבעדינגט געמאַכט ווערען, אז ס'זאָל גאָר ניט זיין ניט קיין ארימער און ניט קיין אונגליקליכער. זאָגען זיי דען דאָס ניט? ניין, זיי טהוט נור לייד, און זיי דענקען טאַקי ווירקליך, אַז ס'וועט אזוי פערבלייבען, ווי איצט, — אַביסעל וועט בעסער זיין, אָבער דאָך אימער אזוי. און דאָס זאָגען זיי ניט, וואס איך האָב געטראַכט. אויב זיי וואלטען דאָס זאָגען, וואָלט איך געוואוסט, אז קלוגע און גוטע מענשען דענקען אזוי; אָבער מיר האָט זיך אלץ אויסגעוויזען, אז נור איך אליין דענק אזוי, ווייל איך בין אַ נאַרישע מיידעל, אז א חוץ מיר, דער נאַרישער, דענקט קיינער ניט אזוי, קיינער ערוואַרט עס גאָר ניט אין דער ווירקליכקייט. אבער אַט זאָגט לאָפּוכאָוו אז זיין כלה האָט יעדען פון איהרע פריינד ערקלעהרט, אז ס'וועט גראָדע טאַקי אזוי זיין, ווי מיר האָט זיך געציינט, און האָט עס אזוי פערשטענדליך ערקלעהרט, אז אלע האָבען גענומען זאָרגען דאַפיר, אז עס זאָל שוין שנעלער זיין אזוי. ווי קלוג די כלה איז געווען! אָבער ווער איז זי אַזוינס? איך וועל זיך דערוויסען, אונבעדינגט דערוויסען. אַט, דאָס וועט זיין גוט, אַז ס'וועלן קיין אָרימע ניט זיין, קיינער וועט קיינעם ניט צווינגען, אלע וועלען זיין פרעהליכע, גוטע גליקליכע"..

דערמיט איז ווראַטשקא איינגעשלאָפען, און איז געשלאָפען שטאַרק, און האָט

קיין חלומות גאר ניט געהאט.

גיין, וועראטשקא, ס'איז גאר ניט זאנדערבאר, אז דו האסט איבערגעטראכט, און האסט זיך אריינגענומען אין הארצען אריין דאס אלעס, דו, אן איינפאכע מיידעל, וועלכע האט אפילו ניט געהערט די פאמיליע־נעמען פון יענע מענשען, וועלכע האבען אנגעהויבען צו לערנען און דערוויזען, אז דאס מוז אזוי זיין, אז דאס וועט אונבעדינגט זיין אזוי, אז דאס קען אנדערש ניט זיין. ס'איז ניט זאנדערבאר, אז דו האסט פערשטאנען און זיך אין קאפ אריינגענומען די געדאנקען, וואס דיינע ביכער האבען דיר ניט געקענט קלאהר פארשטעלען.

דיינע ביכער זיינען געשריעבען פון מענשען, וועלכע האבען זיך געלערענט אויף די געדאנקען, ווען זיי זיינען נאך געווען געדאנקען; דיעזע געדאנקען האבען אויסגעזעהן וואונדערליך ענטציקענד — אבער ניט מעהר. איצט, ווערטשקא, זעהט מען שוין דיעזע געדאנקען קלאהר אין לעבען און אנגעשריבען זיינען אנדערע ביכער, פון אנדערע מענשען; וועלכע געפינען, אז די געדאנקען זיינען גוט, אבער קיין וואונדערבארעס איז אין זיי גאר ניטא, און איצט, ווערטשקא, טראגען זיך די געדאנקען ארום אין דער לופט, ווי דער אראמאט אויף די פעלדער, ווען עס קומט די צייט פון די בלומען. זיי דרינגען דורך אומעדום, דו האסט זיי געהערט אפילו פון דיין שכור'ער מאמען, וועלכע האט דיר געזאגט, אז מען מוז לעבען, און ווארום מען מוז לעבען מיט בעטרוג און כאפעריי. דו האסט זיי געהערט פון דער אונפערשעמטער, פערדארבענער פראנצויזין, וועלכע שלעפט מיט זיך ארום איהר ליעבהאבער, ווי א פאקאיאוהע, מאכט פון איהם אלעס, וואס זי וויל, און דאך, ווען זי קומט נאר צו זיך, געפינט זי, אז זי האט ניט איהר אייגענעם ווילען, אז זי מוז נאכגעבען אנדערע, צווינגען זיך און אז דאס איז זעהר שווער, — כאטש זי האט דאך אזא גוט לעבען ביי איהר סערגייען, דעם גוטען, דעליקאטען, ווייכען, — און דאך זאגט זי אויך: „אפילו פאר מיר, דער שלעכטער, זיינען אזוינע בעציהונגען שלעכט“.

איצט, ווערטשקא, איז ניט שווער זיך אנצונעהמען מיט אזעלכע געדאנקען. אנדערע נעמען זיי זיך ניט צום הארצען, אבער דו האסט זיך יא גענומען. דאס איז גוט, אבער קיין זאנדערבארעס איז עס אויך ניט: וואס איז דא זאנדערבאר, אז דיר ווילט זיך זיין א פרייער און גליקליכער מענש! דער וואונש — איז דאך ניט גאטוויים וואס פאר א העלדישע טהאט.

אבער אט דאס איז זאנדערבאר, ווערטשקא, וואס עס זיינען דא אזעלכע מענשען, ביי וועמען דיזער וואונש איז גאר ניטא: וועלכע האבען גאר אנדערע

ווינשע, און זיי וועט נאך, פיליכט, זיך אויסצייגען זאנדערבאר, מיט וועלכע געדאנקען, דו מיין פריינד, שלאפסט איין, אין'ם ערשטען אבענד פון דיין ליעבע, אז פון דעם געדאנק איבער זיך אליין, איבער דיין געליעבטען, איבער דיין ליעבע, ביזטו איבערגעגאנגען צו די געדאנקען, אז אלע מענשען וואלטען געדארפט זיין גליקליך, און אז מען דארף העלפען אז דאס זאל וואס פריהער אנקומען.

דו ווייסט ניט, אז דאס איז זאנדערבאר, אבער איך וויים, אז דאס איז ניט זאנדערבאר, אז דאס איז דאס איינציג נאטירליכעס, דאס איינציג מענשליכעס; איינפאך מענשליכעס; — „איך פיהל פרייד און גליק" — הייסט: "מיר ווילט זיך, אז אלע מענשען זאלען ווערען פרעהליך און גליקליך"—מענשליך, ווערא־טשקא, דיעזע ביידע געדאנקען זיינען איינס. דו ביזט א גוט מיידעל, דו ביזט ניט קיין נאריש מיידעל; אבער, פערצייע מיר, איך געפין קיין וואונדערבארעס אין דיר ניט; עס קען זיין, אז א העלפט פון די מיידלעך, וואס איך האב געקענט, און קען, און פיליכט נאך מעהר ווי א העלפט, זיינען ניט ערגער פון דיר, און איינציגע, ענטשולדיג מיר, זיינען זאגאר בעסער.

לאפוכאוו'ן דאכט זיך, אז דו ביזט א וואונדערבארעס מיידעל, דאס איז אזוי: אבער עס איז קיין וואונדער ניט, וואס איהם דאכט זיך אזוי, ער האט דיך דאך ליעב געקראגען! און דא איז קיין וואונדערבארעס ניטא וואס ער האט דיך ליעב געקריעגען; דיך קען מען ליעב קריעגען; און ווען ער האט דיך ליעב געקריעגען, דארף זיך איהם טאקי אזוי אויסצייגען.

.6

מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך גערדעהט נעבען דער טאכטער און דעם לעהרער אין צייט פון זייער ערשטען קאדריל; אבער ביי דעם צווייטען האט זי זיך שוין נעבען זיי ניט געצייגט, נור זי איז אלץ געווען פערטיעפט אין דער ווירטהשאפט פארטיג צו מאכען דעם אבענד־עסען. האבענדיג דאס בעזארגט, האט זי א פרעג געטהאן אויפ'ן לעהרער; דער לעהרער איז שוין ניט געוועזן.

אין צוויי טעג ארום איז דער לעהרער געקומען צו געבען זיין שטונדע. מען האט דערלאנגט דעם סאמאוואר—דאס פלעגט אימער פאסירען אין צייט פון דער שטונדע. מאריא אלעקסעיעוונא איז אריין אין צימער, וואו דער לעהרער האט געלערנט מיט פעדיא'ן; פריהער האט פעדיא'ן געריפען מאטראנא; דער לעהרער האט געוואלט פערבלייבען אויף זיין פלאטץ, ווייל ער טרינקט דאך קיין טהעע ניט, און דערווייל וועט ער איבערקוקען פעדיא'ס העפט, אבער מאריא אלעקסעיעוונא האט איהם געבעטען אריינצוקומען זיצען מיט זיי א ביסעל, זי דארף מיט איהם

עפּעס ריידען. ער איז געגאַנגען און זיך געזעצט ביים טיש.

מאַריאַ אַלעקסעוונאַ האָט איהם גענומען אויספרעגען פון פּעדיאַ'ס פעהיג־קייטען, פון דעם, וועלכע גימנאַזיע איז בעסער, וואָלט עס אפשר ניט געווען בעסער דעם אינגעל אריינגעבען אין א גימנאַזיען־פּענסיאָן? די פראגען זיינען געווען גאַנץ נאַטירליכע, אָבער צי איז עס ניט אביסעל צו פריה זיך אַזוי פארנאנדערצופרעגען?

אין צייט פון געשפּרעך האָט זי אַזוי דרינגענדיג און ליעבליך געבעטען דעם לעהרער טרינקען טהעע, אַז לאָפּוכאָוו האָט זיך בעשלאָסען אָבצוטרעטען פון זיין רעגעל און גענומען אַ גלאָז. וועראַטשקא איז לאַנג ניט אַרויסגעקומען, ענדליך איז זי אַרויסגעקומען. זי און דער לעהרער האָבען זיך בעגריסט מיט אַ נייג פון קאָפּ, גלייך ווי צווישען זיי איז גאָר ניט געווען, און מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ האָט נאָך אַלץ פאָרטגעזעצט איינצוטענה'ן איבער פּעדיאַ'ן. דאַן, פּלוצלונג, האָט זי געגעבען מיט אַ מאָהל אַ דרעה דעם געשפּרעך אויפ'ן לעהרער אַליין, און האָט גע־נומען אויספרעגען ווער ער איז, וואָס ער איז, וואָס פאַר אַ עלטערן ער האָט, האָבען זיי עפּעס אַ פערמעגען, ווי ער לעבט, ווי ער דענקט צו לעבען אין דער צוקונפט.

דער לעהרער האָט געענטפערט קורץ און אונבעשטימט, אַז עלטערן זיינען ביי איהם דאָ, וואָהנען אין דער פּראָווינץ, זיינען מענשען ניט קיין רייכע, אַליין לעבט ער פון שטונדען, ווענט פערבלייבען אַ דאָקטאָר אין פּעטערבורג; מיט איין וואָרט, עס איז פון דעם אַלעם גאָר ניט אַרויסגעקומען. זעהענדיג אַזאַ מין האַרט־נעגינקייט, איז מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ צוגעטרעטען צו דער זאַך מעהר דירעקט און האָט געזאָגט:

"איהר זאָגט, איהר ווערט פערבלייבען א דאָקטאָר דאָ; און די היגע דאָקטוי־רים קענען, דאַנקען גאָט לעבען; איהר דענקט נאָך ניט פון קיין פּאַמיליען־לעבען, אדער איהר האָט שוין א מיידעל אין אויג?"

וואָס איז דאָס? דער לעהרער האָט שוין געהאַט פערגעסען אָז זיין אויסגע־טראַכטער כלה, און האָט שוין געוואָלט זאָגען: "כ'האָב קיינעם ניט אין אויג", אָבער ער האָט זיך דערמאָנט: "אַך, יאַ, זי האָט זיך אונטערגעהערט!" עס איז איהם געוואָרען לעכערליך, — ס'אַרא נאַרישקייט האָב איך דאַן אויסגעטראַכט!

ווי האָב איך עס פערפּאַסט אַזאַ מין משל, און מען האָט עס דאָך גאָר ניט געדאַרפט! אַט, האָט איהר, מען זאָגט, אַז די פּראָפּאַגאַנדע איז שעדליך — אַט, ווי ס'האָט אויף איהר געווירקט די פּראָפּאַגאַנדע, ווען דאָס האַרץ איז ביי איהר ריין און ניט

געניינט צו שלעכטס, אונטערגעהערט זיך און פערשטאַנען, נו, וואס געהט עס מיך אָן ?

“געוויס האָב איך”, האָט לאַפּוכאָוו ענדליך געענטפערט.

פערלאָבט, אדער נאָך ניט ?”

“פערלאָבט”.

“פארמעל פארלאָבט, אדער נור אזוי, צווישען זיך אָפּגערעדט ?”

“פארמעל פערלאבט”.

אָרימע מאריא אלעקסעיעוונא ! — זי האָט געהערט די ווערטער “מיין כלה”, —“אייער כלה” — “איך ליעב זי זעהר” — “זי איז א פארשוין” און האָט זיך בערוהיגט מיט’ן געדאנק, אז דער לעהרער וועט זיך ניט נאָכשלעפּען נאָך דער טאָכטער, און צום צווייטען קאדריל האָט זי זיך שוין פּאָלקאָמען געקענט אָנגעהן מיט’ן צובייסען פאר דעם אבענד. אבער זי האָט פאלקאָמענער און גרינדליכער געוואלט וויסען ווי עס האלט מיט דעם לעהרער. זי האָט פארטגעזעצט דאס נאָכפרעגען. יעדען זיינען דאָך אנגענעהם בערוהיגענדע געשפּרעכען, און יעדענפאלס, איז עס טאַקי אינטערעסאַנט, — אַלעס איז אינטערעסאנט. דער לעהרער האָט געענטפערט גרינדליך, אָבוואָהל לויט זיין רעגעל, קורץ.

דער לעהרער איז שוין פריהער אויך געפעלען געוועזען מאריא אַלעקסעיעוונא’ן, דערמיט וואָס ער האָט קיין טהעע ניט געטרונקען, מ’האָט געקענט ארויסזעהן, אז ער איז אַ סאָלידער און אַ פונדאמענטאַלער מענש ; גערעדט האָט ער וועניג — נאָך בעסער, ניט קיין פּלוידערזאַק ; אָבער וואס ער האָט גערעדט האָט ער גערעדט גוט — בעזאָנדערס פון געלד ; אָבער פון אייערנעכטען אבענד אָן האָט זי דערזעהן, אז דער לעהרער איז זאָגאר אַן אוצר, וועלכער איז דאָך שוין ניט פריי ארומצושלעפּען זיך מיט די מיידלעך פון די פאמיליען, וואו ער גיט שטונדען ; און דאס איז א זעלטענהייט ביי אזעלכע יונגע לייט. און איצט איז זי געוועזען פאלקאָמען צופריעדען מיט איהם. און ווירקליך, אזא סאלידער מאַן ! און האָט זיך אפילו ניט בעריהמט, אז ער האָט א רייכע כלה. יעדעס ווארט האָט מען ביי איהם מיט צוואנגען געדארפט ציהען. און ווי ער האָט עס דערשמעקט — און זעה, ווי ער האָט זיך נושא חן געווען ביי איהר, יא, דער בחור ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טהון ! טאַקי גלייך פון די דאקומענטען האָט ער אָנגעפאנגען, און ווי אזוי ער דערצעהלט דאס ! “אָהן דעם זאגט ער, טאָר מען ניט, ווער ס’האָט נור אביסעל שכל אין קאָפּ” — א זעלטענער פונדאמענטאַלער יונגער מאַן !

פון אָנפאנג האָט ווערא‌טשקא קוים איינגעהאלטען דעם כמעט בעמערקבארען שמייכעל, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך איהר געגומען דאכטען, — וואס האָט זיך

עס איהר נאָר געדאַרפט דאַכטען? — ניין, ס'איז ניט אזוי, ניין, ס'איז ניט אזוי! אז אַבוואָהל לאַפּוכאָוו ענטפּערט טאַקי מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן, אָבער מיינען מיינט ער ניט מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן נור זי, ווערראַטשקאַ'ן, אז ער מאַכט זיך ניר שפּאַס איבער מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן אָבער ערנסט און דעם אמת, און טאַקי בלויז דעם אמת, זאָגט ער איהר אַליין, ווערראַטשקאַ'ן.

האָט זיך עס נאָר אויסגעדאַכט ווערראַטשקאַ'ן, אדער איז עס אין אמת טאַקי אזוי געווען, ווער ווייסט? ער האָט געוואוסט, און זי האָט זיך דערוואוסט; און מיר דאַרפען עס אפשר גאָר ניט וויסען; מיר דאַרפען נור פאַקטען. און דער פאַקט איז געווען דער, אַז ווערראַטשקאַ, צוהערענדיג זיך צו לאַפּוכאָוו'ן, פון אָנפאַנג מיט אַ שמייכעל, און דערנאָך גאַנץ ערסט, האָט געטראַכט, אַז ער רעדט ניט מיט מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן, נור מיט איהר, און ניט אויף שפּאַס, נור ערנסט. און מאַריא אַלעקסעיעוונא אויסהערענדיג לאַפּוכאָוו'ן ערנסט פונ'ם אָנפאַנג אָן, האָט זיך אומגעקעהרט צו ווערראַטשקאַ'ן און געזאָגט: "מיין פריינד, ווערראַטשקאַ, וואָס ביסטו אַלץ אזוי שעמעוודיג, איצט ביסטו דאָך שוין בעקאַנט מיט לאַפּוכאָוו'ען, אַט וואָלסטו איהם געבעטען דיר צו אַקאָמפּאַנירען און אַליין וואָלסטו עפּעס געזונגען!" אָבער אין אמת'ן האָט דאס גאָר געהייסען: "מיר אַכטען אייך שטאַרק לאַפּוכאָוו און ווינשען איהר זאָלט זיין אַ נאָהענטער בעקאַנטער פון אונזער פאַמיליע. און דו, ווערראַטשקאַ, האַלט זיך ניט פון דער ווייטען פון איהם דערפאַר וואָס ער האָט שוין אַ כלה, און סטאָרעשניקאָוו וועט ניט זיין אייפערזיכטיג אויף איהם.

דאס איז געזאָגט געווען פאַר ווערראַטשקאַ'ן און אויך פאַר לאַפּוכאָוו'ען. אָבער פאַר מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן אַליין האָבען איהרע ווערטער געהאַט אַ דריטען זין; דעם נאַטירליכסטען און דעםווירקליכסטען זין: „מען דאַרף איהם צולאַסטשען; זיין בעקאַנטשאַפט קען אמאָל צו נוץ קומען ווען ער וועט זיין רייך". דאס איז געווען דער אַלגעמיינער זין פון מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ס ווערטער פאַר מאַריא אַלעקסעיעוונאַ'ן אַליין, אָבער אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם זינן איז אין זיי געווען אויך אַ מיינונג, אַז איצטער וועט ער ענדיגען די שטונדע, און דערנאָך: צולאַסטשענדיג איהם, וועל איך איהם נעמען זאָגען, אַז מיר זיינען ניט קיין רייכע לייטע, אַז אונז איז שווער צו צאָהלען אַ רובעל אַ שטונדע". אַט וויפיעל בעדייטונגען עס האָבען געהאַט די ווערטער פון מאַריא אַלעקסעיעוונא. דימיטרוסערגעעוויטש האָט געזאָגט אַז איצט וועט ער ענדיגען די שטונדע און נאָכדעם וועט ער מיט פערגעניגען שפּילען אויפ'ן קלאַוויר.

פון דעם קען מען זיך בעפרייען נאָר דורך צוויי זאָרטען מאָראַלישער ווירדע: אָדער דורך דעם, וואָס דער מאַן איז שוין אַ מיז איבערנאַטירליכער אויסוואורף, דער אכטער וואונדער פון דער וועלט, ווי צ. ב. אלי פאשי יאַנונסקי,

דזשעזאר פאשי סירישער, מאגאמעט־אלי עגיפטישער, וועלכע האבען אזוי לייכט אבגענארט אלע אייראפעאישע דיפלאמאטען און זאגאר נאפאלעאנען, ווי יענע וואלטען געווען קליינע קינדער: דאס קומט פאר דאמאלט ווען לומפעריי איז אנגעוואקסען אויף דעם מענשען, ווי א קרעפטיגער שולד, דורך וועלכען מען קען זיך ניט דערקלייבען צו קיין מענשליכע שוואכקייטען. ניט קיין אמביציע, ניט קיין עהרגייץ, ניט קיין וועלען הערשען, ניט קיין אייגענליעבע, קיין זאך ניט. אבער אזוינע העלדען פון לומפעריי זיינען דא גאנץ ווייניג. כמעט געפינט מען זיי גאר ניט אין די אייראפעאישע לענדער, וואו די קונסט פון לומפעריי ווערט פארדארבען דורך פיעלע מענשליכע שוואכקייטען. דערפאר, אויב מען וועט אייך ווייזען א חיטרען יונג און מען וועט אייך זאגען: „דעם וועט שוין קיינער ניט אבנארען“ — טו שטעלט איין זיכער 10 געגען 1, אז ער פיהרט זיך אליין און וואס עס איז פאר'ן נאז. ווארים, אזוי איז שוין די נאטור פון די חיטריאקעס. דאכט זיך, וואס פאר'א מעדים'ס זיינען געווען לואי — פיליפ און מעטערניך. און דאך ווי קונציג האבען זיי זיך אליין ארויסגעפירט פאר'ן נאז פון פאריז און וויען! און נאפאלעאן דער ערשטער — ווי חיטרע איז ער געווען, פיעל חיטרער פאר זיי ביידען, און דערצו נאך, ווי מען זאגט, געהאט נאך א געניאלען שכל — פון דעסטוועגען, ווי קונציג האט ער זיך דערפיהרט פאר'ן נאז ביז אין עלבא! און דאס איז נאך איהם אויך ווייניג געווען. עס האט זיך איהם פארגלוסט נאך ווייטער, און עס האט איהם זיך איינגעבען, אזוי זיך איינגעגעבען אז ער האט זיך דערשלעפט פאר'ן נאז ביז דער „הייליגער העלענא“! און ווי שווער דאס איז געווען — כמעט אונמעגליך — און דאך איז איהם געלונגען בייצוקומען אלע שטערונגען און פארט צו דערגרייכען צו דער הייליגע העלענא. צום בעדויערען איז זיך מאריא אלעקסעיעוונא אויך ניט געווען פריי פון אט דער שעדליכער שוואכקייט.

עס זיינען דא ווייניג מענשען, וועלכע זיינען בעשיצט פון ווערען אבגענארט דורך דעם וואס זיי זיינען די גרעסטע קינסטלער צו אבנארען אנדערע. דערפאר אבער זיינען דא א סך מענשען, וועלכע זיינען געשיצט געגען דעם דורך די איינפאכע עהרליכקייט פון זייער הארצען. נאך דער עדות פון אלערליי אויסוואורפען איז ניטא קיין שווערערע זאך, ווי אבצונארען אן עהרליכען, ניט קיין איבערגעשפיצטען מענשען, אויב ער האט נאך כאטש נאך א ביסעל שכל און לעבענס־ערפאהרונג. ניט קיין נארישע עהרליכע מענשען נארען איינצעלווייז זיך אליין ניט אב. דערפאר אבער האבען זיי אן אנדער מין פון דער זעלבער שוואכקייט, אויך אזא שעדליכע: זיי לאזען זיך אבנארען מאסענווייז! א פלוט וועט קיין קיין איינצעלנעם פון זיי ניט קענען פיהרען פאר'ן נאז; אבער זייער אלעמענס נעזער, ווי פון איין קאמפאניע, זיינען שטענדיג אנגעגרייט פאר אייך. די פלוטען, וואס זיינען איינציגוויים אזוי שוואך בנוגע דער אונאבהענגיגקייט

פון זייערע נעזער, זיי וועלען אין חברותא זיך ניט לאזען פיהרען פאר'ן נאז. אין דעם בעשטעהט די גאנצע געהיימנים פון דער וועלט־געשיכטע.

אבער זיך געהן פארנאנדערקלייבען אין דער וועלט־געשיכטע איז איצט איבעריג: דו האסט זיך גענומען פאר אן ערצעהלונג, דו געה אן מיט דער ערצעהלונג.

7.

פיעלע בעדייטונגען האבען געהאט מאריא אלעקסעיעווגא'ס ווערטער, אבער אויך ניט וועניגער האבען זיי געהאט רעזולטאטען. וואס אנבעלאנגט דעם פריוואטען זינען פאר איהר אליין, דאס הייסט, דאס פערקלענערען פונ'ם פרייז פאר די שטונדען, האט מאריא אלעקסעיעווגא עררייכט אזא ערפאלג, וואס זי האט גאר אליין ניט גערעכענט: אין א צוויי לעקציאנען ארום ווען זי האט פערפיהרט א געשפרעך, אז זיי זיינען ניט קיין רייכע לייטע, האט לאפוכאוו זיך גענומען דינגען, שטארק זיך געדונגען, לאנג ניט ארונטערגעלאזען, לאנג זיך געהאלטען ביים דריירובעלדיגען (דאן זיינען נאך געווען די דריי־רובעלדיגע, ד. ה. אויב איהר געדענקט, א מטבע פון 75 קאפיקעס); מאריא אלעקסעיעווגא האט זיך אליין ניט גערעכט אראבצורייסען אויף נאך ניעדריגער, און ניט גערעכטערהייד איז איהר געלונגען ארונטערצורייסען אויף 60 קאפיקעס פאר א שטונדע. אייגענטליך, האט דער פריוואטער זינען פון איהרע ווערטער, — די האפנונג ארונטערצורייסען די פרייז, ווידערשפראכען איהר מיינונג פון דעם לעהרער אלס דורכגעטריבענעם חברה־מאן וואס יאגט זיך נאך א גראשען.

צו וואס אייגענטליך זאל אזא זארט חברה־מאן ארונטערלאזען דעם פרייז צוליעב אונזער ארימקייט? און אויב ער האט יא ארונטער געלאזען, וואלט זי אייגענטליך געדארפט פערלירען דעם רעספעקט פאר איהם, דערזעהען אין איהם א לייכטזיניגען מענשען. אבער אזוי איז שוין דער מענש בעשאפען, אז איהם איז שווער צו אורטהיילען זיינע אייגענע געשעפטען לויט דעם אלגעמיינעם רעגעל: ער איז א גרויסער בעלן צו מאכען אן אויסנאהמע צו גונסטען פון זיך אליין. דער ווען דער איוואנאוו פערזיכערט דעם קאלעגיען - ראט איוואן איוואניטש אז ער איז איהם איבערגעבען מיט לאב און זעלע, וואס איוואן איוואניטש נאך זיך אליין אז איבערגעבענהייט מיט לייב און זעעלע קען מען פון קיינעם ניט ערווארטען, בפרט ווייסט ער, אז איוואנאוו האט שוין א מאל פינף פערקויפט זיין אייגענעם טאטען פאר א גאנץ גוטען פרייז, און דערמיט האט ער איבערטראפען אפילו איהם אליין אויך, איוואן איוואניטשען, ווען ס'איז געלונגען צו פערקויפען דעם אייגענעם טאטען נור דריי מאל. דאך גלויבט איוואן איוואַ־

נאָוויטש, אַז איוואַנאָוו איז איהם פאַרט איבערגעבען, דאס הייסט, ער גלויבט איהם ניט, אָבער נגעדיג איז ער דערפאַר צו איהם; און אָבוואָהל ער גלויבט איהם ניט, לאָזט ער זיך דאָך נאַרען פון איהם, — הייסט עס, ער גלויבט איהם פאָרט, אָב־וואהל ער גלויבט איהם ניט.

וואס קען מען טהון מיט דיעזער אייגענשאַפט פונ'ם מענשליכען הארצען? זי איז שלעכט, זי איז שעדליך: אָבער מאַריא אלעקסעיעוונא, צום בעדויערען, איז ניט געוועז פריי פון דיעזען חסרון, פון וועלכען עס ליידען כמעט אלע אייגענניצי־גע מענשען, ביטראַקעס און טויגעניכטסען.

דער ערשטער רעזולטאַט פון מאַריא אלעקסעיעוונא'ס ווערטער איז געוועזן די ביליגקייט פון די שטונדען. דער צווייטער רעזולטאַט — איז געוועזן דאס וואס צוליעב זיין ביליגער ווערען איז דער לעהרער נאָך מעהר פערפעסטיגט געוואָרן אין מאַריא אלעקסעיעוונא'ס גוטער מיינונג איבער איהם, אלס א פונדאמענטאלען מענש. זי איז זאָגאַר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די געשפרעכען מיט איהם וועלען ניצליך זיין פאר וועראַטשקא'ן, זיי וועלען ווירקען אויף ווערָאַטשקא'ן צו הייראַטען סטאָרעשניקאָוו'ן. דיעזער שלוס איז געוועזן א גלענצענדער, מאַריא אלעקסעיעוונא וואָלט מיט'ן אייגענעם שכל צו'ן איהם ניט געקומען, נאָר ס'האָט זיך איהר געטראָפען אזא קלאָהרער בעוויז, אז מען האָט ניט געקענט ניט בעמער־קען דיעזע נוטצען פון לאָפוכאָוו'ס איינפלוס אויף ווערַאטשקא'ן. ווי דיעזער בע־וויז האָט זיך איהר בעגעגענט, וועלען מיר באלד זעהען.

דער דריטער רעזולטאַט פון מאַריא אלעקסעיעוונא'ס ווערטער איז, פער־שטעהט זיך, געוועזן דאס, וואס ווערַאטשקא און לאָפוכאָוו האָבען אָנגעפאנגען, מיט איהר ערלויבניס און אויפמונטערונג, צו פערברענגען פיעל צייט צוזאמען. נאָך דער לעקציאָן ארום אכט א זייגער, פלעגט לאָפוכאָוו פערבלייבען אין הויז נאָך א צוויי־דריי שטונדען. האָט געשפיעלט אין קאָרטען מיט דער מוטער, מיט דעם פא־טער און מיט דעם חתן; האָט גערעדט מיט זיי; האָט געשפיעלט אויף דער פיאנאָ, און ווערַאטשקא האָט געזונגען, אדער ווערַאטשקא האָט געשפיעלט און ער האָט זיך צוגעהערט; אמאָל האָט ער גערעדט מיט ווערַאטשקא'ן און מאַריא אלעקס־סעיעוונא האָט ניט געשטערט, ניט געקרימט זיך, אָבוואָהל זי האָט זיי ניט איבער־געלאָזען אָהן א שמירה.

אָ, פערשטעהט זיך, זי וועט זיי ניט איבערלאזען, ווייל, אָבוואָהל לאָפוכאָוו איז טאַקי א וואוילער יונגער מאַן, אָבער דאָך זאָגט דען ניט דאס ווערטעל: לעג ניט אַוועק שלעכט, וועט איהר ניט ברענגען דעם גנב צו זיין זינד? און אַז

דימיטרי סערגעאיש איז א גנב, ניט אין שלעכטען זינען, נור אלס לויב צו איהם, אי? קיין צווייפעל ניט, ווארום אז ניט, נאך וואס וואלט מען איהם דען גע־אכטעט און געמאכט פאר א גוטען פריינד? ווער וואלט זיך גאר בעקענט מיט נאראנים? געוויס, דארף מען אפילו מיט. נאראנים גוט לעבען, ווען מען קען פון זיי עפעס האבען. אבער לאפוכאוו האט נאך דערוויל גאר ניט; דארום קען מען מיט איהם זיין פריינדליך נור פאר זיינע מעלות, דאס הייסט, פאר זיין שכל, פאר זיין אויסגערעכענטקייט, פאר'ן קענען פיהרען זיינע געשעפטען. אין דער טייוועל ווייסט, וואס עס טהוט זיך ביי יעדען מענשען אין קאפ, בפרט ביי אזא קלוגען מענשען. פאלגליך, דארף מען נאך דעם לעהרער נאכקוקען און נאכקוקען.

מאריא אלעקסעיעוונא האט טאקי זעהר פלייסיג געקוקט. אבער איהרע אלע בע־אבאכטונגען האבען נור בעפעסטיגט די איידעלקייט און די סאלידע אויפפיהרונגען פון לאפוכאוו'ן. צום ביישפיעל, אין וואס קען מען באלד דערקענען די ליעבעס־שטיפערייען?—אין דעם וואס דער בחור ערלויבט זיך ארייצוקוקען אונטער'ן קארסעט. אט שפיעלט וועראטשקא, און לאפוכאוו שטעהט און הערט, און מאריא אלעקסעיעוונא קוקט, צו לאזט ער ניט אריין קיין איי־געלעך פון יענער זייט קארסעט, — ניין, ער דענקט אפילו ניט אריינצולאזען! אדער מאנכעס מאל קוקט ער אפילו ניט אויף וועראטשקא'ן, נאר קוקט אזוי וואו ס'איז, וואו ס'טרעפט זיך. אדער מאנכעס מאל קוקט ער יא אויף איהר, אבער אזוי סתם אין געזיכט אריין, און אזוי נעפיהללאז, אז מען קען באלד זעהן: ער קוקט אויף איהר בלויז אוים העפליכקייט, און אליין טראכט ער גאר פון זיין כלה'ס נדן, די אויגען צוברענען זיך אין איהם ניט, ווי ביי סטארעשניקאווען.

אין וואס נאך בעמערקען זיך די ליעבעס־קונצען? — אין ליעבע־ווערטער: קיין ליעבע ווערטער הערט מען ניט; און רעדען, רעדען זיי אויך וועניג, — ער רעדט צום גרעסטען טהייל מיט מאריא אלעקסעיעוונא'ן. און אט האט ער גענומען ברענגען וועראטשקא'ן ביכער. אמאל איז וועראטשקא אוועקגעגאנגען צו איהר חבר'טע, און סטארעשניקאוו איז דא געזעסען, מאריא אלעקסעיעוונא האט גענומען די ביכער און צוגעבראכט צו איהם.

"גיט נור א קוק, מיכאאיל איוואניטש דעם נאמען פון דעם פראנצויזישען ביכעל האב איך שוין כמעט אליין פערשטאנען: "גאסטינאיא" (גאסט־זאל) דאס מוז הייסען איינער וואס וויל זיך דרעהען אין דער בעסערער געזעלשאפט. אבער דאס דייטשע פארשטעה איך גאר ניט".

"ניין, מאריא אלעקסעיעווגא, דאס איז ניט "נאַסטינאיא", דאס איז דעסטי־
נעע — שיקזאל", האָט סטאַרעשניקאָוו געענטפערט.

"וואס איז דאס פאר א שיקזאל ? א ראמאן הייסט עס אזוי, אדער א שיקזאל
בוך א חלומות טרעפער ?"

"אָט וועלען מיר באלד זעהן, מאריא אלעקסעיעווגא פונ'ם בוך אליין. מי־
כאאיל סטאַרעשניקאָוו האָט איבערגעבלעטערט עטליכע בלעטלעך".

"דאָ רעדט זיך אלץ פון סעריעס, מאריא אלעקסעיעווגא—א געלערנטער בוך."

"פון סעריעס ? דאס איז גוט ; הייסט עס ווי אזוי געלד זאכען צו פיהרען ?"

"אלץ, פון אזעלכע זאכען, מאריא אלעקסעיעווגא".

"נו און דער דייטשער בוך"

סטאַרעשניקאָוו האָט לאנגזאם איבערגעלעזען : "איבער דער רעליגיאָן,
פערפאסט פון לודוויג" — לודוויג דעם פיערצעהנטען, מאריא אלעקסעיעווגא, פער־
פאסט פון לודוויג דעם פיערצעהנטען ; דאָס איז געווען מאריא אלעקסעווגא, א
פראנצויזישער קעניג, דער פאָטער פון דעם קעניג, אויף וועמעס פלאַץ ס'האָט זיך
געזעצט דער איצטיגער נאַפּאָלעאָן."

"הייסט עס פון געטליכע זאכען ?"

"פון געטליכע זאכען, מאריא אלעקסעיעווגא".

— דאָס איז גוט, מיכאאיל איוואנאָוויטש ; אָט אזוי, און וואס אז די־
מיטרי סערגעוויטש איז א סאָלידער יונגער מאַן, פון דעסטוועגען דארף מען האל־
טען אן אויג.

— געוויס ניט דאָס האָט ער זינען, מאריא אלעקסעיעווגא. איך בין פונ־
דעסטוועגען אייך זעהר דאנקבאר פאר אייער נאָכקוקען.

— מען קען אַנדערש ניט, מיכאאיל איוואנאָוויטש, אָט דאָס איז שוין די
פליכט פון א מוטער אבצוהיטען די טאָכטער אין ריינקייט און פאר ווערראטשקען
קען איך שוין גאראנטירען. אבער אָט וואס איך טראכט : דער פראנצויזישער
קעניג, פון וואס פאר א גלויבען איז ער געווען ?

— געוויס דער קאַטוילישער.

— צי וויל ער איהר ניט פארפיהרען אין דעם פאפסט'ס גלויבען ?

"איך גלויב ניט, מאריא אלעקסעווגא. ווען דער קאטוילישער ארכיריי וואָלט
דאָס שרייבען, וואָלט ער געוויס גע'שמד'ט אויף'ן פאפסט'ישען גלויבען. אבער
דער קעניג וועט זיך ניט נעהן בעשעפטיגען מיט דעם : ער, אלס קלוגער פיהרער
און פאָליטיקער, הייסט נור זיין פרום אין אלגעמיין. מורא האָבען פאר נאָט."

דאכט זיך, וואָס נאָך ? פון דעסטוועגען האָט זי געוואָלט זיך די געשיכטע

נאָך קלאָהרער מאכען. אין א טאָג צווי, דריי ארום האָט זי דאָס פּלוצלונג א זאָג געטהאָן צו לאַפּוכאָוו'ן, בשעת זי האָט מיט איהם געשפּיעלט אין פּרעפּעראַנס.

"דמיטרי סערגעאיטש, איך וויל ביי איך עפּעס פרעגען: דעם פריהערדיגען פראַנצויזישען קעניג'ס פּאָטער, יענעם קעניג, אויפ'ן פּלאַץ פון וועלכען דער איצ־טיגער נאַפּאָלעאָן האָט זיך געזעצט, האָט ער געהייסען זיך שמד'ן אויפ'ן פּאַפּסט־ישען גלויבען?"

"ניין, ער האָט ניט געהייסען, מאריא אלעקסעיעוונא".

"און דער פּאַפּסט'ישער גלויבען איז א גוטער, דימיטרי סערגעוויטש?"

"ניין, מאריא אלעקסעיעוונא, ניט קיין גוטער".

"איך האָב דאָס בלויז אויס נייגיעריגקייט געפרעגט, דמיטרי סערגעאיטש, איך בין טאקי ניט קיין געלערנטע פרוי, אָבער ס'איז מיר פּאַרט אינטערעסאַנט צו וויסען".

פאר לאַפּוכאָוו'ן איז נאָך ביז היינטיגען טאָג פערבליעבען א רעטעניש, צו וואס האָט מאריא אלעקסעיעוונא געדאַרפט וויסען אויב פיליפּ עגאַליטע האָט זיך געהייסען שמד'ן אויף דעם פּאַפּסט'ישען גלויבען.

נו, נאָך אַלעם דעם, ווי קען מען מאריא אלעקסעיעוונא'ן נעהמען פאר אומגוט, וואס זי האָט אַביסעל אָבגעלאָזען די שטרענגע השגחה אויף איהר טאָכטער. אלע סימנים האָבען געצייגט אַז דער לעהרער איז גאָר ניט אויסען. ער איז צו איהר גלייכגילטיג, און געטליכע ביכער גיט ער איהר לעזען,—ס'איז שוין דאכט זיך גאַנץ גענוג. אָבער ניין, מאריא אלעקסעיעוונא האָט זיך ניט בעגנוגט מיט דער אויפפּאַ־סונג, זאנדערען האָט זאָגאר געמאַכט א פּראָבע, גלייך ווי זי וואָלט געלערנט די "לאָגיק" וועלכע אויך איך האָב געלערנט אויסענווענינ, און וועלכע האָט געלוי־טעט: "דאָס בעאָבאַכטען איבער ערשיינונגען, וועלכע פּאַסירען פון זיך אליין, מוז ווערען בעשטעטיגט דורך ערפאַהרונגען, וועלכע ווערען געפיהרט אויף א גוט בער־טראַכטען פּלאַן, אום טיעפער אריינצודרינגען אין די געהיימניסע פון אַזעלכע פער־העלטניסע", און זי האָט פּראַנשטאַלט דיעזע פּראָבע אַזוי, גלייך זי וואָלט האָבען געלעזען סאַקסאָן גראַמאַטיקוס'ן, וועלכע דערצעהלט ווי מען האָט האַמלעט'ן אויסגעפּרובירט מיט א מיידעל אין וואלד.

8.

די פּראָבע פון האַמלעט'ען.

א מאָל האָט מאריא אלעקסעיעוונא געזאָגט ביים טהעע. אַז איהר טהוט וועה דער קאָפּ. אָנגיסענדיג טהעע און פּאַרשליסענדיג די צוקער־פּושקע, איז זי אוועקגעגאַנגען און האָט זיך צוגעלעגט. ווערא און לאַפּוכאָוו זיינען פערבליבען זיצען

אין מהעע צימער, לעבען דעם שלאָף־צימער, וואוהין מאריא אלעקסעיעוונא איז אריין. אין איינינע מינוטען ארום האָט די קראנקע א רוף געטהון פעדיא'ן.

"זאָג דער שוועסטער, אז זייער געשפּרעך לאָזט מיך ניט איינשלאָפען. זאָלען זיי געהען ערגעץ ווייטער, אז זיי זאָלען מיר ניט שטערען. אבער זאָג עס שעהן, אז זי זאלסט ניט בעליידיגען דעם לעהרער. זעהסט דאָך ווי ער זאָרגט פאר דיר".

פעדיא איז אוועק און האָט געזאגט, אז די מאמע בעט דאס און דאָס.

"קומט אין מיין צימער, דמיטרי סערגעאיטש, עס איז ווייט פונ'ם שלאָף־צימער, דאָרט וועלען מיר ניט שטערען."

דאָס, פערשטעהט זיך, האָט טאקי ערוואָרטעט מאריא אלעקסעיעוונא. אין א פיערטעל שטונדע ארום, האָט זי זיך אין די הוילע זאָקען, אָהן די שיך, אונטער־גע'גנב'ט צו דער טהיר פון ווערא'טשקאס צימער. די טיהר איז געווען האלב אָפען. צווישען דער טיהר און דעם טיהר סלופּ איז געווען א שפאלט. מאריא אלעקסעיעוו־נא האָט צוגעלעגט צום שפּאלט דאס אויג און האָט אָנגעשארפט די אויערען.

דערזעהען האָט זי פאלגענדעס:

אין ווערא'טשקא'ס צימער זיינען געווען צוויי פענסטער. צווישען די פענסטער איז געשטאַנען א שרייב־טיש. לעבען איין פענסטער, ביי איין עק פון טיש, איז געזעסען ווערא'טשקא, און געהעקעלט א וואָלענע ברוסט־צודעק פאר'ן פאָטער, הייליג אויספיהלענדיג דעם בעפעהל פון מאריא אלעקסעיעוונא'ן. נעבען צווייטען פענסטער, ביי'ם צווייטען עק פון טיש, איז געזעסען לאָפּוכאָוו מיט'ן עלענבויגען פון איין האנד האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש, און אין דער האנד איז געווען א סיגאר, און זיין צווייטע האנד איז געווען אריינגעשטעקט אין קעשענע. די שטרעקע צווישען ווערא'טשקא'ן און איהם איז געווען אן ארשין צוויי, אויב ניט מעהר. ווערא'טשקא האָט מעהר געקוקט אויף איהר ארבייט און לאפּוכאָוו האָט מעהר געקוקט אויף דעם סיגאר. א בערוהיגענדע לאגע.

...."דאַרף מען אזוי קוקען אויפ'ן לעבען ?" — פון דיעזע ווערטער האָט מאריא אלעקסעיעוונא אָנגעפאנגען זיך צוצוהערען.

"יא, ווערא פּאַוולאָוונא, אזוי דאַרף מען".

"קומט אויס, אז דעם אמת זאָגען קאלטע פּראקטישע מענשען, אז דער מענש ווערט בעהערשט נור פון דער אויסגערעכענטקייט צו טהאָן דאס וואס עס איז בע־סער פאר איהם"

"זיי זאָגען דעם אמת. דאָס וואָס מען רופט אָן ערהאבענע געפיהלען, אידעאלע שטרעבונגען — דאס אלעס איז אינ'ם אלגעמיינעם גאנג פון לעבען פאלקאמען

אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דער שטרעבונג פון יעדען פאר זיין אייגענע טובה. אפילו די הויכע אידעאלען זיינען אין תוך אריין ניט מעהר ווי זעלבסט ליעבע".

"און איהר, צום ביישפיעל, זיינט איהר דען אזעלכער?"

"וועלכע דען, ווערא פאוולאָווגא? אָט הערט, וואָס איז די וויכטיגסטע שפרו־זינע פון מיין גאנצען לעבען. די וויכטיגקייט פון מיין לעבען איז בעשטאַנען ביז איצט, אין דעם, וואס איך האָב זיך געלערענט, איך האָב זיך פערפערטיגט צו זיין א דאקטאָר. זעהר שעהן. צוליעב וואס האָט מיך דער טאַטע אוועקגעגעבען אין גימ־נאזיע? ער פלעגט מיר אלץ זאָגען: א לערען זיך, מיטיא; וועסטו זיך אויסלערנען, וועסטו זיין א בעאַמטער, וועסט מיך און די מאַמע ערנעהרען און דיר אליין וועט אויך זיין גוט". אָט צוליעב וואס איך האָב זיך געלערענט; אָהן דעם רעכענונג וואלט דער טאַטע מיך ניט אוועקגעגעבען לערנען; די פאַמיליע האָט דאָך געדאַרפט האָבען אן ארבייטער. און איך אליין, אבוואָהל איך האָב גענומען ליעבען דאס לערנען, וואלט איך דען געגאַנגען פערליערען צייט דערויף, אויב איך זאָל ניט געווען דענקען, אז דער פערלוסט וועט בעלוינט ווערען מיט פראצענטען? איך האָב געהאלטען אין ענדיגען דעם קורס אין דער גימנאזיע האָב איך איבערגערעדט מיין פאָטער מיך צו לאָזען אריין אין דער מעדיצינישער אקאַדעמיע, אנשטאָט מיך צו מאַכען פאר א בעאַמטען. ווי האָט דאס פאַסירט? איך און דער טאַטע האָבען געזעהן, אז דאָקטוירים לעבען פיעל בעסער פון די קליינע קאנצעלאַריען־שרייבער, און אפילו פון די העכערע פאַרשטעהער, וועמען איך וואָלט שוין געוויס ניט געקענט איבער־שטייגען. אָט האָט איהר די אורזאַכע, ווארום איך בין אריין און פערבליבען אין דער אקדעמיע — א גוט שטיקעל ברויט. אָהן דיזען רעכנונג וואָלט איך ניט אריין און אויך ניט פערבליבען אין דער אקאַדעמיע."

"אבער איהר האָט דאָך געליעבט צו לערנען אין דער גימנאזיע, איהר האָט דאָך שפעטער גענומען ליעבען די מעדיצינישע וויסענשאַפטען?"

"יא, דאָס איז אָבער א שעהנע ציערונג. דאָס איז אויך ניצליך פיר דעם ער־פאָלג פון דער זאַך. די געשיכטע בעגעהט זיך געוועהנליך אויך אָהן דער בעציערונג, אבער אָהן קיין רעכנונג בעגעהט זי זיך ניט. די ליעבע צו דער וויסענשאַפט איז נור געווען דער רעזולטאַט, וואס איז ארויסגעקומען פון דער זאַך, אבער ניט די אורזאַכע פון איהר. די אורזאַכע איז געווען נור איינע — דער נוצען וואס די זאַך קען מיר ברייננגען."

"לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אז איהר זיינט גערעכט — יא, איהר זיינט גערעכט. אַלע האַנדלונגען, וועלכע איך קען דורכפאָרשען, ערקלעהרען זיך מיט די נוצען.

אבער די טהעאָריע איז דאָך אַ קאַלטע.“

“אַ טהעאָריע דאַרף אַליין פאַר זיך זיין אַ קאַלטע. דער פערשטאַנד דאַרף אור־טהיילען איבער זאַכען קאַלטבלוטיג.“

“אבער די טהעאָריע איז אָהן רחמנות.“

“צו פאַנטאַזיעס, וועלכע זיינען לעהר און שעדליך.“

“אבער זי איז פּראָזאאיש“.

“פאַר דער וויסענשאַפט טויגען ניט די גראַמען.“

“פאָלגליך, די טהעאָריע, וועלכע איך קען ניט דערלאָזען, פעראורטהיילט די מענשען אויף אַ לעבען, אַ קאַלטען אָן אָהנ׳רחמנות׳דיגען, אַ פּראָזאאישען?“

“ניין, ווערא פאַווּלאָוונא: דיזע טעאָריע איז אַ קאַלטע, אבער זי לערנט דעם מענשען צו קריגען וואַרימקייט. דאָס שוועבעלע איז קאַלט, דאָס ווענטעל פון פוש־קעלע, אין וועלכען עס רייבט זיך אָן — זיינען קאַלט, דאָס האָלץ — איז קאַלט, נור פון זיי קומט דאָס פייער, וואָס קאָכט וואַרעמע שפּייז פאַר׳ן מענשען און וואַרימט איהם אַליין אויך. די טעאָריע איז אָהן רחמנות אבער, נאָכפאָלגענדיג איהר, וועלען די מענשען ניט זיין אָן עלענדער געגענשטאַנד פון פוסטער מיטלייד. דער לאַנצעט טאָר זיך ניט בייגען, זאָנסט, וועט מען דאַרפען בעדויערען דעם פּאַציענט, וועמען ס׳וועט ניט לייכטער ווערען פון אייער מיטלייד. דיזע טעאָריע איז פּראָזאאיש, אבער זי דעקט אויף די אמת׳ע מאָטיווען פון׳ם לעבען, און די פּאָעזיע געפינט זיך אין דער וואַהרהייט פונ׳ם לעבען. ווארום איז שעקספּיער דער גרעסטער פּאָעט? דערפאַר ווייל ביי איהם איז דאָ מעהר וואַהרהייט פונ׳ם לעבען, און ווייניגער בע־פּוצונג, ווי ביי די אנדערע פּאָעטען.“

“איך וועל אויך אַזוי זיין אָהן רחמנות“, האָט געזאָגט ווערא פּאַווּלאָוונא שמייכלענ־דיג: דענק ניט אַז איהר האָט אין מיר געהאַט אַ גרויסע געגנערין געגען אייער טעאָריע פון עגאָאיזם און האָט צו דיזער טעאָריע צוגעקריגען אַ נייע נאָכפאָלגערין. איך האָב אַליין שוין לאַנג געטראַכט אויף דיזען אָרט, ווען איך האָב איבערגעלעזען אייער בוך און געהערט פון אייך. אבער איך האָב געדענקט, דאָס זיינען מיינע פּערזענליכע געדאַנקען, אַז קלוגע און געלערנטע מענשען דענקען אַנדערש, דאָרום טאַקע האָב איך זיך געקווינקעלט. די נאַטור, דאָס לעבען, דער פערשטאַנד פיהרען אין איין זייט, די ביכער ציהען אין דער אַנדערער, און זאָגען: דאָס איז שלעכט, נידעריג. איהר ווייסט, מיר אַליין זיינען טהיילווייז געווען לעבעדיג די ערווידע־רונגען, וואָס כ׳האָב אייך געמאַכט!“

“יאָ, זיי זיינען לעבעדיג, ווערא פּאַווּלאָוונא.“

"פון רעסטוראַנען", האָט זי געזאָגט לאַכענדיג: "מיר מאַכען זיך איינע דעם אַנדערן גאַנץ שעהנע קאָמפּלימענטען. איך זאָג צו אייך: איהר זייט אַזוי גוט, און פערדרייסט ניט אַזוי דעם נאַז. איהר מיר: איהר זיינט לעבעדיג מיט אייער צווייפלען, ווערא פּאַוולאָווגאַ!"

"וואס דען", האָט ער געזאָגט, אויך שמייכלענדיג: "אונז קומט גאָר ניט אַרויס פונ'ם זיין ליעבליך איינע צום צווייטען, און דערפאַר זיינען מיר ניט ליעבליך."

"גוט דמיטרי סערגעוויטש; די מענשען זיינען עגאָאיסטען, — ניט אַזוי? אַט, האָט איהר גערעדט פון זיך — איך וויל אויך רעדען פון זיך."

"אַזוי דאַרף זיין. יעדער דענקט אַלץ מעהר פון זיך."

"גוט. לאָמיר זעהן, צי וועל איך אייך ניט כאַפּען ביי די פראַגען איבער מיר."

"לאָמיר זעהן".

"איך האָב אַ רייכען חתן. ער געפעלט מיר ניט. דאַרף איך אָננעהמען זיין פאָרשלאַג?"

"רעכענט אויס, וואס איז אייך ניצליכער".

"וואס פאַר מיר איז ניצליכער - איהר ווייסט, אַז איך בין זעהר ניט רייך. פון איין זייט — כ'האַלט ניט פונ'ם חתן. אָבער דערפאַר פון דער אַנדערער זייט: איך וועל הערשען איבער איהם, די וועלט וועט מיך מקנא זיין. איך וועל האָבען געלד און אַ גרויסע צאָהל — פערעהרער.

"וועגט אַלעם איבער, וואס איז ניצליכער פאַר אייך, דאס קלייבט אויס".

"און אויב איך וועל אויסקלייבען דעם מאַנ'ס רייכטהום און די מענגע פער־עהרער?"

"וועל איך זאָגען, אַז איהר האָט אויסגעקליבען דאס וואס שטימט מעהר מיט אייערע אינטערעסען".

"און וואס וועט מען דאַרפען זאָגען וועגען מיר?

"אויב איהר האָט געהאַנדעלט קאַלטבלוטיג, ריכטיג בערעכנעט, וועט מען דאַר־פען זאָגען, אַז איהר האָט געהאַנדעלט גאַנץ בערעכנעט, און וועט, מסתמא, דאס ניט בעדויערען.

"אָבער צו וועט מיין אויסוואַהל זיין טאַדעלהאַפט?"

"מענשען, וועלכע רעדען אַלערליי נאַרישקייטען, מעגען פון דעם רעדען, ווי ס'געפעלט זיי; מענשען, וואס האָבען אַ ריכטיגען בליק אויפ'ן לעבען, וועלען זאָ־גען, אַז איהר האָט געהאַנדעלט, אַזוי, ווי איהר האָט געדאַרפט האַנדלען; אויב

איהר האָט אזוי געטהאָן, הייסט עס, אז אזוי איז געווען אייער פּערזענליכקייט, אז אנדערש האָט איהר ניט געקענט האנדלען אונטער אזעלכע אומשטענדען, זיי וועלען זאגען, אז איהר האָט געהאנדעלט לויט די נויטווענדיגקייט פון די זאכען, אז אייגענטליך האָט איהר קיין אנדער אויסוואהל ניט געהאט".

"און קיין שום טאַדלונג פיר מיין האנדלונג?"

"ווער האָט דאס רעכט צו טאַדלען די פאָלגע פון'ם פאקט, ווען דער פאקט עקזיסטירט? אייער פּערזענליכקייט און די אומשטענדען זיינען דער פאקט; אייערע האנדלונגען זיינען די נויטווענדיגע פאלגען פון דיעזען פאקט, וואס קומען פון די אומשטענדען. איהר זיינט פאר זיי ניט פעראנטווארטליך, און טאַדלען איז נאַריש".

"איהר טרעט פון רעסטוועגען, טאקי פאָרט ניט אָפּ פון אייער טעאָריע. אלזא וועל איך ניט פערדיענען אייער טאַדלונג, ווען איך וועל אָננעהמען מיין חתן'ס פארשלאג?"

"איך וואָלט געווען נאריש, אויב איך זאָל אייך טאַדלען".

"עס איז אלזא אָן ערלויבנים, מען קען זאָגען, א גוט־הייסונג, — קען זיין זאָגאר א דירעקטער ראט צו האנדלען אזוי?"

"דער ראט בלייבט אימער איינער: בערעכענט וואס איז ניצליך פאר אייך; אויב איהר פאָלגט נור נאָך דעם ראט — איז עס גוט געהייסען".

"איך דאנק אייך. איצט איז מיין פּערזענליכע אנגעלעגענהייט שוין געלעזט. לאָמיר זיך אומקעהרען צו דער ערשטער, אלגעמיינער פראגע. מיר האָבען אָנגעפאנגען פון דעם, אז דער מענש האנדעלט לויט די נויטווענדיגקייט, זיינע האנדלונגען ווערען בעשטימט פון די איינפליסע אונטער וועלכע זיי קומען פאָר, די שטארקערע איינפליסע זיינען גובר די שוואכערע, און אז דארום האנדעלט דער מענש אימער לויט זיינע נוצען. גיב איך ריכטיג איבער דעם צוזאמענהאנג פון אייערע געדאנקען"?

"ריכטיג".

"איהר זעהט ס'ארא גוטע שילערין איך בין? יעצט איז די פּריוואט פראגע פון די האנדלונגען, וואס האָבען א לעבענס בעדייטונג, געענדיגט. אָבער אין דער אלגעמיינע פראגע בלייבען נאָך שוועריגקייטען, אייער בוך זאָגט: דער מענש האנדעלט לויט די נויטווענדיגקייט. אָבער עס זיינען דא פעלע, ווען עס ציינט זיך, אז און מיר אליין הענגט אָפּ צו האנדלען אזוי אדער אזוי. צום ביישפּיעל: איך שפּיעל און מיש איבער די בלעטלעך פון די נאָטען; אמאָל מיש איך זיי איבער מיט דער לינקער האנד, אמאָל מיט דער רעכטער האנד: האָב איך דען ניט געקענט איבער־

מישען מיט דער לינקער? צי ווענדט זיך דאס ניט אין מיר אליין?"

"ניין, ווערא פאוולאָווגא ; ווען איהר מישט איבער, גאר ניט טראכטענדיג מיט וועלכער האנד צו מישען, מישט איהר איבער מיט דער האנד, מיט וועלכער ס'איז איך בעקוועמער, קיין אייגענער ווילען איז ניטאָ ; האָט איהר אָבער יא א טראכט געטהון : "לאָמיך איבערמישען מיט דער רעכטער האנד" — וועט איהר שוין אי־בערמישען אונטער דעם איינפלוס פון דיזען גדאנק, אָבער דיזער גדאנק איז ערשיענען ניט פון אייער אייגענעם ווילען ; ער איז נויטוועגדיגערווייזע געבאָרען געוואָרען פון אנדערע".

ביי דיזען וואָרט האָט מאריא אלעקסעיעוונא שוין אויפגעהערט זיך אונטער־צוהערען : "נו, איצט האָבען זיי זיך אריינגעלאָזען אין געלערענטקייט. דאס איז ניט פאר מיר, און צו וואס דארף איך עס? ס'ארא קלוגער, עדעלער יונגער מאן! ס'ארא גוטע זאכען ער לעהרענט ווערָאטשקא'ן. און וואָס ס'הייסט צו זיין א געלערנ־טער מענש! אָט לאָמיך איהר אָנהויבען צו זאגען דאס זעלבע — הערט זי ניט, בעליידיגט זי זיך. איך קען ניט צוטרעפען, ווייל איך קען ניט רעדען אויף'ן גע־לערענטען אופן, אָבער אָט. אז ער רעדט ווי א געלערנטער, הערט זי אויס, און זעהט, אז ס'איז אמת, און באשטעהט. יא, ניט אומזיסט זאגט מען : וויסען איז ליכט, און ניט וויסענהייט איז פינסטערניש. איך זאל זיין א געלערענטע פרוי, וואלט עס דען געוועזען אזוי ווי איצט? דעם מאן וואלט איך געמאכט פאר א גענע־ראל, איך וואלט איהם געקריעגען א שטעלע ארום די פראוויאנטען, אדער אן אנדער מין פון אזעלכע שטעלען. נאטירליך, כ'וואלט פאר איהם אליין געדארפט פיהרען די געשעפטען מיט די פאדראטשיקעס : ווי קען גאר דאס דער שוטה! און א הויז וואלט איך ניט אזעלכעס געבויט! כ'וואלט מעהר ווי איין טויזענד פויערים גע־קויפט. אָבער איצט קען איך ניט. דאָ דארף מען ערשט וויסען ווי זיך צו בענעמען אין דער געזעלשאפט פון גענעראלען, — און מיט וואס וואלט איך זיך געקענט ארויסשטעלען? ניט אויף פראנצויזיש, ניט אויף קיין שום פון זייערע רעדערייען קען איך ניט, מען וואָלט זאָגען, קיין מאניערען האָט זי ניט, נור צו שילטען זיך אויף דער סענע גאָס טויג זי, און דערפאר טויג איך טאקי ניט. אונוויסענהייט איז פינסטערניש. עס איז אמת : וויסען איז ליכט — אונוויסענהייט איז פינסטערניש.

און טאקי דיזער אונטערגעהערטער געשפרעך האָט געבראכט מאריא אלעק־סעיעוונא'ן צו דער איבערציינגונג, אז ניט נור זיינען די געשפרעכען פון לאפוכאָוו'ן ניט געפעהרליך פאר ווערָאטשקא'ן, נור פארקעהרט, זיי וועלען איהר נוצען ברענגען. זיי וועלען נאָך העלפען, אז ווערָאטשקא זאל אוועקווארפען די גארישע, ניט גע־

ניטע מיידעלשע געדאנקען, און וואס שנעלער הייראטען סטאַרעשניקאָוו'ען.

.11

די פערהעלטניסע צווישען מאריא אַלעקסעיעווּנא'ן און לאַפּוכאָוו'ן האַבען אַנ־
גענומען דעם כאראקטער פון אַ קאָמעדיע, און מאריא אַלעקסעיעווּנא אליין ווערט
דערביי ארויסגעשטעלט אין אַ לעכערליכער לאגע. דאָס ערשטע און דאָס
צווייטע זיינען בעשטימט געגען מיין ווילען. איך זאָל וועלען זאַר־
גען פאר דעם, וואָס מען רופט ביי אונז אַן קונסט, וואָלט איך
בעהאַלטען די פערהעלטניסע פון מאריא אַלעקסעיעווּנא געגענאיבער לאַפּוּ־
כאָוו'ן, די ערצעהלונג וועלכע גיט צו צו דיעזען טהייל פונ'ם ראמאַן אַ מין וואָדעוויל־
כאראקטער. זיי צו בעהאַלטען וואָלט געווען לייכט. דער וויכטיגער גאנג פון דער
זאַך וואָלט געקענט ערקלעהרט ווערען אָהן זיי. וואָס פאר אַ וואונדער ווען דער
לעהרער, אפילו אָהן מאריא אַלעקסעיעווּנא'ס גוט־פריינדשאַפט, וואָלט געהאַט גע־
לעגענהייטען אויסצוריידען אַמאָל, אויב זאָגאר זעלטען, עטליכע ווערטער מיט דעם
מיידעל, אין וועמעס פאמיליע ער גיט שטונדען? דאַרף מען דען פיעל ווערטער,
אום די ליעבע זאָל וואקסען? עס איז גאָר ניט געווען קיין נויטה אין דער מיטוויר־
קונג פון מאריא אַלעקסעיעווּנא'ן צו דער לייזונג, וואָס די בעגעגניש פון
ווערָאטשקאַ מיט לאַפּוכאָוו'ן האָט געקריגען. אָבער איך דערצעהל די זאַך ניט
אזוי ווי מען דאַרף, אום זיך צו פערשאַפען אַ רעפּוטאַציאָן פון אַ קינסטלער, נור ווי
זי איז געווען. איך, אלס ראָמאַניסט, בין זעהר געערגערט וואָס איך האָב אנגעשרי־
בען אייניגע זייטלעך, וועלכע האָבען זיך ערנידריגט ביז צו דער וואָדעוויל שטופע.

מיין בערייטקייט ארויסצושטעלען די געשיכטע, ווי זי איז געווען און נימ
ווי ס'וואָלט געווען בעקוועמער זי צו דערצעהלען, פערשאַפט מיר נאָך אַן אנדער
אונאַנגענעהמליכקייט: איך בין זעהר אונצופרידען דערמיט וואָס מאריא אַלעק־
סיעווּנא ווערט פאָרגעשטעלט לעכערליך, מיט איהרע געדאַנקען וועגען דער כלה,
וואָס לאַפּוכאָוו האָט פערפאַסט, און מיט איהר טרעפען אויפ'ן זעלבען פאַנטאַסטי־
שען אופן דעם אינהאַלט פון די ביכער, וואָס לאַפּוכאָוו האָט ווערָאטשקאַ'ן געגע־
בען, און דאָס צו האָט פיליפּ עגאַליטע ניט גע'שמד'ט מענשען אויפ'ן פּאַפּסט'ס
גלויבען, און וועלכע מין ווערק לודוויג דער פיערצעהנטער האָט געשריבען. מאַכען
פעהלערען קען יעדער, די פעהלערען קענען זיין נאריש, ווען דער מענש אורטהיילט
איבער זאַכען וואָס זיינען איהם פרעמד; אָבער עס וואָלט געווען אונגערעכט ארויס־
צוזעהן פון מאריא אַלעקסעיעווּנא'ס נארישע פעהלערען, אז איהר פריינדליכקייט
צו לאַפּוכאָוו'ן איז בעגרינדעט נור אויף דיזע נארישקייטען. ניין, קיינע פאַנטאַ־

זיעס פון א רייכער כלה, אדער די פרומקייט פון פיליפ עגאליטע וואלטען אויף קיין מינוט ניט פערדונקעלט איהר געזונטען פערשטאנד, אויב אין די ווירקליכע האנד־לונגען און ווערטער פון לאפוכאוו'ן וואלט געווען זאגאר עטוואס פערדעכטיגעס פאר איהר. אבער ער האט זיך ווירקליך געהאלטען אזוי, ווי, לויט מאריא אלעקסעיעוונא'ס מיינונג, האט נור א מענש פון איהר אייגענעם סארט זיך געדארפט האלטען; ווארים ער, א פלינקער יונגער מאן, האט דאך די אויגען אונטער'ן קארסעט פון דעם זעהר שעהנעם מיידעל ניט ארונטערגעלאזען, האט זיך נאך איהרע שריט ניט נאכגעשלעפט, האט מיט מאריא אלעקסעיעוונא'ן געשפיעלט אין קארטען אהן שום אויסרעדען, ער פלעגט ניט אבענטפערן: "בעסער וועל איך זיצען אביסעל מיט ווערא פאוולאוונא'ן". און ווי מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך געציינגט, האט ער געאורטהיילט איבער זאכען, גראדע ווי זי אליין.

גלייך מיט איהר האט ער געזאגט, אז אלעס אויף דער וועלט ווערט געמאכט צו ליעב אייגענעם נוצען, אז ווען א בעטריגער בעטריגט דארף מען פון די כלים ניט ארויס און נעמען שרייען איבער די פרינציפען פון עהרליכקייט, וועלכע דער בעטריגער וואלט געדארפט אבהיטען, און אז דער בעטריגער אליין איז אויך ניט אומישנע א בעטריגער, נור לויט זיינע אומשטענדען דארף ער טאקי אזוי זיין, און ניט צו זיין קיין בעטריגער, — שוין ניט רעדענדיג דערפון, אז דאס איז אונמעג־ליך, — וואלט געוועזען ניט קלוג, איינפאך גערעדט, נאריש פון זיין זייט.

יא, מאריא אלעקסעיעוונא איז געווען גערעכט, געפינענדיג פיעל עהנליכעס צווישען זיך און לאפוכאוו'ן.

איך פערשטעה ווי שטארק לאפוכאוו ווערט קאמפראמעטירט אין די אויגען פון דעם אויפגעקלעהרטען פובליקום דורך מאריא אלעקסעיעוונא'ס מיטפיהלען מיט זיין דענקונגס ארט. אבער איך וויל קיינעם ניט נאכגעבען, און בעהאלט ניט דיעזע אומשטענדען, וועלכע זיינען אזוי שעדליך פאר לאפוכאוו'ס רעפוטאציאן, אבוואהל איך האב דערוויזען, אז איך וואלט געקענט בעהאלטען דיעזע שלעכטע זייט פון לאפוכאווס פערהעלטניסע צו דיזע פאמיליע. איך טהו נאך מעהר: איך נעם זיך אליין אונטער צו ערקלעהרען, אז ער האט ווירקליך פערדיענט מאריא אלעקסעיעוו־נא'ס גוט־פריינדליכקייט.

ווירקליך, פון לאפוכאוו'ס געשפרעך מיט וועראטשקא, שטעלט זיך ארויס, אז זיין דענקונגס ארט געפעלט גראדע אזעלכע מענשען ווי מאריא אלעקסעיעוונא, מעהר איידער די אנהענגער פון פערשיעדענע שעהנע אידעען. לאפוכאוו האט גע־זעהן זאכען אין די זעלבע שטריכען, אין וועלכע זיי ציינגען זיך דער גאנצער מאסע פון דער מענשהייט, א חוץ די אנהענגער פון די שעהנע אידעען. אויב מאריא

אלעקסעיעוונא האט געקענט מיט פערגעניגען ווידערהאלען אין איהר אייגענעם נא־מען זיינע געדאנקען צו ווראטשקא'ן איבער דער פראגע פון סטארעשניקאוום פאר־שלאג, וואלט ער אויך געקענט אונטערשרייבען „אמת“ אונטער איהרע שכור'ע ווערטער פאר ווראטשקא'ן. די עהנליכקייט פון זייערע בעגריפען זיינען געוועז אזוי גרויס, אז די אויפגעקלעהרטע און די וואהל געבארענע ראמאניסטען, זשורנא־ליסטען און די אנדערע אונטערריכטער פון אונזער פובליקום האבען שוין לאנג אויסגערופען: „דיעזע סארטען מענשען, ווי לאפוכאוו, אונטערשיידען זיך מיט גאר ניט פון מענשען, ווי מאריא אלעקסעיעוונא“. ווען אזעלכע אויפגעקלעהרטע און וואהלגעבארענע שרייבער האבען אזוי פערשטאנען די מענשען, ווי לאפוכאוו, קענען מיר דען עפעס האבען געגען מאריא אלעקסעיעוונא'ן דערפאר, וואס זי האט אין לאפוכאוו'ן ניט דערזעהן גאר ניט, א חוץ דאס, וואס אונזערע בעסטע שרייבער, דענקער און לעהרער האבען פערשטאנען אין די מענשען פון לאפוכאוו'ס סארט?

געוויס, אויב מאריא אלעקסעיעוונא וואלט געוואוסט נור א העלפט פון דעם, וואס דיעזע שרייבער וויסען, וואלט זי געהאט גענוג שכל צו פערשטעהן, אז לא־פוכאוו איז פאר איהר ניט קיין גוטע קאמפאניע. אבער א חוץ דעם, וואס זי איז געוועזן ניט קיין געלערנטע פרוי, האט זי נאך אן אנדער ענטשולדיגונג אין איהר מעות: לאפוכאוו פלעגט איהר קיין מאל ניט דערערדען ביז'ן סוף. ער איז גע־ווען א פראפאגאנדיסט, אבער ניט אזעלכער ווי די ליעבהאבער פון די שעהנע אי־דעען, וועלכע זארגען אימער דאפיר, אז מען זאל די מאריא אלעקסעיעוונאס איינ־געבען עדעלע בעגריפע, מיט וועלכע זיי זיינען אין זיך אליין ענטציקט. ער האט געהאט אויף אזוי פיעל שכל ניט צו וועלען אויסגלייכען א סופציג יעהריגען בוים.

ער זאל, צום ביישפיעל, געווען אנפאנגען ערקלעהרען, וואס איז אזוינס דער "נוצען", פון וועלכען ער האט גערעדט מיט ווראטשקא'ן, וואלט מאריא אלעק־סעיעוונא'ן און אין דעם געשפרעך מיט ווראטשקא'ן איז אויך ניט געוועזן קיין גאר ניט עהנליך צו איהר נוצען, לאפוכאוו האט דאס ניט ערקלעהרט מאריא אלעק־סעיעוונא'ן און אין דעם געשפרעך מיט ווראטשקא'ן איז אויך ניט געוועזן אזא ערקלעהרונג, ווייל ווראטשקא האט געוואוסט דעם זינן פון דיעזע ווערטער אין יענע ביכער, איבער וועלכע זיי האבען געפיהרט זייער געשפרעך.

נור דאס אלעס זאג איך אום צו רעכטפערטיגען פאר איהר פערזעהען מא־ריא אלעקסעיעוונא'ן, וועלכע האט אין צייט ניט דערשמעקט וואס פאר א מענש לאפוכאוו איז, אבער ניט צו רעכטפערטיגען לאפוכאוו'ן אליין, ווארום איהם צו רעכטפערטיגען וואלט געוועזן ניט גוט, און ווארום ס'איז ניט גוט, וועט דער לעזער שוין זעהן ווייטער. די מענשען וועלכע וואלטען איהם געוואלט פערגעבען, ניט

רעכטפערטיגענדיג איהם, נור אזוי פּשוט אוים זייער מענשען־ליעבע, וואלטען ניט געקענט פערגעבען. צום ביישפּיעל, פערגעבענדיג איהם, וואלטען זיי געזאגט, אז ער איז געוועזן א דאָקטאָר און האָט זיך בעשעפטיגט מיט נאַטור וויסענשאַפט, און דאָס פיהרט צו אַ מאַטעריאַליסטישער אנשויאונג. אבער אזא ענטשולדיגונג איז זעהר שלעכט. ווייל וויסענשאַפטען פיהרען עס צו אזא אנשויאונג?—אי די מאַטעמאַטישע, אי די היסטאָרישע אי די געזעלשאַפטליכע און אַלע אנדערע.

אבער צי זיינען עס שוין טאַקי אַלע געאָמעטריקער, אסטראָנאָמען, אַלע היס־טאָריקער, פּאָליטיקא־עקאָנאָמיסטען, יוריסטען, פּובליציסטען און אלע אנדערע געלעהרטע — זיינען זיי שוין טאַקי אזעלכע מאַטעריאַליסטען? — ווייט דערפון! פּאַלגליך, ווערט לאַפּוכאָוו ניט בעפרייט פון זיין שולד. די מיטליידענדע מענשען, וועלכע פערטהיידיגען איהם ניט, וואלטען אויך געקענט זאָגען אין זיין ענטשולדי־גונג, אַז איהם פעהלען אבער אויך ניט קיינע ליבענסווירדיגע סמנים: ער האָט בעוואוסטערהייט און פעסט זיך ענטשלאָסען אַפּצוזאָגען זיך פון אַלע לעבענס־בעקוועמליכקייטען און עהרע צוליעב דער ארבייט פאר די נוצען פון אַנדערע מענ־שען גלויבענדיג, אַז דער פערגעניגען פון אזא אַרבייט — איז דער בעסטער שכר פאר איהם. אויף דעם מיידעל, וועלכע איז געוועזן אזוי שעהן, אַז ער האָט זיך אַזש פערליעבט אין איהר, האָט ער געקוקט מיט אזא ריינקייט, מיט וועלכער ניט יעדער ברודער קוקט אויף זיין שוועסטער. אבער געגען דיעזער ענטשולדיגונג פאר זיין מאַטעריאַליזם דאַרף מען זאָגען, אַז אין אַלגעמיין איז ניטאָ קיין איין מענש וועל־כער זאָל זיין אינגאַנצען אָהן סמנים פון עטוואַס גוטעס, און אַז מאַטעריאַליסטען, ווי זיי זאָלען דאָרט ניט זיין, זיינען זיי פאַרט מאַטעריאַליסטען, און דערמיט אַליין איז שוין בעשלאָסען און דערוויזען, אַז זיי זיינען ניעדריגע און אונמאָראַלישע מענשען, וועמען מען טאָר ניט פערגעבען, ווייל זיי פערגעבען, וואָלט געהייסען פער־טיידיגען דעם מאַטעריאַליזם.

.10

עס פערשטעהט זיך, אז דער עיקר פון דעם געשפּרעך פון ווערַאָטשקא'ן מיט לאָפּוכאָוו'ן איז ניט געוועזן וואס פאר א דענקונגס אַרט מען דאַרף רעכענען פיר ריכטיג; אין אַלגעמיין, האָבען זיי גערעדט זעהר ווייניג, און זייערע לאַנגע גע־שפּרעכען, וועלכע האָבען פּאַסירט זעלטען, זיינען נור געווען איבער פרעמדע זאכען, איבער דעם ווי מענשען אין אַלגעמיין דאַרפען דענקען און טהאָן. זיי האָבען דאָך געוואוסט, אז נאָך זיי שפּיערען נאָך צוויי שאַרפע אויגען. איבער דעם הויפּט גע־גענשטאַנד וועלכער האָט זיי יאָ אינטערעסירט, פּלעגען זיי זיך נאָר איבערוועקסלען מיט איינִיגע ווערטער — געוויינליך, וועהרענד זיי האָבען געקליבען די נאָטען צום

שפּיעלען, אָדער זינגען. פון זייער געפיהלען איינער צום צווייטען האָבען זיי ניט געערדט קיין וואָרט, נאָך די ערשטע אונבעשטימטע ווערטער פון זייער ערשטען געשפּרעך אויף דעם יום־טוב־אָבענד; זיי האָבען קיין צייט ניט געהאַט דאָס צו בעשפּרעכען. אין די צוויי דריי מינוטען, וועלכע זיינען איבערגעבליבען געוואָרען אום זיך איבערצו־וואַרפען מיט די געדאַנקען אָהן מורא אונטערגעהערט צו ווערען, פלעגט זיי קוים געלינגען איבערצורעדען פון דעם, ווען און ווי וועט ווערעטשקאַ'ן געלינגען פריי צו ווערען פון איהר שרעקליכער לאַגע.

אויף דעם פאָלגענדען מאָרגען נאָך דעם ערשטען געשפּרעך מיט איהר, האָט שוין לאָפּוכאָוו אויסגעפונען, ווי מען דאַרף זיך נעהמען צו דער זאַך, אום זי זאָל ווערען אַן אַקטריסע. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר אַ מיידעל שטעהען פאַר פיעלע אונאַנגענעהמע געפאַהרען אויפ'ן וועג צו דער ביהנע, נור ער האָט געדענקט, אַז מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער קען זי זיך דערשלאָגען מיט'ן גלייכען וועג. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ניט אַזוי. קומענדיג אויף דער שטונדע אין צוויי טעג אַרום, האָט ער געמוזט ווערעטשקאַ'ן זאָגען:

"איך ראַטה אייך אויפצוגעבען דעם געדאַנק צו ווערען אַן אַקטריסע".

"וואָרום?"

"ווייל ס'וואָלט שוין געוועזן בעסער חתונה צו האָבען מיט אייער חתן".

דערמיט האָט זיך דער געשפּרעך געענדיגט. דאָס איז געזאָגט געוואָרען, ווען ער און ווערעטשקאַ האָבען גענומען די נאָטען, ער — צום שפּיעלען, זי — צום זינגען. ווערעטשקאַ האָט פון אָנפאַנג אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און איז אַרויס פון'ם טאַקט, אָבוואָהל זי האָט געזונגען אַ זעהר בעקאַנטע ליעד. ווען דאָס ליעד האָט זיך געענדיגט, און זיי האָבען גענומען רעדען, וועלכע אויסצוקלייבען איצט, האָט ווערעטשקאַ געזאָגט:

"און מיר האָט זיך געצייגט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע. ס'איז געוועזן שווער צו הערען, אַז ס'איז אונמעגליך. אָבער — ס'וועט שווערער זיין צו לעבען, אָבער לעבען וועט מען דאָך קענען. איך וועל געהן פאַר אַ גובערנאַנטקע".

ווען ער איז ווידער געוועזן ביי זיי אין צוויי טעג אַרום, האָט זי געזאָגט:

"איך האָב ניט געקענט געפינען דורך וועמען צו זוכען אַ שטעלע פאַר אַ גובערנאַנטקע. זאָרגט איהר דאָפיר, דמיטרי סערגעאיטש. אַ חוץ אייך, איז ניטאָ קיינער."

"שאָדע, איך האָב דאָ וועניג בעקאַנטע, וועלכע וואָלטען דאָ געקענט זיין ניצ־

ליך. די פאמיליען וואו איך גיב, אדער וואו איך האב גענעבען שטונדען, זיינען אלע ניט קיין רייכע מענשען, און זייערע בעקאנטע זיינען כמעט אלע אויך אזעלכע, נור מיר וועלען פרובירען.״

״מיין פריינד, איך נעהם צו אייער צייט, אבער ווי קען מען אנדערש טהאן?״

״ווערא פאוולאווגא, ניטא וואס צו רעדען פון מיין צייט. ווען איך בין אייער פריינד.״

ווערא־טשקא האט אי א שמייכעל געטהאן, אי רויט געווארען: זי האט אליין ניט בעמערקט, ווי דער נאמען ״דמיטרי סערגעאיטש״ איז ביי איהר פערביטען געווארען אויפ׳ן נאמען ״פריינד״.

לאפוכאוו האט אויך א שמייכעל געטהון.

״איהר האט דאס ניט געוואלט זאגען, ווערא פאוולאווגא, נעמט צוריק אוועק פון מיר דעם נאמען, אויב איך פערדריסט, וואס איהר האט איהם מיר געגעבען״.

ווערא־טשקא האט א שמייכעל געטהון.

״צו שפעט״ — און איז רויט געווארען, ״און עס פארדריסט מיך נים״, — און איז נאך מעהר רויט געווארען.

״אויב מען וועט דארפען, וועט איהר זעהן אז ס׳איז א געטרייער פריינד״.

זיי האבען איינער דעם אנדערען געדריקט די האנד.

אט דא האט איהר בײדע זייערע ערשטע גאנצע געשפרעכען נאך יענעם אבענד.

אין צוויי טעג ארום איז אין די ״פאליציי־נאכריכטען״ געוועזן געדרוקט אן אנצייגע, אז אן אנשטענדיגע פרייליין, וואס רעדט פראנצויזיש און דייטש א. ז. וו. זוכט א גובערנאנטין שטעלע, און אז נאכפרעגען אויף איהר קען מען ביי דעם דאזיגען בעאמטען, אויף אן אנגעגעבענער אדרעסע.

איצט האט לאפוכאוו ווירקליך געמוזט פערליערען פיעל צייט אויף ווערא־טשקא׳ס געשעפטען. יעדען מארגען פלעגט ער אוועקגעהן, צום גרעסטען טהייל צו פוס, פון דער וויבורגער זייט אין קאלאמנע, צו זיין בעקאנטען, וועמעס אדרעס איז געוועזן ארויסגעשטעלט אין דער אנצייגע. די רייזע איז געוועזן א ווייטע, אבער אן אנדער אזעלכען בעקאנטען, נעהענטער צו דער וויבורגער זייט, האט ער ניט געהאט, מען האט דאך געדארפט אז אין דעם בעקאנטען זאלען זיין פעראייניגט א סך באדינגונגען! א גוטע וואהנונג, גוטע פאמיליען־פערהעלטניסע, א מכובה׳דיגער אויסזעהן, אז ארימע וואהנונג וואס האט געהאט די ווירקונג, דארום וואלט פארגעשלאגען שלעכטע בעדינגונגען דער גובערנאנטקע, מען וואלט פון דער רעקאמענדירטער גובערנאנטקע ניט געהאט קיין זעהר גינסטיגע מיינונג, ווען

די רעקאָמענדירענדע פּערזאָן זאָל ניט אויסזעהן געאַכטעט, און ניט אויסזעהן צו פיהרען אַ שעהנעם פאַמיליען לעבען. און זיין אייגענעם אדרעס האָט לאַפּוכאָוו אודאי ניט געקענט אַרויסשטעלען אין דער אַנצייגע, דען וואָס וואָלט מען געטראַכט פון אַ מיידעל, וואָס האָט ניט ווער עס זאָל פאַר איהר זאָרגען אַ חוץ אַ סטודענט!

אויף אַזאַ אופן האָט לאַפּוכאָוו געהאַט גענוג אַרומציגעהן נעהמענדיג ביים בעאַמטען די אַדרעסען פון די יעניגע, וואָס פלעגען קומען זעהן די גובערנאַנטקע, פלעגט ער זיך אָוועקלאָזען פאַרטזעטצען די רייזע. דער בעאַמטער האָט געזאָגט, אַז ער אַליין איז אַ וויטער קרוב פון'ם מיידעל, און איז נור אַ פערמיטלער, אָבער זי האָט אַ פּלימעניק, וועלכער וועט מאָרגען אַליין קומען צו פאָדרען איבערצו־ריידען גרינדליכער. דער פּלימעניק, אַנשטאָט צו קומען צופאָהרען, פלעגט קומען צוגעהן, פלעגט זיך צו קוקען צו די מענשען, און פלעגט, פאַרשטעהט זיך, אַם מייס־טען בלייבען אונצופריעדען פון דער אומגעבונג. אין איין פאַמיליע איז מען צו פאַררויסען, אין דער אַנדערער איז די מוטער גוט, און דער פאָטער אַ נאַר; אין דער דריטער פונקט פאַרקעהרט, א. ז. וו. ביי אַנדערע וואָלט מען געקענט לעבען, זיינען די בעדינגונגען אונמעגליך פאַר ווערּאָטשקאַ'ן, אָדער מען מוז ריידען ענג־ליש—זי רעדט ניט; זיי ווילען אייגענטליך האָבען ניט קיין גובערנאַנטקע, נור אַ ניאַנקע; אָדער, די מענשען זיינען מיט צלעמען גוט, אַ חוץ וואָס זיי זיינען אַליין אָרים, און אין דער וואָהנונג איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דער גובערנאַנטקע, אַ חוץ דעם קינדערצימער, מיט צוויי גרויסע קינדער, צוויי קליינע קינדער, אַ ניאַנקע און אַן אַם. אָבער די אַנצייגע איז אַלץ געשטאַנען אין די "פּאָליציי־נאַכריכטען", און מען פלעגט אַלץ קומען זיך נאָכפרעגען אויף דער גובערנאַנטקע, און לאַפּוכאָוו האָט ניט פערלאָרען די האָפנונג.

אויף דיעזען אַרומזוכען איז אַוועק אַ וואָך צוויי. אויפ'ן פינפטען טאָג פון זיין זוכען, ווען לאַפּוכאָוו, אומקעהרענדיג זיך פון דעם שפּאַציער איבער פּעטערבורג, איז געלעגען אויף דער קושעטקע, האָט קירסאַנאָוו געזאָגט:

„דמיטרי, דו ביזט פאַר מיר געוואָרען אַ שלעכטער קאַמראַד אין דער אַר־בייט. יעדען טאָג ווערסטו פערפאַלען אויפ'ן גאַנצען מאָרגען, און אַ העלפט פון די טעג ווערסטו פערפאַלען אין אָוועגד אויך. האָסט אָנגעכאַפּט אַזוי פיעל שטונדען. וואָס? איז דען איצט די צייט זיי אָנצונעהמען? איך וויל אָוועקוואַרפען אַפילו דיעזע וואָס איך האָב. איך האָב אַ רובעל 40—ס'וועט קלעקען אויף דריי מאָנאַט ביז נאָך'ן ענדיגען דעם קורס. און דו האָסט געהאַט אָנגעגרייט מעהר געלד, דאָכט

זיך אַרום אַ הונדערט רובעל.“

”מעהר, ביז אַ הונדערט און פופציג. אָבער איך האָב נים קיין שטונדרען, איך האָב זיי אַלע אַוועקגעוואָרפען, אַ חוץ איינעם. איך האָב אַ געשעפט. איך וועל איהם ענדיגען—וועסטו נים דאַרפען בעדויערען, וואָס איך שטעה פון דיר אָפּ אין דער אַרביים“.

”וואָס פאַר אַ געשעפט?“

”אויף דער שטונדע, וועלכע איך האָב נים אַוועקגעוואָרפען, איז די פאַמי־ליע אַ פאַסקודנע, אָבער ביי זיי איז דאָ אַ וואויל מיידעל, זי וויל זיין אַ גובער־נאַנטקע, און אַוועקגעהן פון דער פאַמיליע, און דאָס זוך איך אַ פּלאַטץ פאַר איהר“.

”אַ וואוילע מיידעל?“

”יאַ, אַ וואוילע.“

”נו, דאָס איז גוט. זוך“.

דערמיט האָט זיך דער געשפרעך געענדיגט.

עך. הערהען קירסאַנאָוו און לאָפּוכאָוו, געלערנטע מענשען זיינט איהר. אָבער איהר האָט זיך נים אָנגעשטויסען, וואָס דאָ איז אייגענטליך גוט. נאַטירליך דאָס, פון וואָס איהר האָט גערעדט איז אַליין אויך גוט. קירסאַנאָוו׳ן איז אפילו נים איינגעפאַלען צו פרעגען צו איז דאָס מיידעל שעהן און לאָפּוכאָוו האָט אפילו נים אַ טראַכט געטאָהן דאָס צו דערמאָנען. קירסאַנאָוו׳ן איז אפילו נים איינגע־פאַלען צו זאָגען: ”האָסטו זיך שוין נים פערליעבט, ברודער, וואָס דו לעגסט זיך אַזוי איין?“ לאָפּוכאָוו האָט אפילו נים אַ טראַכט געטהאָן צו זאָגען: „איך האָב זיך אין איהר שטאַרק פעראינטערעסירט“, און אויב ער האָט דאָס נים געוואָלט זאָגען, איז איהם אפילו נים איינגעפאַלען צו פּרובירען צו פערהיטען, אַז יענער זאָל זיך נים אָנשטויסען: ”דו, אַלעקסאַנדער, דענק דערוויייל נים, אַז איך האָב זיך פערליעבט“. זיי, זעהט איהר, האָבען געדענקט, אַז ווען מען דאַרף אַ מענשען בעפרייען פון אַ שלעכטער לאַגע, האָט עס נים צו טאָהן דערמיט, צי דאָס געזיכט איז שעהן ביי דיעזען מענשען, ווען אפילו דיעזער מענש וואָלט זיין אַ יונגע מיידעל, און פון פערליעבטקייט אָרער נים פערליעבטקייט קען דאָ גאָר קיין רעדע נים זיין. זיי האָבען אפילו נים געוואוסט, אַז זיי טראַכטען אַזוי; און דאָס דאָזיגע איז טאַקי דאָס סאַמע בעסטע, וואָס זיי האָבען אפילו נים בעמערקט, אַז זיי דענקען אַזוי.

.11

”וואָס, מיין פריינד, נאָך אַלץ קיין פּלאַטץ ניטאָ?“

„נאָך ניט, ווערא פּאווּלאָוונא, אָבער זאָרגט ניט, עס וועט זיך געפינען. יעדען טאָג גײה איך צו צוויי־דריי פאַמיליען. עס קען דאָך ניט זיין, אז עס זאָל זיך ענדליך ניט געפינען אן אנשטענדיגע פאַמיליע, וואו מען קען וואָהנען.“

„אך, אָבער איהר וואָלט וויסען, מיין פריינד, ווי שווער עס איז מיר דאָ צו פערבלייבען. ווען עס איז מיר ניט פאָרגעשטאַנען גאָר קיין מעגליכקייט זיך צו בעפרייען פון דיעזער ערנידערונג, פון דיעזער העסליכקייט, דאָב איך זיך מיט גע־וואָלט געהאַלטען אין אזא צושטאַנד אזוי ווי איך וואָלט שוין געשטאָרבען און גאָרנישט געפיהלט, אָבער איצט, מיין פריינד, איז צו שטיקיג אין דיעזער פער־פוילטער, העסליכער לופט.“

„גערולד, גערולד, ווערא פּאווּלאָוונא, מיר וועלען געפינען.“

אויף אזא אופן זיינען געוועזן די געשפּרעכען געגען א יואָך.

דיענסטאָג.

„גערולד, גערולד, ווערא פּאווּלאָוונא, מיר וועלען געפינען!“

„מיין פריינד, ווי פיעל זוכעניש, ווי פיעל צייט פערלוסט! מיט וואָס וועל איך אייך בעלוינען?“

„איהר וועט מיך בעלוינען, מיין פריינד, און איהר וועט ניט בייז ווערען.“

לאָפּוכאָוו האָט עס געזאָגט און איז צומישט געוואָרען. ווּעראָטשקא האָט אויף איהם א קוק געטאָהן—ניין, מען קען ניט זאָגען, אז ער האָט ניט דערערדט, ער דענקט גאָר ניט פאָרטצוזעטצען, ער וואָרט פון איהר אן ענטפער.

„פאַר וואָס, מיין פריינד, וואָס האָט איהר דען געטאָהן?“

לאָפּוכאָוו איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען און איז עפּעס ווי טרויעריג געוואָרען.

„וואָס איז מיט אייך, מיין פריינד?“

„יא, איהר האָט עס אפילו ניט בעמערקט“—ער האָט דאָס געזאָגט אזוי טרויעריג, און דערנאָך האָט ער זיך אזוי פרעהליך זיך צולאַכט.—„אַך, מיין גאָט, ווי נאַריש איך בין, ווי נאַריש איך בין! פערצייהט מיר, מיין פריינד!“

„אָבער, וואָס?“

„גאָר ניט, איהר האָט מיך שוין בעלוינט.“

„אַך, אָט דאָס איז עס! וואָס פאַר א מאָדנער מענש איהר זיינט!- נו, גוט, זאָל עס הייסען אזוי“.

דאָנערשטאָג האָט מאַריא אַלעקסעיעוונא ווידער געמאַכט איהר פּראָבע, זיי איבערלאָזענדיג אליין אין א צימער און זיך צוהערענדיג הינטער דער טיהר.

נאכדעם האט זי ווידער אבגעלאזען איהר השגחה.

שבת נאך מהעע געהט מאריא אלעקסעיעוונא אוועק צעהלען דאס וועש, וואס די וועשין האט געבראכט.

"מיין פריינד, עס וועט, דאכט זיך, קומען צו עפעס."

"יא ?—אויב אזוי...אך, מיין גאט...אך, מיין גאט שנעלער! איך וועל, דאכט זיך שטארבען, אויב דאס פערציהט זיך. ווען זשע און ווי ?"

"ס'ווערט בעשלאסען מארגען. כמעט, כמעט אן אונצווייפעלהאפטע האפנונג".

"וואס זשע, ווי זשע ?"

"האלט זיך רוהיג, מיין פריינד : מען וועט בעמערקען ! קוים וואס איהר שפרינגט ניט פאר פרייד. מאריא אלעקסעיעוונא קען דאך באלד נאך עפעס אריינ־קומען".

"און איהר אליין זיינט א צאצקע ! אריינגעקומען האט איהר אויסגעזעהן אזוי פרעהליך אז די מאמע האט אויף אייך לאנג געקוקט".

"נו, איך האב איהר געזאגט ווארום איך בין אזוי פרעהליך, איך האב בע־מערקט, אז מען דארף איהר זאגען, האב איך איהר טאקי געזאגט אז איך האב געפונען אן אויסגעצייכענטע שטעלע".

"אונערטרעגליכער, אונערטרעגליכער! איהר פערנעהמט זיך מיט'ן ווארנען מיך, און האט ביז איצט נאך אלץ גאר ניט געזאגט, וואס זשע, רעדט שוין ענד־ליך".

"היינט אין דער פריה האט קירסאנאוו, איהר ווייסט, מיין פריינד, אז די פא־מיליע פון מיין קאמעראד איז קירסאנאוו"...

"איך ווייס, אונערטרעגליכער, אונערטרעגליכער, איך ווייס ! רעדט שוין שנעלער, אהן דיעזע נארישקייטען".

"איהר שטערט אליין, מיין פריינד !"

אך, מיין גאט ! און אלץ פארווירפע, אנשטאדט צו רעדען פון דער זאך. איך ווייס ניט, וואס איך זאל מיט אייך טהאן — איך וועל אייך אויף די קניע שטעלען : דא טאר מען ניט, — איך בעפעהל אייך צו שטעלען זיך אויף די קניע אין אייער קווארטיר, ווען איהר וועט אהיים קומען, און אייער קירסאנאוו זאל קוקען און מיר צושיקען א צעטעל, אז איהר זיינט געשטאנען אויף די קניע. — איהר הערט, וואס איך וועל מיט אייך טהון ?"

"גוט, איך וועל שטעהען אויף די קניע, און איצט שוויג איך. ווען איך וועל ערפילען די שטראפע, וועל שוין זיין פערצייעט, דאן וועל איך רעדען".

"איך פערציייע, אבער רעדט, אונערטרעגליכער".

"איך דאנק אייך. איהר פערציייעט, ווערא פאוולאוונא, ווען איהר זיינט אליין שולדיג. איהר האט אליין אלץ איבערגעשלאגען".

"ווערא פאוולאוונא? וואס איז דאס? און אייער פריינד וואו איז?"

"יא, דאס איז געוועזן א פארוואורף. איך בין א שטרענגער און האב ליעב צו "בעשטראפען".

"א פארוואורף? איהר וואגט מיר צו מאכען א פארוואורף? איך וויל אייך ניט הערען."

"איהר ווילט ניט?"

"געוויס, וויל איך ניט. וואס האב איך נאך צו הערען? איהר האט דאך שוין אלעס געזאגט, אז די זאך איז שוין כמעט געענדיגט, אז מארגען וועט זי זיך ענדיגען,—איהר זעהט, מיין פריינד, אז איהר ווייסט היינט כמעט אליין גארניט. וואס איז נאך דא צו הערען? צום ווידערזעהן, מיין פריינד!"

"אבער הער, מיין פריינד...פריינד מיינער, הערט זשע!"

"איך הער ניט און געה אוועק."—זי איז צוריק געקומען. "רעדט שנעלער, כ'וועל ניט איבערשלאגען. אך, מיין גאט, אויב איהר זאלט וויסען ווי איהר האט מיך דערפרעהט! גיט אייער האנד. איהר זעהט ווי שטארק איך דריק זי".

"און די טרעהרען אין די אויגען, צו וואס דארף מען?"

"איך דאנק אייך, איך דאנק אייך".

"היינט אין דער פריה האט מיר קריסאנאוו געגעבען אן אדריעס פון א דאמע, וועלכע האט מיר בעשטעלט צו קומען מארגען צו איהר. פערזענליך בין איך מיט איהר ניט בעקאנט, אבער האב פיעל געהערט וועגען איהר, פון אונזער געמיינשאפט ליבען פריינד, וועלכער איז אויך געוועזן דער פערמיטלער. איהר מאן קען איך אליין, — מיר האבען זיך געזעהן ביי דיעזען מיינעם בעקאנטען, פיעל מאהל. אורטהיילענדיג פון דעם אלעמען, בין איך פערזיכערט, אז אין איהר פאמיליע קען מען לעבען. און זי, ווערהרענד זי האט געגעבען מיין בעקאנטען דעם אדרעס פון מיינטוועגען, האט זי געזאגט, אז זי איז זיכער, אז זי וועט זיך מיט מיר אויס־גלייכען וועגען די בעדינגונגען. פאלגליך, מיין פריינד, קען מען שוין רעכענען די זאך כמעט ווי פאלקאמען געענדיגט."

"אך, ווי דאס וועט זיין גוט! וואס פאר א פרייד!" האט געזאגט ווער־ראטשקא. "אבער איך וויל דאס וויסען שנעלער, ווי נור מעגליך שנעלער. פון איהר פאהרט איהר גלייך צו אונז?"

"ניין, מיין פריינד, דאס וועט אויפוועקען דעם פערדאכט. איך קום דאך

צו אייך נור אויף די שטונדען. מיר וועלען טאהן, אט וואס. איך וועל מאריא אלעקסעיעוונא'ן צושיקען א בריעף דורך דער שטאדט פאסט, אז איך קען ניט זיין אויף דער שטונדע דיענסטאג, און איך לייג זי אב אויף מיטוואך. אויב עס וועט זיין אנגעשריעבען: אויף מיטוואך אין דער פריה — הייסט עס די זאך איז אן ער־פאלג. אויף מיטוואך אבענד—א דורכפאל. אבער כמעט קיין צווייפעל "אויף אין דער פריה". מאריא אלעקסעוונא וועט דאס דערצעהלען אי פעדיא'ן, אי אייך, אי פאוועל קאנסטאנטיניטש'ן."

"ווען זשע וועט דער בריעף קומען?"

"אין אבענד".

"אזוי לאנג! ניין, איך וועל ניט האבען קיין געדולד. און וואס וועל איך פון בריעף געוואהר ווערען? נור "יא"—דערנאך ווארטען ביז מיטוואך! דאס איז א מאטערניש. אויב "יא" פאהר איך וואס שנעלער אוועק צו דער דאמע. איך וויל טאקי באלד וויסען. ווי טהוט מען דאס? איך וועל טהאן אט וואס: איך וועל אייך ערווארטען אויף דער גאס, ווען איהר וועט געהן פון דיעזער דאמע."

"מיין פריינד, דאס וואלט דאך געווען נאך אונפארזיכטיגער ווי איך זאל קומען צו פאהרען צו אייך. ניין, בעסער וועל איך שוין קומען צו פאהרען."

"ניין, דא וואלט מען פיעלייכט ניט געקענט רעדען. יעדענפאלס וואלט די מאמע אנגעפאנגען צו פערדעכטיגען. ניין, שוין בעסער אזוי, ווי איך האב אויס־געטראכט. איך האב אזא גערעכטען טול, אז קיינער וועט מיך ניט דערקענען."

"נו, איך דענק, אז מען קען דאס ווירקליך טאהן. לאזט מיך א דענק טאהן."

"ניטא ווען צו דענקען. די מאמע קען ארייננקומען יעדע מינוט. וואו וואהנט דיעזע דאמע?"

"אין דער גאליארנע, לעבען בריק"

"ווי פיעל א זייגער וועט איהר זיין ביי איהר?"

"זי האט בעשטעלט אויף צוועלף."

"פון צוועלף אן וועל איך זיצען אויפ'ן קאננא־גווארדעיסקי בולוואר, אויף דער לעצטער באנק, פון יענעם עק, וועלכע איז נעהענטער צום בריק. איך האב געזאגט, אז איך וועל האבען א דיקען טול. אבער אט האט איהר א סימן: איך וועל אין דער האנד האלטען א פאקעט נאטען. אויב איך וועל נאך דארט ניט זיין, הייסט עס, אז מען האט מיך פערהאלטען. אבער איהר זעצט זיך אויף דער באנק אוןווארט. איך קען זיך פארשפעטיגען, אבער איך וועל אונבעדינגט קומען. ווי גוט איך האב עס אויסגעטראכט! ווי דאנקבאר איך בין אייך! ווי גליקליך איך

וועל זיין!

זי האט גענומען שפּיעלען עפּעס אויף דער פּיאנאָ.

אין עטליכע מינוטען ארום איז אריינגעקומען מאריא אלעקסעיעוונא. דמיטרי סערגעאיטש האט מיט איהר אין צווייען געשפּיעלט אין פּרעפּאראנס. פון אנ־פאנג האט ער געוואונען, און דאן האט ער איהר געלאָזט געווינען ביי איהם. ער האט זאגאר פּארשפּיעלט 35 קאָפּיקעס. דאָס איז געווען דאס ערשטע מאָהל וואָס ער האט איהר צוגעלאָזט א נצחון, און אוועקגעהענדיג האט ער זי איבערגעלאָזען זעהר א צופריעדענע—ניט פון'ם געלד, זאנדערן פון נצחון. עס זיינען דא ריין־אידעאלע פריידען אין די הערצער, וועלכע זיינען טיעף פערזונקען אין מאטע־ריאליזם, וואס דאס בעווייזט, אז די מאטעריאליסטישע ערקלעהרונג פון'ם לעבען איז ניט צופריעדענשטעלענד.

12.

וועראטשקאס ערשטער חלום.

און עס חלום'ט זיך וועראטשקא'ן א חלום.

עס חלום'ט זיך איהר, אז זי איז פערשפּארט אין א נאסען, פינסטערען קעלער, און פלוצלונג האט זיך די טהיר געעפענט, און וועראטשקא, דערזעהט זיך אין פעלד, לויפט, שפּיעלט זיך און טראכט: "ווי האב איך געקענט ניט שטארבען אין קעלער?"

"דאס איז דערפאר, ווייל איך האב ניט געזעהן דאס פעלד; איך זאל עס גע־ווען זעהען, וואלט איך געשטארבען אין קעלער. און זי לויפט ווידער און שפּיעלט זיך. עס חלום'ט זיך איהר, אז זי איז געלעהמט, און טראכט: "ווי קומט עס, וואס איך בין געלעהמט? עס טרעפט מיט אלטע מענער, מיט אלטע פרויען, אבער ניט מיט יונגע מיידלעך?

"עס טרעפט, אפט טרעפט עס, זאגט עמיצענ'ס אונבעקאנטע שטימע, אבער דו וועסט זיין געזונד, אט וועל איך נאר אנריהרען דיין האנד, — א זעהסטו, דו ביזט שוין געזונט, שטעה זשע אויף".

ווער זשע רעדט דאס? — און ווי לייכט ס'איז געווארען! די גאנצע קראנק־הייט איז פאריבער, און וועראטשקא איז אויפגעשטאנען, געהט, לויפט, און איז ווידער אויפ'ן פעלד, און שטיפט ווידער, לויפט און דענקט ווידער: ווי האב איך עס געקענט איבערטראגען דאס געלעהמטקייט?"

דאס איז דערפאר, ווייל איך בין געבוירען געווארען געלעהמט, האב ניט געוואוסט ווי מען לויפט און געהט; איך זאל געווען וויסען, וואלט איך ניט געווען איבערגעטראגען", — און לויפט און שטיפט.

אָט געהט איבער'ן פעלד א מיידעל, ווי זאנדערבאר!
אי דאס פנים אי דער גאנג בייט זיך אלץ אין איהר; אָט איז זי אַן ענג־לענדערין, א פראנצוזין, אָט איז זי שוין א דייטשקע, א פּאָליאַטשקע, אָט איז זי געוואָרען א רוסין, ווידער אַן ענגלענדערין, ווידער א דייטשקע, ווידער א רוסין — ווי קומט עס וואס זי האָט אלץ איין געזיכט? אן ענגלענדערין איז דאָך ניט ענה־ליך צו א פראנצוזין, א דייטשקע צו א רוסין, און ביי איהר בייט זיך דאס געזיכט און דאָך איז דאס אלץ איין געזיכט, — ס'ארא זאנדערבארע! און דער אויסדרוק פון פנים בייט זיך שטענדיג: ס'ארא גוטע! ס'ארא בייזע! — ווי קען דאס זיין, אפילו ווען א בייזע, איז זי אויך א גוטע? נור אָבער ס'ארא פארשוין זי איז! ווי דאס פנים זאָל זיך ניט בייטען, ווערט עס מיט יעדער אומבייטונג אלץ שעהנער, אלץ שעהנער. זי געהט צו צו וועראטשקא'ן.

"ווער ביסטו?"

"פריהער האָט ער מיך גערופען: ווערא פאוולאוונא, און איצט רופט ער מיך: מיין פריינד".

"אָט דאָס ביסטו די וועראטשקא, וועלכע האָט זיך אין מיר איינגעליעבט?"

"יא, איך ליעב איך זעהר. אָבער ווער זיינט איהר?"

"איך בין די כלה פון דיין חתן".

"וואס'ער חתן?"

"איך ווייס ניט. איך קען ניט מיינע חתנים. זיי קענען מיך יא, און איך קען זיי ניט. איך האָב א סך. קלייב זיך אוים איינעם פון זיי פאר א חתן, אָבער נאָר פון, זיי, פון מיינע חתנים".

"כ'האָב שוין אויסגעקליעבען"...

"דעם נאָמען דארף איך ניט, איך קען זיי ניט, נור קלייב אוים פון זיי, פון מיינע חתנים. איך וויל, אז מיינע שוועסטער און חתנים זאלען זיך אויסקלייבען נור איינער די אנדערע. ביזט געווען פערשפארט איז א קעלער? ביזט געווען גע־לעהמט?"

כ'בין געוועזן".

"איצט שוין פטור געווארען?"

"יא".

"דאס האָב איך דיך ארויסגעלאָזען, און דיך אויסגעהיילט. געדענקזשע, אז עס איז דאָ נאָך א סך ניט קיין ארויסגעלאָזענע, א סך ניט קיין אויסגעהיילטע. לאָז ארויס, היילט. ועסטו עס טהאָן?"

"כ'וועל עס טהון, אָבער ווי הייסט איהר? איך וויל אזוי וויסען".

„איך האָב פיעלע נעמען. איך האָב פערשיעדענע נעמען, ווי איינער דאַרף, אזוי רופט ער מיך. דו, רוף מיך מענשענליעבע. דאס איז טאַקי מיין ווירקליכער נאָמען. ניט פיעלע רופען מיך אזוי, אבער דו רוף מיך אזוי.“

און וועראַטשקאַ געהט איבער דער שטאָדט: אָט איז א קעלער. אין קעלער זיינען פערשפאַרט מיידלאך. וועראַטשקאַ האָט אָנגעריהרט דעם שלאָס, — דער שלאָס איז אַרונטערגעפאַלען.

„געהט אייך“. — זיי קומען אַרויס. אָט איז א צימער, — אין צימער ליעגען מיידלאך, נעלעהמטע: „שטעהט אויף“ — זיי שטעהען אויף, זיי געהען, און זיי געהען שוין ווידער אויפ’ן פעלד, לויפען, שטיפען, — אך, ווי פרעהליך! מיט זיי אַלע צוזאַמען איז פיעל פרעהליכער ווי איינע אליין! אך, ווי פרעהליך!

13.

אין די לעצטע וואָכען האָט לאָפּוכאָוו קיין צייט ניט געהאַט זיך צו זעהן מיט זיינע אַקאַדעמישע בעקאַנטע. קירסאַנאָוו, וועלכער פלעגט זיך יא זעהן מיט איהם, פלעגט אויף די פראַגען פון זייערע פריינד וועגען לאָפּוכאָוו’ן ענטפערען, אז צוויי־שען אַלע אַנדערע האָט ער נאָך אָט דיעזע געשיכטע, און איינער פון זייערע גע־מיינשאַפטליכע בעקאַנטע, ווי מיר ווייסען, האָט געגעבען די אַדרעסע פון דער דאַמע, צו וועלכער לאָפּוכאָוו איז איצט אַוועק.

„ווי גוט דאס וועט אויסקומען, אויב ס’ועט טאַקי זיין אזוי“, האָט געטראַכט לאָפּוכאָוו אויפ’ן וועג צו’ן איהר: „אין צוויי, אדער אָם העכסטענס אין צוויי און א האַלב יאהר וועל איך קריעגען דעם פּראָפעסאָר שטוהל. דאַן וועט מען שוין קענען לעבען. דערווייל וועט זי רוהיג לעבען ביי ב.’ן, — אויב ב. איז טאַקי ווירקליך א גוטע פרוי, — און אין דעם איז קיין צווייפעל ניטאָ“.

ווירקליך, לאָפּוכאָוו האָט אין דער מאַדאַם ב. געפונען א פרוי, א גוטע, א. קלו־גע, וואס מאַכט פון זיך ניט קיין גרויסען ווזען, אָבוואָהל לויט נאָכ’ן מאַנ’ס שטעלע, לויט איהר פערמעגען און איהר משפחה האָט זי געקענט מאַכען פון זיך א גרויסען ווזען. איהרע בעדינגונגען זיינען געווען גוט, די פאַמיליען אומגעבונג זעהר א רוהיגע פאַר וועראַטשקאַ’ן, — אַלעס האָט אויסגעזעהן זעהר גוט, טאַקי ווי לאָפּוכאָוו האָט ערוואַרטעט. מאַדאַם ב. האָט געפונען לאָפּוכאָוו’ס אנטוואָרטען איבער וועראַטשקאַס כאַראַקטער אויך צופרידענשטעלענד, און די געשיכטע איז שנעל געגאַנגען אויף א לאַד, און אַבערענדיג א האַלבע שטונדע, האָט מאַדאַם ב. געזאָגט, אז „אויב אייער יונגינקע טאַנטע’לע וועט בעשטעהן אויף מיינע בעדינ־גונגען, בעט איך זי אַריבערצופאָהרען צו מיר, וואס שנעלער, אַלץ אַנגענעהמער פאַר מיר“.

"זי איז מסכים, זי האט מיך בעפאלמעכטיגט מסכים צו זיין פאר איהר. אבער איצט, ווען מיר האבען שוין בעשלאסען, מוז איך זאגען דאס, וואס ס'וואלט געווען איבריג צו רעדען, איידער מיר האבען זיך צוזאמענגערעדט. דיעזעס מיידעל איז מיר ניט קיין קרובה. זי איז א טאכטער פון א בעאמטען, ביי וועמען איך גיב שטונדען. א חוץ מיר האט זי ניט געהאט קיין מענשען, וועמען זי האט געקענט איי־בערגעבען דאס צו פערזארגען. אבער איך בין צו'ן איהר גאר א ווילד פרעמדער".

"איך האב דאס געוואוסט, מאסיע לאפוכאוו. איהר, פראפעסאר נ. (זי האט אנגערופען די פאמיליע פון א בעקאנטען, דורך וועמען מען האט נעקריעגען די אד־רעסע) און אייער חבר, וואס האט מיט איהם גערעדט פון אייער זאך, קענט זיך איי־נער דעם צווייטען פאר געניג זויבערע מענשען, אז איהר האט געמעגט רעדען צווי־שען זיך פון דער פריינדשאפט פון איינעם פון אייך מיט א יונגע מיידעל, ניט קאמפרעמענטירענדיג דיעזע מיידעל אין דער מיינונג פון די אנדערע צוויי. און נ. איז אין דער זעלבער מיינונג מיט מיר, און, וויסענדיג, אז איך זוך א גובערנאנטקע, האט ער זיך געהאלטען פאר גערעכטפערטיגט מיר צו זאגען, אז דיעזע מיידעל איז ניט אייער קרובה. טאדעלט איהם ניט פאר דער אונבעשיידענהייט — ער קען מיך זעהר גוט. איך בין אויך אן עהרליכער מענש, מאסיע לאפוכאוו, און גלויבט מיר, איך וויים וועמען מען מעג אכטען. איך גלויב נ.'ן גראדע ווי זיך אליין, און נ. — אייך ווי זיך אליין. אבער נ. האט ניט געוואוסט איהר נאמען, איצט, דאכט זיך, מעג איך שוין פרעגען, מיר האבען דאך שוין געענדיגט, און היינט־מארגען קומט זי שוין אריין אין אונזער פאמיליע".

"זי הייסט ווערא פאוולאוונא ראזאלסקאיא".

"איצט, נאך אן ערקלעהרונג פון מיין זייט. איך וועט זיך צייגען זאנדערבאר, וואס איך, מיט דער גאנצער אנגסט מיינער פאר די קינדער, האב זיך בעשלאסען צו ענדיגען מיט אייך, ניט האבענדיג געזעהען די יעניגע, וועלכע וועט האבען אזעלכע נאהענטע פערהעלטניסע צו מיינע קינדער. אבער איך וויים זעהר, זעהר גוט פון וואס'ערע מענשען עס בעשטעהט אייער קרייז. איך וויים, אז אויב איינער פון אייך נעמט אזא פריינדליכען אנטהייל אין דעם שיקזאל פון א מענשען, מוז שוין דיעזער מענש זיין א זעלטענער אוצר פאר דער מוטער, וועלכע וויל זעהען איהר טאכטער אלס א ווירקליך גוטע מענשע, דארום האט דאס בעקוקען מיר גע־שיינט צו זיין אן איבריגע אונהעפליכקייט. איך מאך דעם קאמפלימענט ניט אייך, נור מיר".

"עס פרעהט מיך איצט זעהר פאר פריילין ראזאלסקאיא. איהר היימיש לע־

בען איז איהר געווען אזוי שווער, אז ז׳ וואָלט זיך געפיהלט גליקליך אפילו אין יעדער ניש׳קשה׳דיגער פאמיליע. אָבער איך האָב ניט געטרוימט, אז ס׳וועט זיך פאר איהר געפינען אזא ווירקליך גוטעס לעבען, ווי זי וועט האָבען ביי אייך״.

״יא, נ. האָט מיר געזאגט, אז ס׳איז איהר געווען שלעכט צו לעבען אין דער פאמיליע״.

״זעהר שלעכט״. לאַפּוכאָוו האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען דאס, וואס מאדאם ב. האָט געדארפט וויסען, אום אין די געשפּרעכען מיט ווערא־טשקא׳ן צו קענען אויסמיידען די געגענשטאנדען, וועלכע וואָלטען דעם מיידעל ערינערט אָן איהרע פערגאנגענע אונאנגענעהמליכקייטען. מאדאם ב. האָט צוגעהערט מיט סימפּאטיע, און ענדליך האָט זי לאַפּוכאָוו׳ן א דריק געטהאָן די האנד.

״ניין, גענוג, מאָסיע לאַפּוכאָוו, ס׳וועט מיך באלד פערדריקען ביי׳ם הארצען, און ביי מיינע יאָהרען — איך בין דאָך שוין באלד 40 — וואָלט געווען לעבער־ליך צו צייגען, אז ביז נאָך איצט קען איך גלייכגילטיג ניט הערען פון דער פא־מיליען טיראנייע, פון וועלכער איך האָב אליין געליטען אין דער יוגענד״.

״ערלויבט זשע מיר צו זאגען נאָך איין זאך; דאס איז אזוי ניט וויכטיג פאר אייך, אז, קען זיין, ס׳איז גאר קיין נויטיגקייט אייך עס צו דערצעהלען. דאָך איז עס אלץ בעסער אייך פאראויסצוזאגען. איצט אנטלויפט זי פון דעם חתן, וואס איהר מוטער העננגט איהר אָן״.

מאדאם ב. האָט זיך פערטראכט. לאַפּוכאָוו האָט געקוקט, געקוקט אויף איהר און האָט זיך אויך פערטראכט.

״אויב איך האָב קיין טעות ניט, צייגט זיך אייך דער צושטאנד ניט אזוי אונ־וויכטיג, ווי ער האָט זיך מיר אויסגעוויזען?״

מאדאם ב. האָט אויסגעקוקט גאנץ צערשטרייט.

״פערצייט מיר״, — האָט ער פארטגעזעצט, זעהענדיג אז זי האָט זיך גאנץ פערלאָרען: „פערצייט מיר, איך זעה, אז דאס שטעלט אייך אין א פערלעגענהייט״.

״יא, דאס איז א זעהר ערנסטע זאך, מאָסיע לאַפּוכאָוו. אוועקצופאהרען פון דער היים, געגען דעם ווילען פון די עלטערען, — דאס, נאטירליך, הייסט שוין אויך ארויסרופען א שטארקע קריעג. אָבער דאס, ווי כ׳האָב אייך געזאגט וואלט נאָך געווען א קלייניגקייט. ווען זי זאל נור אנטלויפען פון זייער גראבהייט און טיראנייע, וואָלט מען שוין מיט זיי ווי ס׳איז אויסגעקומען, — אים ערגסטען פאל, אביסעל איבעריגעס געלד, און זיי זיינען צופריעדען געשטעלט. דאס איז גאר ניט. אָבער.... אז א מוטער הענגט איהר אָן א חתן, הייסט עס דער חתן איז א רייכער,

ער לוינט זיך זעהר".

"נעווים", האָט לאַפּוכאָוו געזאָגט, מיט אַ גאַנץ ניעדערשלאָגענעם טאָן.

"נעווים, מאַסיע לאַפּוכאָוו, נעווים אַ רייכער ; אָט דאָס האָט מיך אַזוי צומישט, אין דעם פּאַל, קען דאָך די מוטער מיט גארניט ווערען צופריעדענגעשטעלט. און איהר ווייסט דאָך די עלטערענס רעכטע ! אין דיעזען פּאַל וועלען זיי זיך מיט זיי פּאַלקאָמען בענוצען. זיי וועלען אָנפּאַנגען אַ פּראָצעס און וועלען איהם פיהרען ביז'ן סוף".

לאַפּוכאָוו איז אויפגעשטאַנען.

"אלזאָ, עס פערבלייבט מיר ניר צו בעטען אייך, אַז איהר זאָלט פּאַרגעסען אַלעס, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט."

"ניין, בלייבט אַ ווײַלע. לאָזט מיך חאָטש אביסעל זיך פערענטפערען פאַר אייך. מיין גאָט, ווי שלעכט איך צייג זיך אויס אין אייערע אויגען ! דאָס וואָס דאַרף יעדען אַנשטענדיגען מענשען מאַכען מיטפיהלען, פערטיידיגען, — דאָס זעלבע שטעלט מיך אָב. אָ, ס'אַרא עלענדע מענשען מיר זיינען !"

אויף איהר איז ווירקליך געווען אַ צער צו קוקען : זי האָט זיך ניט געמאַכט. איהר האָט ווירקליך וועה געטהאָן. גאַנץ לאַנג האָבען זיך איהרע ווערטער ניט גע־קלעפּט איינער צום צווייטען. — אַזוי שטאַרק איז זי געוואָרען צומישט. דערנאָך זיינען איהרע געדאַנקען געקומען אין אָרדנונג, אָבער צו אין אָרדנונג צו ניט, זיי האָבען שוין לאַפּוכאָוו'ן גאַר קיין נייעס ניט געזאָגט. און ער אליין איז אויך געווען צערשטרייט. ער איז געווען אַזוי בעשעפטיגט מיט דער ענטדעקונג, וואָס זי האָט איהם געמאַכט, אַז ער האָט ניט געקענט נאָכפאָלגען איהרע ערקלעהרונגען איבער דער בעדייטונג פון דיעזער ענטדעקונג. לאָזענדיג איהר זיך אַנרעדען פיעל זי האָט געוואָלט, האָט ער געזאָגט :

"אַלס, וואָס איהר האָט געזאָגט אַלס אַן ענטשולדיגונג איז געווען איבעריג. איך האָב געמוזט פערבלייבען אום ניט צו זיין גראָב, און אום אייך ניט לאָזען דענקען, אַז איך לעג די שולד אויף אייך, אדער בין בייז אויף אייך. אָבער, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב גאַר ניט געהערט, וואָס איהר האָט גערעדט. אָ, ווען איך זאָל ניט ווי־סען, אַז איהר זיינט גערעכט. יאָ, ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען איהר זאָלט ניט זיין גערעכט. איך וואָלט איהר געזאָגט, אַז מיר האָבען ניט געקענט איינשטימען אויף די בעדינגונגען, אָבער, אַז איהר געפעלט מיר ניט ! — ניט מעהר, און איך און זי וואָלטען גענומען האָפען צו בעגעגנען אַן אַנדער צופאַל פון בעפרייאונג. אָבער איצט, וואָס וועל איך איהר זאָגען ?"

מאַדאַם ב. האָט געוויינט.

„וואס וועל איך איהר זאָגען ?" האָט ווידערהאָלט לאָפּוכאָוו, ארונטערגעהענדיג די טרעפּ. וואס זאָל זי טהאָן ? וואס זאָל זי טהאָן ? — האָט ער געטראכט, ארויס־קומענדיג פון דער גאַלעריגע־גאַם, וואס פיהרט צו'ם קאָננאָ־גוואַרדעיסקי בולוואר.

עם פערשטעהט זיך, אז מאַדאַם ב. איז ניט געווען גערעכט אין דעם אונבע־דינגליכען זין, אין וועלכען מענשען זיינען גערעכט, ווען זיי בעווייזען די קינדער, אז די לבנה קען מען מיט דער האַנד ניט דערלאַנגען. מיט איהר לאַגע אין דער געזעל־שאַפט, מיט די גאַנץ וויכטיגע פערבינדונגען פון איהר מאַן, איז זעהר וואהרשיינליך, זאָגאר קיין צווייפעל ניט, אז ווען זי זאָל געווען שטארק ווילען, אז וועראטשקא זאָל ביי איהר וואָהנען, וואָלט מאריא אלעקסעיעוונא ניט געקענט ארויסרייסען וועראטשקא'ן פון איהרע הענד, אי ניט געקענט מאכען קיינע ערנסטע אונאַנגענעהמליכקייטען ניט איהר, ניט איהר מאַן, וועלכער וואלט אין פראצעס געווען די אָפּיציעלע פעראנטוואָרטליכע פּערזאָן, און פאר וועמען מאריא אלעקסע־יעוונא האָט מורא געהאַט. אָבער, מאַדאַם ב. וואלט דאָך געהאַט א ביסעל ארבייט און וואָלט גענדארפט אָנקומען צו געוויסע שתדלנים. מיר האָבען ניט דאס רעכט זי צו אורטהיילען. אָבער לאָפּוכאָוו איז אויך ניט געווען אונגערעכט, ווען ער איז געוואָרען אזוי פערצווייפעלט איבער וועראטשקא'ס יעצטיגע לאַגע.

.14

און וועראטשקא איז שוין פון לאַנג, לאַנג געזעסען אויף דער בעשטימטער באַנק, און ווי פיעל מאָל האָט איהר הארץ געגומען קלאַפּען שטארק, שטארק, ווען ביים עק גאַס האָט זיך באַוויזען א רעגיערונגס - הוטעל. אָט, ענדליך! ער! דער פריינד! — זי איז אויפגעשפרונגען און איז געלאָפען אנטקעגען.

עם קען זיין, אז האַלטענדיג אין צוקומען צו דער באַנק, וואָלט ער זיך דערוויל געווען אביסעל אויפגעמונטערט, נור אזוי ווי זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פריהער, ווי ער האָט ערוואַרטעט, האָט ער שוין ניט געקענט בעהאַלטען פאר איהר זיין טרויע־ריגען געזיכט.

„א דורכפאל ?"

„א דורכפאל, מיין פריינד".

„עס איז דאָך געווען אזוי זיכער ? ווי זשע קומט א דורכפאל ? ווי קומט עס, מיין פריינד ?"

„לאָמיר אהיים פאָהרען, מיין פריינד, איך וועל איך אהיים פיהרען; וועלען מיר איבעררעדען. אין עטליכע מינוטען ארום וועל איך איך זאָגען, אין וואס בעשטעהט דער דורכפאל. אָבער איצט לאָמיך צוערשט א דענק טהאָן. איך האָב נאָך אלץ ניט

צונויפגענומען מיינע געדאנקען. מען דארף אויסטראכטען עפעס נייעס. לאמיר ניט זיין ניעדערשלאגען, וועלען מיר אויסטראכטען".

ער האט זיך שוין ביי די לעצטע ווערטער אויפגעמונטערט, אבער נאך ניט זעהר גוט.

זאגט מיר גליך, ווייל ווארטען איז אונערטרעגליך. איהר זאגט: אויסטראכטען עפעס נייעס — הייסט עס, דאס וואס מיר האבען פריהער אויסגעטראכט טויג גאר ניט. איך קען ניט ווערען קיין גוברנאנטקע? איך, ארימע, אונגליקליכע!"

"וואס זאל איך איך נארען? ניין, איהר קענט ניט, איך האב איך דאס גע־וואלט זאגען. אבער גדולד, גדולד, מיין פריינד! זייט שטארק. ווער ס'איז שטארק, יענער דערשלאגט זיך צו אן ערפאלג".

"אך, מיין פריינד, איך בין שטארק, אבער ווי שווער עס איז!"

איינינע מינוטען זיינען זיי געגאנגען שווייגענדיג. — וואס איז דאס? זי טראגט דאך עפּיס אין דער האנד אונטער'ן פאלטא?

"פריינד מיינער, איהר טראגט עפעס, — גיט עס אהער, איך וועל עס נעמען".

"ניין, ניין, מען דארף ניט. דאס איז ניט שווער. ס'איז גאר ניט."

ווידער געהען זיי שווייגענדיג. לאנג געהען זיי אזוי.

"ביז צוויי א זייגער בין איך דאך אויס פרייד ניט געשלאפען, מיין פריינד. און ווען כ'בין איינגעשלאפען, ס'אראַ חלום איך האב געזעהן! עפעס ווי כ'וואלט זיך בעפרייט פון א פערשטיקטען קעלער, עפעס ווי כ'וואלט געווען געלעמט און געזונד געווארען, און ארויסגעלאפען אין פעלד, און מיט מיר זיינען ארויסגעלאפען פיעלע חבר'טעס, וועלכע האבען זיך, אויך ווי איך, ארויסגעריסען פון קעלערען, זיי־נען געזונד געווארען פון געלעהמטקייט און אונז איז געווען אזוי פרעהליך, אזוי פרעהליך צו לויפען איבער'ן ברייטען פעלד! ניט מקוים געווארען דער חלום! און איך האב געמיינט, אז כ'וועל שוין צוריק אהיים ניט אומקעהרען זיך.

""מיין פריינד, לאזט זשע, לאמיך נעהמען אייער בינטעל, איצט איז ער דאך שוין קיין סוד ניט".

ווידער געהען זיי שווייגענדיג. לאנג געהען זיי און שווייגען.

"פריינד מיינער, זעהט איהר צו וואס מיר האבען זיך דערדערדט מיט דער דא־מע: איהר טארט ניט אוועקגעהן פון דער היים אהן מאריא אלעקסעיעוונא'ס ווילען. דאס טאר מען ניט — ניין, ניין, כ'וועל מיט אייך געהן געארעמט, ווייל איך האב מורא, ס'וועט מיט אייך עפעס פאסירען".

"ניין, ס'איז גאר ניט, נור מיך שטיקט אונטער דעם טול".

זי האט פארווארפען דעם טול. איצט מאכט ניט; ס'איז גוט", האט זי געזאגט.

"ניין, מיין פריינד", האָט לאַפּוכאָוו געזאָגט, דענק ניט אַזוי ווי איך האָב פריהער געזאָגט. איך האָב ניט ריכטיג געזאָגט. מיר וועלען אַלעס ווי עס איז איינ־אָרדנען".

"ווי וועלען מיר איינאָרדנען, מיין ליעבער ? איהר זאָגט עס, אום מיך צו טרייסטען. מען קען גאר ניט טהאָן".

ער שווייגט, ווידער געהען זיי שווייגענדיג, ווי בלאַס ! ווי בלאַס ! טראַכט ער זיך.

"מיין פריינד, ס'איז דא איין מיטעל".

"וואָסער מיטעל, מיין ליעבער ?"

"איך וועל איך זאָגען, מיין פריינד, אָבער נור ווען איהר וועט זיך אביסעל בערוהיגען. דאָס דאַרפט איהר בעטראַכטען קאַלטבלוטיג".

"זאָגט גלייך ! איך וועל זיך ניט בערוהיגען ביז כ'וועל עס ניט הערען".

"ניין, איצט זיינט איהר זעהר אויפגערעגט, מיין פריינד. איצט קענט איהר ניט אָננעהמען קיין וויכטיגע בעשליסע, אין א שטיקעל צייט ארום, באַלד. אַט איז דער צופאַהר. צום ווידערזעהען, מיין פריינד. ווי באַלד כ'וועל זעהען, אַז איהר ענט־פערט קאַלטבלוטיג, וועל איך איך זאָגען".

"ווען זשע ?"

"איבערמאָרגען אויף דער שטונדע".

"צו לאַנג !"

"וועל איך אומישנע זיין מאָרגען".

"ניין, נאָך פריהער !"

"היינט אין אָבענד".

"ניין, איך לאָז איך ניט אָפּ. קומט מיט מיר, איך בין ניט רוהיג, זאָגט איהר ; איך קען ניט אורטהיילען ; זאָגט איהר, — גוט, עסט מיטאָג ביי אונז. איהר וועט זעהן, אַז כ'וועל זיין רוהיג. נאָכמיטאָג שלאָפט די מאַמע, און מיר קענען רעדען.

"ווי זשע זאָל איך אריינקומען צו איך ? אויב מיר קומען אריין צוזאַמען וועט אייער מאַמע ווידער פערדעכטיגען".

"פערדעכטיגען !—וואָס אַרט מיך ! צוליעב דעם איז שוין בעסער איהר זאָלט אריינגעהן. איך בין דאָך געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם טול, מען האָט אונז געקענט זעהן".

„איהר זיינט גערעכט".

.15

מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך זעהר פערוואונדערט, דערזעהענדיג די טאכ־טער מיט לאפּוכאָוו'ן צוזאמען אריינקומען, מיט אויפמערקזאמטע אויגען האט זי זיי געגומען בעטראכטען.

"איך בין געקומען, מאריא אלעקסעיעוונא, אייך זאגען, אז איבערמארגען אבענד בין איך פערנומען, און אנשטאט דעם וועל איך קומען צו דער שטונדע מארגען. ערלויבט מיר צו זעצען זיך. איך בין זעהר מיעד און אויפגערודערט, איך וויל זיך אפּריהען".

"מאקי אין אמת'ן, וואס איז מיט אייך, דמיטרי סערגעאיטש! איהר זיינט זעהר צוטראגען".

צוליעב ליעבע זאכען, אדער אזוי סתם זיך בעגעגענט? אויב צוליעב ליעבע, וואלט ער געווען פרעהליך, און אויב זיי וואלטען זיך אין די ליעבע זאכען צו־קריעגט אדער זי וואלט איהם ענטזאגען, וואלט ער טאקי אין אמת'ן געווען ברוגז, אבער דאן וואלטען זיי דאך געווען צוקריעגט,—וואלט ער זי דאך ניט געגאנגען בעגלייטען. און אט איז זי אריין גלייך צו זיך אין צימער, אפילו אויף איהם קיין קוק ניט געטהאן, און קיין קריעג בעמערקט זיך עפּעס ניט,—ניין, ס'ווייזט אויס זיך גלאט אזוי בעגעגענט. דער טייוועל ווייסט זיי, אבער קוקען דארף מען מיט ביידע אויגען!

„מיר איז גאר ניט מאריא אלעקסעיעוונא, אבער אט ווערא פּאוולאוונא איז עפּעס גאר בלאס—אדער האט זיך עס מיר גלאט אזוי אויסגעציינט?".

„ווער, וועראטשקא? עס טרעפט זיך מיט איהר אמאל".

„עס קען זיין עס האט זיך מיר נור אזוי אויסגעוויזען. איך בין זיך מודה מיר דרעהט זיך דער קאפּ פון דעם „טראכטען".

„וואס איז שוין, דמיטרי סערגעאיטש? איז שוין ניט עפּעס א קריעג מיט דער כלה?"

„ניין, מאריא אלעקסעיעוונא, מיט דער כלה בין איך צופריעדען, אבער אט מיט די עלטערן וויל איך זיך צוקריעגען."

"וואס זאגט איהר? דמיטרי סערגעאיטש, ווי טאר מען זיך גאר קריעגען מיט אייגענע? איך האב זיך דאס פון אייך ניט געריכט."

"אבער מען קען אנדערש ניט, ס'איז שוין אזא משפּחה. מען פאדערט פון א מענשען גאט ווייס וואס, וואס ער איז ניט בכח צו טאהן".

"דאס איז שוין עפּעס אנדערש, דמיטרי סערגעאיטש, אלעמען קען מען ניט

בעפריעדיגען, מען מוז וויסען א מאָס, ס'איז אזוי. אויב אזוי, א קריעג איבער געלד זאכען דאָס קען איך אייך ניט פערדענקען.“

“ערלויבט מיר צו זיין גראָב, מאריא אלעקסעוונא, איך בין אזוי צורודערט, אז איך מוז זיך אָברוהען אין אָן אנגענעהמע און געאכטעטע געזעלשאפט; און אזא געזעלשאפט געפין איך ערגעץ ניט א חוץ אין אייער הויז. ערלויבט מיר היינט זיך אליין איינצובעטען אויף מיטאָג, און ערלויבט מיר צו שיקען אייער מאטראנא'ן ערגעץ א גאנג. דאכט זיך, אָט דאָ ניט ווייט איז דאָ דענקער'ס קעללער, זיין וויין איז ניט גאָט וויים וואָס, אָבער ניט שלעכט“.

מאריא אלעקסעוונא'ס געזיכט, וועלכעס איז שטארק צוקאָכט געוואָרען פון'ם ערשטען וואָרט “מיטאג“, האָט פון זיך ארונטערגעלאָזען דעם כעס באלד ווי ער האָט נאָר דערמאָנט מאטראנא'ס נאָמען און גענומען קוקען ווארטענדיג:—

“לאָמיר זעהן. וואָס ווערסטו מיין טייבעלע, געבען צו שטייער צום מיטאג? — ביי דענקער'ן—ווייזט אוים, עפעס גוטס!“ אָבער דער בחור האָט שוין ארויסגענומען דעם פּאָרט־סיגאר, האָט אָבגעריסען א שטיקעל פּאפּיער פון א בריעף וואָס האָט זיך אין איהם פערוואלגערט, האָט ארויסגענומען א בליישטיפט און געשריעבען.

“מעג איך פרעגען, מאריא אלעקסעוונא וואָס פאר א וויין איהר טרינקט?“

“איך, טאטע'לע, דמיטרי סערגעאיטש, בין זיך אייך מודה, וויים נאָר קיין מאָל ניט אין וויין, איך טרינק כמעט ניט; ס'איז ניט קיין ווייבערשע זאך.“

“אויף דער צורה האָט מען אויף דיר פון דער ערשטער מינוט אָן געקענט זעהן, אז דו טרינקסט ניט“, האָט ער זיך געטראכט, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

“געוויס, אזוי מאריא אלעקסעוונא, אָבער מאראסקין טרינקען אפילו פריילינס“.

“וואָס איז דאָס אזוינס, דמיטרי סערגעאיטש?“

“איינפאך ניט קיין וויין, קען מען זאגען. נור סיראָפּ“. ער האָט ארויסגענומען אן אסיגנאציע. “עס וועט זיין, דאכט זיך גענוג?—ער איז מיט די אויגען איבערגעלאָפען דאָס צעטעלע—יעדענפאלס וועל איך געבען נאָך 5 רובעל“.

זיין הכנסה פון דריי וואָכען. לעבענס מיטעל אויף א מאָנאט — אָבער אנדערש קען מען ניט. מען דארף א גוטע לאפּקע פאר מאריא אלעקסעוונא'ן.

מאריא אלעקסעוונא'ס אויגען האָבען זיך בעדעקט מיט א פייכטקייט, און דאָס זיסטע שמייכעלע האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער איהר געזיכט.

“האָט איהר אפשר א קאָנדיטערסקי אויך ניט ווייט? איך וויים ניט צו קען

מען קריגען א פארטיגען טארט פון גריכישע ניס—לויט מיין געשמאק איז דאס דער בעסטער טארט, מאריא אלעקסעוונא. אבער סאמער איז ניטא אזעלכער זאל זיין וואס'ער ס'איז, איהר וועט מיר מוזען פערציייהען."

ער איז אריין אין קיך און האט געשיקט מאטריאנא'ן איינקויפען.

"לאמיר היינט א הולע טאהן, מאריא אלעקסעוונא. איך וויל פארגיעסען מיין קריעג מיט די קרובים. ווארום טאקי ניט א הולע טאהן, מאריא אלעקסעוו־נא? מיט דער כלה געהט אלעס אויף א לאד. דאן וועלען מיר ניט נור אזוי לע־בען—פרעהליך וועלען מיר לעבען,—אמת, מאריא אלעקסעוונא?"

"אמת, טאטעלע, דמיטרי סערגעאיטש. אט דאס זעה איך, אז איהר ווארפט מיר עפעס היינט מיט געלד, וואס איך האב פון אייך, אזא פראקטישען מענשען, גאר ניט ערווארטעט. ס'זעהט אויס, אז איהר האט פון דער כלה האנד־געלד גע־קריגען."

"קיין האנד־געלד האב איך ניט געקריגען, מאריא אלעקסעוונא, אבער אז עס האט זיך געיאוועט א ביסעל געלד, מעג מען א הולע טאהן. וואס דארף מען האנד־געלד? דא איז די זאך ניט אין האנד־געלד. עס טויג ניט מיט האנד־געל־דער זיך אויפהאלטען. מען דארף די געשיכטע זויבער פיהרען, אויב ניט קען עס פערדעכטיגט ווערען, און ס'איז טאקי ניט עדעל, מאריא אלעקסעוונא."

"ניט עדעל, דמיטרי סערגעאיש, אמת, ניט עדעל. נאך מיין מיינונג, דארף מען אין אלעם אפהיטען ערעלקייט."

"יא, טאטעלע, יא, געשמעקט פולווער, געשמעקט!"

מיט איין ווארט, דיעזער אנגענעהמער געשפרעך מיט מאריא אלעקסעוונא, וועלכער איז געוועזן אזוי צום הארצען דמיטרי סערגעאיטש'ן, האט איהם אזוי לע־בעדיג געמאכט, אז עס איז שוין פערשוואונדען געווארען זיין קומער. ער איז געוועזן אזוי פרעהליך, אז מאריא אלעקסעוונא האט איהם נאך קיין מאל ניט געזעהן אזוי. זי האט זיך געטראכט: א ביטרע בעסטיע, א שעלמע איינער! שוין צוגעכאפט פון דער כלה ניט איין טויזענדער,—נו, און די עלטערן האבען דערשמעקט, אז ער האט די קעשענע אנגעפאקט און זיינען צוגעשטאנען; און ער צו זיי: ניין, טאטעניו און מאמעניו, אלס זוהן בין איך אייך בערייט צו אכטען, אבער געלד, פאוואלע. ס'ארא שעלמע!—ס'אנגענעהם צו שמועסען מיט אזא מענשען, בעזאנ־דערס ווען מען הערט, אז מאטריאנא איז שוין געקומען, און מען גיט א לויף אין קיך אריין, זאגענדיג אז מען געהט צו זיך אין שלאפצימער נאך א נאזטיכעל, און מען דערזעהט, אז ווין איז אנגעקויפט פאר 12 רובעל און 50 קאפיקעס,—נאר איין דריטעל וועט מען דאך ביים טיש קענען אויסטרינקען,—און א טארט פאר

א רובעל און 50 קאָפּיקעס. אָבער, דאס קען מען זאָגען, איז ארויסגעוואָרפען געלד. אויפ'ן טאָרט ! אָבער דאָך וועט איבערבלייבען פון טאָרט אויך, און מען וועט קענען מכבד זיין די חבר'טעס אנשטאט איינגעמאכטס, ס'איז אלץ קיין שאדען ניט, אלץ נור אויף איינצושפּאָרען.

ארום א האַלבע אָדער דריי פּיערטעל שטונדע ביז'ן מיטאָג איז אָנגעגאנגען אזא מין ליעבליכסטער געשפּרעך פון פערשיעדענע עדעלע זאכען. דאָ האָט דמיטרי סערגעאיטש, הינגעריסען פון אָפענהערציגקייט, צווישען אנדערע זאכען דערצעהלט, אז זיין חתונה האָט זיך אין דיזער צייט שטארק ערנעהנטערט.

און ווערא טשקא זיצט ביי זיך אין צימער.

"און ווי האלט עס מיט ווערא פּאוולאָוונא'ס חתונה ?"

מאריא אלעקסעוונא קען גאָר ניט זאָגען, ווייל זי צווינגט די טאָכטער ניט. געוויס ; אָבער לויט ער האָט בעמערקט, וועט ווערא פּאוולאָוונא זיך באלד ענט־שליסען חתונה צו האָבען ; זי האָט איהם גאָר ניט געזאָגט, אָבער ער האָט דאָך אויגען. איך און איהר, מאריא אלעקסעוונא, ווייסען שוין א'ן עסק, אונז קען מען שוין די אויגען ניט פערבלענדען. אָבוואָהל איך בין יונג אין יאָהרען, דאָך דאַרף מען מיר דעם פינגער אין מויל ניט אריינלייגען, שוין גענוג פוּלוּוער זיך אָנגע־שמעקט, ניט וואהר, מאריא אלעקסעוונא ?"

.16

"האָב איך גוט געטהון, וואס כ'האָב איהם געהייסען אריינקומען ? די מאמע האָט אזוי אויפמערקזאם געקוקט.

"און האָב איהם אוועקגעשטעלט אין אזא שווערע לאגע ! ווי וועט ער קענען בלייבען צו מיטאָג ?"

"מיין גאָט, וואס וועט פון מיר, דער ארימער ווערען ?

"ס'פאראן נור איין מיטעל זאגט ער, — ניין, מיין ליעבער, ניין. ס'איז ניטאָ קיין מיטעל !

יא, ס'איז דא א מיטעל, אָט וואס : דאס פענסטער. ווען ס'וועט שוין ווערען שטארק שווער, וועל איך זיך דורךוואָרפען.

"ווי לעכערליך איך בין : "ווען ס'וועט ווערען שטארק שווער" — און וואס איז איצט ?

"און ווען דו וואַרפסט זיך דורך'ן פענסטער ווי שנעל, שנעל דו פליהסט, — גלייך ווי דו פאַלסט ניט, נור דו פליהסט טאַקי אין אמת'ן, — דאָס קען זיין זעהר אנגענעהם. אָבער שפּעטער ניסטו א קלאַפּ אויפ'ן טראָטואר, — אַך, ווי

הארט ! און שמערצליך ? ניין, דיינק איך, וועסט שוין ניט דערפיהלען דעם שמערץ, נור ס'איז זעהר הארט ! אָבער דאס איז דאך נור איין קורצינקער מאָמענט ; אָבער פאר דעם איז די לופט, גראדע ווי די וויכסטע פערינג. עס געהט זיך פאנ־אנדער אזוי לייכט צערטליך.... ניין, ס'איז גוט....

"נו, און שפעטער ? אלע וועלען קוקען — דער קאָפּ איז צושלאָגען, דאס גע־זיכט איז צושלאָגען, אין גאנצען אין בלוט, אין שמוץ... ניין, ווען מען זאל קענען אויף דיזען פלאץ בעשיטען ריינע זאמד, — דא איז אפילו דאס זאמד שמוציג.... אַט ווען מען וואָלט בעשאָטען דאס ריינסטע און ווייסטע זאמד... ווי גוט ס'וואָלט געווען. דאס געזיכט וואָלט געבליבען ניט צושלאָגען, ריין און עס וואָלט קיינעם ניט איבערגעשראָקען.

"און אין פאריז דערשטיקען זיך די מיידלעך מיט א טשאד. דאס איז גוט ; דאס איז זעהר, זעהר גוט. אָבער וואַרפען זיך דורכ'ן פענסטער איז ניט גוט. אָבער דאס איז גוט.

"ווי הויך זיי רעדען דאַרט, וואס רעדען זיי ? — ניין, מען הערט גאר ניט.

"און איך וואָלט איהם איבערגעלאָזען א צעטעלע, אין וועלכען איך וואָלט אלעס אָנגעשריבען. איך האָב דאך איהם דאמאלס געזאגט : "היינט איז מיין גע־בורטסטאג". ווי בראוו איך בין דאן געווען. ווי בין איך עס דאמאלס אזוי געווען ? דאן בין איך דאך געווען אזא נארישע, דאן האָב איך דאך נאך גאר ניט פערשטאַנען.

"יא, ווי קלוג זיינען אין פאריז די ארימע מיידלעך ! וואס דען, איך וועל ניט זיין קלוג ? אַט, ווי קאָמיש עס וועט זיין : מען קומט אריין אין צימער — מען זעהט גאר ניט, אָבער ס'איז א טשאד, און די לופט איז גרין ; מען האָט זיך דער־שראָקען : וואס איז דא, וואו איז וועראטשקא ? די מאמע שרייט אויפ'ן טאטען : וואס שטעהסטו, שלאָג אוים דאס פענסטער" — מען האָט אויסגעקלאַפּט דאס פענסטער און מען זעהט : איך זיץ ביי'ם טואלעט, אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויפ'ן טואלעט, אָבער דאס געזיכט האָב איך צוגעדעקט מיט די הענד.

"וועראטשקא, דו ביזט פערטשאַדעט ?"

אָבער איך שווייג.

"וועראטשקא, וואס שווייגסטו ?"

"אך, זי איז דערשטיקט געוואָרען !"

מען הייבט אָן צו שרייען, וויינען, אך, ווי קאָמיש דאס וועט זיין, ווען זיי וועלען וויינען, און די מאמע וועט נעמען דערציעהלען, ווי זי האָט מיך געליעבט.

"אָבער ער וועט דאך אויך בעדויערען. — נו, וואס איז, איך וועל איהם אי־בערלאָזען א צעטעלע.

"יא, כ'וועל זיך בערעכענען, בערעכענען און וועל טהאָן, ווי די אָרימע פּאַריזער מיידלעך. כ'האָב ניט מורא.
"וואָס האָט מען דא מורא צו האָבען ? דאָס איז דאָך אַזוי גוט ! אָבער איך וועל וואַרטען אביסעל צו זעהן וואָס'ער מיטעל דאָס איז, וואָס ער זאָגט. אָבער ניין, ס'איז ניטאָ קיינעס. דאָס איז נאָר אַזוי, ער האָט מיך געוואָלט בערוהיגען.
"צו וואָס דאַרפען דאָס מענשען בערוהיגען ? מען דאַרף גאָר ניט בערוהיגען. קען מען דען בערוהיגען ווען מען קען ניט העלפען ? אָט איז ער דאָך אַ קלוגער, און האָט אויך אַזוי געטהון. צו וואָס האָט ער דאָס געטהון ? מען דאַרף דאָס ניט.
"וואָס רעדט ער עס אַזוי ? ווי גליקליך ער וואָלט געווען, פריילִיך, ס'אָרא פרעהליכע שטימע !
"איז עס מעגליך, אַז ער האָט טאַקי אין אמת'ן אויסגעטראַכט אַ מיטעל ?
"אָבער ניין, ס'איז ניטאָ קיין שום מיטעל.
"אָבער ער זאָל ניט געווען אויסטראַכטען, וואָלט ער דען געווען פרעהליך ?
"וואָס זשע האָט עס אַזוינס אויסגעטראַכט ?

17.

"וועראָטשקא, געה מיטאָג עסען !" האָט אַ געשריי געטהאָן מאַריא אַלעקסעיעוונא.
און ווירקליך, פּאַוועל קאָנסטאַנטינִיטש איז צוריקגעקומען, דער טאָרט איז שוין פון לאַנג פאַרטיג, — ניט דער קאַנדיטערסקי, נאָר מאַטריאַנאַס, אָנגעפילט מיט'ן פליייש פון'ם געכטיגען סוּפּ.
"מאַריא אַלעקסעיעוונא האָט איהר ווען געפּרובירט אַ גלעזעלע בראַנפען פאַר'ן מיטאָג ? דאָס איז זעהר ניצליך, בפרט אָט דיעזע, פּאָמעראַנצעווע. איך זאָג עס אייך ווי אַ דאָקטאָר. געפעליגסט, פּרובירט עס. ניין, ניין, פּרובירט עס אונבעדינגט. איך, אַלס דאָקטאָר, פערשרייב אייך צו פּרובירען".
"אויב אַ דאָקטאָר, מוז מען שוין פאָלגען, און דאָס נאָר אַ האַלב גלעזעלע".
"ניין, מאַריא אַלעקסעיעוונא אַ האַלב גלעזעל וועט קיין שום נוצען ניט ברענגען".
נו, און איהר, דמיטרי סערגעאיטש ?"
אַלט געוואָרען, אויסגעמענשעלט זיך. אַ נדר געטהון".
"ווירקליך, ס'וואַרעמט טאַקי !"
"אין דעם איז טאַקי דער נוצען, וואָס עס וואַרעמט".
(ווי פרעהליך ער איז, ווירקליך ! קען עס זיין, אַז ער האָט טאַקי אַ מיטעל ? און ווי האָט ער זיך עס מיט איהר אַזוי בעפריינדעט ? — און אויף מיר ניט ער

אפילו קיין קוק נים, אך, איז ער כיטרע !")
מען האָט זיך געזעצט צו'ם טיש.

— אָט, איך מיט פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש וועלען טרינקען דאס ; דאס טרינקען מיר. עהל— איז גלייך צו ביער — ניט מעהר ווי ביער. פּרובירט מאריא אלעקסעיעוונא".

"אויב איהר זאגט ס'איז ביער, גוט, ביער מעג מען טרינקען, ווארום טאָקי ניט ?"

("גאָט, ווי פיעל פלעשער ! אך, ווי נאריש איך בין ! אָט דאס איז די פריינד־שאפט !")

(ס'אראַ שעלמע !) — טראכט זיך מאריא אלעקסעיעוונא — אליין טרינקט ער ניט. נור די ליפּען צונעלעגט צו זיין עהל. אָבער דאס איז גוטע עהל, — אַ ביסעל מיט זויערען, אָבער ס'האָט שטאַרקייט, גוטע שטארקייט. ווען כ'וועל מישקאַ'ן פאַרדרעהען מיט איהר, וועל איך בראַנפען אוועקוואַרפען, און נור אזא עהל וועל איך אָנהויבען טרינקען. — נו, ער וועט זיין שכל ניט פאַר'שכור'ן, וואָלט ער כאָטש אַ זופּ געטהאָן, דער קאנאַליע ! נאָך בעסער ! אָט אָבער ווען ער זאָל ויעלען, טרינקט ער געזונט). "טרינקט כאָטש אליין עפּעס, דמיטרי סערגעאיטש."

"עך, כ'האָב שוין אויף מיין לעבען גענוג אויסגעטרונקען, מאריא אלעקסעוונא — כ'האָב זיך שוין אַ פריהער אָנגעטרונקען, ס'וועט קלעקען אויף לאַנג ! ניט געווען וואָס צו טהאָן, ניט געווען קיין געלד — פלעג איך טרינקען. ס'איז איצט דאָ וואָס צו טהאָן, ס'איז דאָ געלד — דאַרף מען קיין ווײן ניט, ס'איז שוין אזוי אויך פרעה־ליך."

און אזוי געהט זיך דער גאנצער מיטאָג. מען דערלאנגט דעם טאָרט.

"טהייערע מאַטריאנא כטעפּאַנאָוונא, און וואָס גיט מען צו דעם ?"

"באַלד, דמיטרי סערגעאיטש, באַלד." מאַטריאנא קעהרט זיך צוריק מיט אַ פלאַש שאַמפּאַניער.

"ווערא פּאַוולאָוונא, איהר האָט ניט געטרונקען, און איך האָב ניט געטרונקען. איצט לאָמיר אויך עפּיס טרינקען. "צו'ם געזונד פון מיין כלה און אייער חתן !"

"וואָס איז דאָס ? קען עס זיין ?" טראַכט זיך וועראָטשקאַ.

"זאָל גאָט געבען גליק אייער כלה, און וועראָטשקאַ'ס חתן, זאָגט מאריא אלעק־סעוונא : און אונז, אלטע, זאָל גאָט געבען, אז מיר זאָלען דערלעבען ווערָאטשקאַ'ס חתונה."

"יא, איהר וועט זיך באַלד דערווארטען, מאריא אלעקסעוונא. יא, ווערא פּאַוו־לאָוונא ? יא !"

"איז עס מעגליך, אז ער מיינט עס ווירקליך?" טראַכט וועראַטשקאַ.

"יאַ, ווערא פּאַוולאָוונאַ, געווים, יאַ. זאָגט זשע שוין "יאַ."

"יאַ," זאָגט וועראַטשקאַ.

"אַזוי, ווערא פּאַוולאָוונאַ, אומזיסט ברענגט איהר די מאַמע אין אַ צווייפעל. טאַקי "יאַ" און שוין. איצט דאַרף מען נאָך אַ טאָסט. פאַר דער באַלדיגער חתונה פון ווערא פּאַוולאָוונאַ! טרינקט, ווערא פּאַוולאָוונאַ! ס'מאַכט ניט, ס'וועט זיין גוט. קלאַפּט אָן די גלעזער. פאַר אייער באַלדיגער חתונה!"

מען קלאַפּט אָן די גלעזער.

"גאָט זאָל געבען, גאָט זאָל געבען! אַ דאַנק דיר, וועראַטשקאַ! דו טרייסט מיך וועראַטשקאַ אין מיינע עלטערע יאָהרען!" זאָגט מאַריא אַלעקסעיעוונאַ, און ווישט זיך אָפּ די אויגען. דער ענגלישער עהל און דער מאַראַסקין האָבען זי גע־בראַכט אין אַ געפיהלפאָלען צושטאַנד.

"גאָט זאָל געבען, גאָט זאָל געבען," ווידערהאָלט פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש.

"ווי צופריעדען מיר זיינען פון אייך, דמיטרי סערגעאיטש," זאָגט מאַריא אַלעקסעוונאַ נאָך'ן מיטאָג: — נאָך ווי צופריעדען! איהר זיינט אונזער גאַסט, דאָך האָט איהר אונז מכבד געווען; — אָט דאָס, קען מען זאָגען, איז אַ יום טוב!"

ניט אימער האַנדעלט מען אַזוי כיטרע, ווי עס קומט ארויס כיטרע. לאָפּו־כאָוו האָט גאָר ניט גערעכענט אויף אַזאַ רעזולטאַט, ווען ער האָט געקויפט דעם ווײן: ער האָט מעהר ניט געוואָלט, ווי געבען מאַריא אַלעקסעיעוונאַן לאָפּקע אום ניט צו פערליערען איהר גוטמוטיגקייט דורכ'ן איינבעטען זיך אויף מיטאָג. ווער האָט געקענט וויסען אַז זי וועט זיך גאָר געהן אָנטרינקען פאַר אַ פרעמדען מענשען, מיט וועלכען זי סימפּאַטיזירט טאַקע אין אַלעמען, דאָך גלויבט זי איהם ניט.

— ווּעמען קען זי דען טויטען? זי אַליין האָט אויך ניט ערוואַרטעט אַזאַ שנעלע זאַרט האַנדלונג: זי האָט געטראַכט אָבצולייגען דעם מחיה זיין זיך מיט אַ רעכטען טרונק אויף נאָך'ן מהעע טרינקען. אָבער שוואַך איז דער מענש. געגען בראַנפען און. אַנדערע בעקאַנטע נאַשערייען וואָלט זי בייגעשטאַנען, אָבער עהל און נאָך אַזעלכע געשמאַקע זאַכען האָבען איהר אונערפאַהרענקייט פאַרפיהרט.

דער מיטאָג איז ארויסגעקומען אין גאַנצען אַ פּאַראַדנער. אָפּציִשער און דערפאַר האָט מאַריא אַלעקסעיעוונאַ אָנגעזאָגט אַז מאַטראָנאַ זאָל שטעלען דעם סאַמאָוואַר, ווי עס פּאַסט זיך פאַר נאָך אַ פּריצישען מיטאָג. נאָר מיט דער איי־דעלקייט איהרער האָבען זיך באַנוצט נאָר זי און לאָפּוכאָוו. וועראַטשקאַ האָט געזאָגט אַז זי וויל ניט קיין טהעע און איז אוועק אין איהר צימער. פּאַוועל קאָנס־טאַנטיניטש, אַלס געבילדעטער מענש, איז באַלד נאָך מיטאָג אוועק זיך צו לעגען. דמיטרי סערגעוויטש האָט געטרונקען לאַנגזאַם, געטרונקען איין גלאָז, האָט געבעי־

טען אַ צווייטע. דאָ האָט שוין מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ ניט אויסגעהאַלטען. זי האָט זיך ענטשולדיגט וואָס זי פיהלט זיך ניט גוט פון דער פריה אָן. — דער גאַסט האָט געבעטען זיך ניט צו שטערען וועגען איהם און איז געבליבען אליין. האָט אויסגעטרונקען די צווייטע גלאָז און אַ דריטע און איז איינגעדרעמעלט, און שטיל זיצענדיג. — מסתמא זיך אויך אָנגעטרונקען ווי אונזער דימענט — האָט מאַט־ראָנאַ אַ טראַכט געטהאָן. און דער דימענט האָט שוין געכראָפּעט און מיט דעם כראָפּענען האָט ער אויפגעוועקט דימיטרי סערגעאיטש'ן, און מאַטראָנאַ איז איג־גאַנצען אַוועק אין קיך, אַבראָמענדיג דעם סאַמאָוואַר.

— זייט מיר מוחל, ווערא פּאַוולאָוונאַ — האָט לאָפּוכאָוו געזאָגט, אַריינגע־הענדיג אין איהר צימער. — (ווי שטיל ער רעדט און די שטים ציטערט, בעת ביים מיטאָג־עסען האָט ער דאָך געשריען און ער רופט איהר שוין ניט „מיין פריינד“, נאָר ווערא פּאַוולאָוונאַ). — זייט מיר מוחל, וואָס איך בין געוועזן פרעך. איהר ווייסט וואָס איך האָב געזאָגט: יאַ, אַ מאַן און ווייב קען מען שוין ניט צושיידען.

— מיין ליעבער! דו האָסט געזעהען: איך האָב געוויינט ווען דו ביזט אריין — דאָס איז פון פרייד.

לאָפּוכאָוו האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנד און פיעל מאָל געקושט איהר האַנד.

— אָט אַזוי, מיין ליעבער, לאָזטו מיך אַרויס אויף פרייהייט פון פּאַדוואַל: ווי קלוג און גוט דו ביזט. ווי האָסטו זיך דערטראַכט דערצו?

—ווען מיר האָבען מיט דיר געטאַנצט צוזאַמען האָב איך שוין דאַמאַלט זיך דערטראַכט.

— מיין ליעבער, איך האָב שוין דאַמאַלט געטראַכט אַז דו ביזט אַ גוטער. דו האָזט מיך אַרויס אויף דער פרייהייט, מיין ליעבער. איצט בין איך גערייט צו ליידען, איצט ווייס איך, אַז איך וועל זיך אַרויסכאַפּען פון פּאַדוואַל; איצט וועט מיר שוין אין פּאַדוואַל גופא ניט שטיקען, איך ווייס דאָך אַז איך וועל פון איהם אַרויס. נאָר ווי וועל איך פאָרט אַרויס פון דעם פּאַדוואַל?

— אָט, ווי אַזוי, וועראַטשקאַ. איצט איז שוין ענדע אַפּריל. אין אָנהויב יול ענדיגען זיך מיינע אַרבייטען אין דער אַקאַדעמיע. מען דאַרף זיי ענדיגען, כדי מיר זאָלען קענען מאַכען אַ לעבען. דאַמאָלט וועסטו אַוועק פון פּאַדוואַל. נאָר אַ חדשים דריי דולד נאָך, פיליכט נאָך וועניגער, דו וועט אַוועק. איך וועל קריגען די שטעל פון אַ דאָקטאָר. דאָס געהאַלט איז ניט גרויס, אָבער, זאָל שוין זיין אַזוי: איך וועל קריגען אַביסעל פּראַקטיק. ניט פיעל — נאָר וויפיעל עס איז נויטיג — און מיר וועלען לעבען.

— אַך, מיין ליעבער — מיר וועלען זעהר, זעהר ווייניג דאַרפען. אָבער איך וויל אַזוי ניט לעבען! איך וויל ניט לעבען אויף דיין געלד. איך האָב דאָך אויך

איצט שטונדען. איך וועל זיי אלע פערלירען דאמאלט, ווייל די מאמע וועט אלע־מען דערצעהלען וואס פאר א מערדעריו איך בין. אבער עס וועלען זיך געפינען אנדערע, איך וועל אנהויבען לעבען. מען דארף דאך אזוי? איך דארף דאך ניט לעבען אויף דיין געלד?

— ווער האט עס דיר געזאגט, מיין ליעבער פריינד ווראטשקא?

— דו פרעגסט נאך, ווער עס האט געזאגט. צו דען האסטו די גאנצע צייט אליין ניט גערעדט וועגען דעם? און אין דיינע ביכער? א גאנצע העלפט פון זיי איז פול דערמיט.

— איך די ביכער? איך האב וועגען דעם גערעדט? ווען זשע איז דאס געווען?

— אך דאמאלט! און ווער האט געזאגט אז אלץ איז באגרינדעט אויף געלד?

ווער האט עס געזאגט, דימיטרי סערגעוויטש?

— נו, איז וואס?

— און דו מיינסט אז איך בין שוין אזא נארעלע דאס איך קען ניט, ווי עס דריקען זיך אוים אייערע ביכער — פון פאראוויסזעצונגען ציהען א שלוס?

— וואס פאר א שלוס? דו רעדסט, כ'ווייס וואס, מיין ליעבער פריינד ווע־ראטשקא.

— אך, דו כיטראק איינער! ער וויל זיין א דעספאט, ער וויל איך זאל זיין א שקלאפין ביי איהם! ניין, דאס וועט ניט זיין! דימיטרי סערגעוויטש, פאר־שטעהסט איהר?

"אלעס איז בעגרינדעט אויף געלד, זאגט איהר, דמיטרי סערגעאיטש; ווער ס'האט געלד, דער האט די הערשאפט און דאס רעכט, זאגען אייערע ביכער; הייסט עס אזוי לאנג ווי די פרוי לעבט אויפ'ן מאן'ס רעכנונג איז זי אבהענגיג פון איהם, — ניט וואהר, דמיטרי סערגעאיטש? איהר דענקט, אז איך פערשטעה דאס ניט, און וועל זיין אייער שקלאפין. ניין, דמיטרי סערגעאיטש, איך וועל אייך ניט ער־לויבען צו זיין א דעספאט איבער מיר! איהר ווילט זיין א גוטער, וואהלטהעטיגער דעספאט, אבער איך וויל דאס ניט, דמיטרי סערגעאיטש! נו, מיין ליעבענקער, ווי אזוי נאך וועלען מיר לעבען? דו וועסט שניידען הענד און פיס ביי מענשען און זיי אנטרינקען מיט פאסקודנע מיקסטורעס, און איך וועל געבען שטונדען אויף דער פארטעפיאנע. און ווי אזוי נאך וועלען מיר לעבען?"

"אזוי, אזוי, ווערא טשקא, זאל זיך יעדער מיט אלע זיינע קרעפטען אפהיטען זיין אונאבהענגיגקייט פון דעם אנדערן, ווי ער זאל איהם ניט ליעבען, ווי ער זאל איהם ניט גלויבען. צי וועט דיר געלינגען וואס דו זאגסט, צי ניט, ווייס איך ניט, אבער ס'איז כמעט אלץ איינס: ווער ס'האט זיך אויף דערויף בעשלאסען, דער האט עס שוין כמעט ווי אויסגעפיהרט. ער פיהלט שוין, אז ער קען שוין זיינס אליין בעשטעהן, זיך אפזאגען פון יענעם'ס שטיצע, אויב מען דארף, און דער גע־

ביהל אליין איז שוין געווען. אָבער ס'אַרא לעכערליכע מענשען מיר זיינען, וועראַטשקאַ! דו זאָגסט "כ'וויל ניט לעבען אויף דיין רעכנונג" און איך לויב דיך דערפאַר. ווער נאָך רעדט אזוי, וועראַטשקאַ?"

"לעכערליך? נו, איז לעכערליך, מיין ליעבענקער. וואָס געהט אונז אָן? מיר וועלען לעבען ווי אונז געלוסט זיך, ווי ס'איז בעסער פאר אונז. ווי אזוי נאָך וועלען מיר לעבען, מיין ליעבענקער?"

"וועראַ פּאַוולאָוונאַ, איך האָב איך פאַרגעלעגט מיינע געדאַנקען איבער איין זייט פון אונזער לעבען — איהר האָט זיי געפעליגסט אין גאַנצען צושטערט מיט אייער פּלאַן, האָט מיך אַנגערופען טיראַן, אויסבייטער — טראַכט זשע געפעליגסט אליין אוים, ווי וועלען איינגעאָרדענט זיין די אנדערע זייטען פון אונזערע פערהעלטניסע! איך האַלט פאר איבריג פאַרצושלאָגען מיינע פּלענער, כדי זיי זאָלען אויך פון אייך ווידער צובראָכען ווערען. פריינד מיינער, וועראַטשקאַ, דו זאָג אליין, ווי דו דענקסט צו לעבען; מיר וועט געוויס נור איבערבלייבען צו זאָגען: מיין ליעבע! ווי קלוג זי טראַכט פון אַלעם!"

"וואָס איז דאָס? איהר שיינקט קאָמפּלימענטען? איהר ווילט זיין ליעבליך? אָבער איך וויים גאַנץ גוט: מען חנפ'עט אום צו הערשען אונטער'ן צודעק פון אונטערנהעניגקייט. איך בעט אייך פאראוים צו רעדען איינפאַכער! ליעבער מיינער, דו וועסט מיך קאַליע מאַכען לויבענדיג! איך שעהם זיך, מיין ליעבער — ניין, לויב מיך ניט, איך זאָל ניט ווערען צו שטאָלץ."

"גוט, וועראַ פּאַוולאָוונאַ, איך פאַנג אייך אָן צו זאָגען גראָבהייטען, אויב דאָס איז אייך אנגענעהמער. אין אייער נאַטור, וועראַ פּאַוולאָוונאַ איז פאַראַן אזוי ווייניג ווייבליכקייט, אז איהר וועט מסתמא אויסדריקען מענערשע געדאַנקען."

אַך, מיין ליעבער, זאָג מיר: וואָס איז דאָס אזוינס דיזע "ווייבליכקייט"? איך פערשטעה, אז א פרוי רעדט מיט א קאָנטר־אַלטאָ, א מאַן — מיט א באַריטאָן־שטימע, נו, וואָס איז? ברויכט מען דען אונז בעטען אז מיר זאָלען דוקא ריידען מיט א קאָנטר־אַלט שטימע? צו וואָס זשע שרייען אַלע צו'ן אונז, אז מיר זאָלען פערבלייבען ווייבליך? דאָס איז דאָך א נאַרישקייט, מיין ליעבער?"

"א נאַרישקייט, וועראַטשקאַ, און זעהר א גרויסע וואולגאַריטעט".

"וועל איך שוין, מיין ליעבער, זיך ניט זאָרגען פאר מיין ווייבליכקייט: אַט האָט איהר, דמיטרי סערגעאיטש, איך וועל אייך זאָגען גאַנץ מענליכע געדאַנקען דערפון, ווי מיר וועלען לעבען. מיר וועלען זיין פריינד. אָבער איך וויל זיין דיין ערשטער פריינד. אַך, כ'האָב דיר נאָך ניט געזאָגט, ווי איך האָס דיזען ליעבען

קירסאַנאָוו'ן דיינעם!“

„וואָלסט עס ניט געדאַרפט טהאָן, וועראָטשקא: ער איז זעהר אַ וואוילער מענש.“

„דאָך פערהאַס איך איהם. איך וועל דיר פערבאָטען מיט איהם זיך צו זעהן.“

„אַ גוטער אָנפאַנג. זי איז אַזוי איינגעשראָקען פון מיין דעספּאָטיע, אַז זי וויל אַזש פון'ם מאַן מאַכען אַ שמאַטע. ווי קען איך זיך דען ניט זעהן מיט איהם, ווען מיר וואָהנען צוזאַמען?“

„און אימער זיצט איהר אומאַרמט.“

„געוויס, ביי טהעע און ביי'ם מיטאָג. אָבער ס'איז שלעכט, וואָס די הענד זיינען פערנומען, ס'איז שווער זיך צו אומאַרמען.“

„און ניט פאַנאַנדער געשיידט גאַנצענע טעג.“

„וואַהרשיינליך. ער מיט זיין צימער, איך — מיט מיינעם, כמעט ניט פאַנאַנדערגעשיידט.“

„אויב אַזוי ווארום זאָלסטו איהם גאָר אין גאַנצען ניט אויפהערען זעהן?“

„מיר זיינען דאָך בעפריינדעט, אמאָל געלוסט זיך רעדען אַ ביסעל, רעדען מיר, ביז מיר ווערען צו לאַסט איינער דעם צווייטען.“

„איהר האַלט אין איין זיצען צוזאַמען, און איהר אומאַרמט זיך און קריעגט זיך, אומאַרמט זיך און קריעגט זיך. איך האַס איהם.“

„פון וואַנען נעהמסטו דאָס, וועראָטשקאַ? געקריעגט האָבען מיר זיך נאָך אפילו איין מאָל ניט. מיר לעבען כמעט בעזונדער, בעפריינדעט, דאָס איז וואַהר, אָבער ווארום זשע ניט.“

„אַך, מיין ליעבער, ווי איך האָב דיר אָבגענאַרט, ווי גוט אָבגענאַרט! דו האָסט מיר ניט געוואָלט דערצעהלען ווי מיר וועלען לעבען צוזאַמען, און דאָך האָסטו עס מיר אַליין דערצעהלט! ווי איך האָב דיך אָבגענאַרט! הער זשע ווי מיר וועלען לעבען — לויט נאָך דיין דערצעהלען. ערשטענס וועט ביי אונז זיין צוויי צימערן, דיינער און מיינער, — און אַ דריטער, אין וועלכען מיר וועלען טרינקען טהעע, עסען מיטאָג, צונעהמען געסט, וועלכע קומען צו אונז ביידע, ניט צו דיר אַליין, אָדער צו מיר אַליין. צווייטענס: איך וואָג אין דיין צימער ניט אריינצוגעהן, אום דיר ניט נמאס צו ווערען: קירסאַנאָוו וואָגט דאָך אויך ניט — אָט טאַקי דערפאַר קריעגט איהר זיך ניט. אָבער דו אין מיין צימער אויך ניט. דאָס איז דאָס צווייטע. איצט דאָס דריטע, — אַך, מיין ליעבער, איך האָב דאָס גאָר פערגעסען צו פרעגען: מישט זיך קירסאַנאָוו אריין אין דיינע געשעפטען, אָדער דו אין זיינע? האָט איהר דאָס רעכט נאָכצופרעגען איינער ביי'ם צווייטען איבער עפּעס?“

“אָ, איצט פערשטעה איך שוין דיין פראגע. איך וועל ניט ענטפערען.“

“דאָך האָס איך איהם פאָרט, און דארפסט טאָקי ניט זאָגען, מען דארף ניט. איך וויים אליין: איהר האָט קיין רעכט ניט איינער ביי'ם צווייטען עפּעס נאָכצופרעגען. אלזאָ, דריטענס: איך האָב קיין רעכט ביי דיר זיך אויף עפּעס נאָכצופרעגען, מיין ליעבער. אויב דיר געלוסט זיך, און דו דארפסט מיר עפּיס דערצעהלען פון דיינע זאכען, וועסטו עס מיר אליין דערצעהלען. און דאָס זעלבע פאַרקעהרט. אָט האָסטו דריי רעגלען. וואָס נאָך?“

“וועראטשקא, דאָס צווייטע רעגעל פאדערט ערקלעהרונגען. איך זעה זיך מיט דיר אין נעטראלען צימער, ביי דער טהעע, אדער ביי'ם מיטאָג. איצט שטעל דיר פאר אזא פאל. מיר האָבען זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע אין דער פריה, איך זיץ אין מיין צימער, און וואָג מיין נאָז אין דיין צימער ניט צייגען, הייסט עס, איך וועל דיך ביז מיטאָג ניט זעהען — איז עס אזוי?“

“געוויס“.

“זעהר שעהן. קומט צו מיר א בעקאנטער און זאגט, אז צוויי א זייגער וועט ביי מיר זיין אן אנדער בעקאנטער, אָבער איינס א זייגער געה איך אוועק צוליעב מיינע געשעפטען; מעג איך דיך בעטען איבערצוגעבען דעם נויטיגען ענטפער דיעזען בעקאנטען, וועלכער וועט אריינקומען צוויי א זייגער, — מעג איך דיך דאָס בעטען, ווען דו דענקסט צו פערבלייבען אין דערהיים?“

“געוויס מעגסטו. צו וועל איך דאָס אָננעהמען — דאָס איז אן אנדער פראגע. אויב איך ענטזאָג זיך, האָסטו קיין רעכט צו האָבען פרעטענזיעס, קענסט מיך אפילו ניט פרעגען, ווארום איך ענטזאָג זיך. אָבער אָנפרעגען זיך, צו בעשטעה איך דיר צו טהון די טובה, — אָנפרעגען זיך, דאָס מעגסטו“.

“זעהר שעהן. אָבער ביי טהעע האָב איך עס נאָך ניט געוואוסט, און צו דיר אריינצוגעהען טאָר איך דאָך ניט. ווי זשע וועל איך דאָס פרעגען?“

“אָ, גאָט, ווי נאאיוו ער איז, — דאָס קליינינקע קינד! ס'ארא פערלעגענהייט, זאָגט נור איך בעט אייך! אָט וואָס איהר טהוט, דמיטרי סערגעאיטש. איהר קומט ארויס אין א זייטיגען צימער, און זאָגט: “ווערא פּאוולאָוונא!“ איך ענטפער פון מיין צימער: “וואס ברויכט איהר, דמיטרי סערגעאיטש?“ איהר זאגט: “איך געה אוועק, אָהן מיר, וועט דא אריינקומען דער הערר א. (איהר רופט אן די פאמיליע פון אייער בעקאנטען). איך האָב איינינע נאכריכטען איבערצוגעבען איהם. מעג איך אייך בעטען, ווערא פּאוולאָוונא, איהם זיי איבערצוגעבען?“ אויב איך ענטפער “ניין“, איז אונזער געשפּרעך געענדיגט. אויב איך ענטפער “יא“, קום איך ארויס אין דעם זייטען צימער, און איהר טהיילט מיר מיט וואס איך דארף

איבערגעבען אייער בעקאנטען. איצט ווייסט איהר שוין, קינד, ווי מען דארף האנדלען ?"

"יא, ליעבע וועראטשקא, א געלעכטער אן א זייט, ס'איז דאך ווירקליך בעסער פון אלעם צו לעבען, ווי דו זאגסט. אבער פון וואנען האסטו זיך אנגענומען מיט דיזע געדאנקען ? איך ווייס פון זיי, און געדענק, וואו איך האב זיי געלעזען. אבער אין אייערע הענד קומען דאך דיזע ביכער ניט אן. אין די ביכער, וואס איך האב אייך געגעבען, איז דאך אזעלכע איינצעלהייטען ניט געווען. און הערען — איז ניט געווען פון וועמען. איך בין דאך כמעט דער ערשטער, וועמען דו האסט בעגעגענט פון די אנשטענדיגע מענשען".

אך, מיין ליעבער, איז עס דען אזוי שווער דערצו זיך צו דערטראכטען ? איך האב דאך געזעהען דאס פאמיליען לעבען, — איך רעד ניט פון מיין פאמיליע ; זי איז אזא בעזאנדערע ! אבער כ'האב דאך חבר'טעס, און כ'בין דאך געווען אין זייערע פאמיליעס. גאט מיינער, ווי פיעל אונאנגענעהמליכקייטען צווישען די מענער און פרויען — דו קענסט עס זיך גאר ניט פארשטעלען, מיין ליעבער !"

"נו, איך שטעל זיך עס שוין יא פאר".

„ווייסט וואס מיר דאכט זיך, מיין ליעבער ? אזוי דארפען מענשען ניט לעבען, ווי זיי לעבען : אלע צוזאמען, אלעם צוזאמען. מען דארף זיך זעהען צוזאמען נור ווען מען דארף איינער דעם אנדערען, אדער ווען מען פערזאמעלט זיך אבצורוהען, אדער זיך צו אמוזירען. איך קוק אימער און טראכט : ווארום מיט פרעמדע מענשען איז יעדער אזוי איידעל ? ווארום פאר פרעמדע מענשען זוכען אלע זיך אויסצייגען בעסער ווי אין דער אייגענער פאמיליע ? — און אין אמת'ן, פאר פרעמדע מענשען אין די אויגען איז מען בעסער, ווארום איז עס אזוי ? ווארום איז מען מיט אייגענע ערגער, אבוואהל מען ליעבט זיי בעסער, ווי מיט פרעמדע ? דו ווייסט, מיין ליעבער, וואס איך וואלט דיך געבעטען : בעהאנדעל מיך אימער אזוי, ווי דו האסט מיך ביז איצט בעהאנדעלט. דאס האט דאך דיר ניט געשטערט מיך ציליעבען, מיר זיינען דאך געווען איינע צום צווייטען נעהנטער ווי צו אנדערע. ווי האסטו זיך ביז איצט געהאלטען ? האסטו מיר ווען געענטפערט אונהעפליך, האסטו מיר ווען געמאכט פארווירפע ? ניין ! מען זאגט, ווי קען מען עס זיין אונהעפלי־ מיט א פרעמדער פרוי, אדער מיידעל, ווי קען מען איהר מאכען פארווירפע ? גוט, מיין ליעבער : אט בין איך דיין כלה, כ'וועל זיין דיין ווייב, אבער דו בעהאנדעל מיך אלס, ווי מען הייסט בעהאנדלען א פרעמדע : דאס, מיין פריינד, צייגט זיך מיר איז בעסער, אום עס זאל זיין א שטארקע הארמאני, אז ס'זאל זיך איינהאלטען די

ליעבע. ניט וואהר, מיין ליעבער ?"

"איך ווייס גאר ניט וועראטשקא, וואס איך זאל דענקען פון דיר. דו האָסט מיך שוין פריהער אויך געוואונדערט".

"ליעבסטער מיינער, דו לויבסט מיך צו פיעל ! ניין, מיין פריינד, דאס צו פערשטעהען איז ניט אזוי שווער, ווי דיר דאכט זיך. אזעלכע געדאנקען האָב ניט איך אליין, מיין ליעבער, זיי זיינען דא ביי אלע מיידלעך און יונגענקע ווייבלעך, אזעלכע איינפאכע, ווי איך, אבער זיי טאָרען זייערע חתנים אדער מענער ניט זאָגען, וואס זיי דענקען, זיי ווייסען, אז פאר אזא זאך וועט מען פון זיי דענקען אז זיי זיינען אונמאָראליש. דערפאר טאקי האָב איך דיך ליעב געקריעגען, מיין ליעבער, ווייל דו טראכסט ניט אזוי. ווייסטו ווען איך האָב דיך ליעב בעקומען, ווען מיר האָבען צום ערשטען מאָל געשפּראכען אויף מיין געבורטסטאָג ? ווען דו האָסט גענומען זאָגען, אז פרויען זיינען ניט גליקליך, אז מען דארף זיי בעדויערען : אָט דאן האָב איך דיך ליעב געקראָגען".

און ווען האָב איך דיך ליעב געקראָגען ? אין דעם זעלבען טאָג, דאס האָב איך שוין געזאגט, אבער ווען ?"

"ווי קאָמיש דו ביזט, ליעבסטער ? האָסט עס אזוי געזאגט, אז מען קען ניט טרעפען, און ווען איך טרעף ועסטו מיך ווידער אָנהויבען לויבען".

"דאָך טרעף".

"נו, געווים, ווען ? ווען איך האָב געפרעגט, צו ס'איז אמת, אז מען קען מאכען, אז די מענשען זאלען קענען לעבען גוט".

"דערפאר דארף מען נאָך אמאָל קושען דיין האנד, וועראטשקא".

"הער אויף, מיין ליעבער, דאס געפעלט מיר ניט, ווען מען קושט ביי די פרויען די הענד".

"אך, מיין ליעבער, דו ווייסט אליין ווארום — ווארום זשע פרעגסטו ביי מיר ? פרעג ניט, מיין ליעבער !"

"יא, מיין פריינד, האָסט רעכט. מען דארף סתם אזוי ניט פרעגען. איך וועל פרעגען נאָר ווען איך וועל טאקי אין אמת'ן ניט וויסען, וואָס דו ווילסט זאגען. דו האָסט געוואָלט זאָגען אז מען דארף ביי קיינעם ניט קושען די האָנד".

וועראטשקא איז ארויס מיט א געלעכטער און האָט געזאגט :

"ווארום זשע, וועראטשקא ?"

"אָט איצט פערציהה איך דיר, ווייל מיר איז געלונגען אביסעל צו לאכען פון דיר. זעהסט, דו האָסט מיך געוואָלט עקזאמענירען, און האָסט אליין ניט געוואוסט די הויפּט־אורזאכע, ווארום דאס איז ניט גוט. קיינעם דארף מען ניט די הענד קו־

שען, דאס איז וואהר, אָבער איך האָב ניט פון דעם געהערט, ניט אין אלגעמיין, נור דערפון, אז מאַנספּערזאָנען דאַרפען ניט קושען די הענד ביי די פרויען. דאַס, מיין ליעבער, וואלט געדאַרפט זיין א גרויסע בעליידיגונג פאר די פרויען, דאס הייסט, אז זיי רעכענט מען ניט פאר דיעזעלבע מענשען. מען דענקט, אז א מאַן קען גיע ערנידעריגערען זיין ווירדע געגען א פרוי, אז זי איז אויף אזוי פיעל נידעריגער פון איהם, אז ווי פיעל ער זאָל זיך געגען איהר ניט ערנידעריגען, איז ער אלץ ניט איהר גלייכען, זאנדערען פיעל העכער פון איהר. אָבער דו דענקסט דאָך ניט אזוי, מיין ליעבסטער, ווארום זשע דאַרפסטו ביי מיר די האנד קושען? אָבער הער, וואס מיר האָט זיך אויסגעוויזען, מיין ליעבסטער: אז מיר זיינען גאָר קיין "חתן כלה ניט".

"יא, דאס איז וואהר, ווערואטשקא, ס'איז דא גאָר ווייניג עהנליכעס דאַצו; נור וואס דען זיינען מיר — איך און דו?"

"גאָט ווייסט וואָס, מיין ליעבסטער, אָדער אָט וואָס: עס זעהט אויס גלייך ווי מיר וואלטען שוין געוועזען לאַנג, לאַנג פערהייראַט".

"נו וואָס איז, מיין פריינד: דאָס איז דאָך וואהר. אַלטע פריינד, עס האָט זיך גאָר ניט איבערגעענדערט".

"נור איינס האָט זיך יא געענדערט, מיין ליעבסטער: איך ווייס, אז פונ'ם קעלער געה איך ארויס פריי".

.19

אזוי האָבען זיי איינגעטענה'ט, — א גאַנץ זאנדערבארער געשפּרעך פאר אַן ערשטען געשפּרעך צווישען חתן כלה, — האָבען זיך א דריק געטהאָן די הענד, און לאָפּוכאָוו איז זיך אהיים געגאַנגען, און ווערואטשקא האָט אליין נאָך איהם צוגע־מאַכט די טהיר, ווייל מאַטריאָנא איז זיך פאַרזעסען אין שענק, האָפענדיג, אז איהר באַלעבאָסטע וועט נאָך לאַנג כראָפּען, און ווירקליך, האָט זי נאָך לאַנג געכראָפּעט.

קומענדיג אהיים, ארום זיעבען א זייגער, האָט לאָפּוכאָוו זיך געוואלט נעמען צו דער ארבייט, אָבער לאַנג האָט ער ניט געקענט אָנהויבען. דער קאָפּ איז ניט געוועזען בעשעפטיגט דערמיט, נור עס איז געוועזען פול מיט ליעבע טרוימערייען. יא, מיט זיי, אָבער זיי זיינען געוועזען ניט אין גאַנצען פון ליעבע און ניט אין גאַנצען טרוימערייען. דאס לעבען פון א ניט פערזיכערטען מענשען האָט זיינע פּראָזאאישע אינטערעסען, און פון זיי טאַקי האָט דאס לאָפּוכאָוו געטראַכט. א פערשטענדליכע זאַך: א מאַטעריאַליסט דענקט נור פון זיינע נוצען. ער האָט ווירקליך אלץ גע־טראַכט פון נוצען אַנשטאַט פון הויכע פּאָעטישע טרוימערייען, ער האָט זיך בעשעפ־

טיגט מיט אזעלכע ליעבע טרוימעריי‌ען, וועלכע זיינען אנשטענדיג פאר א גראָבען מאטעריאליסט.

"געאָפפערט, — דאס וועט מען דאך איהר קיין מאָל פון קאָפּ ניט קענען ארויס־שלאָגען. און דאס איז שלעכט. ווען דו טראכסט, אז ביזט א מענשען פאר עפּעס דאנקבאר, זיינען שוין די פערהעלטניסע צו איהם אביסעל אָנגעצויגען. זי וועט זיך דאך דערוויסען. די גוטע פריינד וועלען דאך ערקלעהרען, אָט וואס'ער קאריערע איז איהם פארגעשטאַנען. און זאלען זיי איהר אפילו ניט ערקלעהרען, וועט זי אליין פאר־שטעהען : "דו האָסט זיך, פריינד מיינער, פון מיינעט וועגען אָט פון וואס אָבגע־זאָגט : פון אַ קאריערע, אויף וועלכער דו האָסט געוואַרט. זי וועט געוואָהר ווערען, אז איך האָב געשטרעבט צו בעריהמטקייט, און וואָלט עס געווים ערדרייכט. און זי וועט זיך ערגערען : אך, ס'ארא אָן אָפּפער ער האָט פאר מיר געבראכט ! כ'האָב אפילו ניט געדענקט צי אָפּפערען. כ'בין ביז איצט נאָך ניט געוועזען אזוי נאריש, צי אָפּפערען, און האָף, אז כ'וועל קיין מאָל ניט אָפּפערען. ווי פאר מיר איז בעסער, אזוי האָב איך געטהאָן. כ'בין ניט אזא מענש, צו אָפּפערען. ס'איז גאר ניטאָ אזעלכע מענשען, קיינער אָפּפערט ניט ; דאס איז א פאלשער בעגריף : אָן אָפּפער — דאס איז א בוידעם.

ווי ס'איז אָנגענעהמער, אזוי האנדעלט מען. נו, גוט, און ערקלעהר עס. אין דער טהעאריע איז עס פערשטענדליך ; אָבער, אז מען זעהט פאר זיך א פאקט, ווערט דער מענש געריהרט : איהר, זאָגט ער, זיינט מיין וואָהלטהעטער. די שפּראַצונג פון דעם צוקונפטיגען שניט האָט זיך שוין אפילו ניזציינט : "דו, זאָגסט זי, האָסט מיך פונ'ם קעלער ארויסגעלאָזען — ווי גוט דו ביזט צו מיר". זעהר נויטיג האָב איך געדארפט דיך ארויסלאָזען, ווען ס'זאל מיר אליין ניט געוועזען זיך געוואָלט אזוי צו טראָן. דאס לאָז איך דיך ארויס, דענקסטו ? — אודאי וואלט איך זיך געזארגט, גע־ווים, ווארט אביסעל, ווען דאס זאל מיר אליין ניט פערשאפען קיין פערגעניגען !

ס'קען גאר זיין כ'האָב זיך אליין ארויסגעלאָזען. יא, געווים, זיך : מיר אליין ווילט זיך לעבען, ווילט זיך ליעבען — פארשטעהסטו ? — זיך אליין, פאר זיך טהו איך אלעס. ווי מאכט מען, אז ס'זאָל זיך אין איהר ניט ענטוויקלען דער שעדליכער געפיהל פון דאנקבארקייט וואָס וועט זי בעלעסטיגען ? נו, ווי עס איז, וועלען מיר עס שוין מאכען, — זי איז א קלוגע, זי וועט פערשטעהען, אז ס'איז א קלייניגקייט. כ'האָב געדענקט, אז ווען איהר וועט געלינגען אוועקצוגעהן פון דער פאמיליע, וועלען מיר אפּלעגען די געשיכטע אויף א יאהר צוויי ; און אין דער צייט וואלט איך דערווייל געווארען א פראפעסאר, די געלד אומשטענדען וואלטען געווארען צופריע־

דיענשטעלענד. איז עס אָבער אויסגעקומען אזוי אז אָבלעגען קען מען ניט. נו, וואס ווער איך דא אָן ? האָב איך דען פון זיך געדענקט, ווען כ'האָב געטראכט, אז פריהער דארף מען איינאָרדנען די געלד־פראגע ? וואָס מאכט עס אויס פאר א מאנספערזאן ?

פאר א מאנספערזאן איז דאס גאר ניט. דער מאנגעל אין געלד רופט זיך אָן אויף דער פרוי. שטיוועל איז דאָ, די עלענבויגענס זיינען ניט אויסגעריסען, באָרשט איז דאָ, אין צימער איז ווארים — וואס נאָך פאר א טייוועל דארף איך ? און דאס וועל איך האָבען.

פאָלגליך וואס וועהר איך אָן ? אָבער פאר א פרוי, א יונגערקער, א שעהנענקער, איז דאס ניט גענוג. זי דארף האָבען פערגעניגען, זי דארף אן ערפאלג אין דער געזעלשאפט, און אויף דערויף וועט זי קיין געלד ניט האָבען. געוויס זי וועט ניט דענקען, אז דאס פעהלט איהר : זי איז א קלוגע, עהרליכע מיידעל ; זי וועט זיך טראכטען : דאס איז א קליינינקייט, דאס איז א נארישקייט, וועלכע איך פעראכטע, —און וועט טאקי פעראכטען. אָבער העלפט עס דען, ווען דער מענש ווייסט ניט וואס איהם פעהלט, אדער ער איז אפילו פערזיכערט, אז ער דארף עס ניט ? דאס איז נור א פארשטעלונג, א פאנטאזיע. די נאטור איז פארשטיקט דורכ'ן פערשטאנד, אומשטענדען, שטאָלץ — און זי שווייגט און לאָזט דעם פערשטאנד אפילו ניט העהרען פון זיך, אָבער שווייגענדיג ארבייט זי דאך און שניידט אונטער די יאהרען. ניט אזוי דארף לעבען א יונגענקע, ניט אזוי דארף לעבען א שעהנענקע ; עס טויג ניט, אז זי זאל ניט זיין אָנגעטהאָן אזוי גוט, ווי אנדערע, און גלענצט ניט, אויס מאנגעל פון געלד. עס טהוט מיר לייד אויף דיר, מיין אָרימע ! איך האָב געדענקט, אז עס וועט זיך דאך איינאָרדענען אביסעל בעסער פאר דיר, אָבער וואס מאכט מיר אויס ? איך געווין נאָך דערביי, — ס'איז נאָך א פראגע צו וואָלט זי חתונה געהאט מיט מיר אין צוויי יאהר ארום ; און איצט יא...."

"דמיטרי, געה טרינקען טהעע !"

"כ'געה".

לאפוכאָוו איז אוועק אין קירסאנאוו'ס צימער, און אויפ'ן וועג האָט ער נאָך א טראכט געטהאָן : "אָבער ווי ריכטיג דאס איז טאקי, אז דער "איך" איז אימער אויפ'ן ערשטען פלאן, — אי כ'האָב אָנגעפאנגען פון זיך, אי געענדיגט פון זיך. און און אָפּפער ? ס'ארא שווינדעל ; גלייך ווי איך זאג זיך דא אב פון א בעריהמטקייט, און פון א פראָפעסאר שטוהל — נארישקייטען ! איז עס דען ניט אלץ איינס —כ'וועל גראדע אזוי ארבייטען, און וועל אויך קריעגען א פראפעסאר שטעלע, און

וועל אויך דיענען דער מעדיצין. עס איז אנגענעהם דעם מענשען, אלס טעאָרעטיקער, צו זעהען, ווי דער עגאָאיזם שפּיעלט מיט זיינע געדאנקען אין דער פּראקטיק".

איך זאָג דעם לעזער אלעם פּאראויס, דארום זאָג איך איהם, ער זאָל ניט דענ־קען, אז דיעזער מאָנאָלאָג לאפּוכאָוו'ס ענטהאלט אין זיך א געהיימע אָנצוהערע־ניש פון דעם פּערפאסער אויף עפּיס א וויכטיגען מאָטיוו פון דעם וויטערען גאנג פון לאפּוכאָוו'ס און ווערא פּאוולאוונא'ס פערהאלטניסע. דאס לעבען פון ווערא פּאוולאוונא וועט ניט פערקירצט ווערען פון דעם מאנגעל אין די מעגליכקייט צו גלענצען אין דער געזעלשאפט, און זיך רייך צו קליידען, און איהרע פערהעלטניסע צו לאפּוכאָוו'ן וועלען ניט איבערגעפיהרט ווערען דורכ'ן "שעדליכען געדאנק" פון דאנקבארקייט. איך בין ניט פון די קינסטלער, ביי וועמען עס איז בעהאלטען אין יעדען וואָרט עפּיס א סּפּרוזשינע. איך דערצעהל נאָר דאָס, וואָס מענשען האָבען גע־טראכט און געטהאָן, ניט מעהר; אויב מען דארף עפּעס א האנדלונג, געשפּרעך, מאָנאָלאָג אין די געדאנקען צו כאראקטעריזירען א פּערזאָן אדער א גרונדלאגע, דער־צעהל איך איהם, אפילו ווען ער וועט זיך ניט אָנרופען מיט קיין שום פאָלגע אין דעם וויטערען גאנג פון מיין ראמאָן.

"איצט, אלעקסאנדער, וועסטו זיך שוין אויף מיר ניט בעקלאָגען, וואס איך שטעה פון דיר אָב אין דער ארבייט. כ'וועל עס אָניאָגען".

"וואס, האָסט שוין אויסגעכלאָפּאטשעט אלעם פּאר דיעזען מיידעל?"

"אויסגעכלאָפּאטשעט.

"זי געהט פאר א גובערנאנטקע צו ב.?"

"ניין, פאר קיין גובערנאָנטקע געהט זי ניט. ס'האָט זיך אָנדערש איינגעאָר־דערט. זי וועט איצט דערווייל קענען פיהרען אן ערטראגליכעם לעבען ביי איהר פּאַ־מיליע".

"נו, דאס איז גוט. א גובערנאנטקע צו זיין איז שווער, און איך, ברודער, בין שוין פארטיג מיט'ן זעה־נערוו, און איך נעם זיך שוין צו די נעכסטע פּאָר. און דו ביי וואס ביסטו געבליעבען שטעהן?"

"און איך וועל נאָך דארפען ענדיגען די ארבייט איבער... און עס זיינען אוועק אנאטאָמישע און פיזיאָלאָגישע טערמינען.

20

איצט איז דער 28טער אפּריל. ער האָט געזאָגט, אז זיינע געשעפטען וועלען זיך איינאָרדנען אין אָנפאנג יולי — לאָמיר זאָגען דעם 10טען: דאָס איז דאָך שוין ניט דער אָנפאנג. דעם 10טען קען מען רעכענען. אָדער, צו זיין זיכער, וועל איך

רעכענען דם 15טען ; ניין, בעסער דעם 10טען, — ווי פיעל זשע בלייבט איבער טעג? היינטיגען דאטום האט מען שוין ניט וואס צו רעכענען, — עס בלייבט נור איבער פינף שטונדען פון איהם ; אין אפריל בלייבט איבער צוויי טעג ; מאי — 31 און 2 איז 33 ; יוני — 30 און 33, 63 ; פון יולי אראבנעהמען נור 10 טעג, — אין גאנצען 73 טעג, — איז דאס א סך, נור 73 טעג ? און דאן בין איך פריי ! איך וועל ארויס־געהן פון דיזען קעלער ! אך, ווי גליקליך איך בין ! ליעבסטער מיינער, ווי ער האט דאס אויסגעטראכט ! ווי גליקליך איך בין !

דאס איז געווען זונטאג, אין אבענד. מאנטאג, א לעקציאן, איבערגעביטען פין דיענסטאג.

"פריינד מיינער, ליעבסטער מיינער, ווי כ'בין צופריעדען וואס כ'בין ווידער מיט דיר, כאטש אויף א מינוט ! ווייסטו כאטש, ווי פיעל מיר פערבלייבט נאך צו זיצען אין דיזען קעלער ? וועט זיך עס ענדיגען ארום דעם 10טען יולי ?"

"ס'וועט זיך ענדיגען, ווערא'טשקא ?"

"פערבלייבט מיר איצט צו זיצען אין דיזען קעלער נור 72 טעג און היינטיגער אווענד. איין טאג האב איך שוין אויסגעמעקט, — איך האב דאך געמאכט א טא־בעל, ווי עס מאכען די פאנסיאנערקעס און די שילער, און כ'מעק אוים די טעג. ווי פרעהליך ס'איז אויסצומעקען !"

"ליעבענקע, ווערא'טשקא מיינע, ליעבענקע מיינע ! יא, שוין ניט לאנג וועסטו דארפען דא קוועלען זיך, צוויי און א האלבען מאנאט וועלען שנעל פאראיבערגעהן, און דו וועסט ווערען פריי".

"אך, ווי פרעהליך ס'וועט זיין ! אבער דו, מיין ליעבענקער, רעד מיט מיר איצט גאר ניט, קוק אפילו אויף מיר ניט, און אויף דער פיאנא וועלען מיר אויך ניט אלע מאל שפיעלען. און ניט אלע מאל וועל איך ארויסקומען פון מיין צימער, ווען דו ביסט דא. ניין, כ'וועל זיך ניט איינהאלטען. כ'וועל אימער ארויסקומען, נור אויף איין מינוטקעלע, און וועל אזוי קוקען אויף דיר, ניט פריינדליך. און איצט געה איך שוין אוועק אין מיין צימער. צו'ם ווידערזעהן, מיין ליעבער. ווען ?"

"דאנערשטאג."

"דריי טעג ! ווי לאנג ! אבער דאן וועט שוין נור זיין 68 טעג."

דאנערשטאג.

"מיין ליעבענקער, נור 66 טעג האב איך נאך דא צו זיצען."

"יא, ווערא'טשקא, די צייט געהט שנעל."

„שנעל? נייז, מיין ליעבער, אך, ווי לאנג די טעג זיינען געוואָרען! אמאל וואָלט, דאכט זיך, א גאנצער מאָנאט איבערגעגאנגען שנעלער ווי דיזע דריי טעג. צו'ם ווידערזעהן, מיין ליעבענקער, מיר טאָרען דאָך לאנג ניט רעדען, — מיר זיינען דאָך כיטרע, — יא? — צו'ם ווידערזעהן. אך, נאָך 66 טעג האָב איך נאָך צי־זיצען אין קעלער!“

— איך, מערק עס ניט. — ביי דער ארבייט לויפען די טעג, אבער איך בין דאָך ניט אין קעלער. הם יא!

שבת.

„אך, מיין ליעבענקער, נאָך 64 טעג געבליבען! אך, ס'אָרא בענקעניש דאָ איז! דיזע צוויי טעג האָבען זיך לענגער געצויגען ווי יענע דריי. אך, ס'אָרא בענקעניש! ווען זאָלסט וויסען, ס'אָרא העסליכקייט דאָ איז, מיין ליעבענקער. צו'ם ווידערזעהן, מיין ליעבער, טייבעלע מיינער, — ביז דיענסטאג; און דיזע פינף טעג וועלען זיין לענגער פון אלע פינף. צו'ם ווידערזעהן, מיין ליעבער.“

— הם! יא, הם! די אויגען זעהען ניט גוט אוים. זי האָט פיינט צו וויינען. דאָס איז ניט גוט. הם!

דיענסטאג.

„אך, מיין ליעבענקער, איך האָב שוין די טעג אויפגעהערט צו ציילען. זיי גע־העז גאָר ניט פאראיבער, זיי געהען גאָר ניט פאראיבער.“

„ווערָאטשקא, מיין פריינדעניו, איך האָב צו דיר א ביטע. מיר דארפען זיך גוט דורכרעדען. דו בענקסט שטארק נאָך דער פרייהייט. נו, נעהם זיך א ביסעל פרייהייט, מיר דארפען זיך דאָך דורכרעדען.“

„מען דארף, מיין ליעבענקער, מען דארף.“

„אָט וואָס איך וועל דיך בעטען. מאָרגען, ווען דיר וועט זיין אם בעקוועמסטען ווצסער צייט, אלץ איינס, אבי זאָג מיר — זיי ווידער אויף יענער באנק אין קאָנגאָרדעיסקי בולוואר. וועסט זיין?“

„כ'וועל זיין, מיין ליעבענקער, אונבעדינגט זיין. ארום 11 א זייגער — גוט?“

„גוט. א דאנק דיר, פריינדעניו.“

„צו'ם ווידערזעהן, מיין ליעבענקער. אך, ווי צופריעדען איך בין! האָב איך עס, נארעלע, אליין ניט אויפגעטהאָן? צו'ם ווידערזעהן. מיר וועלען זיך דורכרעדען: כ'וועל כאָטש אָנאָטהמען זיך מיט דער פרייער לופט. צו'ם ווידערזעהן, ליעבענקער. 11 א זייגער, אונבעדינגט.“

פריימאַ.

"וועראַטשקאַ, וואָהין קלייבסטו זיך?"

"איך, מאַמע?"—וועראַטשקאַ איז רויט געוואָרען, — "אויף'ן נעווסקי פּראָספּעקט, מאַמע."

"וועל איך מיט דיר מיטגעהן, וועראַטשקאַ, איך דארף האָבען אין גאָסטינע הויף. אָבער וואָס איז דאָס, זאָגסט, דו געהסט אויף דער נעווסקי, און האָסט אזא קלייד אָנגעטהאָן! מען דארף א בעסערס, אויך אויפ'ן נעווסקי — דאָרטען זיינען דאָ מענשען."

"מיר געפעלט דאָס קלייד. ווארט א סעקונדע, מאַמע: איך וועל נור נעהמען אין מיין צימער איין זאַך."

זיי געהען אוועק. זיי געהען. זיי קומען צו צו גאָסטינע הויף, און געהען אויף דער ליניע וועלכע געהט גליך מיט דער סאדאָווע גאַס, שוין ניט ווייט פון'ם עק פון נעווסקי, — אָט איז רוזאַנאָוו'ס קראָם.

"מאַמע, איך וועל דיר זאָגען צוויי ווערטער."

"וואָס איז מיט דיר, וועראַטשקאַ?"

"צו'ם ווידערזעהן, מאמע; איך ווייס ניט צו באלד; אויב דו וועסט זיך ניט בייזערן, ביז מאָרגען."

"וואָס, וועראַטשקאַ? עפּעס פערשטעה איך דאָ ניט."

"צו'ם ווידערזעהן, מאַמע. איך געה איצט צו מיין מאַן. איך און דמיטרי סערגעאיטש האָבען פאָרגעסטערן חתונה געהאַט."

"פאָהר אויף דער קאַראַוואַנע, פוהרמאַן!" האָט וועראַטשקאַ אויסגעשריען צו א פערבייפאָהרענדען פוהרמאַן.

"א פיערטעל רובעל, מיין האררין."

"גוט, פאָהר שנעלער. ער וועט צו דיר היינט אוועגד ארייננקומען, מאַמע. זייט ניט בייז אויף מיר, מאַמע."

דיזע ווערטער זיינען שוין כמעט קוים צוגעפלויגען צו מאַריאַ אַלעקסעוונאַ'ן.

"דו פאָהר ניט אין דער קאַראַוואַנע, איך האָב נור אזוי געזאָגט, דו זאָלסט ניט טראַכטען לאַנג, אז איך זאָל וואָס שנעלער פון דער דאַמע אָבפאָהרען. אויף לינקס, אויף דער נעווסקי. איך דארף א סך ווייטער, ווי אויף דער קאַראַוואַנע — אויף וואַסיליעווער אינזעל, אין דער 5טער ליניע, אונטער'ן מיטעלסטען פּראָספּעקט. פאָהר גוט, איך וועל צוצאָהלען."

"אַך, מיין האררין, איהר האָט מיך א ביסעל אָבגענאַרט! מען וועט שוין דאַרפען א האַלבען רובעל אוועקלעגען."

"אויב דו וועסט נאָר גוט פּאַהרען."

21

די חתונה האָט שטאַטגעפונען ניט אויף א קאָמפּליצירטען, אבער אויך ניט אויף א גאַנץ געוועהנליכען אופן.

צוויי טעג נאָכ'ן געשפּרעך, אז זיי זיינען חתן כלה, האָט זיך ווערא̇טשקא געפרעהט מיט דער באַלדיגער בעפרייאונג; אויפ'ן דריטען טאָג איז איהר שוין געוואָרען צוויי מאָל מעהר אונערטרעגליך ווי פריהער, דער "קעלער", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט; אויפ'ן פיערטען טאָג האָט זי שוין א וויין געטהאָן, וואָס זי האָט זעהר ניט געליעבט, אבער געוויינט א ביסעל האָט זי; אויפ'ן פינפטען, א ביסעל מעהר, אויפ'ן זעקסטען האָט זי שוין ניט געוויינט, נאָר זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען פון טרויער.

לאָפּוכאָוו האָט א קוק געטהאָן, ווען ער האָט צו זיך געזאָגט „הם! הם!" האָט א קוק געטהאָן א צווייטען מאָל, עפּעס האָט ער געוואָלט זאָגען, נאָר אליין ניט געוואוסט וואָס, און דאַן געטראַכט:

"עס טויג ניט צו לאָזען א מענשען ניט פריי נאָכדעם, ווען מען האָט איהם שוין געוויזען די פרייהייט," און נאָך דעם האָט ער געטראַכט צוויי שטונדען: א שטונדע און א האַלב אויפ'ן וועג און א האַלבע שטונדע אויף זיין סאָפע; דאָס ערשטע פיערטעל שטונדע האָט ער געטראַכט, ניט פאַרכמורענדיג דעם שטערן, און די איבריגע שטונדע און דריי פיערטעל האָט ער געטראַכט יא אַנכמורענדיג דעם שטערן; אז די צוויי שטונדען זיינען פאַריבער, האָט ער זיך געגעבען א קלאַפּ אַן שטערן, זאָגענדיג: "נאָך ערגער פון דעם גאָגאָל'שען פּאָטשט-מייסטער, קעלבערנער קאָפּ!" — האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער — "10, מען קען נאָך" — און איז ארויס פון דער קוואַרטיר.

דאָס ערשטע פיערטעל שטונדע האָט ער ניט אָנגעכמורעט דעם שטערן, און געטראַכט אזוי: "דאָס איז אַלעס א נאַרישקייט, צו וואָס דאַרף מען ענדיגען דעם קורס? אָהן א דיפּלאָם וועל איך אויך ניט צו גרונדע געהן, און מען דאַרף איהם גאָר ניט. מיט שטונדען, איבערזעצונגען וועל איך ניט ווענינער מאַכען — אפשר נאָך מעהר, ווי איך וואָלט געקראָגען פון מיין דאָקטאָריי. נאַרישקייטען."

די פראַגע איז יעצט געווען: ווער וועט אונז מקדש זיין? און פּלוצלונג איז איהם איינגעפאַלען אין קאָפּ דער פאַמיליע נאָמען "מערצאַלאָוו." אָט דאָ האָט ער זיך עס א קלאַפּ געטהאָן אין שטערן און זיך גאַנץ ריכטיג אָנגעזידעלט: ווי האָט ער עס גלייך אויפ'ן שטעל ניט א טראַכט געטהאָן פון מערצאַלאָוו'ן, אז ער

קען זיי מקדש זיין.

אין דער מעדיצינישער אקאדעמיע זיינען דאָ אַלערליי מענטשן, און צווישן זיי אויך סעמינאַריסטן; די סעמינאַריסטן האָבן בעקאַנטשאַפט אין די אַקאַ־דעמיע פון גייסטליכע; און צוליעב זיי האָט אויך לאַפּוכאָוו דאָרט געהאַט בעקאַנ־טע. איינער פון דיזע בעקאַנטע סטודענטן אין די אַקאַדעמיע פון גייסטליכע — ניט קיין נאָהענטער, אָבער אזוי א גוטער בעקאַנטער — האָט געענדיגט ערשט מיט א יאָהר פאר דעם, און איז געווען א פּאַפּ ערגיץ אין א געביידע מיט לאַנגע קאָרידאָ־רען, אויף וואַסיליעווסקין אָסטראָוו. אַט צו דיזען פּאַפּ איז עס אַוועק לאַפּוכאָוו, און זאָגאַר געפאָהרען אויף א דראָזשקע צוליעב אַזאַ עקסטערנעם פאַל און ווייל ס'איז געווען שפּעט.

מערצאַלאָוו איז געווען אליין און האָט זיך געלעזען עפּיס א ניי ווערק צי פון לואי 14טען צי פון אַן אַנדערען פון די זעלבע דינאַסטיע.

אזוי און אזוי איז עס, אַלעקסיי פּעטראָוויטש! איך ווייס אליין, אז פיר אייך איז דאָס א גרויסער ריסק; גוט, אז מיר זאָלען זיך מיט איהרע עלטערן איבערבע־טען; אז זיי זאָלען אָבער אונז וועלען לאָדען. איהר קענט דאָ אפּשר אריין אין א צרה, — און גאָר אָהן „אפשר“ אָבער... און לאַפּוכאָוו האָט אין זיין בזה קיין שום „אָבער“ ניט געפונען. און ווירקליך, גוה איבערצייג א מענשען, ער זאָל פאר אונז זיך אַנטהאָן א שטריק אויף'ן האַלז.

מערצאַלאָוו האָט א לאַנגע צייט איבערגעטראַכט אום צו געפינען אזא מין „אָבער“, וואָס זאָל איהם בערעכטיגען צו גערן אויף אַזאַ ריזיקע, און האָט אויך קיין שום „אָבער“ ניט אויסגעטראַכט.

„וואָס טהוט מען? מיר ווילט זיך דאָך... דאָס וואָס איהר האָט איצט אין זין צו טהאָן, האָב איך דאָך געטהאָן פאר א יאָהרען, אָבער איצט בין איך שוין ביי זיך אַליין ניט מעהר פריי. איך שעהם זיך ווירקליך; העלפען דאַרף מען אייך. אז מ'איז אָבער א פערהייראַטער, איז א ביסעל מורא'דיג צו האַנדלען נימז איבערלעגט.“

„גוט'ן אָוועגד, אַליאָשאַ. אַלע לאָזען דיר גריסען. גוט'ן אָוועגד, לאַפּוכאָוו: לאַנג האָבען מיר זיך שוין ניט געזעהן. וואָס רעדט איהר דאָ עפּיס פון פערהיי־ראַטע? אַלע זיינען ביי אייך די פרויען שולדיג,“ האָט אויסגעשפּראָכען א יונגע דאַמע, פון א יאָהר 17, א בלאָנדינקע, א שעהנינקע און א לעבעדיגע. זי איז עבען געקומען פון א וויזיט צו איהרע עלטערן.

מערצאַלאָוו האָט אַלעס איבערדערציילט זיין פרוי. אין איהרע אויגען האָט זיך בעוויזען א פּייערל.

"אליאשא, אויפעסען וועט מען דיך דאך ניט!"

"ס'איז אבער ריזיקאליש, נאטאשא."

"זעהר א גרויסער ריסק," האט לאפוכאוו בעשטעטיגט.

"טא וואס זאל מען טהאן? ריזיקיר, אליאשא, — איך בעט דיך."

"אויב דו וועסט מיך ניט טאדלען, נאטאשא, אז, געהענדיג אין א סכנה, האב איך אן דיר פערגעסען, איז ניטא וואס איבערצורעדען. ווען ווילט איהר זיך פער־הייראטען, דמיטרי סערגייאיטש?"

קיין שטערונגען זיינען, אלזא, ניט געווען.

מאנטאג אין דער פריה האט לאפוכאוו געזאגט צו קירסאנאוו'ן:

"ווייסטו, אלעקסאנדער, איך וויל דיר אוועקשענקען די העלפט פון אונזער ארבייט, וועלכע קומט אויס אויף מיין חלק. נעהם דיר מיינע פאפירען און פרע־פאראטען, — איך דארף זיי ניט. איך טרעט ארויס פון די אקאדעמיע. און אט איז מיין ביטע: איך געה הייראטען." — לאפוכאוו האט איהם אלעס דערציילט אין א פאאר ווערטער.

"אז דו זאלסט זיין א נאר, אדער איך זאל זיין א נאר, וואלט איך דיר געזאגט, אז אזוי האנדלען משוגעים. אבער זאגען וועל איך עס ניט. אלע ערווידערונגען געגען דעם, האסטו אליין געווים בעסער פון מיר בעטראכט. און אויב דו האסט ניט בעטראכט, איז דאך אלץ עגאל. צי ס'איז קלוג אזוי, צי נאריש — ווייס איך ניט; אם ווענינגסטען וועל איך אליין ניט בעגעהן די נארישקייט צו פראבירען דיך אברעדען, אז איך ווייס אז אברעדען קען מען ניט. דארפסטו מיך צו וואס, צי ניט?"

"איך מוז געפינען א קווארטיר, אין א ביליגען געגענד, דריי צימערן. איך אליין מוז זעהן ארויסקריגען מיינע פאפירען פון די אקאדעמיע אפילו מארגען. טא געה דו מיר זוכען א קווארטיר."

דיענסטאג האט לאפוכאוו בעקומען זיינע פאפירען און איז אוועק צו מערצא־לאוו'ן און איהם ערקלערט אז "הייראטען וועלען מיר מארגען — וועלכע צייט איז פיר אייך בעקוועהמער, אלעקסיי פעטראוויטש?"

"אלעקסיי פעטראוויטש'ן איז דאס אלץ איינס, מארגען איז ער דעם גאנצען טאג אין דער היים — יעדענפאלס, דענק איך, וועל איך אייך בעצייטענס אנזאגען דורך קירסאנאוו'ן."

מיטוואך, 11 אוהר, איז לאפוכאוו געקומען אויף'ן בולוואר; ער האט לאנג געווארט אויף ווערעטשקא'ן, איז שוין געווארען אונרוהיג, אבער אט איז זי אליין, — איילט זיך.

"ווערעטשקא, מיין פריינד, האט זיך עפעס געטראפען?"

“ניין, מיין טהייערער, גאַרניט: איך האָב פערשפעטיגט, ווייל איך האָב פער־שלאָפען.“

“דאָס מיינט אז דו ביסט איינגעשלאָפען געוואָרען ווי פיעל א זייגער?“

“מיין טהייערער, כ'האָב דיר ניט געוואָלט זאָגען: זיעבען א זייגער, די גאַנצע נאַכט נור געטראַכט; ניין, פריהער, זעקס א זייגער.“

“אַט וואָס איך וועל ביי דיר בעטען, מיין טהייערע וועראָטשקאַ: מיר דאַרפען זיך גוט בעראַטהען, כדי מיר זאָלען ביידע זיין רוהיג.“

“יא, טהייערער, מ'דאַרף, און וואָס שנעלער.“

“אין א פיער טעג ארום, אָדער אין דריי“...

“אָך, ס'זאָל טאַקי זיין אזוי, — וואָלטסטו עס געווען א קלוגינקער“.

“אין דריי טעג וועל איך געוויס געפינען א קוואַרטיר, וועל איינקויפען א ביר־סעל בעל־הבית'ישקייט, וועלען מיר קענען וואָהנען צוזאַמען.“

“געוויס קענען, מיין טייבעלע, געוויס.“

“אָבער מיר מוזען פריהער הייראַטען.“

“אָך, און איך האָב גאָר פערגעסען, מיין טהייערער. פריהער מוז מען זיך פערהייראַטען.“

“און הייראַטען קענען מיר היינט — וועגען דעם האָב איך דיך טאַקי געוואָלט בעטען.“

“קום, טהייערער, לאָמיר הייראַטען; און ווי האָסטו עס אלעס פארזאָרגט? ס'א קלוגינקער דו ביסט, מיין טהייערער!“

“אויפ'ן וועג וועל איך דיר אלעס דערצעהלען. לאָמיר פאָהרען.“

זיי זיינען געקומען צופאָהרען, זיינען דורך די לאַנגע קאָרידאָרען אריין אין קלויסטער, האָבען אָבגעזוכט דעם וועכטער, און געשיקט רופען מערצאַלאָוו'ן; מער־צאַלאָוו האָט געוואָהנט אין דעם זעלבען הויז מיט די לאַנגע קאָרידאָרען.

“און איצט, וועראָטשקאַ, נאָך א ביטע. ווייסט דאָך, אין קלויסטער הייסט מען דאָס יונגע פאָר־פאָלק זיך קושען?“

“יא, מיין ליעבער; אָבער איך שעהם זיך אזוי!“

“אז דו זאָלסט זיך ניט דאַרפען אזוי שעהמען, לאָמיר זיך שוין צוקושען.“

“לאָמיר זיך שוין צוקושען, מיין טהייערער; און אָהן דעם קען מען דען ניט?“

“אין קלויסטער קען מען דאָך אָהן דעם ניט; טאָ לאָמיר זיך בעסער צוגע־וואוינען.“

און זיי האָבען זיך צוקושט.

“מיין טהייערער, גוט טאַקי וואָס מיר האָבען זיך צוגעאיילט; אַט קומט דער

וועכטער, און איצט וועל איך שוין אין קלויסטער ניט זיין אזוי שעהמעוודיג."
געקומען איז אָבער ניט דער וועכטער — ער איז אוועק זוכען דעם דיאַק. געפֿו־
מען איז קירסאַנאָוו וועלכער האָט אויף זיי געוואַרט ביי מערצאַלאָוו'ן.
"וועראָטשקאַ, אָט דאָס איז דער אַלעקסאַנדער מיטוויאיטש קירסאַנאָוו, וועל־
בען דו האָסט און מיט וועלכען דו ווילסט מיר פֿערביטען זיך צו זעהן."
"ווערא פּאַוולאָווונא, פֿאַר וואָס ווילט איהר עפּיס צושיידען אונזערע ליעבענדע
הערצער?"
"דערפֿאַר טאַקי וואָס זיי זיינען ליעבענדע," האָט וועראָטשקאַ געזאָגט דערלאַנ־
גענדיג קירסאַנאָוו'ן די האַנד, און, ניט אויפהערענדיג שמייכלען, האָט זי זיך גע־
טראַכט: — "וועל איך איהם קענען אזוי ליעבען ווי איהר? איהר ליעבט דאָך איהם
זעהר שטאַרק?
"איך? א חוץ זיך אליין ליעב איך קיינעם ניט, ווערא פּאַוולאָווונאַ."
"און איהם אויך ניט?"
"מיר האָבען געלעבט אין איינעם—זיך ניט געקריגט; וואָס נאָך ווילט איהר?"
"און ער האָט אייך אויך ניט געליעבט?"
"כ'האָב עפּיס ניט געמערקט. פֿרעגט איהם בעסער: האָסט מיך, א שטייגער,
געליעבט, דמיטרי?"
"קיין בעזאָנדערען האַס האָב איך צו דיר ניט געהאַט."
"נו, אויב אזוי, אַלעקסאַנדער מאַטוויאיטש, וועל איך איהם ניט פֿערביטען
מיט אייך זיך צו זעהן, און כ'וועל אייך אליין אויך ליעב האָבען."
"אזוי איז פֿיעל בעסער, ווערא פּאַוולאָווונאַ."
און איך בין שוין אויך פֿערטיג: אַלעקסיי פּעטראָוויטש איז צוגעקומען—"קומט
אריין." אַלעקסיי פּעטראָוויטש איז געוועזען פֿריילין, געמאַכט שפּאַס, אָבער אז ער
האָט זיך גענומען זיי מקדש זיין. האָט זיין שטימע אביסעל געציטערט,—און אז
ס'זאָל אוועק א פּראָצעס? דאַן וועט נאַטאַשאַ צוריק געהן צו'ם טאַטען, דער מאַן קען
דיך ניט מפרנס זיין, און שלעכט זיינען די קעסט ביי'ם טאַטען ווען דער איידעם
לעבט! אָבער נאָך די ערשטע עטליכע ווערטער האָט ער זיך ווידער קאָנטראָלירט.
דערווייל איז אָנגעקומען נאַטאַליא אַנדרעיעווונאַ, אָדער נאַטאַשאַ, ווי אַלעקסיי
פּעטראָוויטש האָט זי גערופֿען, צו דער ענדע האָט זי דאָס יונגע שוין פֿערהייראַטע
פּאָר־פֿאָלק פֿאַרבעטען צו זיך; זי האָט אָנגעגרייט א קליינינקען פֿריהשטיק; מ'איז
אריינגעגאַנגען, מ'האָט געלאַכט, זאָגאַר געגאַנגען צוויי קאַדרילען אין צוויי פּאָר־
לעך, זאָגאַר וואַלסירט; אַלעקסיי פּעטראָוויטש — טאַנצען קען ער ניט — האָט גע־
שפּיעלט אויפ'ן פֿיעדעל; אַן אַנדערהאַלבען שטונדען זיינען אוועק אונבעמערקט. עס

איז געווען א פריילעכע חתונה.

"אויף מיר, רעכט איך, ווארט מען שוין אין דערהיים מיט'ן עסן," האט ווערא פּאוולאָווגא געזאָגט. "כ'מוז גיין. יעצט, מיין טהייערער, וועל איך שוין קענען זיצען דריי און פיער טעג אין מיין פינסטערן קעלער און ניט בענקען, און אפשר נאָך מעהר וועל איך קענען זיצען — בענקען זאָל איך איצט! איך האָב דאָך איצט ניט וואָס מורא צו האָבען — ניין, בעגלייט מיך ניט; איך וועל פאָהרען אליין, מען זאָל ניט זעהן."

"ניט אזא'ן אונגליק, מ'וועט מיך ניט אויפעסען, דענקט ניט דערפון, מיינע הערצען!" האט אלעקסיי פעטראָוויטש געזאָגט, בעגלייטענדיג לאָפּוכאָוו'ן און קירסאַנאָוו'ן, וועלכע זיינען פערבליבען נאָך אויף אייניגע מינוטען, כדי וועראָטשקא זאָל צייט האָבען אוועקצופאָהרען, עס פרעהט מיך איצט, וואָס נאַטאַשא האט מיר צוגעגעבען מיטה."

אויף מאָרגען, נאָך פיער טעג זוכען, האָט זיך געפונען א גוטע קווארטיר, ווייט ביים ענד פון די 5טע ליניע פון וואסיליעווסקין אָסטראָוו. האָבענדיג בלויז 160 רובעל אָנגעזאמעלטע געלד, האט לאָפּוכאָוו מיט זיין פריינד בערעכענט, אז ער מוז וועראָטשקא'ן טאָרען יעצט ניט דענקען פון אייגענע בעל־הבית'ישקייט, אייגענע מעבעל, געשיער; און דערפאר האָבען זיי געדונגען דריי צימערן, מיט מעבעל, מיט געשיער, און קעסט; זייערע בעלי בתים זיינען געווען אלטע לייט, קליין־בירגער (מעסטשאַנעס). דער אלטער האָט זיך אין פריעדען פערבראַכט זיינע טעג האַנדלענדיג אויף'ן סרעדני פּראָספּעקט, צווישען דער ערשטע און צווייטע ליניע מיט קנעפּלעך, לענטעס, שפּיעלקעס און אנדערע זאכען, און זיינע אבענדען פערבראַכט רעדענדיג מיט זיין אלטער, וועלכע פלעגט גאַנצענע טעג פאַרלאַטענען הונדערטער און טויזענדער שטיקער אלטע זאכען, וואָס מען פלעגט איהר ברענגען פון טאָלקוטשי מארק בערגוויין. די בעדיענונג האָבען אויך די בעלי־בתים געדאַרפט צושטעלען, דאָס זיינען זיי טאַקי אליין געווען. דאָס אלעס האָט געקאָסט 30 רובעל א מאָנאט. דאַן — א יאָהר צעהן צוריק—האט פעטערבורג פון קיין יקורות נאָך ניט געוואוסט לויט נאָך היינטיגען פעטערבורגער שטייגער. אויף אזא אופן זיינען זיי געווען פערזיכערט מיט'ן לעבען אויף א דריי און זאָגאר אויף פיער מאָנאט. אויף טהעע איז דאָך געגוג צעהן רובעל א מאָנאט. אין די פיער מאָנאט האָט לאָפּוכאָוו געהאָפט צו בעקומען שטונדען, עפּיס א ליטעראַרישע ארבייט, אָדער אזוי אין א קאָנטאָר ביי א קויפמאַן — אבי עפּיס.

דעם זעלבען טאָג ווי ס'איז געפונען געוואָרען די קווארטיר, איז לאָפּוכאָוו, ווי געוועהנליך, געקומען צו דער לעקציאָן דאָנערסטאָג און האָט ווערא פּאוולאָוונא'ן גע־

זאגט:

"מארגען קלויב איך זיך איבער, מיין פריינד; דאס איז דער אדרעס; מעהר קיי־נע רייד, מ'זאל ניט בעמערקען."

"מיין טהייערער, דו האסט מיך געראטעוועט."

און איצט ווי דרעהט מען זיך ארוים פון דער היים? אויסזאגען? וועראטשקא האט וועגען דעם זאגאר אויך א טראכט געטהאן. אבער די מאמע וועט זיך כאפען שלאגען, אדער זי פערשליעסען אין שטוב. וועראטשקא האט בעשלאסען איבערצו־לאזען א בריעף ביי זיך אין צימער. אז מאריא אלעקסעוונא האט דערהערט, אז די טאכטער געהט צו'ם נעווסקין און זי האט מיט איהר געוואלט מיטגעהן, האט ווע־ראטשקא זיך אומגעקעהרט אין צימער און מיטגענומען דעם דריעף: פ'איז איהר אויסגעקומען אז אזוי וועט זיין בעסער, עהרליכער, זי זאל זאגען דער מאמען גלייך אין די אויגען, — אין גאס וועט זי זיך דאך ניט כאפען שלאגען! זי וועט בלויז דאר־פען שטעהן פון ווייטענס פון די מאמען און זי וועט דאס איהר זאגען, און באלד נעה־מען א דראזשקע און אוועקפאהרען נאך איידער זי וועט צייט האבען זי אנצוכאפען.

און אט אזוי איז עס בארגעקומען די עפפעקטנע סצענע אין גאס.

22.

אבער מיר האבען ערשט געזעהן די ערשטע העלפט פון דיזע סצענע.

געגען א מינוט, — ניין, עטוואס ווייניגער, איז מאריא אלעקסעוונא, וועלכע האט דאס נאר ניט ערווארטעט, געשטאנען ווי א דערשלאגענע, וועלענדיג און דאך ניט קענענדיג פערשטעהן, וואס זאגט אזוינס די טאכטער, און ווי איז דאס מעגליך, און וואס איז דאס אזוינס? אבער טאקי נור איין מינוט אדער ווייניגער. זי האט זיך אויפגעכאפט און א זיעדעל געטהאן, אבער די טאכטער פארקערעוועט זיך שוין אויפ'ן נעווסקי'ן; מאריא אלעקסעיעוונא האט זיך גענומען איהר נאכלויפען—מען דארף נעהמען א דראזשקע — איז ארויף אויף'ן טראטואר — "עה, א דראזשקע!"

"וואהין הייסט איהר פאהרען, מאדאם?"

וואהין זאל זי הייסען פאהרען? געהערט האט זי די טאכטער זאגען "אין די קאראוואני" און פערקערעוועט האט זי גאר לינקס אויפ'ן נעווסקין. וואהין זשע הייסען פאהרען? "דעריאג זי אט די געמיינע..."

"דעריאגען, מאדאם? וועמען? רעדט מ'זאל פערשטעהן; ס'הייסט פאהר אהן א וואהין, — און ווער ווייסט ווי ווייט."

מאריא אלעקסעיעוונא איז געווען אויסער זיך, און האט זיך גענומען זידלען:

"איהר זייט שכור, מאדאם, ווי איך זעה!"

מאריא אלעקסעוונא האט נאך מעהר געזיערעלט און גענומען רופען אנדערע דראזשקעס און זיך געווארפען אין אלע זייטען, געמאכט מיט די הענד און איז ענדליך געבליבען שטעהן און געטופעט און געשריען פאר כעס; ארום איהר איז שוין געווען א רעדעל פון א פינף חברה וואס שטעהען מיט אלערליי קליינינקייטען אונטער די קאלאנעס פון גאסטיני דוואר. די חברה האבען זיך א ביסעל אונטערהאלטען וועגען איהר, זיך דורכגעווארפען מיט ניט זעהר דרך־ארץ׳דיגע בעמערקונגען וועגען איהר, און האבען זיך צו איהר געווענדעט מיט וויציגע ליוב ווערטער און עצות:

“אי, א מאדאם, אריינגעגאסען שוין אזוי פריה, — א בריה א מאדאם!”

“עה, מאדאם, מאדאם, קויפט ביי מיר א פינף לימינעס, גוט צו פערבייסען; ביליג, פון אייערטוועגען!”

“מאדם, עה, מאדאם, הער איהם ניט: לימינעס העלפען גיט; געה, ניכטער זיך בעסער אויס!”

“מאדאם, עה מאדאם, איהר קענט זיך זידלען. לאמיר זיך פערוועטען ווער ועמען ס׳וועט איבערזידלען!”

אליין ניט וויסענדיג וואס זי טהוט, האט מאריא אלעקסעיעוונא דעם נאהענסטען צו איהר דערלאנגט אין באק, — א בחור פון א יאהר 17, וואס האט איהר זאגאר עסטהעטיש ארויסגעשטעלט דעם צונג; די היטעל איז איהם ארונטערגעפלויגען און זיין קאפ האאר איז איהר געקומען פונקט צו דער האנד, האט זיך מאריא אלעקסעיעוונא אנגעכאפט, און די ארומיגע חברה איז גאר ענטציקט געווארען.

“אי, א מאדאם! — דערלאנגט איהם, מאדאם!

אנדערע האבען אויך ניט געשוויגען.

“און דו פעדקא, דערלאנג איהר צוריק!”

אבער די מאיאריטעט איז ענטשידען געווען פאר מאריא אלעקסעיעוונא:

“ווי קומט פעדקא צו אזא מאדאם! דערלאנגט איהם, פעדקא׳ן; דערלאנגט איהם דעם קערל; א מצוה אויף איהם!” דערווייל זיינען צוגעקומען נאך מעהר צושויער; קרעמער, קוטשערס, פערבייגעהער, מאריא אלעקסעיעוונא איז א ביסעל געקומען צו זיך און מיט א לעצטע מעכאנישע בעוועגונג האט זי פון זיך אבגעשטויסען פעדקא׳ס קאפ, האט אריבערגעשפאנט איבערן וועג, בעגלייט פון די ענטציקטע ליוב געשריי פון די צושויער.

ביי׳ם טהויער פון פאזשעסקין קארפוס האט זי ענדליך בעמערקט, אז זי געהט עס אהיים, זי האט גענומען א דראזשקע און איז מיט גליק געקומען צו פאהרען

אהיים; פעדיא האט איחר געעפענט די טיהר, האט ער בעקומען זיינס; אין שטוב איז זי גלייך צו צו די שאפקע, — האט מאטריענא ארויסגעשטעקט דעם קאפ וועגען דעם געפילדער, האט זי געקראגען איהרס; — און ווידער צום שאפקעלע, און גלייך אריין צו וועראטשקאן אין צימער, און צוריק צום שאפקעלע און ווידער צו וועראטשקא'ן אין צימער, און איז שוין דא אבגעוועזן א צייט, און איז דערנאך געגאנגען איבער די צימערען שילטענדיג; אבער שלאגען איז שוין ניט געוועזן וועמען; פעדיא איז ארויפגעלאפען אויף די שמוציגע טרעפ, און מאטראנע, וועלכע האט זיך אונטערגעקוקט ביי דער טיהר פון וועראטשקא'ס צימער, איז אוועק ווי א פייל פונ'ם בויגען, אז זי האט נור דערזעהען איז מאריא אלעקסעיעוונא קומט ארונטער אין האט געטראפען ניט אין קיך אריין זאנדערען אין אלקער צו מאריא אלעקסעיעוונא אונטערן בעט, וואו זי איז בשלום פערבליעבען ביז מען האט זי געשיקט רופען.

ווי לאנג האט מאריא אלעקסעיעוונא געשאלטען און געשריען שפאנענדיג איבער די לעדיגע צימערען, האט זי אליין ניט געוואוסט; נור וואהרשיינליך לאנג, ווייל אט איז שוין פאוועל קאנסטאנטיניטש געקומען פון אמט — האט ער געקראגען זיינס, — אי אין מאטעריאליסטיש, אי אידעאליסטיש געקראגען. נור אזוי ווי אויף אלעמען קומט א סוף, האט מאריא אלעקסעיעוונא דערלאנגט א געשריי: ״מאטריאנא, גרייט צום טיש!״ מאטריאנא האט איינגעזעהן, אז דער שטורם איז שוין פאראיבער, איז זי ארויס פון אונטער'ן בעט, און גענומען דערלאנגען עסען.

ביים טיש האט מאריא אלעקסעיעוונא שוין מעהר ניט געשאלטען, בלויז גערעוועט, ניט אטאקירענדיג קיינעם; נור אזוי זיך, פיר אייגענע בעפרידיגונג. דערנאך האט זי זיך אפילו ניט צוגעלעגט, נור זיך אוועקגעזעצט, און איז געזעסען איינע אליין און האט געשוויגען און געווארטשעט, און דערנאך זאגאר ווארטשען אויפגעהערט, און האט נור געשוויגען; ענדליך האט זי אויסגעשריען:

„מאטריאנא, וועק אויף דעם העררען; זאל ער אהער קומען!“

מאטריאנא, ערווארטענדיג אז מען קען זי רופען, איז דערפאר ניט אוועקגעגאנגען כאפען א שנאפס; זי האט געטהאן ווי געהייסען. פאוועל קאנסטאנטיניטש איז געקומען.

״געה אוועק צו דער הויזבעזיצערין און זאג איהר, אז די טאכטער דיינע האט חתונה געהאט מיט דיזען טייוועל, ווייל דו האסט געהייסען. זאג: איך האב געהאנדעלט געגען מיין פרוי. זאג: איך צוליעב האב איך'ס געטהאן, ווייל כ'האב געזעהן, אז ס'איז געגען אייער וואונש. זאג: מיין ווייב איז אליין שולדיג, אבער איך האב ערפילט אייער ווילען. זאג: איך אליין האב געמאכט דעם שדוך. פער־

שטאנען, אה?"

"פערשטאנען, מאריא אלעקסעוונא; האסט ריכטיג אויסגערעכענט."

"געה שוין. זאל זי אפילו זיצען ביי'ם עסען, רוף זי אב, דיים זי אוועק פון טיש, איידער זי ווייסט נאך."

די ריכטיגקייט פון פאוועל קאנסטאנטיניטש'עס ווערטער איז געווען אזוי קלאר, אז די הויזבעזיצערין וואלט איהם געגלויבט, אפילו ווען ער וואלט ניט געהאט דעם טאלאנט צו רעדען מיט דורך־ארץ'דיגע איבערצייגונג. און די איבערצייגענדע מאכט פון דיזען טאלאנט זיינעם איז געווען אזוי גרויס, אז זי וואלט פאוועל קאנסטאנטיניטש'ען מוחל געווען, ווען עס וואלטען אפילו קיין זיכערע בעווייזע ניט געווען, אז ער האט תמיד געהאנדעלט געגען ווייב און האט אבזיכטליך צוגעפיהרט וועראטשקא'ן מיט לאפוכאוו'ן, אום צו פערמיי־ען אזא ניעדריגען שדוך פיר מיכאאיל איוואניטש סטארעשניקאוו. — ווי אזוי איז צוגעגאנגען די חתונה? — פאוועל קאנסטאנטיניטש איז ניט געווען קארג צו געבען נדן: געגעבען לאפוכאוו'ן 5,000 רובעל בארעם געלד; די חתונה און אויסשטאטירונג — אלץ אויף זיין רעכנונג. און דורך איהם טאקי האבען זיי זיך געשריבען צעטעלאך, און ביי זיינעם א קאלעגא אין דערהיים, ביי'ם בעאמטען פילאנטיעוו — א פערהייראטער מאן, אייער עקסעלענץ, ווארים איך מעג זיך זיין א קליינער מענשעל, אבער מיין טאכטער'ס עהרע, אייער עקסעלענץ, איז מיר טהייער, — זיי האבען זיך געזעהן ווען איך בין געווען דאביי, און אבוואהל מיינע פערדיענסטען ערלויבען מיר ניט פאר מיין אינגעלע ביי זיינע יאהרען האלטען א לעהרער, אבער כ'האב דאס געטהאן כדי צו האבען אן אויסרייד א. ז. וו.

ווי זאל מען זיך ניט איבערצייגען אדער ניט פערצייהען פאוועל קאנסטאנטיניטשען? אבער דאס וויכטיגסטע, — אזא גרויסע, אונערווארטעטע פרייד! פרייד מאכט מילדער דאס הארץ. און זי האט איהר פערצייהונגס־רעדע אנגעפאנגען מיט א לאנגע ערקלערונג פון די געמיינהייט פון מאריא אלעקסעיעוונא'ס אבזיכטען און האנדלונגען, און האט פון אנפאנג זאגאר געפאדערט אז ער זאל זיין ווייב ארויסטרייבען; ער האט זיך אבער ביי איהר געבעטען רחמים, און געזאגט האט זי דאך עס אויך נור אזוי, בלויז א שרעק צו טהאן, ניט אין אמת'ן, און ענדליך איז ארויסגעגעבען געווארען אזא פסק: פאוועל קאנסטאנטיניטש בלייבט פערוואלטער; די קווארטיר צו'ם גאס נעהמט זי צו און וואהנען זאלען זיי אויפ'ן הינטערשטען הויף מיט'ן תנאי, אז זיין פרוי זאל איהר פנים ניט ווייזען וואו אנא פעטראוונא'ס אויגען קענען זי נאך דערזעהן, און אין גאס אריין טאר זי ניט אנ־

דערש ווי דורך דעם טויער וואס איז ווייט פון דער בעל־הבית'טעם פענסטער. פון די 20 רובעל א חודש, וואס מען האט איהם געהאט צוגעלייגט צום לוין, האט זי 15 צוריק אראבגענומען און 5 געלאזען אלס באלוינונג פאר זיין איבערגעגעבענהייט צום ווילען פון דער בעל־הבית'טע, און אויף די הוצאות פאר דער טאכטערס חתונה.

23

מאריא אלעקסעיעווונא האט געהאט אין קאפ עטליכע פלענער וואס צו טהאן מיט לאפוכאוו'ן ווען ער וועט קומען אין אבענד. דער עמפפינדליכסטער פאר איהם פלאן איז געווען: צו באשטעלען צוויי דווארניקעס וואס זאלען ווארטען אויף איהם אין קיך און ווי נאר ער וועט זיך בעווייזען, זאלען זיי זיך אווארף טהאן אויף איהם און גוט אנברעכען די ביינער. דער פראקטישעסטער פלאן איז געווען, אז זי און פאוול קאנסטאנטיניטש זאלען ביידע ארויסזאגען זייער עלטערליכע קללה צו דער פאלשער טאכטער און צו איהם, דעם מערדער, מיט אן ערקלעהרונג אז אזא קללה איז שטארק — אזוי שטארק אז אפילו די ערד נעהמט צו אזוינע, ווען די עלטערן האבען פארשאלטען. אבער דאס זיינען אלץ געווען פון דעם זארט געדאנקען, ווי ביי דער בעל־הבית'טע פון הויז: אבצוגט'ען פאוול קאנסטאנטיניטשען פון זיין פרוי; אזוינע פראיעקטען, ווי יעדער זארט פאעזיע, זיינען ניט בעשטימט דורכגעפיהרט צו ווערען אין לעבען, נאר זיי זיינען פשוט צו דערפרעהען די הארץ פיעלע מענשען האבען האלט וועגען אזוינע זאכען לאנג נאכצוטראכטען ביי זיך אין דער איינזאמקייט; אנדערע פיהרען נאכהער וועגען דעם לאנגע געשפרעכען; דהיינו; אט וואס איך וואלט געקאנט טהאן, אבער איך האב ניט געטהאן, ווייל איך בין צו גוט.

די פראיעקטען אנצושלאגען לאפוכאוו'ן און צו פארשילטען די טאכטער זיינען געווען די אונרעאלע זייט פון מאריא אלעקסעיעוונאס געדאנקען און געפיהלען. די רעאלע זייט פון איהר שכל און נשמה האבען געהאט א ריכטונג, ניט אזא ערהויבענע און מעהר פראקטישע — אן אונטערשיעד וואס איז אונפערמיידליך צוליעב די שוואכקייט פון יעדער מענשליכער בעשעפעניש. ווען מאריא אלעקסעיעוונא איז צו זיך געקומען ביי די טויערן פון פאזשין־קארפוס און האט איינגעזעהן אז די טאכטער איז באמת פארשוואונדען, האט חתונה געהאט און איז פון איהר אוועק, האט דיזער פאקט אנגענומען די פארמע פון בעוואוסטזיין אין פאלגענדען געדאנקען אויסרוף: „זי האט אונז בע'גנב'עט" און די גאנצע וועג האט זי ניט אויפגעהערט

צו טראכטען און אפט טאקי אויסרופען: „זי האט מיך בע'גנב'ט!" דערפאר, זיך פערהאלטענדיג נאר אויף עטליכע מינוט כדי צו דערצעהלען וועגען איהר אומגליק צו פעדיען און מאטריאנען — (יעדער מענש לאזט זיך גאנץ אפט אזוי ווייט פארפיהרען פון זיינע געפיהלען דאס ער פארגעסט אן די לעבענס אינטערעסען פון דער מינוט) — האט מאריא אלעקסעיעוונא זיך קודם כל ארייגעכאפט אין וועראטשקעס צימער, האט זיך אווארף געטהאן אויף דעם טואלעט קעסטל און אויף דעם גארדעראב, האט אלץ ארום געקוקט מיט א שנעלען בליק — ניין, דארט איז אלץ גאנץ! און נאכהער גענומען דיזען בערוהיגענדען איינדרוק באשטעטיגען דורך אלגעמיינע אונטערזוכונג, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין אמת'ן איז אלץ אויף אן ארט, אלע קליידער און זאכען זיינען געבליבען ביי איהר, אויסער א פאר איינפאכע, אלטע גאלדענע איירינגלאך און די אלטע קארטונענע קליידעל און דעם אלטען מאנטעל, אין וועלכע וועראטשקא איז ארויס פון דער היים. מאריא אלעקסעיעוונא האט אבער נאך אלץ מורא געהאט, טאמער האט וועראטשקא געגעבען לאפוכאוו'ן א צעטל פון איהרע זאכען און ער וועט זיי פון איהר ארויספאדערן. מאריא אלעקסעיעוונא האט אבער פעסט בעשלאסען די אלע זאכען ניט אבצוגעבען, פון די קליידער, — אבגעבען פיער, די ערגערע, פון וועש — אביסעל, די אבגעטראגענערע: גאר ניט געבען קען מען ניט, עס פאסט אויך ניט און מאריא אלעקסיעוונא האט שטענדיג שטרענג אבגעהיט צו טהאן וואס עס פאסט אין פיינקייט.

א צווייטע פראגע פון רעאלען לעבען איז געווען: די בעציהונג צו דער בעל־הבית'טע; מיר האבען שוין געזעהן ווי אזוי איהר איז געלונגען אט די פראגע צו פארענטפערען אויפ'ן בעסטען אופן.

איצט די דריטע פראגע: וואס טהוט מען מיט דער אויסוואורף און מיט דעם פאדלעץ, מיט דער טאכטער און מיט דעם אונגעבעטענעם איידעם? פארשילטען? דאס איז ניט שלעכט, אבער דאס טויג נאר ווי א צוביים צו עפעס א גרונטאוונעם, א גרונטאוונע זאך וואלט געווען נאר איינס: דערלאנגען א פראשעניע, אנהויבען א פראצעס, פארקלאגען. אין אנפאנג, אין שטארקער אויפרעגונג, האט מאריא אלעקסעיעוונא געקוקט אויף דעם אידעאליסטיש און פון דעם אידעאליסטישען שטאנדפונקט האט עס אויסגעזעהן גאנץ אנציהענד. אבער וואס מעהר די בלוט איז איינגעשטילט געווארען, נאך דעם שטורם פון אויפרעגונג האט די זאך איהר

אנגעהויבען אויסצוקוקען אין אן אנדער געשטאלט. קיינער האט ניט געוואוסט בעסער ווי מאריא אלעקסעיעוונא אז פראצעסען ווערן געפיהרט מיט געלד און געלד און אז אזוינע פראצעסען, ווי אט דער, וואס קומט איהר אוים אזוי פרעכטיג דורך זיין אידעאליסטישען שיין, פאדערן גאר א סך געלד, פארשלעפען זיך זעהר לאנג און נאך דעם ווי זי שלעפען ארוים א סך געלד ענדיגען זיי זיך מיט גאר נישט.

וואס זשע זאל מען פארט טהאן? סוף כל סוף איז אויסגעקומען אז עס שטעהן פאר נאר צוויי אויפגאבען: זיך דורכזידלען מיט לאפוכאוו'ן ביז דער העכסטער מדרגה פון פארגניגען און ניט דערלאזען איהם ארויסטראגען ווראטשקאס זאכען, און דער בעסטער מיטעל פאר דעם איז צו סטראשען אז זי וועט איהם פארקלאגען, אבער אויסזידלען דארף מען זיך שטארק, וויפיל די הארץ וועט זיך גלוסטען.

עס האט זיך אבער ניט איינגעגעבען אפילו זיך אויסצוזידלען. געקומען איז לאפוכאוו און האט אנגעהויבען אזא מין נוסח: מיר און ווראטשקא בעטען אייך מאריא אלעקסעיעוונא און פאוול קאנסטאנטיניטש מחילה פאר וואס מיר האבען אהן אייער ערלויבנים ...

דא האט זיך מאריא אלעקסעיעוונא הויך צושריען: „איך וועל איהר פארשילטען, די טויגע ....!

אבער אנשטאט דעם ווארט „טויגעניכטס“ האט מאריא אלעקסעיעוונא נאר באוויזען אויסצורעדען „טויגע...“, ווארום לאפוכאוו האט איהר שוין איבערגעשלאגען די רייד און גאנץ הויך געזאגט: אייערע זידלעריי וויל איך ניט האבען; איך בין געקומען זיך דורכריידען וועגען אן עסק. אויב איהר זייט אין כעס און קענט ניט ריידען רוהיג, וועלען מיר מיט פאוול קאנסטאטיטניטש'ן אליין זיך דורכריידען און איהר, מאריא אלעקסעיעוונא, וועט צושיקען פעדי'ן אדער מאטראנען אייך רופען, ווען איהר וועט זיך בערוהיגען. — און ריידענדיג אזוי האט ער שוין געפיהרט פאוועל קאנסטאנטיניטשען פון זאל אין קאבינעט. און געשריען האט ער אזוי הויך, אז איהם איבערצושרייען איז ניט געווען קיין מעגליכקייט און דערפאר האט מאריא אלעקסעיעוונא געמוזט בלייבען שטעהן אין מיטען פון איהר רעדע.

ער האט צוגעפיהרט פאוועל קאנסטאנטיניטש'ן ביז צום טהיר פון זאל, האט זיך דא אוועקגעשטעלט, זיך אומגעקעהרט און געזאגט: איך דענק מאריא אלעקסעיעוונא איז איצט שוין בכח אליין צו ריידען, אבער צו ריידען וועגען אן עסק דארף מען זיין רוהיג“.

זי האָט ווידער זיך גענקליבען צו נעהמען שרייען, אָבער ער האָט ווידער איהר איבערגעשלאָגען די רייד :„, אויב איהר קענט ניט ריידען רוהיג, וועלען מיר אוועק־געהן“.

— און דו שוטה איינער, וואָס שלעפּסטו זיך מיט ? — האָט מאַריא אַלעקסע־יעוונא זיך צושריען.

ער פיהרט מיך דאָך.

און אויב פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש וועט אויך ניט וועלען ריידען רוהיג, וועל איך אין גאַנצען אוועקגעהן — מיר איז גאַנץ גלייך. אָבער פאַרוואָס לאָזט איהר, פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש, זיך רופען מיט אַזוינע צונעמענישען ? מאַריא אַלעקסעיעוונא פאַרשטעהט ניט די גאַנצע זאַך, זי מיינט אַז מען קען אונז גאָט ווייס וואָס אָנטהון. איהר אָבער זייט אַ טשינאָווניק, אַ געשעפטסמאַן, און דאַרפט בעסער וויסען אַזוינע זאַכען. זאָגט זשע איהר, אַז איצט קען זי מיט ווערעטשקאַן גאָר ניט טהאָן און מיט מיר — גאָך ווייניגער.

— ער ווייס, דער פּאַדלעץ, אַז מען קען גאָר ניט טהאָן — האָט אַ טראַכט גע־טהאָן מאַריא אַלעקסעיעוונא און האָט גזאָגט לאָפּוכאָוו’ן אַז לכתחילה האָט זי זיך אביסעל געהיצט, דאָך אַ מאַמע, נאָר איצט קען זי ריידען קאַלטבלוטיג.

לאָפּוכאָוו האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטשען — מען האָט זיך אוועקגעזעצט, לאָפּוכאָוו האָט איהר געבעטען איהם אויסהערען ביז ער וועט אויסזאָגען אַלץ וואָס ער וויל, — נאָכהער וועט זי ריידען. און ער האָט גענומען ריידען, שטאַרק אויפהויבענדיג די שטים, ווען זי פּלעגט פּרובירען איהם איבער־רייסען די רייד און האָט אויף אַזאַ אופן מיט מזל דערפיהרט זיין רעדע ביז צו ענד. און באַשטאַנען איז זיין רעדע און דער ערקלעהרונג אַז איהם אָב’גט’ן פון ווערעטש־קאַן קען מען ניט, און דערפאַר איז דאָס געשעפט מיט סטאָרעשניקאָוו’ן סאַי ווי סאַי פאַרלאָרען, ווי איהר פאַרשטעהט אַליין, הייסט עס אַז עס לוינט זיך ניט איהר טרחה אויף דעם אוועקצולעגען. איבעריגענס, טהוט וואָס איהר ווילט. אויב איהר האָט איבעריגע געלד, וואָלט איך אַליין אייך געהייסען פּרובירען ; נאָר באמת איז דאָך ניטאָ פון וואָס פאַר’ן האַרצען זיך צו נעהמען, ווארום ווערעטשקאַ האָט דאָך קיין מאָל ניט געוואָלט חתונה האָבען מיט סטאָרעשניקאָוו’ן, הייסט עס אַז עס איז דאָך געווען אַ פּוסטער חלום, ווי איהר האָט אַליין געזעהן, מאַריא אַלעקסעיעוונא. און חתונה האָבען אַ מיידעל דאַרף מען דאָך און דאָס איז פאַרבונדען מיט גרויס הוצאה פאַר

עלטערן: מען דארף געבען נדן, און די חתונה אליין קאסט פיעל געלד, דער עקר איז פארט דער נדן; הייסט עס אז איהר, מאריא אלעקסעיעוונא און פאוועל קאנסטאנטי־ניטש דארפט נאך דאנקען אייער טאכטער וואס זי האט חתונה געהאט, ניט אנמאַ־כענדיג אייך קיינע הוצאות! אט אזוי און אויף אזא אופן האט ער גערעדט, אב־גערעדט א האלבע שעה אויפ'ן זייגער.

און אז ער האט געענדיגט האט מאריא אלעקסעיעוונא שוין געוואוסט אז מיט אזא רוצח קען מען גאר ניט מאכען און דערפאר האט זי גלייך גענומען קלאפען אויף די געפיהלען: עס האט איהר אזוי שטארק פערדראסען וואס וועראטשקא האט חתונה געהאט, ניט בעטענדיג פריהער קיין ערלויבענים ביי די עלטערן: פאר איהר מוטערס הארץ איז עס געווען א גרויס צער און ווי נאר עס האט זיך געהאנדעלט פשוט ווענען מוטער געפיהלען און עגמת נפש, האט דער געשפרעך גאנץ נאטירליך, שוין געהאט ניט מעהר ווי דער אינטערעס אויף ווי ווייט עס פאסט זיך כאטש עפעס וואס צו זאגען ווענען דעם; מען האט געטהאן וואס עס פאסט אין אזא פאל — מאריא אלעקסעיעוונא האט געזאגט אז אלס א ליעבענדע מוטער האט זי געהאט גרויס צער; לאפוכאוו האט געזאגט אז זי האט ניט געהאט פאר וואס זיין דאגעגען—און ווען מען האט די פולע מאס פון פאסיגקייט שוין אנגעפילט האט איין צד ערקלעהרט אז מיר האבען שטענדיג געזוכט דאס גליק פון אונזער קינד און דער צווייטער צד האט גע־ענטפערט אז ווענען דעם איז גאר קיין ספק ניטא. ווען דער געשפרעך איז אויך ביי דעם גענוג לאנג געפיהרט געווארען האט מען זיך גענומען געזעגענען און דער רעזול־טאט איז געווען אז לאפוכאוו, מיטפיהלענדיג די ערגערניש פון א מוטערס הארץ, בעט ניט ביי מאריא אלעקסעיעוונא קיין ערלויבנים פאר די טאכטער פיר איצט איהר צו קומען זעהן; ווארום דאס וואלט פיללייכט געווען צו שווער פאר דער מוטערס הארץ נאר ווען מאריא אלעקסעיעוונא וועט הערן אז די טאכטער לעבט גליקליך — און דאס איז דאך געווים שטענדיג געווען דער איינציגער פערלאנג פון מאריא אלעקסעיעוונא און ווען איהר מוטערס הארץ וועט זיך אין גאנצען בארוהיגען, דאמאלט, האפט ער, וועט זי זיך־קענען זעהן מיט דער טאכטער אהן פארדרוס.

אט אזוי האט מען באשלאסען און מען איז זיך פארנאנדער געגאנגען פריינדליך.

— אט דאס איז א וואונדער! האט מאריא אלעקסעיעוונא געזאגט באגלייטענ־דיג דעם איידים.

בּיי נאַכט האָט זיך איהר גע'חלומ'ט אזא מין חלום: זי זיצט אונטערן פענסטער און זעהט ווי איבערן גאַס פאהרט א קאַרעטע, אַן אויסגעצייכענטע און די קאַרעטע שטעלט זיך אָפּ און פון איהר געהט אַרויס אַן אויסגעפּוצטע דאַמע און א מאַן מיט דער דאַמע און זיי געהען אריין צו איהר אין צימער און די דאַמע זאָגט: זעה מאַמע ווי דער מאַן פּוצט מיך! און די דאַמע איז וועראַטשקא און מאַריא אַלעקסעיעווגא קוקט: די צייג פון ווערַאטשקאַס קלייד איז די טייערסטע און ווערַאטשקא זאָגט: די צייג אַליין קאָסט גאַנצע 500 רובעל און דאָס איז בּיי אונז א קלייניגקייט; איך האָב א גאַנצען טוץ אַזוינע קליידער: דאָס אָבער, מאַמע, קאָסט טייערער — טוט נאָר א קוק אויף מיינע פינגער! קוקט מאַריא אַלעקסעיעווגא אויף ווערַאטשקאַס פינגער און אויף די פינגער זיינען רינגען מיט גרויסע בּריליאַנטען! — אָט דער רינג, מאַמע קאָסט 2000 רובעל און אָט דער צווייטער, מאַמע, טייערער — 4000 רובעל און טהו נאָר א קוק אויפ'ן בּרוסט, אָט די בּראָשקע קאָסט נאָך טייערער — גאַנצע 10,000 רובעל! און דער מאַן רעדט, און דאָס איז דימיטרי סערגייאיטש „דאָס איז פאַר אונז נאָך גאָר א קטנות, ליעבּע מאַמענקע, מאַריא אַלעקסעיעווגא! די אמת'ע גדלות איז אָט דאָ בּיי מיר אין קעשענע: אָט, ליעבּע מאַמענקע, דערלאַנגט א קוק אין טייסטער, ווי דיק ער איז! איז אָנגעפּילט מיט 100 רובּעלדיגע אַסיגנאַציעס און אָט דעם טייסטער שענק איך אייך אַוועק, ווארום דאָס איז אויך בּיי אונז א קטנות! אָבער אָט דער טייסטער וואָס איז נאָך דיקער, איהם וועל איך אייך, ליעבּע מאַמענקע, ניט שענקען, ווייל אין איהם זיינען קיין אַסיגנאַציעס ניטא, נאָר ער איז פול מיט בּאַנקבולעטען און וועקסלען און יעדער בּאַנקבילעט און יעדער וועקסעל זיי־נען מעהר ווערטה ווי יענער גאַנצער טייסטער וואָס איך האָב אייך געשאָנקען, ליעבּע מאַמענקע, מאַריא אַלעקסעיעווגא! דו האָסט געקאָנט מיין ליעבּער זוהן דימיטרי סערגעיטש, שאַפען גליק מיין טאָכטער און פאַר מיין גאַנצע פאַמיליע, אָבער פון וואַנעגט האָסטו אזא גרויסען פאַרמעגען בּאַקומען? — איך, ליעבּע מאַמענקע, בּין געוואָרען א מאַכער אין אַקציז!

און זיך אויפכאַפּענדיג האָט מאַריא אַלעקסעיעווגא א טראַכט געטהאָן פאַר זיך: „בּאמת וואָלט ער געדאַרפט געהן דיענען אין אַקציז".

24

א ל ו י ב ג ע ז א נ ג צ ו מ א ר י א א ל ע ק ס ע י ע ו ו נ א. מאַריא אַלעקסעיעווגא איהר הערט אויך צו זיין א וויכטיגע פּערזאָן אין ווערַאטשקאַס

לעבן און זיך געזעגענדיג מיט אייך, ווייל דער פערפאסער פון דער ערצעהלונג אייך בעטען ניט האבען קיין פאראיבעל וואס איהר טרעט אראפ פון דער ביהנע אין א לאגע, וואס איז ניט גאנץ אנגענעהם פאר אייך. דענקט ניט אז צוליעב דעם האט איהר פארלארען עפעס פון אייער כבוד. איהר זייט פארבליבען אן אבגענארטע, אבער דאס פארקלענערט בשום אופן ניט אונזער מיינונג וועגען אייער שכל, מאריא אלעקסעיעוונא: אייער טעות איז ניט קיין עדות געגען אייך, איהר האט זיך באגעגענט מיט מענשען וואס איהר זייט ניט געווען געוואהנט פריהער צו טרעפען און עס איז קיין חטא ניט צו האבען אזעלכע טעות'ן, אורטיילענדיג נאך אייער פריהערדיגע ערפאהרונגען. אייער גאנצער פריהערדיגער לעבען האט אייך געבראכט צו דער איבערציינגונג אז די מענשען ווערען איינגעטהיילט אין צוויי זארטען: אין נאראים און שווינדלער „ווער עס איז ניט קיין נאר, דער איז געוויס א שווינדלער, האט איהר געטראכט אז ניט קיין שווינדלער קען זיין נאר א נאר". דער בליק איז געווען גאנץ ריכטיג, מאריא אלעקסעיעוונא? ביז ניט לאנג צוריק איז ער געווען גאנץ ריכטיג, מארא אלעקסעיעוונא. איהר, מאריא אלעקסעיעוונא, האט בעגעגענט מענשען, וועלכע האבען געערדט גאנץ שעהן—און איהר האט געזעהן אז די אלע מענשען אהן וועלכע עס אויסנאהמע זיינען ענטוועדער ביטראקעס, וואס פארדרעהען די מענשען א מוח מיט גוטע ווערטער, אדער ערוואקסענע נארישע ברואים, וואס קענען ניט דעם לעבען און ווייסען ניט פאר וואס זיך צו נעהמען. דערפאר האט איהר, מאריא אלעקסעיעוונא ניט געגלויבט אין גוטע ווערטער, געהאלטען עס פאר נארישקייט אדער נארעריי און איהר זייט געווען גערעכט, מאריא אלעקסעיעוונא. אייער בליק אויף די מענשען איז שוין געווען אין גאנצען א בעשטימטער בעת איהר האט באגעגענט די ערשטע פרוי וואס איז ניט געווען קיין שווינדלערקע און ניט קיין נאר; און איהר האט געמוזט זיך פארלירען, זיך פארטראכטען און ניט וויסען וואס צו דענקען וועגען איהר און ווי זיך צו האלטען געגען איהר. אייער בליק אויף די מענשען איז שוין געווען אין גאנצען פארטיג בעת איהר האט באגעגענט דעם ערשטען איידעלמאן, וועלכער איז ניט געווען קיין גוטמוטיגער, אונבעהאלפענער קינד, נאר וואס האט געקאנט דעם לעבען ניט ערגער ווי איהר און האט געקאנט אבמאכען א געשעפט ניט ווייניגער גרינדליך ווי איהר; איהר האט געמעגט א טעות האבען אין איהם אננעהמען פאר אזא כל־בו'ניק ווי איהר אליין זייט. די טעות'ן, מאריא אלעקסעיעוונא, פארקלענערען ניט מיין אכטונג צו אייך, ווי צו א קלוגע און ערפאהרענע פרוי. איהר

האַט אייער מאַן, דעם גאַרנישט געגעבן אַ גוטע שטעלע, איהר האָט זיך פאַרזאָרגט אויף דער עלטער — דאָס זיינען גוטע מעשים! אַבער גאַנץ שווער האַבען זיי זיך אייך איינגעגעבען. איהר האָט געברויכט שלעכטע מיטלען, אַבער אייער סביבה האָט אייך ניט געגעבען קיין בעסערע מיטלען. אייערע מיטלען געהערען צו אייער סביבה און ניט צו אייער פּערזאָן; די שאַנד דערפאַר פאַלט ניט אויף אייך — אַבער דער כבוד קומט אייער שכל און דעם כח פון אייער כאַראַקטער.

זייט איהר צופרידען, מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ, דערמיט וואָס מען אַנערקענט אַט די מעלות אייערע? געוויס וואָלט איהר דערמיט אַליין אויך געווען צופריעדען ווארום איהר האָט קיין מאָל אַפילו ניט געפּרופט מאַכען פּרעטענזיעס אַז איהר זייט ליעב און גוט; און די מאָמענטען פון ניט ווילענדיגער אָפענהערציגקייט האָט איהר אַליין צוגעגעבען אַז איהר זייט אַ שלעכטער און ניט עהרליכער מענש און האָט ניט געהאַלטען פאַר קיין שאַנדע פאַר זיך אָט די שלעכטסקייט און ניט עהרליכקייט, ווייל איהר האָט באַוויזען אַז אַנדערש האָט איהר ניט געקאָנט זיין ביי די אומשטענדען פון לעבען. הייסט עס, אַז איהר וועט שטאַרק זיך ניט אינטערעסירען דערמיט וואָס צום לויבגעזאַנג פאַר אייער שכל און כאַראַקטער גיב איך ניט צו קיין לויב פאַר אייערע גוטע מדות; איהר האַלט עס זאָגאַר ניט פאַר קיין מעלה, פאַרקעהרט, איהר האַלט גיכער פאַר אַ סמן פון נאַרישקייט גאָר צו האָבען גוטע מדות, הייסט עס, אַז איהר וואָלט גאָר ניט אָנגעהויבען פאָדערן אַן אַנדער לויב, אויסער יענע, ערשטע. איך קען אָבער זאָגען אין אייער עהרע נאָך איינס: פון אַלע מענשען, וועמען איך ליעב ניט און מיט וועלכע איך וואָלט זיך ניט וועלען טרעפען, וואָלט איך פאָרט בעסער וועלען האַבען צו טהאָן מיט אייך איידער מיט אַנדערע. געוויס, איהר האָט ניט קיין רחמנות, ווען עס איז פאַרבונדען מיט וואָס עס איז אַ נוצען פאַר אייך. אָבער אויב איהר האָט ניט קיין נוצען, פון טהאָן וועמען עס איז שלעכטס, וועט איהר עס ניט טהאָן צוליעב נאַרישע ליידענשאַפטען; איהר רעכענט אויס אַז עס לוינט אייך ניט צו פאַרלירען צייט, מיה און געלד אָהן נוצען. איהר וואָלט געוויס געווען צופרידען צו לאָזען בראָטען אויף אַ לאַנגזאַמען פייער אייער טאָכטער און איהר מאַן, אָבער איהר האָט פאַרשטאַנען איינצוצאַמען אייער תשוקה צו נקמה, כדי קאָלט צו בעטראַכטען די זאַך און איהר האָט פאַרשטאַנען אַז זיי בראַטען וועט זיך אייך ניט איינגעבען; און דאָס איז דאָך אַ גרויסע מעלה, מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ, צו קענען פאַרשטעהן וואָס איז ניט מעגליך! פאַרשטע־

הענדיג דאס, האט איהר ניט פארפיהרט קיין פראצעס, וואס וואלט סאי ווי סאי ניט אומגעבראכט די מענשען, וועלכע האבען אייער צארן ארויסגערופען; איהר האט אויסגערעכענט אז די קליינע אונאנגענעמקייטען וואס וואלט זיי פארשאפט דיזער פראצעס, וואלט געווען פארבונדען מיט פיעל מעהר אונאנגענעמקייטען און פארלוסטען פאר אייך און דערפאר האט איהר דעם פראצעס ניט אנגעהויבען. אויב מען קען ניט בייקומען דעם שונא, אויב דורך דעם וואס דו וועסט איהם בריינגען א קליינעם שאדען, וועסטו זיך אנטהאן א גרעסערען שאדען, דארף מען בעסער קיין קאמפף ניט אנהויבען; פארשטעהענדיג דאס, האט איהר גענוג געזונטען פארשטאנד און מוטה זיך אונטערצוגעבען אונטער דער זאך וואס איז ניט מעגליך, ניט אנטהוענדיג קיין שאדען זיך און אנדערע — דאס איז אויך א גרויסע מעלה, מאריא אלעקסעיעוונא. יא, מאריא אלעקסעיעוונא, מיט אייך קען מען נאך האבען צו טהאן, וויל איהר ווילט ניט קיין שלעכטס צוליעב די שלעכטס אליין און שאדענדיג זיך אליין — דאס איז זעהר א זעלטענע, זעהר א גרויסע מעלה, מאריא אלעקסעיעוונא! מיליאנען מענשען, מאריא אלעקסעיעוונא זיינען שעדליכער ווי איהר פאר זיך אליין און פאר פרעמדע, כאטש זיי האבען ניט דעם שרעקליכען אויסזעהן ווי איהר. צווישען די וואס זיינען ניט גוט זייט איהר נאך בעסער ווי אנדערע טאקי דערפאר וואס איהר זייט דאך ניט טעמפ און נאריש. איך וואלט געווען צופרידען אייך עוקר מן השרש צו זיין, אבער איך האב אכטונג צו אייך; איהר זייט ניט קיין בעל משחית. איצט באשעפטיגט איהר זיך מיט שלעכטע זאכען, ווייל דאס פאדערט אייער סביבה; אבער וואלט מען אייך געגעבען איין אנדער סביבה און איהר וואלט מיט פארגניגען געווארען ניט שעדליך, זאגאר נוצליך, ווארום אהן א געלד חשבון ווילט איהר ניט טהאן קיין שלעכטס און אויב עס לוינט זיך פאר אייך קענט איהר טהאן וואס איהר ווילט — הייסט עס, אז איהר קענט אפילו האנדלען עהרליך און איידעל, אויב מען וואלט עס דארפען. איהר זייט פעהיג דערצו, מאריא אלעקסעיעוונא און ניט איהר זייט שולדיג וואס אט די פעהיגקייט בלייבט ניט אנגעריהרט אין אייך, וואס אנשטאט איהר, ווירקען גראדע פארקעהרטע פעהיגקייטען, אבער זי איז דא אין אייך און דאס קען מען ניט זאגען וועגען אלעמען. אין עצם שלעכטע מענשען זיינען צו קיין זאך ניט פעהיג. איהר זייט נור פארדארבען אבער ניט בעצם שלעכט. איהר זייט העכער פאר פיעל זאגאר נאך אייער מאראלישער מאס.

זייט איהר צופרידען, מאריא אלעקסעיעוונא?

— מיט וואָס, פּאַטערל מײַנער, זאָל איך דאָ צופרידען זײַן, אַז די אומשטענדען מײַנע זײַנען אַזעלכע שלעכטע?

— דאָס אַליין איז שוין אויך גוט, מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ.

דריטער קאפיטעל.

דאס פארהייראטע לעבען און די צווייטע ליעבע.

1.

עס זיינען פארביי דריי חדשים, נאכדעם ווי וועראטשקא האט זיך ארויסגעכאפט פון פאדוואל. לאפוכאוום געשעפטען זיינען געגאנגען גוט. ער האט שוין געהאט אנשטענדיגע שטונדען, האט געקראגען ארבייט ביי איינעם א בוך־הענדלער — אן איבערזעצונג פון אלעהרבוך איבער געאגראפיע. ווערא פאוולאוונא האט אויך געהאט צוויי שטונדען, אפילו ניט קיין זעהר גוטע אבער אויך ניט קיין זעהר שלעכטע, צוזאמען האבען זיי שוין געהאט א הכנסה פון 80 רובעל א חודש; אויף אזוינע געלד קען מען ניט לעבען אנדערש ווי זעהר ניט רייך, דאך קיין נויטה איז זיי ניט אויסגעקומען צו ליידען. זייערע מיטלען זיינען ביסלעכווייז געווארען אלץ גרעסער און זיי האבען אויסגערעכענט אז אין א חודש פיער ארום, אדער זאגאר פריהער, וועלען זיי זיך קענען פארלעבען אויף אן אייגענע בעל־הביתישקייט (אזוי איז טאקי געשעהן נאכהער).

די ארדנונג פון זייער לעבען איז דורכגעפיהרט געווארען אפילו ניט אין גאנצען אזוי ווי ווערא פאוולאוונא האט, האלב לאכענדיג, האלב ערנסט געפלאנעוועט אין דעם טאג פון זייער פאנטאסטישער תנאים, אבער דאך זעהר ענליך אויף דעם, דער אלטער און די אלטיטשקע ביי וועמען זיי האבען געוואהנט האבען פיעל גערעדט צווישען זיך וועגען דעם ווי זאנדערבאר דאס יונגע פאר פאלק לעבט — גאר ניט ווי יונגע — זאגאר ניט ווי א מאן און ווייב, נאר עפעס, זיי ווייסען אליין ניט, ווי — הייסט עס, ווי איך זעה אליין און ווי דו, פעטראוווא, דערצעהלסט, זעהט עס אויס, אזוי צוזאגען, ווי זי וואלט איהם א שוועסטער געווען, אדער ער איהר א ברודער.

— אט האסטו געפונען צו וואס צו פערגלייכען! צווישען א ברודער און א שוועסטער זיינען קיין צערעמאניעס ניטא: און ביי זיי ווי פיהרט זיך? ער שטעהט אויף, טהוט אן דעם מאנטעל און זיצט אוןווארט ביז וואנענט מען ברייננגט דעם סאמאוואר. ער מאכט טיי, טוט איהר א רוף און זי געהט ארויס שוין אן אנגעטאנענע. וואס איז דאס פאר א ברודער און שוועסטער? דו זאג אזוי: עס פאסירט

אז נים קיין רייכע מענשען, צוליעב ארימקייט, וואהנען צוויי פאמיליעס אין איין וואהנונג — אט דערמיט קען מען עם פערגלייכען.

— אבער וואס הייסט עס, פעטראווא, אז א מאן זאל נים טארען אריינגעהן צו א ווייב: אויב נים אנגעטהאן, טאר מען נים. וואס איז דאס פאר א מאדע?

דו, בעסער, רייד וועגען דעם ווי זיי געהען זיך פארנאנדער אין אבענד, זי זאגט: זיי געזונד, ליעבינקער, א גוטע נאכט! זיי געהן זיך פארנאנדער. זיצען ביידע פאר זיך אין זייערע צימערן, לייענען ביכלאך, ער שרייבט נאך עפעס. דו הער וואס איין מאל האט פאסירט, זי האט זיך געלעגט שלאפען, ליעגט און לייענט א ביכעל; נאר איך הער דורכ'ן וועגטעל — איך האב אויך עפעס נים געקענט איינשלאפען — איך הער, זי שטעהט אויף. אבער וואס דיינקסטו? איך הער, זי האט זיך אוועק־געשטעלט פאר'ן שפיגעל, הייסט עס, זי פארקאמט די האר. גאר אזוי, ווי זי וואלט זיך צו געסט געקליבען. איך הער, זי איז ארוים. האב איך זיך ארויסגעכאפט אין קארידאר, זיך געשטעלט אויף א שטול און קוק אריין אין זיין צימער דורכ'ן פענס־טער. איך הער זי איז צוגעגאנגען — „קען מען אריין, מיין ליעבינקער“? און ער: אט באלד, ווערא‏טשקא,ווארט איין מינוט! ער איז אליין געלעגען, האט ארויפ־געכאפט אויף זיך די קליידער, דעם מאנטעל: איך האב געמיינט, ער וועט דעם שניפס נאך פארבינדען, זיך צורעכט געמאכט און זאגט: „איצט קען מען, ווערא‏טש־קא“. „איך — מוט זי אזאג — פארשטעה נים אין אט דעם ביכעל, גיב מיר צו פאר־שטעהן“. ער האט איהר געגעבען צו פארשטעהן. „נו — זאגט זי — זיי מיר מוחל, מיין ליעבינקער, וואס איך האב דיר מטריח געווען“, און ער ענטפערט: „ניש־קשיה, ווערא‏טשקא איך בין אזוי געלעגען, דו האסט מיך נים געשטערט“ אט אזוי איז זי אוועק.

אט אזוי אוועק?

יא, אט אזוי אוועק.

און ער, גאר נישט?

און ער, גאר נישט. דו, וואונדער זיך נים אויף דעם, וואס זי איז אוועק; דו וואונדער זיך אט אויף וואס: זי האט זיך אנגעטהאן איידער זי איז אוועק און ער האט זיך אנגעטהאן, און דאן געזאגט: קום אריין! איצט זאג מיר, וואס פאר א מין פיהרונג?

— אט וואס, פעטראווא: דאס איז אזא זארט סעקטע, ווארום עס זיינען דא פארשידענע זארטען סעקטעס.

— עס זעהט אוים אזוי, אט דאס הייסט א ריכטיג ווארט.
אן אנדער געשפרעך.

— דאניליטש, איך האב איהר דאך געפרעגט וועגען איהר פיהר. איהר, זאג איך, האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך וועל אייך פרעגען; פון וואס פאר א גלויבען זייט איהר? — „פון דעם געוויינליכען, דעם רוסישען" — ענטפערט זי. נו, און דער מאן אייערער? אויך פון רוסישען גלויבען, ענטפערט זי, און איהר געהערט צו קיין סעקטע ניט? צו קיינער ניט; פאר וואס איז עפעס אייך איינגעפאלען? אט פאר וואס, איך וויים ניט צו זאל איך אייך רופען פרוי אדער פרײלין — לעבט איהר מיט אייער מאן? — האט זיך פארנאנדער געלאכט: מיר לעבען, ענטפערט זי.
האט זיך פארנאנדער געלאכט?
האט זיך פארנאנדער געלאכט: מיר לעבען, ענטפערט זי. טו פאר וואס איז ביי אייך אזא פיהר — אז איהר קומט צו איהם ניט אריין קיין אויסגעטאנענע, פונקט ווי איהר וואלט מיט איהם גאר ניט לעבען? — דאס איז, ענטפערט זי, דערפאר, ווייל צו וואס זאל איך זיך ווייזען א צופודעלטע? קיין סעקטע איז אין דעם ניטא, — צו וואס זשע דען איז עס? פרעג איך. דערפאר, ענטפערט זי, ווייל אזוי איז מעהר ליעבע און וויניגער רייסערייען.
— דאס איז אמת, פעטראווא, עס איז עהנליך אויף אן אמת. דאס הייסט שטענדיג און ריכטיגער געשטאלט.

זי האט נאך אזוינס געזאגט: אויב איך וויל ניט, זאגט זי, אז פרעמדע זאלען מיר זעהן א מיאוסע, טו פאסט דאך גאר ניט איך זאל קריכען דעם מאן אין די אויגען, וועמען איך האב מעהר האלט, א ניט געוואשענע.

דאס איז טאקע עהנליך אויף אן אמת, פעטראווא; פאר וואס האט מען אזא גרויסען יצר הרע צו פרעמדע ווייבער? ווייל זיי זעהט מען אויסגעפוצטע און די אייגענע פארשלומפערטע. אזוי ווערט געזאגט אין די הייליגע ביכער אין משלי שלמה — א קלוגער קיסר געווען. —

2.

גוט איז געגאנגען דאס לעבען ביי די לאפוכאווס, ווערא פאוולאוונא איז שטענדיג פרעהליך געוועז. נאר איין מאל — עס איז געוועז א חדשים פינף נאך זייער חתונה — קומענדיג פון די שטונדעז, האט דימיטרי סערגעאיטש געפונעז די ווייב עפעס אין א בעזונדער שטימונג: אין איהרע אויגען האבען געשיינט שטאלץ און פרייד. דא האט דימיטרי סערגעאיטש זיך דערמאנט אז שוין עטליכע טעג ווי מען האט געקאנט ביי איהר באמערקען די סמנים פון אן אנגענעהמער טרוואגע, שמייכלענדיגער פערטראכטקייט און צערטליכען שטאלץ.

פריינד מיינס, דו האסט עפעס א פרייד: פאר וואס טיילסטו זיך ניט מיט מיר?

מיר דאכט זיך, איך האב. דאך ווארט נאך א ווײלע: איך וועל דיר זאגען, ווען איך וועל עס וויסען אויף זיכער, מען דארף ווארטען נאך עטליכע טעג, און דאס וועט זיין א גרויס פרייד פאר מיר, דו אליין וועסט אויך צופרידען זיין און קירסאנאוו'ן און מערצאלאוו'ן וועט עס אויך געפעלען ווערן.

וואס איז עסאזוינס?

— דו האסט פארגעסען, מיין ליעבינקער, אונזער אבמאך: ניט פרעגען קיין קשיות? איך וועל דיר זאגען, ווען עס וועט שוין זיין אויף געוויס. —

עס איז אוועק נאך א וואך.

— מיין ליעבינקער, איך וועל דיר דערצעהלען מיין פרייד. אבער דו גיב מיר אן עצה, דו ווייסט דאך דאס אלץ. זעהסטו, מיר האט שוין לאנג זיך געוואלט עפעס וואס טהאן און איך האב צוגעטראכט: מען דארף עפענען א שניידער־ווארקשטאט; דאס איז דאך גוט?

— נו, מיין פריינד, מיר האבען אן אבמאך איך זאל דיר ניט קושען די הענד; דאס איז זיך גערעדט בכלל, אבער וועגען אזא פאל איז קיין אבמאך ניט געוועז, גיט אייער האנד, ווערא פאוולאוונא.

— שפעטער, מיין ליעבינקער, ווען די זאך וועט זיך איינגעבען.

— ווען דאס וועט זיך איינגעבען, דאמאלט וועסטו ניט ניט מיר אליין געבען א קוש טהאן די האנד, דעמאלט וועלען אויך קורסאנאוו און אלעקסעי פעטראוויטש און אלע אנדערע דיר אויסקושען. דערווייל אבער וועל איך אליין עס טהאן. פאר דעם פערלאנג אליין פארדיענסטו עס.

— געוואַלט ? איך וועל שרייען.

— נו, שריי זשע.

— מיין ליעבינקער, איך וועל זיך פארשעמען און גאַר ניט זאָגען. צו דען איז עס טאקע אזא גרויסע זאַך ?

— אט פאר וואָס דאָס איז אזוי וויכטיג, מיין פריינד : מיר ריידען אלץ און טהוען גאַר ניט. און דו האָסט שפעטער פאר אונז אלעמען אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דעם און פריהער פאר אלעמען באשלאָסען זיך נעהמען פאר דער זאַך —

ווערצשקאַ, איז צוגעפאלען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן מאַן'ס ברוסט און האָט זיך בעהאַלטען, — מיין ליעבער, דו לויבסט מיר צו פיעל —

דער מאַן האָט איהר א קוש געטהאָן אין קאָפּ — א קלוגע קעפּל.

— מיין ליעבינקער, הער אויף, מען טאָר דיר אפילו ניט זאגען : אַט סאַר'א מענש דו ביזט !

— איך וועל אויסהערען, רייד מיין גוטינקע.

— דו טאָרסט מיר אזוי ניט רופען !

— נו, מרשעת !

סאַרא מענש דו ביזט ! אלץ דו שטיפסט, דו הער זיך איין און זיי רוהיג, דאָ, דאַכט זיך מיר, איז די הויפּט זאַך דאָס פון אנפאנג אָן, ווען דו קלייבסט אויס ניט קיין סך מענשען, זאָלן זיי אלע זיין מענשען עהרליכע, גוטע, ניט קיין לייכט־זיניגע, ניט קיין וואַקעלדיגע, פעסטע און צו דער זעלבער צייט ווייכע, עס זאָל פון זיי ניט אויסקומען קיין פּוסטע קריגערייען און זיי זאָלען קענען אויסקלייבען אנ־דערע — ניט אמת ?

— דאָס איז ריכטיג.

איצט האָב איך געפונען דריי מיידלעך. אָך, ווי לאַנג האָב איך זיי געזוכט ! עס איז דאָך שוין חדשים דריי ווי איך באַזוך די קראָמען און מאַך בעקאַנטשאַפטען — איך האָב געפונען, אזוינע אויסגעצייכענטע מיידלאַך, און האָב זיך גוט בעקאַנט מיט זיי.

— און עס איז נויטיג, זיי זאָלען זיין גוט בעקאַנט אין זייער מלאכה ; מען דאַרף דאָך אז דאָס געשעפט זאָל געהן מיט אייגענע פאַרדיענסטען ; אלץ דאַרף דאָך זיין געגרינדעט אויפ'ן געשעפטליכען אופן.

געוויס אזוי, דאָס פאַרשטעהט זיך אליין.

— צו וואָס נאָך ווילסטו? וועגן וואָס האָסטו זיך מישב צו זיין מיט מיר?

— די איינצעלהייטען, מיין ליעבינקער.

דערצעהל די איינצעלהייטען, מן הסתם האָסטו שוין אליין אלץ ארום גע־טראכט און דו וועסט קענען זיך צופּאַסען צו די אומשטענדען! דו ווייסט אז דאָ איז וויכטיגער פאר אלץ דער פּרינציפּ, דער כאראקטער און דאס קענען. די איינצעל־הייטען וועלען שוין זיך באַשטימען אליין דורך די באזונדערע באדינגונגען פון יעדער סביבה.

— איך ווייס עס: דאָך ווען דו וועסט זאָגען אז עס איז אזוי, וועל איך פיהלען מעהר זיכער.

זיי האָבען לאַנג גערעדט צווישען זיך. לאַפּוכאוו האָט קיין זאַך ניט געפונען וואָס צו פאַרריכטען אין דער ווייבס פּלאַן; נאָר פאַר איהר אליין איז דער פּלאַן געוואָרען מעהר ענטוויקעלט, קלאָהרער דורך דעם וואָס זי האָט דעם מאַן דערצעהלט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט לאַפּוכאוו אָבגעטראַגען אין קאָנטאָר פון די „פּאָ־ליצייסקי ידיעות“ א מודעה אז וועראַ פּאַוולאַוונאַ לאַפּוכאָווא נעהמט אָן באַ־שטעלונגען אויף נייהען פרויען־קליידער, וועש א. ז. וו. „פאַר פּאַסענדע פרייזען“, א. ז. וו.

דעמזעלבען פריהמאָרגען איז וועראַ פּאַוולאַוונאַ אוועק צו זשולי, „מיין איצ־טיגען פאַמיליע נאָמען ווייס זי ניט, — זאָגט, אז פרייליין ראָזאַלסקאַיאַ“.

— מיין קינד, איהר אָהן א שלייער, אָפענערהייט צו מיר און איהר רופט אָן פאַמיליע נאָמען פאַר'ן דינער; דאס איז דאָך א משוגעת, איהר קוילעט זיך אליין, מיין קינד!

— איך בין דאָך שוין איצט פאַרהייראַט און מעג זיין וואו איך וויל און קען טהאָן וואָס איך וויל.

— אָבער אייער מאַן — ער וועט זיך דערוויסען.

— אין א שעה ארום וועט ער דאָ זיין, עס האָבען זיך אָנגעהייבען פראַגען ווי אזוי זי האָט חתונה געהאַט, זשולי איז געווען איבערגליקליך, האָט איהר ארום־גענומען, געקושט, געוויינט, ווען דער אויסברוך פון געפיהלען איז פאַרביי, האָט וועראַ פּאַוולאַוונאַ גענומען ריידען וועגען דעם ציעל פון איהר בעזוך.

— איהר ווייסט דאָך, אָן אַלטע פריינד דערמאַנט מען זיך נאָר דאַמאָלט בעת מען דאַרף פון זיי א טובה. איך האָב צו אייך א גרויסע בקשה, איך פיהר איין א

שניידער־ווארקשטאט. גיט מיר באשטעלונגען און רעקאמענדירט מיר צו אייערע בעקאנטע. איך נעה אליין גוט און העלפערקעס האב איך גוטע — איינע פון זיי קענט איהר, אין אמת'ן האט זשולי געקאנט איינע פון זיי אלס אן אויסגעצייכענטע נייטהערין. — אט זיינען מוסטערען פון מיין ארבייט, און די קלייד האב איך אויך זיך אליין געמאכט: איהר זעהט ווי עס ליגט גוט.

זשולי האט זעהר אויפמערקזאם ארומגעקוקט, ווי די קלייד ליעגט, האט ארומגעקוקט ווי דאס מיבעל און מאנשעטען זיינען אויסגענעהט און איז געבליבען צופרידען.

— מיין קינד, איהר וואלט געקאנט האבען א גרויס ערפאלג. איהר האט קענטניסע און געשמאק. אבער פאר דעם מוזט איהר האבען אן אויסגעצייכענטען מאגאזין אויף נעווסקי.

דאס וועל איך מיט דער צייט האבען: דאס וועט זיין מיין ציעל. דערווייל נעהם איך אן אן באשטעלונגען ביי זיך אין הויז — מען האט געענדיגט דאס געשעפט און זיך ווידער גענומען ריידען וועגען ווראטשקאס חתונה.

— און דער סטארעשניקאוו האט צוויי וואכען נאך דער רייזה שרעקליך געשכר'ט; נאכהער איז ער ווידער גוט פריינד געווארען מיט אדעל: ער איז א גוט הארציגער, נור א שאדען וואס אדעל האט ניט קיין כאראקטער.

ארויספאהרענדיג אויף איהר וועג, האט זשולי זיך אוועקגעלאזען פלוידערן וועגען די צולאזענקייטען פון אדעל און די אנדערע: איצט איז פריילין ראזאלסקי שוין א דאמע, און דערפאר האט זשולי געפונען פאר איבעריג זיך איינצוהאלטען; אין אנפאנג האט זי גערעדט בארעכענט, נאכהער איז זי אלץ מעהר אריין אין התלהבות און גענומען בעשרייבען די הולאנקעס מיט גרויס התפעלות און איז אוועק און אוועק. ווערא פאוולאוונא האט זיך פארשעמט, זשולי האט קיין זאך ניט געמערקט. ווערא פאוולאוונא איז געקומען צו זיך און גענומען זיך איינהערען מיט דעם שווערן אינטערעס, מיט וועלכען דו קוקסט אויף די געזיכטסציגע פון א ליבען פנים וואס זיינען פארמאוסט דורך קראנקהייט: נאר אט איז לאפאכאוו אריין. זשולי איז אין איין אויגענבליק פערוואנדעלט געווארען אין א וועלטליכע דאמע, פול פון פיינסטען טאקט. אבער אויך די ראל האט זי ניט לאנג אויסגעהאלטען, אנהויבענדיג גראטולירען לאפוכאוו'ן און זיין פרוי, אלס א שעהנהייט, האט זי זיך ווידער צוהיצט — „נאר מיר מוזען פייערן אייער חתונה" — האט געהייסען דערלאנגען א גיך

פריהשטיק און שאמפאניער. וועראטשקא האט געמוזט אויסטרינקען א האלבע גלאז לכבוד איהר חתונה, א האלבע גלאז לכבוד זשולי אליין. ביי איהר האט זיך די קאפ פארדרעהט, זי און זשולי האבען געמאכט א גערויש א געלארם, זשולי האט א קניפ געטהאן ווערטשקאן, איז אויפגעשפרונגען און זיך געלאזט לויפען, ווערטשקא — נאך איהר: מען איז געלאפען איבער די צימערן, מען איז געשפרונגען איבער די שטולען. לאפוכאוו איז געזעסען און געלאכט, געענדיגט האט זיך דערמיט, וואס זשולי האט זיך מישב געווען און זיך גענומען באריהמען מיט איהרע כחות: „איך וועל אייך אויפהייבען מיט איין האנד" — „איהר וועט ניט אויפהייבען", מען האט זיך גענומען ראנגלען,ביידע זיינען אנידער געפאלען אויפ'ן זאפע און זיך שוין געפוילט אויפצוהייבען. נאר האבען געשריען און געלאכט אזוי לאנג ביז זיי זיינען ביידע איינגעשלאפען.

זייט א לאנגער צייט איז עס געווען דער ערשטער פאל, וואס לאפוכאוו האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן, זיי וועקען? א שאדען, די פריילּיכע באגעגעניש וועט איבערגעפיהרט ווערן דורך א ניט פאסיגען סוף. ער האט פארזיכטיג זיך אויפגעהויבען, זיך דורכשפאצירט איבערן צימער: טאמער וועט ער געפינען א בוך. און ער האט טאקי געפונען א בוך — א העכסט „פיקאנטע" בעשרייבונג; זיך אוועקגעזעצט אין צווייטען עק צימער, גענומען לייענען און איז אין א פערטעל שעה ארום אליין איינגעשלאפען פון לאנגווייליגקייט.

אין א צוויי שעה ארום, פאלינא האט אויפגעוועקט זשולי, עס איז געווען צייט צו עסען מיטאג. מען האט זיך געזעצט אליין אהן סערזשען, וועלכער איז געווען איינגעלאדען עפעס צו זעהר א פארנעם מיטאג; זשולי און ווערטשקא האבען ווידער זיך צושריען און ווידער געווארען ערנסט. ביים געזעגענען זיך זיינען זיי געווארען גאר ערנסט און זשולי איז איינגעפאלען א פרעג צו טהאן — פריהער האט זי וועגען דעם גארניט געטראכט — צו וואס דארף זי א ווארקשטאט? אויב זי וויל געלד איז דאך פאר איהר פיעל לייכטער צו ווערן אן אקטריסע אדער א זינגערין: זי האט א שטארקע שטים, לכבוד דעם האט מען זיך ווידער אוועקגעזעצט, ווערטשקא האט גענומען דערצעהלען איהרע געדאנקען און זשולי איז ווידער געקומען אין התפעלות און עס האבען זיך געהערט ווינשעוואניעס, געמישט מיט אכטשעניש וואס זי זשולי לע־טעליע איז א פערלארענע פרוי — און טרעהרען, דאך זי ווייס, וואס אזוינס טוגענד איז — און ווידער טרעהרען, און ארומנעהמעניש און ווינשעוואניעס.

אין א טאָג פֿיער ארום איז זשולי געקומען צו ווערא פּאווּלאָווּנא, איבערגעבען א רעכטע ביסעל באַשטעלונגען פאר זיך און אן אדרעס׳ן פון עטליכע איהרע חבר׳טעס, פון וועלכע מען קאָן אויך באַקומען באַשטעלונגען. זי האָט מיט זיך געבראַכט סערזש׳ן, ערקלעהרענדיג אז אָהן דעם קען מען ניט, לאַפּוּכאָוו איז ביי מיר געוועזען, דו דארפסט איצט איהם אָבגעבען א וויזיט. זשולי האָט זיך געהאַלטען אַנשטענדיג און אויסגעהאַלטען אַזוי ביז צו ענד, כאָטש זי איז אָבגעזעסען ביי לאַפּוּכאָווס גאַנץ לאַנג; זי האָט געזעהן אז דאָ זיינען ניט קיין ווענט, נאָר דינינקע ברעטלאַך און זי האָט געוואוסט ווי צו שאַנעווען א פרעמדען נאָמען. אין אַזאָרט איז זי ניט אריין, נאָר איז גיכער אריינגעפאַלען אין א פּאַעטישע שטימונג מיט גרויס אינטערעס אריינדרינגענדיג אין אלע איינצעלהייטען פון די לאַפּוּכאָווס אַרימען לעבען און געפינענדיג אז טאקי אַזוי דאַרף מען לעבען, אז אַנדערש טאָר מען גאָר ניט לעבען, אז נור אין א בעשיידענער וואָהנונג איז מעגליך דאָס אמת׳ע גליק און האָט זאָגאָר ערקלעהרט סערזשען — אז זיי וועלען צוזאמען אוועקפאָהרען אין דער שווייץ, וועלען זיך באַזעצען אין א קליין הייזעל צווישען פעלדער און בערג, אופן ברעג פון אן אזערע, וועלען איינער דעם אנדערן ליעבען, וועלען כאַפּען פיש און אויפּפאַסען אויף זייער גאָרטען. סערזש האָט געענטפערט אז ער איז אין גאַנצען מסכים, נאָר ער וועט זעהן וואָס זי וועט זאָגען אין א שעה דריי־פֿיער ארום.

דער גערויש פון זשולים אויסגעפוצטער קאַרעטע און די טריט פון איהרע וואונדערבאַרע פערד האָבען ארויסגערופען א געוואַלטיגען איינדרוק ביי דער בעפעלקערונג פון דער דריטער ליניע צווישען מיטעלסטען און קליינעם פּראָספּעקט, וואו מען האָט אַזוינס ניט געזעהן, וויינינגסטענס, זינט די צייטען פון פּיאָטר דעם גרויסען, אויב ניט פריהער. א סך אויגען האָבען געקוקט, ווי אַזוי די וואונדערבאַרע ערשיינונג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די פערמאַכטע טויערן פון א קליינעם איינאָטאַזשנער הילצערנער הייזעל מיט 7 פענסטער, ווי פון דער וואונדערבאַרע קאַרעטע איז ארויס נאָך מעהר וואונדערבאַרע באַשעפעניש, א פּרעכטיגע דאַמע מיט א גלענצענדען אָפיציר, וועמעס וויכטיגע גרויסקייט איז פאַר קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען. אן אלגעמיינעם פאַרדרוס האָט ארויסגערופען דאָס וואָס אין א מינוט ארום האָבען די טויערן זיך געעפענט און די קאַרעטע איז אריינגעפאָהרען אין הויף: דער עולם האָט פאַרלאָרען די האָפענונג צו זעהן א צווייטען מאָל די וואַזשנע דאַמע און דעם גרויסאַרטיגען אָפיציר ביים פאָהרען צוריק. ווען דאַני־

ליטש איז געקומען צוריק אהיים פון זיין האנדעל, האט פעטראווא געהאט מיט איהם אזא זארט געשפרעך.

פעטראוויטש, ווי עס ווייזט אויס זיינען אונזער פאר פאלק פון זעהר הויכע פענסטער, עס זיינען געקומען צו אונז א גענעראל מיט א גענעראלשע, די גענעראלשע איז אזוי אנגעטהאן, אז מען קען גאר ניט איבערדערצעהלען און דער גענעראל האט צוויי שטערנס —

ווי אזוי פעטראוונא האט געזעהן אויף סערזש'ן צוויי שטערנס, כאטש ער האט זיי גאר ניט געהאט און ווען ער וואלט זיי אפילו געהאט וואלט ער זיי אויך ניט געטראגען בעת ער פאהרט אין דיענסט פון זשולי'ן, דאס איז א גרויס וואונדער; אבער אז זי האט זיי באמת געזעהן און האט קיין טעות ניט געהאט און באריהמט זיך ניט, דאס זאגט זי אליין עדות און איך בין ערוב אז זי האט עס געזעהן. מיר ווייסען טאקי אז קיין שטערנס האט ער ניט געהאט; אבער ער האט געהאט אזא וואזשנעם אויסזעהן אז לויט פעטראוואס שטאנדפונקט, האט מען אויף איהם גע־מוזט זעהן צוויי שטערנס — און אזוי האט זי עס טאקי געזעהן, איך מיין ניט קיין שפאס; זי האט טאקי געזעהן.

— און אויף דעם לאקאי, וואס פאר א טייערע ענגלישע טוך, 5 רובעל א ארשין; ער איז אזא בייזער, א וואזשנער, אבער העפליך, ענטפערט; האט גע־לאזען פרובירען דעם ארבעל, אויסגעצייכענטע טוך, מען זעהט אז אין געלד באט מען זיך. און געזעסן זיינען זיי, דאניליטש, ביי אונזערע א שעה צוויי און אונזערע ריידען מיט זיי איינפאך, אט ווי איך מיט דיר, פארבייגען זיך ניט פאר זיי, לאכען מיט זיי; און אונזערער זיצט מיט'ן גענעראל,ביידע פארגאנדערגעלייגט אין די שטולען און רייכערן און אונזערער רייכערט פאר דעם גענעראל אין די אויגען; און וואס ווילסטו מעהר? — דער פאפיראס האט זיך פארלאשען, האט ער גענומען ביים גענעראל און פארדרייכערט זיינס, און מיט וואס פאר א כבוד דער גענעראל האט עס א קוש געטהאן די הענטעל ביי אונזערע, קען איך גאר ניט אויסדער־צעהלען, ווי זאל מען דאס אלץ פארשטעהן, דאניליטש?

— אלץ איז פון גאט — אזוי דענק איך; הייסט עס אז די בעקאנטשאפט אדער קרבה'שאפט איז אויך פון גאט.

— דאס איז טאקי אזוי, פון גאט, דאס איז געוויס; אבער איך דענק אז ענטווידער זי אדער ער זיינען ענטווידער א ברודער אדער א שוועסטער צום גענע־

ראַל אָדער צו דער גענעראַלשע, און מען מוז מודה זיין: איך מיין אַז גיכער איז זי אַ שוועסטער דעם גענעראַלס.

— אַזוי קומט עס אויס נאָך דיין מיינונג? ניין, ניט ענלעך אויף דעם, ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלטען זיי געהאַט געלט.

— פאַרשטעהסטו, דאַנילישׁ, ענטוועדער האָט די מוטער אָדער דער פאָטער איהר געהאַט פון אַ לינקען שדוך, ווארום דער פּנים איז גאָר אַן אַנדערער; זיי זיינען טאַקי ניט ענליך איינער אויפ'ן אַנדערן.

— דאָס קען פּאַסירען, פּעטראָוונא, אַז פון אַ לינקען שדוך, עס פּאַסירט.

אין אַ משך פון פיער טעג האָט פּעטראָוונא דורך דעם באַקומען אַ גרויס בע־דייטונג און איהר קרעמל האָט אָבגעצויגען אויף גאַנצע דריי טעג דעם עולם פון דער אַנטקעגנדיגער קרעמל. פּעטראָוונא האָט אין די טעג, אויס אינטערעס פון אויפ־קלעהרונג, זאָגאר פאַרנאַכלעסיגט איהר העפּטען זאַקען, באַפרידיגענדיג אַלעמענס נייגעריגקייט.

דער פּועל יוצא פון דאָס אַלץ איז געווען, וואָס אין אַ וואָך אַרום האָט זיך פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטש באַוויזען ביי דער טאַכטער און איידים.

מאַריאַ אַלעקסעיעוונא האָט געקליבען ידיעות וועגען דעם לעבען פון דער טאָכטער און דעם מערדער — ניט שטענדיג און ניט מיט גרויס זאָרגזאַמקייט, נאָר סתם אַזוי, מעהר צוליעב דעם אינסטינקט פון וועלן וויסען וואָס עס טהוט זיך. איינע פון איהרע וויינינער מכובד'יגע איינגעהעריגס וואָס האָט געוואָהנט אויף וואַסי־לעווסקי האָט באַקומען דעם באַפעהל זיך נאָכצופרעגען וועגען ווערא פּאַוולאָוונא ווען איהר פלעגט אויסקומען פאַרבייצוגעהן. און יענע פלעגט איהר שוין צושטעלען ידיעות, אָפּט איינמאָל אַ חודש, אַ מאָל עפּטער, ווי עס פלעגט זיך מאַכען. לאָפּו־כאָוום לעבען צווישען זיך גוט, קיין אויסגעלאַסענקייט מערקט מען ניט. נאָר איין זאַך: אַ סך יונגע לייט קומען צו זיי, און אַלץ מאַנסביל'ן־פריינד, באַשיידענע מענשען. זיי לעבען ניט רייך, נאָר געלד, ווייזט אויס, האָבען זיי. זיי פאַרקויפען קיין זאַך ניט, זיי קויפען נאָך צו זאַכען, זי האָט זיך אויפגענייט צוויי זיידענע קליידער. זיי האָבען געקויפט דורך אַ געלעגענהייט צוויי זאָפעס, אַ טיש, אַ האַלב דוצענד שטולען; זיי האָבען באַצאָלט אין גאַנצען 40 רובעל, אָבער די מעביל איז גוטע, איז ווערטה 100 רובעל. זיי האָבען אָנגעזאָגט די בעלי־בתים דאָס זיי זאָלען זוכען נייע קוואַטיראַנטען; מיר — האָבען זיי ערקלעהרט — וועלען אין אַ חודש אַרום אַריבערפאַהרען אין אַן אייגענער וואָהנונג און מיר זיינען אייך. דאָס הייסט

די איצטיגע בעלי־בתים זעהר דאַנקבאַר פאַר אייער גוט־פריינדשאפט. און די בעלי־בתים ענטפערן: מיר מיט אייך זיינען אויך צופרידען.

מאַריא אלעקסעיעוונא האָט זיך געטרייסט מיט די ידיעות. זייענדיג זעהר א גראָבע נאַטור און זעהר א שלעכטע פרוי, האָט זי געמאַטערט די טאָכטער, און איז געריים געווען איהר דער׳הרג׳ענען און עוקר מן השורש זיין צוליעב איהרע אייגענע נוצען, זי האָט איהר פאַרשאַלטען ווען זי האָט דערזעהן אז פון אלע איהרע פּלענער רייך צו ווערן דורך איהר איז גאָר נישט געוואָרען — דאָס אלץ איז טאַקי אמת; אָבער צו הייסט עס אז זי האָט קיין שום ליעבע צו דער טאָכטער ניט געפיהלט? בשום אופן ניט, די זאַך איז דאָך שוין געווען אן אָבגעטהאָנענע: די טאָכטער האָט אויף אלע מאָל שוין זיך ארויסגעריסען פון איהרע הענט, וואָס זשע האָט מען איצט געקאָנט מאַכען? וואָס איז פון וואָגען אראָבגעפאַלען, דאָס איז פאַרפאַלען. זי איז דאָך פאָרט א טאָכטער, און איצט, ווען עס איז שוין מעהר ניט געווען קיין גע־לעגענהייט אז וועלכער עס איז א שאָדען פון ווערא פּאַוולאָוונא זאָל ברייננגען נוצען, איהר, מאַריא אלעקסעיעוונא, איצט האָט זי באמת געוואונשען דער טאָכטער גוטעס. און עס קען טאַקי זיין אז זי האָט גאַנץ שטאַרק אויך דאָס ניט געוואונשען. דאָך וואָס איז די נפקה מינא? יעדענפאַלס האָט זי ניט זעהר שטאַרק געשפּיאָנעוועט נאָך דער טאָכטער, מיטלען ווי נאָכצוקוקען נאָך דער טאָכטער זיינען אַנגענומען געוואָרען פריהער אזוי זיך, וואָרום איהר פאַרשטעהט דאָך אליין אז גאָר ניט נאָכקוקען קען מען דאָך אויך ניט: נו און גוטעס האָט זי דער טאָכטער גע וואונשען אויך סתם אזוי, וואָרום דאָך פאָרט א טאָכטער, פאַר וואָס ניט גוט ווערן? ובפרט נאָך אז דער מערדער דער איידים איז קענטיג א גרינדליכער מענש, קען זאָגאַר צונוץ קומען מיט דער צייט; אָט אויף אזא אופן איז מאַריא אלעקסעיעוונא ביס־לעכווייז דערגאַנגען צו דעם געדאַנק פון דאָס נייע אויפצונעהמען די בעציהונגען מיט דער טאָכטער, עס וואַלט, וואהרשיינליך, געווען נויטיג נאָך א האַלב יאָהר, זאָגאַר א יאהר אום צו דערגעהען אזוי ווייט עס איז ניט געווען נויטיג זיך שטאַרק צו איילען, עס האָט צייט. אָבער די נייעס וועגען דעם גענעראַל און די גענעראַלשע האָט מיט אַמאָל א רוק געטהאָן פאָרווערטס די געשיכטע וואָס איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן האַלבען וועג. דער מערדער איז באמת געווען א דורכגעטריבענער יונג; א געוועזענער סטודענטל אָהן א טשין מיט צוויי גראָשען פאַרמעגען איז געוואָרען א גאַנצער מחותן מיט א יונגען גענעראַל, דאָס הייסט מיט זעהר א וויכטיגען און רייכען

און האָט בעפריינדעט זיין אייגענע ווייב מיט יענעמס ווייב; אזא מאן וועט ווייט אוועקגעהן, אָדער זאָל עס ווערא זיך האָבען בעפריינדעט מיט דער גענעראַלשע און דעם מאן צוזאַמענגעבראַכט נאָהענט מיט'ן גענעראל? אלץ איינס, יעדענפאַלס בעווייזט עס אז ווערא וועט ווייט אוועקגעהן.

און אזוי האָט פּאַסירט אז ווי נאָר עס זיינען צו איהר דערגאַנגען די ידיעות וועגען וויזיט — איז דער פּאַטער געשיקט געוואָרען צו ערקלעהרען דער טאָכטער אז די מוטער האָט איהר מוחל געוועזן און רופט איהר צו זיך. ווערא פּאַוולאָוונא און איהר מאן זיינען אוועק צוזאַמען מיט פּאַוועל קאָנסטאַנטיניטשען און זיינען אָבגעזעסען דער אָנפאַנג אָבענד, די באַגעגעניש איז געוועזן א קאַלטע און אנגעצויגענע. מען האָט גערעדט מעהר ווי אלץ וועגען פעדיא, ווארום דאָס איז ניט קיין אָנגעוויי־טאָגטע זאַך, ער איז געגאַנגען אין גימנאַזיע; האָט מען איינגערעדט מאַריא אלעקסעיעוונא איהם אוועקצושיקען אויף פּענסיאָן אין גימנאַזיע. דימיטרי סער־געאיטש וועט איהם ברייגגען דאָרטען און אין די יום־טובים וועט ווערא פּאַוולאָוונא איהם נעהמען צו זיך. מען האָט ווי עס איז דערצויגען די צייט ביז צו טיי און דאַן זיך שנעל געזעגענט. לאָפּוכאָווס האָבען געזאָגט אז זיי ערוואַרטען היינט געסט.

א האַלב יאהר האָט ווערא פּאַוולאָוונא געאָטעמט מיט ריינע לופט; איהר ברוסט איז שוין אין גאַנצען געוועזן אָבגעוויינט פון דער שווערער אטמאָספערע פון ביטרע ווערטער, פון וועלכע יעדע איינע ווערט ארויסגעזאָגט מיט עפּעס א מיין, פון גנבה'שע געדאַנקען, נידעריגע פּלענער און דער קעלער האָט אויף איהר א שרעקליכען איינדרוק געמאַכט: שמוץ, פאַלשקייט, ציניזם פון כל המינים — דאָס אלץ האָט זיך איצט איהר געוואָרפען אין די אויגען מיט דער שאַרפקייט פון גאָר א נייע זאַך.

„ווי אזוי האָב איך געהאַט כחות צו לעבען אין אזא מיאוס'ען דרוק? ווי אזוי האָב איך געקאָנט אטהעמען אין דעם פּאַדוואַל? און איך האָב ניט נאָר געלעבט דאָרט, נאָר זאָגאר געזונד געקליבען, דאָס איז וואונדערבאַר, ניט צו בעגרייפען. ווי אַזוי האָב איך דאָ געקאָנט אויסוואַקסען האָבענדיג ליעב גוטעס? ניט צו פאַר־שטעהן, ניט צו גלויבען" — אזוי האָט געטראַכט ווערא פּאַוולאָוונא זיך אומקעה־רענדיג צו זיך אהיים און זי האָט געפיהלט ווי ז יוואָלט דעם אטהעם אבכאַפּען נאָך אַן אַנפאַל פון דערשטיקונג.

ווען זיי זיינען אהיים נעקומען, זיינען באַלד צו זיי געקומען די געסט וועלכע זיי האָבען ערוואַרטעט — די דאַמאַלטיגע געוועהנליכע געסט: אלעקסיי פּעטראָ־

וויטש און נאטאליא אנדרעיעוונא, קירסאנאוו — און דער אבענד איז אוועק אזוי ווי ער פלעגט געוועהנליך פארבייגעהן מיט זיי. ווי דאפעלט אנגענעהם האט ווערא פאוולאוונא אויסגעוויזען איהר נייער לעבען מיט די ריינע געדאנקען אין דער געזעלשאפט פון מענשען. ווי געוועהנליך איז געפיהרט געווארען א פרעהליכער געשפרעך מיט א סך מיינונגען; געפיהרט געווארען איז אויך אן ערנסטער געשפרעך וועגען אלץ אין דער וועלט: אנהויבענדיג פון די דאמאלדיגע היסטארישע פאסירונגען (דער ברודער קריעג אין קענזאס, וואס איז געוועזן דער אנזאגער פון דעם גרויסען קריעג צווישען דרום און צפון, וואס איז געוועזן דער גרויסער אנזאגער פון נאך גרעסערע פאסירונגען ניט אין אמעריקא אליין, האט אינטערעסירט דעם קליינעם קרייז; איצט ריידען וועגען פאליטיק אלע; דאמאלט האבען נאר גאנץ ווייניג מענשען זיך דערמיט אינטערעסירט; צווישען זיי — לאפוכאוו, קירסאנאוו און זיינע פריינד) ביז דעם דאמאלדיגען סכסוך מכח די כעמישע יסודות פון ערד ארבייט לויט ליעבוך'ס טעאריע; און וועגען די געזעצען פון היסטארישען פארשריט אהן וועלכע עס פלעגט ניט דורכגעהן קיין איין געשפרעך אין אזוינע קרייזלאך; און וועגען דער גרויסער וויכטיגקייט פון קענען אונטערשיידען צווישען די רעאלע פערלאנגען, וועלכע זוכען און געפינען א בעפרידיגונג און יענע פאנטאסטישע פערלאנגען, וואס געפינען ניט און דארפען ניט געפינען קיין באפרידיגונג, יענע פערלאנגען וואס זיינען ווי א דורשט אין צייט פון היץ און וואס קענען געפינען א בעפרידיגונג נור דורך איין אופן: דורך דעם וואס דער ארגאניזם זאל אויסגעהיילט ווערן פון דעם קראנקהאפטען צושטאנד וואס רופט ארויס אזוינע ניט געזונטע פערלאנגען, וועגען דאס אלץ און פון עהנליכע פראגען האט מען ארומגערעדט. די דאמען האבען אביסעל זיך צוגעהערט צו די געלעהרטע געשפרעכען און זאגאר אריינגעמישט זייערע פראגען—אבער דאס רוב האבען זיי אפילו ניט צוגעהערט זיך און זאגאר אפגעשפריצט מיט קאלטע וואסער לאפוכאוו'ן און אלעקסיי פעטראוויטש'ן ווען זיי זיינען געקומען אין גאר גרויסע התפעלות מכח דער גרויסער וויכטיגקייט פון מינעראל מיסטיגונג; אבער אלעקסיי פעטראוויטש און לאפוכאוו האבען מיט גרויס פעסטיגקייט זיך געהאלטען אן זייער געליעבטען געשפרעך. קורסאנאוו האט זיי ווייניג וואס געהאלפען, און איז מעהר געוועזן אויף דער זייט פון די דאמען און זאלבע דריט האבען זיי געשפיעלט, געזונגען און געלאכט ביז שפעט אין דער נאכט. און ווען זיי זיינען שוין גאר פארמאטערט געווארען האבען זיי ענדליך

פאַרנאַנדער גענומען דיביידע ליעבהאבער פון ערנסטע געשפּרעכען.

3.

וועראַ פּאַוולאַוונאַס צווייטער חלום.

און וועראַ פּאַוולאַוונאַ שלאָפט און איהר חלום'ט זיך אַ חלום:

אַ פעלד און איבערן פעלד געהן ארום איהר מאַן, דאָס הייסט דער ליעבינקער און אַלעקסיי פּעטראָוויטש. און דער ליעבינקער זאָגט: „איהר ווילט וויסען, אַלעקסיי פּעטראָוויטש, פאַר וואָס פון איין זאָרט בלאָטע וואַקסט ארויס ווייץ, אַזאַ ווייסער ריינער, צערטליכער און פון צווייטען זאָרט בלאָטע וואַקסט קיין תבואה ניט? דעם אונטערשייד וועט איהר באַלד אַליין איינזעהן. דערלאַנגט אַ קוק אויפ'ן וואָרצעל פון אָט דעם שיינעם זאַנג: ארום וואָרצעל איז בלאָטע, מען קען זאָגען, ריינע בלאָטע; איהר שמעקט: עס איז אַ נאַסער, ניט אַנגענעהמער רח, אָבער ניט קיין פארשטיקטער, ניט קיין פאַרזייערטער. איהר ווייסט אַז אויף דער שפּראַך פון פילאָסאָפיע, אויף וועלכער מיר ריידען מיט אייך, הייסט אָט די ריינע בלאָטע— רעאַלע בלאָטע. אמת זי איז שמוציג; אָבער קוקט זיך גוט צו וועט איהר זעהן אַז אַלע עלעמענטען פון וועלכע זי באַשטעהט זיינען פאַר זיך אַליין געזונד — פון זיי ווערט בלאָטע, נאָר בעת זיי זיינען צוזאַמענגענומען, אָבער זאָל נאָר אביסעל זיך איבעראַנדערשען דער סדר אין וועלכער די אַטאָמען זיינען פאַראייניגט און עס וועט ארויסקומען אַ גאַנץ אַנדער זאַך: און אַלעס אַנדערע וואָס וועט אויסקומען וועט אויך זיין געזונד, ווארום די גרונד עלעמענטען זיינען געזונטע. פון וואַנעט נעהמט זשע זיך דער געזונטער כאַראַקטער פון אָט דער בלאָטע? דערלאַנגט אַ קוק אויף דער לאַגע פון אָט דער פעלד: איהר זעהט, אַז די וואַסער האָט וואו ארויסצורינען און דערפאַר קען דאָ ניט פוילען — יאַ, בעוועגונג הייסט ווירקליכקייט, זאָגט אַלעקסיי פּעטראָוויטש, ווארום באַוועגונג איז לעבען און ווירקליכקייט זיינען איינס און דאָס זעלבע. אָבער לעבען האָט אַלס זיין הויפּט עלעמענט ארבייט און דערפאַר איז דער הויפּט עלעמענט פון ווירקליכקייט — ארבייט. און דער בעסטער סמן פון ווירקליכקייט, איז טהעטיגקייט.

— אָט אַזוי, אַלעקסיי פּעטראָוויטש, וועט איהר זעהן, ווען די זון וועט אַנהויבען אַנצוואַרעמען אָט די בלאָטע און די וואַרימקייט וועט אַנהויבען איבערשטעלען

איהרע עלעמענטען אין מעהר פארוויקעלטע כעמישע פאראייניגונגען ד. ה. אין די פאראייניגונג פון העכערע פאָרמען, דאמאלט וועט דער זאנג וואָס וועט ארויסוואקסען פון דער פאראייניגונג זיין א געזונטער זאנג.

— יא, ווייל דאָס איז די בלאטע פון רעאלען לעבען, זאָגט אלעקסיי פעטראָוויטש.

איצט זאָלען מיר אריבער אויף דער פעלד. זאָלן מיר דאָ אויך נעהמען א געוויקס, זאָלן מיר אויך ארומקוקען זיין וואָרצעל, ער איז אויך פארבלאטיגט. קוקט זיך צו צו דעם כאראקטער פון אָט דער בלאטע. עס איז ניט שווער צו באמערקען, אז דאָס איז א צופוילטע בלאטע.

— דאס הייסט א פאנטאסטישע בלאטע — ריידענדיג אין דער וויסענשאפטליכער שפראך, זאגט אלעקסיי פעטראָוויטש.

— יא פון דאָס פוילען פון די עלעמענטען, אויב מיר ווילען זיך צוקוקען צו דער לאגע פון אָט דער פעלד. איהר זעהט, דאָס וואסער האָט ניט וואו ארויסצורינען פון איהר, דערפאר ווערט עס פארדעמפפט און עס הויבט אָן צו פוילען.

— יא די עלעמענטען פון דער בלאטע געפינען זיך אין א ניט געזונטען צושטאנד. נאטירליך אז ווי מען זאל זיי ניט איבערשטעלען און ווענדען זאכען עס זאלן ניט ארוים פון זיי, אזוינע וואס זיינען ניט ענליך אויף בלאטע, וועלן די אלע זאכען זיין ניט קיין געזונטע, שלעכטע.

יא ווייל די עלעמענטען אליין זיינען ניט קיין געזונטע, זאגט אלעקסיי פעטראָוויטש. אונז וועט ניט שווער זיין צו ענטדעקען די אורזאכען פון דער ניט געזונטקייט.

דאס הייסט, פון דעם פאנטאסטישען פוילען, זאגט אלעקסיי פעטראָוויטש.

— יא, דאָס פעהלען פון בעוועגונג הייסט דאָס פעהלען פון ארבייט — זאגט אלעקסיי פעטראָוויטש, ווארום ארבייט איז אין דעם. אנטראָפּאלאָגישען אנאליז די גרונד פאָרמע פון בעוועגונג, וואָס גיט דעם יסוד און דעם איינהאלט פאר אלע אנדערע פאָרמען: אונטערהאַלטונג, רוהע, פארגניגען, פרייד; אהן די פאָרוים געהענדע ארבייט האָבען זיי אלע קיין ממשות ניט. און אָהן בעוועגונג איז ניטאָ קיין לעבען, ד. ה. קיין ממשות ניט און דערפאר איז עס א פאנטאסטישע בלאטע, דאָס הייסט אזאָ וואָס פוילט. ביז ניט לאנג צוריק האָט מען ניט געוואוסט ווי צו געבען צוריק געזונד צו אזוינע פעלדער; איצט אָבער האָט מען ענדעקט א מיטעל; דאָס איז

די קונסט אויסצוטריקענען נאסע געגענדען: דאס איבעריגע וואסער לויפט אונטער אין די קאנאוועס; עס בלייבט אזוי פיעל וואסער ווי פיעל מען דארף און דאס דאַזיגע וואסער באוועגט זיך און די פעלד באקומט א ממשות. אבער אזוי לאנג ווי דאס מיטעל וועט ניט געברויכט בלייבט די בלאטע א פאנטאסטישע ד. ה. א פוילע און עס קען אויף איהר ניט וואקסען קיין גוטע געוויקסען, בעת עס איז גאנץ נאטירליך וואס אויף דער ממשות'דיגער בלאטע קומען אויף גוטע געוויקסען, ווארום עס איז א געזונטע בלאטע. דאס איז עס וואס עס איז נויטיג געווען צו בעווייזען אַ—ע—אַ־א—דום — ווי מען זאגט אויף לאטיין.

— ווי עס הייסט אויף לאטיין „וואס עס איז נויטיג געווען צו בעוויזען" — דאס האט ווערא פאוולאוונא ניט געקאנט געבוי הערן.

— און איך, אלעקסיי פעטראוויטש, האט נאך אלץ ניט דערעסען זיך אבצור געבען מיט לאטיין און פאליטיק, זאגט דער ליעבינקער, ד. ה. דער מאן.

ווערא פאוולאוונא געהט צו צו זיי און זאגט: גענוג שוין ריידען וועגען אייערע אנאליזען, פערגלייכונגען, און אנטראפאלאגיעס, נעהמט זיך בעסער פאר וואס עס איז אנדערש, איך זאל אויך קענען אנטייל נעהמען אין געשפרעך; אדער נאך בעסער, לאמיר נעהמען שפיעלען.

— זאלן מיר שפיעלען, זאגט אלעקסיי פעטראוויטש, זאלן מיר ודוי טהאן איינער פאר די אנדערע.

— אדרבא, דאס וועט זיין זעהר פרעהליך, זאגט ווערא פאוולאוונא — אבער איהר זייט אויף דעם פלאן געפאלען, דארפט איהר דער ערשטער ווייזען א בײשפיעל און עס טהאן.

— מיט פארגניגען, שוועסטער מיינע, זאגט אלעקסיי פעטראוויטש — אבער ווי אלט זייט איהר מיין ליעבע שוועסטער, אכצעהן יאהר?

— עס וועט שוין באלד ווערן ניינצעהן.

— דערווייל אבער נאך ניט. זאלן מיר זאגען אכטצעהן, וועלן מיר אלע האלטען דעם ודוי ביז אכטצעהן יאהר, ווארום אלע דארפען זיך געפינען אין גלייכע בעדינגונגען, איך וועל מיין ודוי זאגען פאר זיך אליין און פאר מיין פרוי. מיין טאטע איז געווען א שמש אין א גובערנסקע שטאדט און דערצו זיך באשעפטיגט מיט איינבינדעריי און מיין מוטער האט געהאלטען שילער פון סעמינאריע אויף לאזשי. פון פריהמארגען ביז אין דער נאכט פלעגען מיין טאטע־מאמע האלטען אין

איין פאַרערען און ריידען וועגען דאָס שטיקעל ברויט. דער טאַטע פלעגט מאַכען א כוס, אָבער נאָר דאַמאָלט ווען ער פלעגט שוין ניט קענען איבערטראַגען די נויטה — דאָס איז א ממשות'דיגע צרה, אָדער ווען עס פלעגט זיך מאַכען א גוטע הכנסה; דאַמאָלט פלעגט ער אוועקגעבען דער מוטער דאָס גאַנצע געלד און פלעגט זאָגען: „נו, מאַמעלע, איצט וועסטו, מיט גאָטס הילף, צוויי חדשים קיין נויטה שוין ניט אָנזעהן; זיך האָב איך געלאָזען א האַלבען רובעל, לכבוד דער שמחה, וועל איך מאַכען א שנאַפס" — דאָס איז א ממשות'דיג שמחה. מיין מוטער פלעגט אָפט זיך בייזערן, אמאָל מיר אויך אָנשלאָגען, אָבער נאָר דאַמאָלט ווען ביי איהר פלעגט, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, דער רוקען אין שטיקער צופאַלען, פון שלעפען די אַש־טעפּ, מיט טשיגונעס, פון וואַשען וועש פאַר אונז פינף און פינף סעמינאַריסטען — קוואַרטיראַנטען, פון וואַשען די פאַדלאָגעס, וואָס פלעגען פאַרבלאָטיגט ווערן פון אונזערע צוואַנציג פיס אָהן קאַלאָשען און פון אַרום געהן אַרום דער קוה: דאָס איז א ממשות'דיגער כעס, וואָס קומט פון די אנגעשטרענגטע נערווען דורך די שווערע אַרבייט אָהן אַן אָברוה; און ווען ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלץ פלעגט מען „א ברעג מיט א ברעג ניט קענען צוזאַמענשטוקעווען" ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, ד. ה. עס איז ניט געווען קיין געלד צו קויפען שטיוועל פאַר וועמען עס איז פון די ברידער, אָדער שיך פאַר וועמען עס איז פון די שוועסטער — דאַמאָלסט פלעגט זי אונז שלאָגען. זי פלעגט אונז אויך לאַשצענען, ווען מיר כאַטש נאַריש קינדער, פלעגען זיך אַליין אָנשלאָגען איהר צו העלפען ביי דער אַרבייט, אָדער ווען מיר פלע־גען טהאָן עפּעס אַן אַנדער קלוגע זאַך, אָדער ווען איהר פלעגט זיך איינגעבען א זעלטענע מינוט זיך אָבצורוהען און „דער רוקען פלעגט איהר אָבלאָזען", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט — דאָס אַלץ זיינען ממשות'דיגע שמחות...

— נו געגנוג שוין מיט אייערע ממשות'דיגע פריידען און ליידען — זאָגט ווערא פּאַוולאַוונאַ.

— אויב אזוי, טו הערט אויס דעם ודוי פאַר נאַטאַשען.

— איך וויל גאָר ניט הערן, זי האָט אזעלכע ממשות'דיגע פריידען און ליידען ווי איהר, איך ווייס עס. — גאַנץ ריכטיג.

— אָבער וועט אייך אינטערעסאַנט זיין אויסצוהערען מיין ודוי? זאָגט סערוש, וואָס האָט זיך מיט אמאָל פון וואַנעט עס איז גענומען.

— לאָמיר אָקאָרשט הערן, זאָגט ווערא פּאַוולאַוונאַ.

— מיין פאטער און מוטער, כאטש רייכע לייט, האבען אויך שטענדיג גע־פאדערט וועגען געלט; די רייכע לייט זיינען אויך ניט פריי פון זארג מכח געלט....

— איהר ווייסט ניט, ווי אזוי ודוי האלטען, זאגט פריינדליך אלעקסיי פעט־ראוויטש, איהר זאגט אקארשט פאר וואס האבען זיי געפאדערט וועגען געלד, וועלכע הוצאות האבען ביי זייארויסגערופען זארג, וועלכע בעדארפען האבען זיי געזוכט צו באפרידיגען?

— געוויס, איך פארשטעה, צו וואס איהר פרעגט; דאך זאלן מיר אוועקלאזען די פראגע, און זאלן מיר זיך נעהמען פאר דער צווייטער זייט פון זייערע געדאנקען. זיי האבען אויך געזארגט וועגען זייערע קינדער.

— און א שטיקעל ברויט איז געווען פארזארגט פאר זייערע קינדער? פרעגט אלעקסיי פעטראוויטש

— געוויס, אבער מען האט געדארפט זעהן באזארגען אז זיי...

— רעדט ניט ווייטער, סערוש! האט אלעקסיי פעטראוויטש איהם איבער־געהאקט די רייד — מיר ווייסען אייער געשיכטע: זארג וועגען זאכען וואס זיינען איבעריג, געדאנקען וועגען זאכען וואס זיינען ניט נויטיג — אט דאס איז דער גרונד אויף וועלכען איהר זייט אויסגעוואקסען; דאס איז א פאנטאסטישער גרונד. און דערפאר דערלאנגט א קוק אויף זיך אליין: פון נאטור ניט קיין נארישער מענש און זעהר א גוטער, פילייכט ניט נארישער און ניט ערגער פאר אונז, אויף וואס טויגט איהר, מיט וואס זייט איהר נוצליך?

— איך טויג אויף דעם, צו בעגלייטען זשולין איבעראל, וואו זי נעהמט מיר מיט זיך — נוצליך אויף דעם, אז זשולי זאל קענען הולענען; ענטפערט סערזש.

— דערפון זעהן מיר, זאגט אלעקסיי פעטראוויטש, אז א פאנטאסטישער אדער ניט געזונטער גרונד...

— אך, ווי איהר האט דערעסן מיט אייער ממשות'דיגע און פאנטאסטישע! שוין לאנג ווי מען פארשטעהט עס און זיי האלטען אין איין ריידען וועגען דעם! — זאגט ווערא פאוולאוונא.

— ווערסטו אפשר מיט מיר זיך דורכריידען? — זאגט מאריא אלעקסעיעוונא. וואס האט זיך אויך מיט אמאל עפעס פון וואנען עס איז גענומען — אהער, מיינע הערען געהט זיך געזונטער הייד, ווארום די מאמע וויל מיט דער טאכטער ריידען —

אלע פערשווינדען. ווראטשקא זעהט אז זי איז אליין מיט מאריא אלעקסיעוונא, מאריא אלעקסיעוונא קוקט מיט שפּאט אויף דער טאכטער.

— ווערא פּאוולאוונא, איהר — אזא אדעלע דאמע, איהר — אזא ריינע און איידעלע, זאגט מאריא אלעקסיעוונא, און איהר שטים ציטערט פון בייזקייט, אזא דימענט... ווי קומט פאר אזא גראביאנקע און שלעכטס, פאר אזא שכור'טע גאָר צו ריידען מיט אייך? איהר, ווערא פּאוולאוונא, האָט א שלעכטע און פּראסטע מוטער; נאָר לאָזט מיר אייך א פרעג טהאָן, מיין הארנטע, וועגען וואס האָט אָט די מוטער געזאָרגט? וועגען א שטיקעל ברויט; דאָס איז אויף אייער געלעהרטען לשון א רעאלע, אמת'ע, מענשליכע זארג, ניט אמת? איהר האט געהערט זידלעריי. איהר האָט געזעהן מאוסע זאכען און נידערטרעכטיגקייטען; און לאזט אייך א פרעג טהאָן, וועלכען צוועק האָבען זיי אלע געהאט? א פּוסטען, אונזיניגען? ניין, מיין הארנטע, ניין, וואס פאר א לעבען עס איז ניט געווען דאָס לעבען פון אייער פאמיליע, אבער דאס איז געווען ניט קיין פּוסטער, ניט קיין פאנטאסטישער לעבען. איהר זעהט, ווערא פּאוולאוונא, אַךְ האָב זיך אויסגעלערנט ריידען אויף אייער שפּראך, אויפ'ן געלעהרטען אופן. אייך אבער, ווערא פּאוולאוונא, פארדריסט און איהר שעהמט זיך וואס אייער מוטער איז א שלעכטע און פערדארבענע פרוי? איהר ווילט, ווערא פּאוולאוונא, אז איך זאל זיין א גוטע און עהרליכע פרוי? איך בין א מכשפה, ווערא פּאוולאוונא, איך קען אַנטהאָן א כשוף און ערפילען אייער פערלאנג, זייט מוחל, ווערא פּאוולאוונא, און קוקט: אייער פערלאנג ווערט ערפילט, איך, די שלעכטע פארשווינדט, קוקט איצטער אויף די גוטע מוטער און איהר טאָכטער. — א צימער, ביים שוועל ליעגט און כראָפּעט א שכור'ער, ניט געראזירטער, עקעלדיגער מאַנסבילד. ווער ער איז—קען מען ניט וויסען; דער פּנים איז אויף העלפט פארדעקט מיט'ן האנד, אויף א העלפט באדעקט מיט בלויע צייכענס, א בעט, אין בעט ליעגט א פרוי — דאָס איז מאריא אלעקסיעוונא, נאָר א גוטע! דערפאר אבער ווי בלייך זי איז, א שוואכע, אויסגעמאטערטע פאר איהרע 45 יאהר. ביים בעט שטעהט אַ מיידעל א יאהר 18, דאָס בין איך דאָך אליין, ווראטשקא, אָבער ווי קום איך צו זיין אָבגעריסען, און וואס איז דאָס? דער פארב פון מיין געזיכט איז עפּעס א געלער, און די געזיכטסציגע זיינען גרעבער און דער צימער אזא ארימער, קיין מעבעל איז כמעט ניט פאַרהאַן — „ווראטשקא, פריינד מיינער, מלאך'ל מיינער" — זאגט מאריא אלעקסיעוונא — לייג זיך צו, רוה אָפּ, מיין טאכטער; קוק ניט אויף

מיר, איך וועל אזוי אויך ליעגען; דו שלאפסט דאך שוין ניט די דריטע נאכט.

— ניש־קשה, מאמעלע, איך בין ניט פארמאטערט, זאגט ווערעטשקא.

— און מיר ווערט אלץ ניט בעסער, ווערעטשקא, ווי זשע וועסטו בלייבען, אהן מיר? דיין טאטע האט א קליינעם געהאלט און ער אליין איז א קנאפע שטיצע פאר דיר, דו ביזט א שעהנע מיידעל; שלעכטע מענשען זיינען אויף דער וועלט גענוג, דא, עס וועט ניט זיין ווער עס זאל דיר היטען, איך האב מורא פאר דיר, ווערעטשקא — ווערעטשקא וויינט.

— מיין ליעבע, דו האב קיין פאריבעל ניט, איך זאג עס ניט דיר פארצואוואר־פען נאר מתרה צו זיין; צו וואס ביזטו פרייטאג פון שטוב אוועק, א טאג פריהער איידער איך בין קראנק געווארען? — ווערעטשקא וויינט.

— ער וועט דיר אבנארען, ווערעטשקא,ווארף איהם אוועק.

— ניין מאמעלע —

— צוויי חדשים, ווי אזוי זיינען עס אין איין מינוט אוועק צוויי חדשים? עס זיצט אן אפיציר, אויפ׳ן טיש פארן אפיציר שטעהט א פלאש, אויף די קניע ביים אפיציר איז זי, ווערעטשקא.

נאך צוויי חדשים יינען אוועק אין איין מינוט.

עס זיצט א פרצ׳טע און פאר דער פרצ׳טע שטעהט זי ווערעטשקא.

— און פלעטן קענסטו, מיין ליעבע?

— איך קען.

— און פון וואס פאר איינע ביזטו! פון די פאנסטשיזנע אדער א פרייע?

— מיין פאטער איז א בעאמטער.

— ביזטו נאר פון די אדעליגע, מיין ליעבע? קען איך דיר ניט אננעהמען, וואס פאר א דיענסט וועסטו זיין? געה זיך דיר געזונטערהייד, איך קען ניט.

ווערעטשקא געפינט זיך אויפ׳ן גאס.

— פריילין, פריילין, זאגט א האלב שכור׳ער יונגערמאנטשיק — וואוהין געהט איהר? איך וועל אייך באגלייטען, — ווערעטשקא לויפט צו דער נעווא.

וואס, מיין ליעבע, זעהסטו שוין ווי דו האסט אויסגעוויזען ביי א גוטע מוטער? זאגט די פריהערדיגע, אמת׳ע מאריא אלעקסעיעווגא. נו קען איך עפעס כשוף שטיק? אדער דו האסט גאר ניט פערשטאנען? וואס שווייגסטו? א צונג

האסטו? איך וועל פון דיר ארויסקוועטשען ווערטער! זיי געהן ביי דיר פון צונג, ניט! ביזטו געגאנגען אין די מאגאזינען?

— געגאנגען — ענטפערט ווראטשקא און אליין ציטערט זי.

— געזעהן? געהערט?

— יא.

— לעבט זיך זיי גוט? זיינען זיי געלערנטע? ביכלאך לייענען זיי, וועגען אייערע נייע פאראנדקעס ווי מענשען גוטס צו טהאן טראכטען זיי? טראכטען זיי? — ענטפער! —

— ווראטשקא שוויגט און אליין ציטערט זי.

— עפעס געהן ביי דיר די ווערטער ניט. לעבען זיי גוט? איך פרעג דיר — ווראטשקא שוויגט און א שוידער כאפט איהר ארום.

די ווערטער געהן ביי דיר ניט. לעבען זיי גוט? — איך פרעג דיר: זיינען זיי גוט; וואלסטו געוואלט זיין אזא ווי זיי זיינען? דו שוויינסט! דו פארדרייסט דעם פנים! הער זשע, ווראטשקא, וואס איך וועל דיר זאגען. דו ביזט א גע־לערנטע — אויף מיינע גע׳גנב׳טע געלד זיך געלערנט. דו דענקסט וועגען גוטעס און ווען איך וואלט קיין שלעכטע ניט געווען, וואלסטו ניט געוואוסט וואס איז אזוינס גוטעס. פארשטעהסטו? א ל ץ האסטו פון מיר, מ י י נ ע א טאכטער ביזטו, פארשטעהסט? איך בין דיין מאמע. —

ווראטשקא וויינט און ציטערט און עס ווערט איהר קאלט — מאמעלע, וואס ווילסטו פון מיר? איך קען דיר ניט האלט האבען.

— און איך בעט דיר דו זאלסט מיר האלט האבען?

— איך וואלט, וויניגסטענס, געוואלט אייך אכטען, אבער איך קען עס ניט.

— און איך נויטיג זיך זעהר אין דיין אכטונג?

— וואס זשע דען דארפט איהר מאמענקא? צו וואס זייט איהר געקומען צו מיר ריידען אזוי שרעקליך? וואס זשע ווילט איהר פון מיר?

— זיי דאנקבאר, דו אונדאנקבארע. ליעב ניט, אכטע ניט. איך בין א שלעכטע, פאר וואס זאל מען מיר האלט האבען? איך בין א פערדארבענע, פאר וואס זאל מען מיר אכטען? אבער דו פארשטעה, ווערקא, אז אויב איך וואלט אזא ניט געווען, וואלסטו אויך אזא ניט געווען. א גוטע ביזטו — פון מיר, דער שלעכטער; אן

ארענטליכע ביזטו — פון מיר דער פארדארבענער. פארשטעה עס, ווערקא און זיי דאנקבאר.

— געהט אייך, מאריא אלעקסעיעוונא, איצט וועל איך זיך דורכריידען מיט דער שוועסטער. —

מאריא אלעקסעיעוונא פארשווינדעט.

די כלה פון איהרע חתנים, די שוועסטער פון איהרע שוועסטער נעהמט וועראטשקאן פארן האנד — וועראטשקא, איך האב שטענדיג געוואלט זיין גוט מיט דיר, דו ביזט דאך א גוטע און איך בין אזא ווי עס איז דער מענש אליין מיט וועמען איך רייד, אט ביזטו איצט אומעטיג, בין איך אויך אומעטיג; קוק, זעה איך אויס שעהן אן אומעטיגע?

— דאך שעהנער ווי אלע אויף דער וועלט.

— טהו מיר א קוש וועראטשקא, מיר זיינען אלע פארטרויערט. דיין מאמע האט דאך דעם אמת געזאגט. איך האב דיין מאמען ניט האלט, אבער זי איז מיר נויטיג.

— צו דען קענט איהר ניט אהן איהר?

— שפעטער וועט מען קענען, ווען די מענשען וועלן ניט דארפען זיין שלעכט. איצט אבער טאר מען ניט. זעהסטו, די גוטע קענען אליין זיך ניט שטעלען אויף די פיס, די שלעכטע זיינען שטארק, די שלעכטע זיינען כיטרע. אבער דו זעהסט, וועראטשקא, עס זיינען פאראן פארשיעדענע מינים שלעכטע: איינע דארפען אז אויף דער וועלט זאל ווערן אלץ ערגער: די אנדערע, אויך שלעכטע, דארפען אז עס זאל ווערן אלץ בעסער: אזוי דארפען זיי פאר זייער אייגענעם נוצען. זעהסטו, דיין מאמע האט געדארפט אז דו זאלסט זיין א געבילדעטע: זי האט דאך ביי דיר געלד גענומען, דאס געלד וואס דו האסט גענומען פאר די שטונדען; זי האט דאך געוואלט אז איהר טאכטער זאל ארייננכאפען א רייכען איידים פאר איהר און דערצו איז געוועזן נויטיג אז דו זאלסט זיין א געבילדעטע. זעהסטו, זי האט געהאט שלעכטע געדאנקען, אבער פון זיי איז ארויסגעקומען נוצען פאר א מענשען: עס איז געוועזן נוצליך פאר דיר. ביי אנדערע שלעכטע איז אבער ניט אזוי. ווען דיין [illegible] וואלט געוועזן אנא פעטראוונא, וואלסטו דען אזוי זיך געלערנט, אז דו זאלסט ווערן א געבילדעטע, זאלסט זיך דערוויסען וואס גוט איז און זאלסט עס האלט קריגען? ניין, דיר וואלט מען ניט דערלאזען זיך דערוויסען וואס עס איז

אזוינס גוטעס, מען וואלט פון דיר א קוקלע געמאכט — ניט אזוי? אזא מוטער דארף האבען א טאכטער — א קוקלע, ווארום זי איז אליין א קוקלע און שפּיעלט מיט קוקלעס. דיין מוטער איז א שלעכטער מענש, אבער דאך א מענש, איהר איז נויטיג געווען אז דו זאלסט ניט זיין קיין קוקלע. זעהסטו אז עס זיינען דא פארשיעדענע שלעכטע? איינע שטערן מיר; איך וויל דאך אז די מענשען זאלן זיין מענשען און זיי ווילען אז די מענשען זאלען זיין קוקלעס. און אנדערע שלעכטע העלפען מיר — זיי ווילען מיר ניט העלפען, — אבער זיי גיבען די מענשען א מעגליכקייט צו ווערן מענשען, זיי קלייבען צו מיטלען פאר די מענשען צו ווערן מענשען. און מעהר ווי דאס דארף איך ניט. יא, ווערא‏טשקא, איצט קען איך ניט אויסקומען אהן אזוינע שלעכטע, וואס זאלען זיין געגען אנדערע שלעכטע. מיינע שלעכטע זיינען שלעכט, אבער אונטער זייער שלעכטער האנד וואקסט גוטעס. יא, ווערא‏טשקא, זיי דאנקבאר דיין מוטער. האב איהר ניט האלט, זי איז א שלעכטע, אבער דו דארפסט איהר פאר אלץ דאנקען, ווייס עס: אהן איהר וואלסטו ניט געווען.

— צו וועט שטענדיג אזוי זיין? ניין, אזוי וועט דאך ניט זיין?

יא, ווערא‏טשקא, שפּעטער, וועט אזוי ניט זיין. ווען די גוטע וועלן זיין שטארק, וועל איך ניט דארפען די שטארקע. דאס וועט אין גיכען זיין אזוי, ווערא‏טשקא. דאמאלט וועלן די שלעכטע איינזעהן אז זיי דארפען ניט זיין שלעכט, און יענע שלעכטע — וואס זיינען געווען מענשען וועלן ווערן גוטע; ווארום זיי זיינען דאך געווען שלעכט נאר דערפאר ווייל עס איז פאר זיי שעדליך געווען צו זיין גוט; זיי ווייסען אבער אז גוטעס איז בעסער ווי שלעכטעס, זיי ווילען דאס גוטעס ליעב האבען, ווען מען וועט עס קענען ליעב האבען אהן שאדען.

— און יענע שלעכטע וואס זיינען געווען קוקלעס, וואס וועט זיין מיט זיי? איך האב אויף זיי אויך רחמנות.

— זיי וועלן שפּיעלען מיט אנדערע קוקלעס אבער שוין אונשעדליכע קוקלעס. זיי וועלן אבער דאך ניט האבען אזוינע קינדער, ווי זיי זיינען; ביי מיר וועלן מענשען דאך זיין מענשען, און זייערע קינדער וועל איך אויסלערנען זיין ניט קיין קוקלעס נאר מענשען.

— אך, ווי גוט עס וועט זיין.

— אבער איצט איז שוין אויך גוט, ווייל עס גרייט זיך פאר דאס גוטעס;

וויניגסטענס יענע איז שוין איצט גוט, וועלכע געריי͏טען צו דאס דאזיגע גוטעס, ווען דו, ווערא͏טשקא, העלפסט דער קעכין קאכען מיטאג עסען, איז דאך אין קיך שטיקיג און טשאדיג און דו פיהלסט דאך גוט ניט קוקענדיג אויף דעם וואס איז שטיקיג און טשאדיג? אלעמען איז אנגענעהם צו זיצען ביים מיטאגעסען, אבער בעסער ווי אלע איז דעם, ווער עס האט געהאלפען עס קאכען, יענעם איז צוויי־מאהל אזוי געשמאק, און דו האסט האלט גוט אפצועסען, ווערא͏טשקא — ניט אמת?

— אמת — זאגט ווערא͏טשקא און שמייכעלט אונטער וואס מען האט איהר געכאפט ביי א שוואכקייט פאר זיסע געבעקס און ביים פאדערנען איבער זיי אין קיך.

— טו וועגען וואס איז דא דא צו זיין אומעטיג? יא, דו ביזט שוין גאר ניט אומעטיג.

— וואס פאר א גוטינקע איהר זייט!

— און א היימליכע אויך, ווערא͏טשקא, איך בין שטענדיג א היימליכע, און ווען איך בין אומעטיג, וועט איהר קומען אויך כלומר'שט, ווי אן אומעטיגע און איהר וועט באלד פארטרייבען דעם אומעט: מיט אייך איז היימלאך, זעהר היימלאך.

— און געדיינקסטו דאס ליעדעל „ווען מיר לעבען".

— איך געדיינק.

זאלן מיר זשע זינגען.

— זאל'ן מיר.

— ווערא͏טשקא! איך האב דיר אויפגעוועקט? איבריגענס איז דער טיי שוין פארטיג, איך האב זיך גאר דערשראקען: איך הער דו קרעכצעסט, איך בין אריין, דו זינגסט שוין.

— ניין, מיין ליעבינקער, דו האסט מיך ניט אויפגעוועקט, איך וואלט אליין זיך אויך אויפגעכאפט. און וואס פאר א חלום איך האב געזעהן. וועל איך דיר, מיין ליעבינקער, דערצעהלען ביים טיי. אבער ווי אזוי האט איהר זיך גענומען די פריי־הייט אריינצוגעהן אין מיין צימער אהן מיין ערלויבניש? איהר הייבט אן צו פאר־געסן אונזער אבמאך. איהר האט זיך דערשראקען פאר מיר, מיין ליעבינקער? קום אהער, איך וויל דיר א קוש טהאן פאר דעם. זי האט איהם א קוש געטהאן: געה זשע, געה, איך דארף זיך אנטהאן.

— זאל שוין זיין אזוי. איך וועל דיר באדינען, אנשטאט א קאמער מיידעל.

— נו, זאל זיין אזוי, מיין ליעבינקער, אבער ווי איך שעהם זיך!

.4

ווערא פּאוולאוונא׳ס ווארקשטאַט איז געעפענט געוואָרען. די יסודות זיינען געווען איינפאַכע. אין אָנפאַנג אַזוי איינפאַך אַז עס לוינט זיך ווענען דעם אַפּילו ניט צו ריידען. ווערא פּאוולאוונא האָט איהרע ערשטע דריי נייטערקעס ניט געזאָגט קיין זאַך באַזונדערס, נאָר אַז זי וועט זיי צאָהלען אַביסעל מעהר ווי מען צאָהלט איז די מאַגאַזינען; נישט געווען דאָ פון וואָס א וועזדיין צו מאַכען; די נייטער־קעס האָבען געזעהן אַז ווערא פּאוולאוונא איז א פרוי ניט קיין פּוסטע, ניט קיין לייכטזיניגע און דערפאַר האָבען זיי גאָר ניט קלעהרענדיג פיעל אָנגענומען דעם פאָר־שלאַג צו אַרבייטען ביי איהר: עס איז ניט געווען וואָס צו וואונדערן זיך וואָס א ניט רייכע דאַמע וויל עפענען א ווארקשטאַט. די דריי מיידלאַך האָבען געפונען נאָך דריי־פיער און האָבען זיי אויסגעקליבען מיט דער פּאַרטזיכטיגקייט ווענען וועלכע ווערא פּאוולאוונא האָט זיי געבעטען. אין די בעדינגונגען ביי דער אויסוואהל איז אויך ניט געווען עפּעס וואָס באַזונדערס, וואָס זאָל אַרויסרופען א פערדאַכט; א יונגע און בעשיידענע פרוי וויל אַז די אַרבייטערקעס אין מאַגאַזין ביי איהר זאָלען זיין מיידלאַך אַפענהערציגע, גוטע, פאַרנינפטיגע, אַזוינע וואָס קענען זיך איינלעבען מיט מענשען, העפליכע, וואָס פאַר א וואונדער! זי וויל ניט זי זאָל דאַרפען זיך קריגען און דאָס אַלץ; דאָס איז קלוג און ניט מעהר. ווערא פּאוולאוונא האָט אַליין זיך בעקאַנט מיט די אויסגעקליבענע מיידלאַך, גוט זיך באַקאַנט איידער זי האָט גע־זאָגט אַז זי נעהמט זיי אָן; דאָס איז אויך נאַטירליך; דאָס בעווייזט אויך אַז זי איז א פרוי, א גרינדליכע און מעהר ניט. טראַכטען איז דאָ ניטאָ ווענען וואָס — ניט טרויען איז ניטאָ וואָס.

אויף אַזאַ אופן האָט מען אָבגעאַרבייט א חודש און באַקומען פּינקטליך דעם אָבגעמאַכטען געצאָלט. ווערא פּאוולאוונא איז שטענדיג געווען אין ווארקשטאַט און זיי האָבען שוין באַוויזען איהר זעהר גוט צו דערקענען, ווי א פרוי אַן אויסגע־רעכענטע, פאַרזיכטיגע, פאַרשטענדליכע ביי איהר גאַנצער גוטסקייט און אַט אַזוי האָט זי אַרויסגערופען ביי זיי דעם פולסטען צוטרויען. באַזונדערעס אַזוינס איז אין דעם ניט געווען און זיך ניט פאַראויס געזעהן — נאָר דאָס אַז די בעל־הבית־טע — איז א גוטע בעל־חבית׳טע ביי וועלכע דאָס געשעפט איז גוט אַוועק: זי קען פיהרען. אָבער ווען דער חודש האָט זיך געענדיגט איז ווערא פּאוולאוונא געקומען

אין ווארקשטאט מיט עפעס א בוך פון חשבונות און האט געבעטען איהרע נייטער־קעס אבצושטעלען די ארבייט און זיך צוהערן וואס זי וועט זאגען.

זי האט אנגעהייבען ריידען מיט דער איינפאכסטער שפראך וועגען גאנץ פאר־שטענדליכע זאכען, זעהר פארשטענדליכע, אבער אזוינע וועלכע די נייטערקעס האבען ביז דאמאלט קיין מאל ניט געהערט, ניט פון איהר ניט פון קיין אנדערען.

— איצט קענען מיר איינע די אנדערע גוט — האט זי אנגעהייבען — איך קען זאגען וועגען אייך אז איהר זייט אי גוטע ארבייטערקעס, אי גוטע מיידלאך, און איהר וועגען מיר וועט ניט זאגען אז איך בין א גרויסער נאר. הייסט עס אז איצט קען מען אפען דורכריידען וועגען די געדאנקען וואס טראגען זיך ביי מיר ארום. אויב אייך וועט אויסווייזען וואס עס איז זאנדערבאר, וועט איהר שוין זוכען וועגען דעם גוט נאכצודענקען און וועט ניט זאגען פון ערשטען אויגענבליק אז עס זיינען פוסטע געדאנקען, ווארום איהר ווייסט אז איך בין ניט קיין פוסטע פרוי. אט וואס מיינע געדאנקע זיינען.

— גוטע מענשען זאגען, אז מען קען איינפיהרען אזוינע נעה־ווארקשטאטען דאס די נייטערקעס זאל זיך פיעל בעסער ליינען דארט צו ארבייטען איידער אין די ווארקשטאטען וואס מיר אלע קענען. איך האב עס געוואלט אויספרובירען. לויט די אויפטואונגען פון ערשטען חודש ווייזט אויס אז מען קען עס. איהר האט באקומען אייער געצאהלט פינקטליך און אט וועל איך אייך זאגען, ווי פיעל געלד עס איז געבליבען ביי מיר אלס פארדיענסט אויסער די געצאלט און אלע אנדערע הוצאות — ווערא פאוולאוונא האט איבער געלייענט דעם חשבון פון די הוצאות און הכנסות פאר דעם חודש, אין די הוצאות איז געווען אריינגערעכענט, אויסער ארבייטס געלד, און אנדערע קאסטען; דירה געלד, בעלייכטונג, זאגאר ווערא פאוולאוונאס אויסגאבען אויף דראזשקעס וועגען די געשעפטען פון ווארקשטאט, ארום א רובעל

— איהר זעהט — האט זי ווייטער געזאגט — ביי מיר איז געבליבען אזוי פיעל געלד. איצט פרעגט זיך: וואס טהוט מען מיט זיי? איך האב געעפענט דעם ווארקשטאט מיט דעם צוועק אז אט די פארדינטע געלד זאל געהן אין די הענד טאקי פון דיזעלבע נייטערקעס פאר וועמעס ארבייט מען האט זיי באקומען, דערפאר צוטיילט אייך זיי צווישען זיך: דעם ערשטען מאל אלעמען גלייך, יעדער אייגער באזונדער, שפעטער וועלען מיר זעהן וואס אם בעסטען צו טהאן מיט זיי, אדער מען

קען אויף אן אנדער אופן עפעס טהאן, נאך מיט מעהר נוצען פאר אייך" — זי האט צוטיילט דאס געלד.

די נייטערקעס האבען א שטיק צייט ניט געקאנט קומען צו זיך פון פארוואונדערונג, נאכהער האבען זיי גענומען דאנקען. ווערא פאוולאוונא האט זיי געלאזט גענוג זיך אנריידען וועגען זייער דאנקבארקייט פאר דאס ערהאלטענע געלד, כדי זיי ניט צו באליידיגען דורך דעם ענטזאגען זיך זיי אויסצוהערען, וואס דאס איז ווי א מין גלייכגילטיגקייט צו זייער מיינונג און פריינדשאפט, נאכהער האט זי געזאגט ווייטער:

—איצט דארף מען אייך דערצעהלען די שווערסטע זאך פון אלץ, וואס וועט אונז אויסקומען ווען עס איז צו ריידען און איך וויים ניט: צו וועל איך עס קענען גוט דערצעהלען. ארום ריידען דארף מען אבער דאך, פאר וואס האב איך דאס געלד ניט געלאזען ביי זיך און צו וואס האב איך איבערהויפט געעפענט א ווארקשטאט אויב איך וויל פון איהר קיין הכנסה ניט? איך און מיין מאן לעבען, ווי איהר ווייסט, אהן נויטה: מיר זיינען ניט רייך, אבער אונז פעהלט קיין זאך ניט. און אויב מיר וואלט וואס עס איז אויסגעפעהלט, וואלט איך נאר געדארפט א זאג טהאן מיין מאן, אדער ריכטיגער, איך וואלט אפילו ניט געדארפט איהם זאגען, ער וואלט אליין באמערקט אז איך דארף מעהר געלד און איך וואלט געהאט מעהר געלד. ער באשעפטיגט זיך איצט מיט אזוינע זאכען, ניט וועלכע ברייגנען אריין מעהר פרנסה, נאר וואס געפעלן איהם בעסער. אבער מיר האבען איינע די אנדערע זעהר האלט און איהם וועט זיין אנגענעהם צו טהאן דאס וואס מיר איז אנגענעהם, דאס זעלבע איז מכח מיר פאר איהם. דערפאר אויב מיר וואלט געפעהלט געלד, וואלט ער זיך גענומען פאר אזא באשעפטיגונג וואס טראגט מעהר אריין ווי זיין איצטיגע באשעפטיגונג און ער וואלט עס געקאנט געפינען, ווארום ער איז א קלוגער מענש און א דרעה קאפ — איהר קענט איהם דאך אביסעל. און ווי באלד אז ער טהוט עס ניט, הייסט עס אז פאר מיר איז גענוג, וואס מיר האבען איצט. דאס איז דערפאר וויל איך בין ניט זעהר זשעדנע נאך געלד; איהר ווייסט דאך אז פארשיידענע מענשען האבען פארשיידענע שוואכקייטען, ניט אלע יאגען זיך אזוי נאך געלד; איינע האבען א תשוקה צו בעלער, אנדערע — צו פוצען זיך, צו קארטען און אזוינע מענשען זיינען גערייט זאגאר זיך רואינירען פאר זייערע תשוקות און קיינער וואונדערט זיך גאר ניט, וואס זייערע תשוקות זיינען ביי זיי טייערער ווי זייער געלד,

און ביי מיר איז דא א תשוקה צו א זאך וועלכע איך פרוביר דא מיט אייך און ניט נאר ווער איך צוליעב דער תשוקה מיינער ניט ארים, נאר איך גיב גאר ניט אויס, איך בין נאר צופרידען דערמיט זיך אפצוגעבען אהן הכנסה פאר זיך. איך זעה אין דעם גאר ניט באזאנדערס: ווער זוכט עס הכנסה פון זיינע תשוקות? יעדער איינער צאהלט נאך דאפיר. און איך טהו עס ניט, גיב גאר ניט אויס. הייסט עס אז איך בין נאך בעסער אפ ווי אנדערע, וואס באשעפטיגט זיך מיט דעם צו וואס איך האב אזא שטארקע תשוקה און געפין פאר זיך א פארגעניגען אהן שאדען, בעת אנדערע קאסט זייער פארגניגען געלד. פאר וואס זשע האב איך עפעס אזא זארט תשוקה? — אט פאר וואס. גוטע און קלוגע מענשען האבען אנגעשריבען א סך ביכער וועגען דעם ווי מען דארף לעבען אויף דער וועלט אז אלעמען זאל זיין גוט; און דאס וויכטיגסטע איז, זאגען זיי, אז די ווארקשטאטען זאלען אוועקגע־שטעלט ווערן אויף א נייעם שטייגער. ווילט זיך מיר זעהן צו וועלן מיר מיט אייך קענען איינפיהרען אזא פאראנדיק וואס איז נויטיג. עס איז דאס זעלבע ווי איי־נער וויל בויען א גוטע הויז, דער צווייטער וויל פארפלאנצען א שעהנעם פרוכט־גארטען, אדער בלומען־גארטען, כדי זיך צו קוויקען מיט זיי; אט אזוי וויל איך איינפיהרען א גוטען נעה־ווארקשטאט — איך זאל פון דעם קענען הנאה האבען.

— געוויס, דאס אליין וואלט שוין אויך געווען גוט, אויב איך וואלט יעדען חודש פארנאנדערטיילען די הכנסה ווי איצט. אבער די קלוגע מענשען זאגען אז מען קען טהאן פיעל בעסער אזוי אז הכנסה זאל זיין מעהר און מען זאל מיט דער הכנסה מעהר קענען אויפטהאן. מען זאגט, אז מען קען זעהר גוט עס מאכען, אט וועלן מיר זעהן. איך וועל ביסלעכווייז אייך דערצעהלען וואס מען קען נאך אויפטהאן לויט די ווערטע פון די קלוגע מענשען, און ווען איהר אליין וועט זיך צוקוקען, וועט איהר אויך באמערקען פיעל זאכען, און ווען אייך וועט זיך אויס־ווייזען אז מען קען וואס גוטעס טהאן, וועלן מיר פרובירען עס טהאן — ביס־לעכווייז, ווי ווייט עס וועט זיך לאזען. איך וויל אבער אייך זאגען, אז אהן אייך וועל איך קיינע נייסען ניט איינפיהרען. נאר דאס וועט געטהאן ווערן נייעס וואס איהר אליין וועט פערלאנגען. די קלוגע מענשען זאגען אז נאר דערפון קומט ארויס גוטעס, וואס די מענשען ווילען אליין טהאן. און איך טראכט אויך אזוי: הייסט עס, אז איהר דארפט קיין מורא ניט האבען פאר די נייסען; אלץ וועט בלייבען ביים אלטען, אויסער דאס וואס איהר אליין וועט וועלן בייטען, אהן אייער פערלאנג

וועט קיין זאך ניט געטהאן ווערן.

„און אט איצט וועל איך געבען דעם לעצטען בעפעהל פון א בעל־הבית'טע אהן אייער ערלויבניש. איהר זעהט אז מען דארף פיהרען חשבונות און נאכקוקען עס זאל'ן ניט זיין קיין איבעריגע הוצאות, לעצטען חודש האב איך עס אליין געטהאן. איצט וויל איך אליין עס ניט טהאן. קלייבט אויס פון זיך צווייען אז זיי זאלען דער־מיט זיך באשעפטיגען צוזאמען מיט מיר. איך וועל אהן זיי קיין זאך ניט טהאן. דאס איז דאך אייער געלד, ניט מיינס, הייסט עס אז מען דארף אכטונג געבען אויף דעם. איצט איז עס נאך א נייע געשעפט, מען קען אבער ניט וויסען ווער עס איז דערצו פעהיגער, דארף מען אויף א פראבע אויסקלייבען אויף א קורצע צייט, אין א וואך ארום וועט איהר זעהן, צו איהר זאלט אויסקלייבען נייע, אדער לאזען די אלטע אויף זייערע פלעצער".

לאנגע געשפרעכען זיינען ארויסגערופען געווארען דורך די ניט געוועהנליכע ווערטער, אבער דער צוטרוי איז שוין געווען געוואונען צו ווערא פאוולאוונא; און געמערדט האט זי איינפאך, ניט פארקריכענדיג צו ווייט, ניט שילדערנדיג קיין זעהר אנציהענדע אויסזיכטען וועלכע רופען ארויס פון אנפאנג גרויס בעגייסטערונג, אבער באלד מיסטרויען. דערפאר האבען די מיידלאך איהר ניט געהאלטען פאר משוגע און מעהר ווי דאס איז ניט געווען נויטיג, אז זיי זאלן איהר ניט האלטען פאר משוגע. די זאך איז אוועק ביסלעכווייז.

געוויס איז עס געגאנגען ביסלעכווייז. אט איז א קורצע געשיכטע פון ווארק־שטאט פאר גאנצע דריי יאהר, אין וועלכע דער ווארקשטאט האט פארנומען דעם אויבען אן אין דער לעבענס געשיכטע פון ווערא פאוולאוונא אליין.

די מיידלאך, אויף וועלכע דער יסוד פון ווארקשטאט איז געבויט געווארען, זיינען אויפגעקליבען געווארען פארזיכטיג, זיינען געווען גוטע נייטערקעס און זיינען געווארען דירעקט פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון דער ארבייט: דערפאר איז גאנץ נאטירליך דאס די ארבייט איז זעהר גוט אוועק. דער ווארקשטאט האט ניט פארלארען קיין איינציגע פון די דאמען, וואס האבען איין מאל געפרובירט דארט געבען א בעשטעלונג. עס איז ארויסגערופען געווארען א שטיקעל קנאה פון עט־ליכע מאגאזינען און ווארקשטאטען, אבער דאס האט ניט געהאט קיין ווירקונג אויסער נאר דאס וואס ווערא פאוולאוונא האט באלד געדארפט ארויסנעהמען אן ערלויבעניש צו האבען א רעכט ארויסצוהייגען א שילד. באלד האבען גענומען

אנקומען מעהר באשטעלונגען ווי עס זיינען געווען בכח צו ערפילען יענע מיידלאך מיט וועלכע דער ווארקשטאט האט זיך געעפענט און מען האט אלץ מעהר און מעהר גערארפט פארגרעסערן די צאהל ארבייטערינס. אין א האלב יאהר ארום האבען שוין דארט געארבייט צוואנציג מיידלאך, שפעטער נאך מעהר.

איינער פון די ערשטע רעזולטאטען פון דעם וואס דאס לעטצטע ווארט אין אלע פראגען פון פערוואלטונג האט געהערט צו די מיידלאך אליין איז געווען א בע־שלוס וועלכען מען האט געקאנט אליין פאראויסזעהן: די מיידלאך האבען שוין אין ערשטען חודש באשלאסען אז עס טויג ניט וואס ווערא פאוולאוונא אליין ארבייט אהן געצאהלט. ווען זיי האבען עס איהר געלאזט וויסען, האט זי געזאגט אז דאס איז ריכטיג אזוי, מען האט איהר געוואלט אוועקגעבען א דריטען חלק פון דער הכנסה. זי האט עס א געוויסע צייט אבגעלייגט אן א זייט, ביז זי האט באוויזען די מיידלאך אז דאס געהט אין גאנצען געגען דעם גרונד גערדאנק פון זייער ארדנונג. א לאנגע צייט האבען זיי עס ניט געקאנט פארשטעהן; אבער נאכהער האבען זיי מסכים געווען אז ווערא פאוולאוונא ענטזאגט זיך פון דעם באזונדערן חלק פון איהר הכנסה, ניט צוליעב גאוה נאר ווייל אזוי איז נויטיג פאר דער זאך. צו יענער צייט איז דער ווארקשטאט שוין אזוי גרויס אויסגעוואקסען אז ווערא פאוו־לאוונא האט שוין ניט באוויזען אליין צו זיין די צושניידערין, מען האט גערארפט נאך איינע. מען האט דערפאר גענומען צאהלען ווערא פאוולאוונא'ן אזוי פיעל ווי פיעל די צווייטע צושניידערין. די געלד וואס זי האט פריהער אבגעלייגט פון הכנסה, זיינען איצט צוריק אריינגעלייגט געווארען אין דער קאסע לויט איהר בקשה, מיט אויסנאהם פון דעם וואס איהר האט געקומט אלס צושניידערין; די איבעריגע זיינען אוועק צו עפענען א באנק. ארום א יאהר צייט פלעגט ווערא פאוולאוונא דעם גרעסטען טייל פון טאג פארברייננגען אין ווארקשטאט און האט גע־ארבייט באמת ניט וויינינגער פאר יעדע אנדערע לויט די צאהל שטונדען. ווען זי האט דערזעהן, אז עס איז שוין מעגליך פאר איהר ניט צו פארברייננגען א גאנצען טאג, האט מען פארקלענערט איהר געצאהלט אויף אזוי פיעל ווי עס איז פארקלע־נערט געווארען די צייט פון איהר באשעפטיגונג.

ווי זאל מען טיילען דעם פערדיענסט? ווערא פאוולאוונא האט געוואלט דער־פיהרען דערצו אז מען זאל עס טהיילען גלייך צווישען אלעמען. דערצו איז מען דער־גאנצען נאר אין אנפאנג פון דריטען יאהר; דערצו איז מען דערגאנגען נאך עט־

ליכע מדרגות, אנהויבענדיג פון דער צוטיילונג לויט דעם לוין. פריהער ווי אלץ האט מען באמערקט אז אויב א מיידעל האט דורכגעלאזען עטליכע טעג צוליעב קראנקהייט אדער צוליעב אנדערע וויכטיגע זאכען, איז ניט גוט צוליעב דעם צו פארקלענערן איהר טהייל פארדיענסט וואס קומט דאך ניט דוקא פון יענע עט־ליכע טעג נאר דורך דעם גאנצען גאנג פון דער ארבייט און דעם אלגעמיינעם צו־שטאנד פון ווארקשטאט. און די אנדערע מיידלאך וואס בעקומען א העכערן לוין ביים פארנאנדערפיהרען בעשטעלונגען און אנדערע שטעלן זיינען שוין געגוג בא־לוינט דורך זייער העכערן לוין און דערפאר איז ניט גערעכט דאס זיי זאלן נעהמען מעהר פאר אנדערע אויך פון פארדיענסט. די פראסטע נייטערקעס, וואס האבען קיינע באזונדערע שטעלן ניט פארנומען זיינען געווען אזוי דעליקאט, דאס זיי האבען ניט געפאדערט קיין ענדערונג בעת זיי האבען שוין איינגעזעהן אז די אלטע ארדנונג וואס זיי אליין האבען איינגעפיהרט איז געווען ניט גערעכט: די אנגעשטעלטע אליין האבען דערפיהלט אז עס פאסט ניט זיך צו באנוצען מיט דאס איבעריגע ווען זיי האבען גענוג פערשטאנען דעם גייסט פון דער נייער ארדנונג, מען דארף פון דעסטוועגען זאגען אז אט די צייטווייליגע אדעלקייט — די גערולד פון איינע און דאס ענטזאגען זיך פון די אנדערע איז ניט געווען קיין גרויסע העלדענטהאט, בעת דאס געשעפט איז געגאנגען אלץ בעסער און בעסער פאר אלעמען. שווערער איז געווען צו ענטוויקלען דעם בעגריף אז די איינפאכע נייטערקעס דארפען אלע בא־קומען א גלייכען טהייל פון פערדיענסט כאטש איינע ארבייטען אוים מעהר לוין ווי די אנדערע. דאס איז געווען די לעצטע ענדערונג אין דער פארטיילונג פון פאר־דיענסט, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין העלפט פון דריטען יאהר ווען זיי האבען ענדליך איינגעזעהן אז דער פארדיענסט איז ניט קיין באלוינונג פאר די גוטע ארבייט פון דער אדער יענער פערז׳ן, נאר א רעזולטאט פון דעם גאנצען כאראקטער פון ווארקשטאט, דער רעזולטאט פון זיין גאנצען געבוי פון זיין צוועק און אז דער צוועק איז — די מעגליך גלייכע נוצען פון דער ארבייט פאר אלעמען, וואס זייערע פערזענליכע באזונדערקייטען זאל ניט זיין; אז פון אט דעם כאראק־טער פון ווארקשטאט הייננגט אפ דער גאנצער אנטהייל פון די ארבייטער אין פארדיענסט און אז אט דער כאראקטער פון ווארקשטאט, זיין גייסט, זיין ארדנונג ווערן געשאפען דורך די איינינקייט פון אלעמען און אז פאר דער איינינקייט איז געווען וויכטיג יעדער וואס נעהמט אין דעם אנטהייל; די שווייגענדיגע הסכמה פון

דער שעמעהדיגסטער און דער אמווייניגסטען פעהיגער איז ניט וויינעגער נוצליך אַנצוהאַלטען און ווייטער צו ענטוויקלען אן ארדנונג, וואס איז נוצליך פאר אלעמען פאַר דעם ערפאלג פון דער גאַנצער זאַך, ווי דאס טהעטיגע ארום שמאיענען פון דער לעבעדיגסטער און פעהיגסטער.

איך לאַז דורך א סך איינצעלהייטען, ווארום איך בעשרייב ניט דעם ווארק־שטאַט, נאַר איך רייד וועגען דעם אזוי ווייט, ווי פיעל עס איז נויטיג צו שילדערן ווערא פּאוולאַוונאס טהעטיגקייט, אויב איך דערמאַן וועגען אייניגע איינצעלהייטען איז עס נאַר מיט דעם צוועק, כדי מען זאָל זעהן ווי ווערא פּאוולאַוונא האָט געהאַנ־דעלט, ווי זי האָט געפיהרט דאָס געשעפט טריט נאָך טריט און מיט געדולד, ניט ווערענדיג פערמאַטערט און ווי פעסט זי האָט אויסגעהאַלטען איהר באשלום: קיין זאַך אליין ניט צו טהאָן, נאַר געבען אן עצה, ערקלעהרען, פארלייגען איהר הילף און העלפען דורך פיהרען דאס וואס חברותא האָט בעשלאָסען.

און דעם פּארדיענסט האָט מען צוטהיילט יעדען חודש, אין אנפאַנג פלעגט יעדע מיידעל צונעהמען איהר חלק און פלעגט עס אויסגעבען אליין, בעזונדער פון אלע אַנדערע; יעדע האָט געהאַט א סך נויטיגע בעדערפניסע און זיי זיינען ניט געווען איינגעוואהנט געמיינזאם צו האנדלען. ווען זיי האָבען דורך זייער אַנטהייל אין געמיינזאמער פיהרונג פון געשעפט, באקומען די געוואהנהייט צו באנעהמען דעם גאַנצען גאַנג פון דעם געשעפט, האָט ווערא פּאוולאַוונא זיי אויפמערקזאם געמאַכט אז ביי זיי ווערט די צאָהל באַשטעלונגען פארטיילט דורכ'ן יאהר זעהר ניט גלייך און דערפאר וואלט געווען ניט שלעכט אין די באזונדערס גוטע חדשים אָבצולייגען א טייל פון פּארדינסט, כדי צו קענען אויסגלייכען אין די מאַגערע חדשים. די חשבונות זיינען געפיהרט געווארען זעהר פּינקטליך, די מיידלאך האָבען געוואוסט — אז אויב איינע פון זיי וועט פארלאזען דעם ווארקשטאַט, וועט זי באלד באקומען איהר חלק פּארדיענסט, וואס איז געלעגען אין קאסע. דערפאר האָבען זיי מסכים געווען אויפ'ן פארשלאַג. עס האָט זיך געבילדעט א ניט גרויסער קאפּיטאַל, וואס איז שטענדיג געוואקסען, מען האָט אנגעהויבען זוכען אויף וואס עס צו פארברויכען. גלייך האָבען אלע פערשטאַנען — אז פון דעם קאַפּיטאַל קען מען מאכען הלוואות פאַר יענע אנטיילנעהמער, וואס ווע'לן האָבען אויסערגעוויינליכע באדערפניס אין געלד און קיינע האָט ניט געוואלט צורעכענען פּראצענטען פאר דאס אויסגעליהענע געלד; ארימעלייט פארשטעהען אז גוטע געלד־הילף באַשטעהט אָהן פּראצענט.

נאָך דעם ווי דער באַנק איז געגרינדעט געוואָרען האָט מען איינגעפיהרט איינצו־קויפען פאַר אַלעמען צוזאַמען; די מיידלאַך האָבען אויסגעפונען אַז עס לוינט זיך בעסער צו קויפען טיי, קאַפע, צוקער, שיך און פיעל אַנדערע זאַכען דורך די הילף פון זייער געשעפט וועלכער האָט געקויפט אַגולנע און דערפאַר ביליגער. פון דאַנען איז מען, אין איינציגע צייט אַרום, אַוועק ווייטער: מען האָט גענומען פאַרשטעהן, אַז עס וועט זיך לייגען אויף אַזאַ אופן אויך איינצוקויפען ברויט און אַנדערע לע־בענסמיטלען וואָס מען פלעגט ביז איצט קויפען יעדען טאָג אין די קליינע קרעמלאַך; נאָר דאָ האָט מען איינגעזעהן אַז צו דעם צוועק איז נויטיג אַז אַלע זאָלן וואָהנען אין שכנות: מען האָט אָנגעהויבען זיך צוזאַמענקלייבען צו עטליכע אין איין וואָה־נונג און אויסקלייבען וואָהנונגען נאָהענט צום וואַרקשטאַט. דאַמאַלט איז געשאַפען געוואָרען אַן אַגענטור מיט אַן אייגענער קראַם — און אין אַ יאָהר און אַ האַלב אַרום האָבען אַלע מיידלאַך שוין געוואוינט אין איין גרויסע וואָהנונג. האָבען צוזאַמען געפיהרט איין בעל־הביתישקייט און געקויפט פּראָוויאַנט אַזוי ווי עס טהוען אַלע גרויסע בעל־הביתישקייטען.

אַ העלפט פון די מיידלאַך זיינען געווען איינזאַמע באַשעפּעניש, עטליכע פון זיי האָבען געהאַט קרובות — אַלטע פּרויען: מוטער אָדער מומעס, צוויי האָבען אויס־געהאַלטען אַלטע פאָטערס; פיעלע האָבען געהאַט קליינע ברידער און שוועסטער. צוליעב די פאַמיליען־פערהעלטניסע האָבען דריי מיידלאַך ניט געקאָנט זיך באַזעצען אויף דער געמיינזאַמער וואָהנונג: ביי איינע איז די מוטער געווען אַ קריגערקע; ביי אַ צווייטער איז די מוטער געווען אַ יחסן'טע און ניט געוואָלט וואָהנען צוזאַמען מיט פּויערטעס; ביי דער דריטער איז דער פאָטער געווען אַ שכור, זיי האָבען זיך באַנוצט נאָר מיט דער אַגענטור; דאָס זעלבע איז געווען מיט יענע נייטערקעס, וואָס זיינען געווען ניט קיין מיידלאַך נאָר פאַרהייראַטע. אָבער אויסער יענע דריי האָבען אַלע איבעריגע מיידלאַך, וואָס האָבען אַפילו געהאַט קרובים, דאָך געוואָהנט אויף דער געמיינזאַמער וואָהנונג, צו דריי אין איין צימער. זייערע קרובים אָדער קרובות האָבען זיך איינגעאָרדענט ווי פאַר זיי איז בעקוועם געווען: צוויי אַל־טעטשקע האָבען געהאַט צו באַזונדערע צימערן, די אַנדערע האָבען געוואָהנט צו־זאַמען. פאַר די קליינע אינגלאַך איז געווען אַ בעזונדערער צימער און צוויי אַנ־דערע צימערן — פאַר די קליינע מיידלאַך. מען האָט בעשלאָסען אַז אינגלאַך מוז מען לאָזען דאָרט ביז 8 יאָהר אַלט; שפּעטער ווי אַכט יאָהר האָט מען זיי אַוועקגע־

געבען צו בעלי־מלאכות.

מען האָט געפיהרט א פּינקטליכען חשבון וועגען אלץ, כּדי די גאַנצע חברותא זאל זיין זיכער אז קיינעם נארט מען ניט אָפּ, קיינעם מאכט מען קיין שאָדען ניט. די חשבונות פון די איינזאמע מיידלאך פאר וואהנונג און עסען זיינען געווען איינפאך. נאָך א געוויסע צייט פון אונבעשלאָסענקייט, האָט מען באַשטימט אז מען זאל רעכענען פאר א ברודער אדער שוועסטער ביז 8 יאהר אלט א פערטען טייל פון די הוצאות פון א גרויסע; פאר א מיידעל ביז 12 יאהר האָט מען גערעכענט א דריטעל, נאָך 13 יאהר פלעגען די מיידלאך אָנקומען אלס לעהרלינגע אין ווארקשטאַט אויב זיי פלעגען ניט קריגען אַנדערשוואו וואס צו טהאָן און עס איז באַשטימט געווארען, אז נאָך 16 יאהר ווערן זיי פאלשטענדיגע אַנטהייל נעהמער אין דער קאָמפּאַניע אויב מען וועט איינזעהן אז זיי האָבען די מלאכה זיך גוט אויסגעלערנט. פאר ערוואקסענע קרבות האָט מען גערעכענט, זעלבסט פערשטענדליך, ווי פיעל מען האָט פארערכענט די נייטערקעם אליין. פאר א בעזונדערן צימער האָט מען געצאָהלט באַזונדער. כמעט אלע זקנים און זקנות וואס האָבען געוואהנט אין דער וואהנונג פלעגען זיין באַשעפטיגט אין קיך און אין דער בעל־הביתישקייט, דערפאר פלעגט מען זיי צאָהלען.

דאס אלץ איז גאַנץ לייכט צו דערצעהלען אין ווערטער, אויך אין ווירקליכקייט האט עס זיך ארויסגעוויזען זעהר לייכט, איינפאך, נאַטירליך — ווען עס איז איינגעאָרדענט געווארען. אָבער לאַנגזאַם איז צוגעגאנגען דאס איינאָרדנען אזוי אין יעדע נייע אָרדנונג איז האָט געקאָסט א סך רייד, יעדער איבערגאַנג איז געווען דער רעזולטאַט פו זאַ גאַנצע רייהע פאַרערניש. עס וואלט געווען צופיעל און צו טרוקען צו ריידען וועגען די אנדערע זייטען פון די אָרדנונגען אין ווארקשטאַט, ווי אויך זיך ארייינצולאָזען אין איינצעלהייטען מכח די צוטיילונג פון די פאַרדיענסטען: וועגען פיעלעם וועט מען מוזען אין גאנצען ניט ריידען, כּדי ניט צו דערעסען, וועגען אַנדערע זאכען וועט מען דארפען נאָר קורץ דערמאנען; צום ביישפּיעל, מען האָט איינגעפיהרט אַן אייגענע אַגענטור צו פארקויפען די זאכען, וואס מען פלעגט פאַרפאַרטיגען בעת עס פלעגען ניט זיין קיין בעשטעלונגען—אַן אייגענעם מאַגאַזין האָט מען נאָך ניט געקאָנט עפענען, אָבער מען האָט געמאכט אַן אָבמאַך מיט איינע פון די קראָמען פון גאסטיני דוואר, מען האָט געעפענט א קליינע קרעמל אויף טאַלקוטשען מארק — צוויי פון די אלטע פרויען זיינען געווען די פארקויפערינס. מען דארף

אבער מיט מעהר איינצעלהייטען דערצעהלען וועגען אן אנדער זייט פון לעבען פון ווארקשטאט.

ווערא פאוולאוונא האט פון די ערשטע טעג אן גענומען בריינגען ביכער. ווען זי פלעגט אבענדיגען וואס זי האט געהאט נויטיג צו טהאן, פלעגט זי נעהמען לייענען א האלבע שעה, א שעה, אויב מען פלעגט איהר ניט איבער רייסען אין מיטען צוליעב דער בעל־הביתישקייט. נאכהער פלעגען די מיידלאך אברוהען פון צוהערן זיך; נאכהער ווידער לייענען — ווידער אברוה. עס איז איבעריג צו זאגען אז פון די ערשטע טעג אן האבען די מיידלאך באקומען א שטארקען חשק צו לייענען, איינינגע האבען פריהער אויך עס ליעב געהאט. אין 2-3 חדשים ארום האבען זיך אויסגעפונען צווישען די מיידלאך דריי־פיער אויסגעצייכענטע פארלייענערינס; עס איז באשלאסען געווארען אז זיי וועלען אומבייטען ווערא פאוולאוונא, זיי וועלן לייענען צו האלבע שעה אונדאס וועט זיין זיי פאררעכענט אין דער ארבייט. ווען פון ווערא פאוולאוונא איז אראבגענומען געווארען די פליכט צו לייענען אין דער הויך, האט זי אנגעהויבען צו דערצעהלען זיי מעשיות, אזאך וואס זי פלעגט שוין פריהער אויך טהאן; פון די ערצעהלונגען איז מיט דער צייט געווארען א מין לייכטע קורסען פון פערשיעדענע וויסענשאפטען, נאכהער — דאס איז שוין געווען א גרויסער טריט — האט ווערא פאוולאוונא איינגעזעהן אז מען קען שוין איינפיהרען א סיסטעמאטישען אונטעריכט: די מיידלאך האבען ארויסגעוויזען אזוי פיעל חשק צום לערנען און די ארבייט איז געגאנגען מיט אזא ערפאלג, אז זיי האבען באשלאסען צו מאכען אין מיטען טאג פאר'ן מיטאג עסען א גרויסע הפסקה אום אויסצוהערן די שטונדען.

אלעקסיי פעטראוויטש — האט ווערא פאוולאוונא אמאל געזאגט ווען זי איז געווען ביי די מערצאלאווס — איך האב צו אייך א בקשה. נאטאשא איז שוין אויף מיין זייט, מיין ווארקשטאט ווערט א העבערע שול פאר אלע מעגליכע וויסענשאפטען, זייט איינער פון די פראפעסארען.

— וואס וועל איך אנהויבען מיט זיי צו לערנען? טאמער גאר לאטיין און גריכיש, אדער לאגיק און רעטאריק? מיין ספעציאליטעט איז דאך ניט זעהר אינטערעסאנט נאך אייער מיינונג נאך און נאך דער מיינונג פון אן אנדערן, וועגען וועלכען איך וויים ווער ער איז.

— ניין איהר זייט נויטיג, טאקי און דאס וואס איהר זייט א ספעציאליסט,

איהר וועט זיין פאר אונז א שילד אז מיר פיהרען זיך גוט אויף און אז אונזער ווי־סענשאפטען זיינען פון א כשר'ער ריכטונג.

— דאס איז דאך טאקי אמת, איך זעה אז אהן מיר וואלט ניט אויסגעקומען כשר, באשטימט וואס איך זאל לערנען.

— צום ביישפיעל רוסישע געשיכטע, אלגעמיינע געשיכטע.

— אויסגעצייכענט, דאס וועל איך לייענען און עס וועט הייסען אז איך בין א ספעציאליסט. אויסגעצייכענט, צוויי שטעלען: א פראפעסאר און א שילד.

— נאטאליא אנדרעעוונא, לאפוכאוו, צוויי דריי סטודענטען, ווערא פאוולאוו־נא אליין זיינען געווען די אנדערע פראפעסארן, אזוי האבען זיי זיך אליין גערופען אין א שפאס.

צוזאמען מיט דעם אונטעררעכט האט מען איינגעארדענט אויך אונטערהאל־טונגען, מען פלעגט מאכען אבענדען, מען פלעגט געהן שפאצירען הינטערן שטאדט: אין אנפאנג זעלטען, נאכהער, ווען מען האט שוין געהאט מעהר געלד — עפטער; מען האט גענומען לאזשען אין טהעאטער. דעם דריטען ווינטער האט מען זיך פאר־שריבען אויף צעהן זייטיגע ערטער אין דער איטאליענער אפערא.

ווי פיעל פרייד, ווי פיעל גליק האט ווערא פאוולאוונא געהאט, געווען איז אויך פיעל מיה און זארג. באזונדערס שטארק האט געווירקט ניט נאר אויף איהר נאר אויף דעם גאנצען קרייז דער אונגליק פון איינער פון די בעסטע מיידלאך פון ווארקשטאט. סאשא פריביטקאווא, איינע פון יענע נייטערקעס, וועלכע ווערא פאוולאוונא אליין האט אויסגעפונען איז געווען ווייט ניט מיאוס און זעהר א דעליקאטע. איין מאל איז זי געגאנגען אויפ'ן גאס גאנץ שפעט, צו איהר איז צוגעגאנגען עפעס א מאן, זי האט אנגעהויבען גיכער שפרייזען, ער נאך איהר און איהר אנגעכאפט פארן האנד. זי האט זיך געטהאן ארים און זיך ארויסגעריסען; אבער ציהענדיג אזוי די האנד האט זי אנגעריהרט איהם פארן ברוסט; אויפ'ן טראטואר האט אבגעקלונגען דער זייגער, וואס האט זיך אבגעריסען פון דעם ליעבעסווירדיגען הערן, דער ליעבעסווירדי־גער הער, האט שוין מיט גדלות ארומגעכאפט פריביטקאוו'ן און גענומען שרייען מיט דעם בעוואוסטזיין פון זיין געזעצליכע רעכט; „גנבת'ע! פאליסמאן!" עס זיינען גע־קומען צוויי פאליסלייט און האבען פריביטקאוו'ן אבגעפיהרט אין ארעסטאנטען הויז

אין ווארקשטאט האט מען דריי טעג גאר ניט געוואוסט פון פריביטקאוואס שיקזאל. אויפ'ן פיערטען טאג האט א סאלדאט, איינער פון די דיענער אין ארעסטאנטען הויז געבראכט צו ווערא פאוולאוונא א צעטל פון פריביטקאוו'ן. באלד איז לאפוכאוו אוועק זיך אננעהמען פאר איהר, מען האט איהם אנגערעדט א סך גראבהייטען; ער האט געענטפערט צוויי מאל אזוי פיעל גראבהייטען און איז אוועק צו סערזשען. סערזש און זשולי זיינען געווען ווייט עפעס אויף א פיק־ניק און זיינען געקומען צוריק נאר אויפ'ן צווייטען טאג. אין צוויי שעה ארום נאכדעם ווי סערזש איז צוריקגעקומען, האט דער פאליציי פריסטאוו שוין זיך ענטשולדיגט פאר פריביטקאוו'ן און איז אוועקגעפאהרען זיך ענטשולדיגען פאר איהר חתן. דעם חתן האט ער אבער ניט געפונען, דער חתן איז שוין נעכטען געווען ביי פריביטקאוו'ן אין ארעסטאנטען הויז, האט זיך דערוואוסט פון די פאליציייליט דעם נאמען פון דעם פראנט, איז געקומען צו איהם און איהם ארויסגערופען אויף א דועל; פאר דער ארויספאדערונג צום דועל האט דער פראנט אין א חוזק־טאן זיך ענטשולדיגט פאר זיין טעות; דערהערענדיג די ארויספאדערונג, האט ער זיך פארנאנדער געלאכט. דער חתן, א בעאמטער האט געזאגט: „אט פון דער ארויספאדערונג וועט איהר זיך ניט ענטזאגען" און איז איהם אריינגעפאהרען אין באק, דער פראנט האט געכאפט א שטעקען, דער בעאמטער האט איהם א זעץ געטהאן אין הארצען; דער פראנט איז אנידער געפאלען; עס זיינען געקומען צולייפען די דיענער; זייער בעל־הבית איז געלעגען א טוידטער, ער איז געפאלען און פאלענדיג זיך איינגעשניטען מיט'ן שלייף אין א שארפען געשניצטען ווינקעל פון טיש, דעם בעאמטען האט מען פארזעצט אין טורמע; מען האט אנגעהויבען א פראצעס פון וועלכען עס זעהט זיך קיין סוף ניט, וואס ווייטער? ווייטער איז גאר ניט. נאר פון יענער צייט אן איז געווען א רחמנות צוקוקען אויף פריביטקאוו'ן.

עס זיינען פארגעקומען אין ווארקשטאט נאך עטליכע געשיכטען ניט אזוינע קרימינעלע, אבער אויך ניט קיין היימליכע; געוויינליכע געשיכטען פון וועלכע די מיידלאך האבען לאנג צו וויינען און די יונגע אדער עלטערע מענער האבען ניט קיין לאנגע. אבער אנגענעהמע אונטעהאלטונג. ווערא פאוולאוונא האט געוואוסט אז ביי די איצטיגע בעגריפען און צושטענדע, קען מען די געשיכטען ניט אויסמיידען און אז קיין זארג זאמקייט פון אנדערע פערזאנען קען ניט מאכען אויסצוהיטען די מיידלאך דערפון, קיין פארטזיכטיגקייט אפילו ניט פון די מיידלאך אליין, אבער אז דאס איז ווי אין די אלטע צייטען אין געוועזן פאקען, ביז וואנענט מען האט זיך ניט אויסגעלערנט

פארהיטען דערפון, איצט ווער עס ליידעט פון פאקען איז אליין שולדיג אין דעם און נאך מעהר זיינע נאהענטע; פריהער איז אבער אנדערש געווען: מען האט קיינעם ניט געקאנט באשולדיגען, אויסער די שלעכטע מגפה, אדער די שלעכטע שטאדט און פיליכט נאך דעם מענשען, וועלכער, ליידענדיג פון פאקען, האט זיך אנגעריהרט אן א צווייטען און האט זיך ניט אבגעשלאסען פון מענשען ביז ער וועט געזונד ווערן. דאס זעלבע איז אפט מיט די געשיכטען: ווען עס איז וועלן די מענשען זיך בעפרייען אויך פון די פאקען, עס איז שוין זאגאר בעקאנט דער מיטעל, נאר מען וויל עס נאך ניט אננעהמען, פונקט דאס זעלבע, ווי מען האט א גאנץ לאנגע צייט ניט געוואלט אננעהמען דעם מיטעל געגען פאקען. ווערא פאוולאוונא האט געוואוסט, אז די שלעכטע מגפה טראגט זיך ארום איבער די שטעדט און דערפער און כאפט ארויס קרבנות זאגאר פון זארגזאמסטע הענד — דאס איז דאך אבער נאך א קליינער טרייסט, ווען דו ווייסט נאר „אז איך בין אין דעם אונגליק ניט שולדיג און דו, מיין פריינד, ביזט אין דעם אונגליק ניט שולדיג“; פון דעסטוועגען האט יעדע איינע פון די געוויינליכע געשיכטען פערשאפען ווערא פאוולאוונא פיעל פארדרוס און נאך מעהר ארבייט. אפט האט מען גערארפט זוכען אום צו קענען העלפען; נאך שפעטער האט מען גאר ניט גערארפט זוכען, נאר מען האט פשוט גערארפט העלפען; בארוהיגען, ארויסרופען מונטערקייט, ווידער אויפלעבען דעם שטאלץ, געבען צו פארשטעהן אז, הער אויף צו וויינען — און אז דו וועסט אויפהערן, וועסטו זעהן אז עס איז גאר ניטא פון וואס צו וויינען.

אבער פיעל מעהר — א, פיעל מעהר! — איז געווען פרייד. אלץ איז באמת געווען פרייד, אויסער די פעלע פון פערדרום; פערדרוסען זיינען אבער געווען נאר איינצעלנע און זאגאר זעלטענע פעלע; הייגט, און א האלב יאהר ארום האסטו פארדרום צוליעב איינע, אבער אין דער זעלבער צייט פרייסטו זיך פאר אלעמען. און עס וועט אוועק צוויי־דריי וואכען און מען וועט זיך שוין ווידער קענען פרייען מיט דער איינער אויך. ליכטיג און היימלאך איז געווען דער טאג־טעגליכער גאנג פון דעם גאנצען געשעפט און האט שטענדיג פערשאפט פרייד צו ווערא פאוולאוונא. און אויב אין געשעפט גופא זיינען אמאל פארגעקומען שווערע מינוטען, האט מען אבער פיעל מעהר געהאט באזונדערס גליקליכע מינוטען: אט האט זיך איינגעגעבען זעהר גוט איינצוארדנען א קליינע שוועסטערל אדער ברודערל פון דער אדער יענער מיידעל; אויפ׳ן דריטען יאהר האבען צוויי מיידלאך אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אויף לעה־

רעדינס — דאס איז דאך געווען אזא גליק פאר זיי! עס זיינען פארגעקומען עטליכע אזוינע זעהר גוטע פעלע. און עפטער ווי אלץ זיינען עס געווען חתונות, וואס האבען פערשאפט פרייד ווערא פאוולאוונא'ן און דער גאנצער חברותא. שדוכים זיינען גע־ווען א רעכטע ביסעל און אלע געלונגענע. מען פלעגט פראווען די חתונות זעהר היימלאך; מען פלעגט מאכען פיעל אבענדען פאר דער חתונה און נאך דער חתונה, א סך מתנות דער כלה פון די חברת'עס; פון רעזערוו פאנד פלעגט מען ארויסגעבען נדן; אבער ווידער אמאל וויפיעל פלעגט עס ווערא פאוולאוונא דארפען פאדענען ארום דעם! איין זאך איז אויסגעקומען אין די אויגען פון די מיידלאך ניט אדעל מצד פון ווערא פאוולאוונא: איין מיידעל האט איהר געבעטען זיין אן אונטערפיהרערקע און האט ניט גע'פועלט. עפטער ווי אלץ איז מערצאלאווא געווען די אונטערפיהרער־קע, אדער איהר מוטער, אויך זעהר א גוטע דאמע, ווערא פאוולאוונא אבער קיין מאל ניט; זי פלעגט אנטהאן די כלה, און איהר באגלייטען אין קירך, אבער נאר ווי איינע פון די חברת'עס. דעם ערשטען מאל האט מען געמיינט אז דאס ענטזאגען זיך קומט, ווייל זי איז מיט וואס עס איז ניט צופרידען, אבער ניין: ווערא פאוולאוונא איז זעהר צופרידען געווען מיט דער איינלאדונג, זי האט אבער דאך ניט אנגענומען; דעם צוויי־טען מאל האט מען פערשטאנען אז דאס איז איינפאך באשיידענהייט, בכלל האט זי אויף ווי ווייט מעגליך געזוכט אויסצומיידען וועלכע עס איז פארמע פון איינפלוס; זי האט זיך באמיהט ארויסצושטופען פאראויס אנדערע און זי האט אזוי ווייט גע־האט ערפאלג אין דעם, דאס פיעלע דאמען, וואס פלעגען קומען אין ווארקשטאט מיט בעשטעלונגען, פלעגען איהר ניט קענען אונטערשיידען פון די אנדערע. און ווערא פאוולאוונא האט געהאט דעם גרעסטען בחת פון ווארקשטאט, ווען זי פלעגט ווען עס איז בעוויזען אז אט די גאנצע ארדענונג איז איינגעפיהרט און האלט זיך דורך די מיידלאך אליין. מיט דער ערקלעהרונג פלעגט זי זוכען זיך אליין צו איבער־צייגען אין דעם. וואס זי האט געוואלט גלויבען; אז דער ווארקשטאט וואלט גע־קאנט אנגעהן אהן איהר, און אז גאנץ פון זיך אליין קענען אויפקומען נאך אזוינע ווארקשטאטען. און פאר וואס טאקי ניט? אט דאס וואלט געווען גוט! דאס וואלט געווען בעסער ווי אלץ! — קיינער וואס איז ניט פון די רייהען פון די שניידערקעס זאל גאר ניט פיהרען אפילו, נאר דער געדאנקען און די פעהיגקייט פון די שניידער־קעס אליין, דאס איז געווען ווערא פאוולאוונאס געליעבטער וואונש!

5

און אַט אויף אַזאַ אופן זיינען פאַרביי דריי יאָהר זינט דער וואַרקשטאַט איז געגרינדעט געוואָרען, מעהר ווי די דריי יאָהר נאָך וועראַ פּאַוולאָוונאַס חתונה. אַ שטיל אי טהעטיג זיינען פאַראיבער די דריי יאָהר, ווי פול זיינען זיי געווען מיט רוהע און פריידען און אַלדעם גוטעם.

זיך אויפכאַפּענדיג פון שלאָף, צערטלט זיך וועראַ פּאַוולאָוונאַ לאַנג אין בעט; זי האָט האָלט זיך צו צערטלען, און אַביסעל, ווי כאַפּענדיג אַ דרעמל און ניט דרעמ־לענדיג, ליעגט זי און טראַכט וואָס מען דאַרף טהאָן; און אַזוי ליעגט זי, ניט זי טראַכט און ניט זי דרעמעלט — ניין, זי טראַכט: „ווי וואַרים, ווייך, גוט און אויס־געצייכנט עס איז זיך צו צערטלען אין דער פריה; און אַזוי צערטלט זי זיך ביז פון דעם נייטראַלן צימער — ניין, מען דאַרף זאָגען: פון איינעם פון די נייטראַלע צימערן, זיי האָבען שוין צוויי אַזוינע, עס איז דאָך שוין דער פערטער יאָהר נאָך דער חתונה — זאָגט דער מאַן, דאָס הייסט דער ליעבינקער: „ וועראָטשקאַ, דו האָסט זיך אויפגעכאַפּט?" — יאַ, מיין ליעבינקער. דאָס בעדייט אַז דער מאַן קען אָנ־הויבען מאַכען טיי — אין דער פריה מאַכט ער טיי, און אַז וועראַ פּאַוולאָוונאַ — ביי איהר אין צימער איז זי וועראָטשקאַ — הייבט זיך אָן אָנצוטהאָן. ווי לאַנג זי טהוט זיך אָן! — ניין, זי טהוט זיך אָן שנעל, אין איין מינוט, נאָר זי פּלוסקעט זיך לאַנג אין וואַסער, — זי האָט האָלט זיך צו פּלוסקען, — און נאָכדעם פאַרקאָמט זי לאַנג די האָר — ניין, דאָס פאַרקאָמען נעהמט ביי איהר ניט לאַנג, איין מינוט, נאָר זי האָט האָלט צו שפּיעלען זיך לאַנג מיט זיי: זי האָט האָלט איהרע האָר; איבעריגענס, אָפט נעהמט ביי איהר אַ סך צייט אָן אמת'ער טהייל פון טואַלעט, דאָס אָנטהאָן פון די שיך; זי האָט אויסגעצייכענטע שיך; זי טהוט זיך אָן זעהר באַשיידען, נאָר זי האָט אַ שוואַכקייט צו שיך.

אַט געהט זי אַרויס צום טיי טרינקען, נעהמט אַרום דעם מאַן — „ווי האָסטו געשלאָפען, מיין ליעבינקער"? רעדט אַרום מיט איהם ביים טיש וועגען אַלע מענ־ליכע ניט וויכטיגע און וויכטיגע זאַכען; איבעריגענס, וועראַ פּאַוולאָוונאַ, — ניין, וועראָטשקאַ, ביים טיי איז זי נאָך אַלץ וועראָטשקאַ — טרינקט ניט אַזוי טיי, ווי שמאַנט; טיי איז נאָר אַן אויסרייד פאַר די שמאַנט; זי גיסט אָן שמאַנט מעהר ווי אַ העלפט פון טאַס; שמאַנט איז אויך איהרע אַ שוואַכקייט. עס איז שווער צו

באקומען גוטע שמאַנט אין פּעטערבורג, אבער וועראטשקא האָט אויסגעפונען אמת־גוטע, אהין וועלכען עס איז אצומיש. זי חלומט נאָך וועגען האָבען אן אייגענע קוה; אויב די געשעפטען וועלן געהן גוט, וועט מען עס קענען האָבען אין א יאָהר ארום. דער „ליעבינקער" געהט אוועק אויף די שטונדען, אדער אויף זיין שטעל: ער דיענט אין קאַנטאָר ביי א פּאַבריקאַנט. ווערא פּאַוולאָוונא — איצט איז זי שוין ווערא פּאַוולאָוונא ביז אויף מאָרגען אין דער פריה — פּאַרעט ארום די בעל־הבית'ישקייט, זי האָט דאָך נאָר איין דיענסט, א יונגע מיידעל, וועלכע מען דאַרף אלץ לערנען; אבער ווי נאָר מען לערנט זיי אויס, מוז מען אָנהויבען א נייע צו לערנען האַלטען אָרדנונג; דיענסטען האַלט זיך ניט ביי ווערא פּאַוולאָוונא, האָבען אלע חתונה — עס געהט אוועק א האַלב יאָהר, אָדער עפּעס מעהר און ווערא פּאַוולאָוונא דאַרף זיך שוין נייהען א פּאַלערינקע, וואס איז? זי איז ווידער אן אונטערפיהרערין; דא קען מען שוין זיך ניט ענטזאָגען — „איהר אליין, ווערא פּאַוולאָוונא, האָט דאָך אלץ אויפגעטהאָן אליין, ווי קען מען דאס אהן אייך". יא, פיעל קומט אויס צו פּאַרעגען אין דער בעל־הבית'ישקייט. נאָכהער דאַרף מען געהן אויף די שטונדען, זי האָט א רעכטע ביסעל; ארום צעהן שטונדען א וואָך; מעהר וואָלט געווען שווער און קיין צייט איז אויך ניטא. פאַר די שטונדען דאַרף מען טהאָן א קוק אין וואַרקשטאַט און געהענדיג צוריק פון די שטונדען — אויך דאס זעלבע. און אט איז שוין דאס מיטאָגעסען צוזאַמען מיט'ן „ליעבינקען". צום מיטאָגעסען קומט גאַנץ אָפט ווער עס איז; איינער, העכשטענס צוויי — מעהר ווי צוויי קען מען ניט: ווען צוויי קומען צו, דאַרף מען שוין אויך פּאַרעגען, מאַכען א נייעם געריכט, עס זאָל זיין גענוג וואס צו עסען. אויב ווערא פּאַוולאָוונא קומט א פּערמאַטערטע, דאַמאָלט איז דער מיטאָג אן איינפאַכערער; זי בלייבט זיצען ביז'ן עסען ביי זיך אין צימער און דאס מיטאָג עסען בלייבט אזוי ווי מען האָט אנגעהויבען מיט איהר הילף, ער ווערט אבער פאַרענדיגט אהן איהר הילף. אויב אבער זי קומט צוריק ניט קיין פּאַרמאַטערטע, ווערט אין קיך לעבעדיג: מען גיט צו א נייעם געריכט, עפּעטער ווי אלץ, עפּעס א זיסער זאַרט געבעקס, וואס מען עסט מיט שמאַנט, דאס הייסט וואס גיט אן אויסרייד צו באַנוצען שמאַנט. ביים מיטאָג דערצעהלט ווערא פּאַוולאָוונא ווידער און פרעגט זיך נאָך, אבער מעהר דערצעהלט זי; און ווי אזוי זאָל זי ניט דערצעהלען? וויפיעל נייעס איז דא צו דערצעהלען וועגען וואַרקשטאַט אליין. נאָכ'ן מיטאָג עסען זיצט מען ביי א פיערטעל שעה, „צום ווידער זעהן" און מען געהט זיך פאַרנאַנדער און די

איינגענע צימערן און ווערא פאוולאוונא ווארפט זיך ווידער אריין אין בעט און צערטעלט זיך און לייענט; אפט שלאפט זי זאגאר איין, זאגאר גאנץ אפט פאסירט עס. כמעט דריי טעג אין וואך, שלאפט אפ א שעה, א שעה און א האלב — דאס איז א שוואכקייט, כמעט א שוואכקייט פון שלעכטען געשמאק, אבער ווערא פאוולאוונא שלאפט דאך נאך מיטאג, ווען עס שלאפט זיך איין און זי האט זאגאר הנאה, ווען עס שלאפט זיך און פיהלט ניט קיין שאנד און חרטה פאר אט דער שוואכקייט פון שלעכטען געשמאק. שטעהט אויף, נאך דעם ווי זי האט זיך דורכגעשלאפען, אדער אזוי זיך געצערטעלט א שעה און א האלב, צוויי, טהוט זיך אן, געהט ווידער אין ווארקשטאט און פארבלייבט דארט ביז'ן טיי טרינקען. אויב קיינער איז ניטא אבענדס, דערצעהלט זי ביים טיי טרינקען ווידער דעם „ליעבינקען" וועגען פארשיידענע זאכען און זיצט א האלבע שעה אין נייטראלען צימער; נאכהער „צום ווידערזעהן ליעבינקער", מען צוקושט זיך און מען געהט זיך פארנאנדער ביז אויף מארגען פריה ביים טיי טרינקען. איצט ארבייט ווערא פאוולאוונא, אפט גאנץ לאנג, ביז צוויי פארטאג, לייענט. רוהט אפ, פון לייענען ביי דער פיאנא — די פיאנא שטעהט ביי איהר אין צימער; די פיאנא האט מען ניט לאנג צוריק געקויפט, פריהער פלעגט מען האלטען אויף פראקאט; דאס איז אויך געווען ניט קיין קליינע שמחה, ווען מען האט די פיאנא געקויפט — דאס קאסט דאך ביליג אויך. מען האט עס געקויפט ביי א געלעגענהייט, פאר 100 רובעל, אן אלטע, עראראווס; דאס פאררעכטען האט געקאסט 70 רובעל; אבער דערפאר האט די פיאנא באמת געהאט אן אויסגעצייכנטען טאן. זעלטען קומט דער ליעבינקער הערן איהר זינגען, אבער נאר זעלטען: ער האט א סך ארבייט. אזוי געהט פארביי דער אבענד: ארבייט, לייענען, שפיעלען, זינגען, מעהר ווי אלץ לייענען און זינגען. דאס איז, ווען קיינער איז ניטא. אבער גאנץ אפט זיינען אין אבענד פארהאן געסט — צום גרעסטען טייל מענשען וואס זיינען אינגער פאר'ן „ליעבינקען", וואס זיינען אינגער פאר ווערא פאוולאוונא אליין — צווישען זיי אויך די לעהרער פון ווארקשטאט. זיי אכטען זעהר לאפוכאוו'ן זיי האלטען איהם פאר איינעם פון די בעסטע קעפ אין פעטערבורג: עס קען זיין אז זיי האבען קיין טעות ניט; זייער צובונד צו לאפוכאוו'ן באשטעהט אין דעם, וואס זיי געפינען די געשפרעכען מיט דימיטרי סערגעאיטשען זעהר נוצליך פאר זיך. ווערא פאוולאוונא'ן פערגעטערן זיי אלע, זי לאזט זיי אפילו קושען די האנד און האלט זיך אין זייער חברותא, ווי זי וואלט געווען מיט פופצעהן יאהר עלטער פאר זיי; דאס

הייסט, אזוי האלט זי זיך ווען זי טרייבט ניט קיין קאטאוועס; אבער באמת, טרייבט זי דאס רוב, א קאטאוועס מיט זיי, לויפט, שטיפט מיט זיי; זיי זיינען העכסט גליקליך און מען טאנצט און מען שפרינגט און מען לויפט, מען שפיעלט פיעל אויף דער פיאנא, מען פלוידערט און מען לאכט פיעל, אבער מעהר פאר אלץ זינגט מען; אבער דאס ארומלויפען און דאס לאכען שטערן בשום אופן ניט אט די יונגע חברה צו פארגעטערן ווערא פאוולאוונא'ן און איהר צו פארגעטערן אזוי, ווי גאט זאל העל־פען אזוי אכטען אן עלטערע שוועסטער, ווי מען אכטעט ניט אפט אן אייגענע מוטער, זאגאר א גוטע. איבריגענס איז דאס זינגען שוין ניט קיין קאטאוועס, כאטש אויך דערביי שטיפט מען אפט; דעם גרעשטען טהייל זינגט ווערא פאוולאוונא ערנסט, אפט שפיעלט זי ערנסט ניט זינגענדיג אויך. און די צוהערער זיצען דאמאלט אין שטומער שטילקייט. ניט זעהר זעלטען קומען אויך עלטערע געסט, פון איין עלטער מיט לאפוכאוו'ן: דאס רוב לאפוכאוו'ס געוועזענע חברים, בעקאנטע פון זיינע געוועזענע חברים, צוויי־דריי יונגע פראפעסארען, כמעט אלע אָהן פאמיליעס; פון פארהייראטע קומען נאָר מערצאלאווס. לאפוכאווס געהן צו גאסט ניט אזוי אפט, כמעט נאָר ביי מערצאלאוו'ס, אויך ביי מערצאלאווס טאטע־מאמען: אָט די גוטע, איינפאכע אלטע לייט האָבען א סך זין, וואס פארנעהמען וויכטיגע שטעלען אין אלע מעגליכע רעגירונגס אנשטאלטען און דערפאר טרעפט ווערא פאוולאוונא אין יענער הויז פארשיעדענע זארטען מענשען.

א פרייער, טהעטיגער, ברייטער לעבען ניט אָהן וואוילטאג; דאס ליגען און צערטלען זיך און דער ווארעמער, ווייכער בעט, שמאנט און פוטער־קוכענס מיט שמאנט — דאס געפעהלט זעהר ווערא פאוולאוונאן.

צו איז דא א בעסערער לעבען אויף דער וועלט? ווערא פאוולאוונא'ן דאכט זיך נאָך אז ניט.

יא, אין אנפאנג פון דער יוגענד כמעט טאקי ניט.

אבער די יאהרען געהן און מיט די יאהרען ווערט בעסער, אויב דאס לעבען געהט ווי עס דארף געהן, ווי עס געהט איצט ביי ניט פיעלע, ווי עס וועט אמאל געהן ביי אלעמען.

6.

איינמאָל — דאס איז געווען שוין צו ענד זומער — האָבען די מיידלאך צו־זאמען זיך געקליבען, ווי געוועהנליך, אויף א שפאציר הינטערן שטאדט. אין זומער־

צייט פלעגן זיי כמעט יעדן יום־טוב אויספאהרען אויף שיפלאך, אויף די אינזלען. ווערא פאוולאוונא פלעגט געוועהנליך מיטפאהרען מיט זיי: דעם מאל איז אויך דימיטרי סערגייאיטש געפאהרען, דערמיט איז דער שפאציר געווען אן אויסער־געוועהנליכער: ער פלעגט זעלטען מיטפאהרען און דעם זומער איז עס געווען דער צווייטער מאל וואס ער איז געפאהרען. חברה, זיך דערוויסענדיג וועגען דעם, איז געווען זעהר צופריעדען: ווערא פאוולאוונא וועט זיין פרייליכער ווי געוועהנליך, און מען דארף ערווארטען אז עס וועט זיין זעהר, זעהר לעבעדיג. אייניגע וואס האבען געטראכט צו פארברייננגען דעם זונטאג אנדערש, האבען געביטען זייערע פלענער און זיינען צוגעשטאנען צו די וואס האבען זיך געקליבען פאהרען. מען האט געמוזט נעהמען, אנשטאט פיער גרויסע שיפלאך — פינף, נאכהער האט מען נאך געמוזט נעהמען א זעקסטע. די חברותא איז בעשטאנען פון א פארשוין פופציג, אדער נאך מעהר: מעהר ווי צוואנציג נייטערקעס — נאר זעקס האבען ניט אנ־טיילגענומען — דריי בעיאהרענטע פרויען, א צעהנדליג קינדער, מוטערס, שוועס־טערס און ברידער פון די נייטערקעס, דריי יונגעלייט — חתנים: איינער — א געהילף ביי א זייגער־מאכער, א צווייטער — א קליינער הענדלער און די ביידע זיינען אין זייערע מאנירען ווייניג וואס אבגעשטאנען פון דריטען — א לעהרער און א קרייזשול; א מאן פינף — אנדערע יונגעלייט פון פארשיידענע בעשעפטיגונ־גען, צווישען זיי זאגאר צוויי אפיצירען, א מאן אכט מעדיצינישע און אנדערע סטודענטען. מען האט מיט זיך מיטגענומען פיער גרויסע סאמאווארען, גאנצע קופעס פון אלערליי געבעקס, גרויסע זאפאסען פון קאלטע קאלב פלייש און נאך אזוינע זאכען: א יונגער עולם, באוועגונג וועט זיין א סך, דערצו נאך אויפ׳ן פרייען לופט — מען קען רעכענען אויף א גוטען אפעטיט; עס איז געווען אויך א האלב דוצענד פלעשער וויין: אויף 50 מענשען, און דעם 15 יונגעלייט, דאכט זיך, — ניט פיעל.

און אין אמת׳ן האט דער שפאציר זיך איינגעגעבען אויפ׳ן בעסטען אופן. עס איז אלץ געווען: מען האט געטאנצט פארוויז, 12 פאר, אויך 18 פאר, איין קאדריל זאגאר 20 פאר; מען האט געשפיעלט אין פאנדען — 22 פאר; מען האט אויפגע־האנגען צווישען די בוימער 3 וויגען: צווישען די פערשיידענע אונטערהאלטונגען האט מען געטרונקען טיי, מען האט פארביסען; א האלבע שעה — ניין, ווייניגער, פיעל ווייניגער, האט מען זיך זאגאר צוגעהערט צו דעם סכסוך צווישען דימיטרי

סערגעאיטש מיט צוויי סטודענטען, זיינע בעסטע גוטע פריינד פון אלע זיינע אינ־
גערע גוטע פריינד; זיי האָבען אויסגעזוכט איינער ביי די אנדערע ניט אויסגע־
האַלטענקייט, וועלן זיין לויט דער לעצטער מאָדע, בורזשואזקייט — די חסרונות
האָט איינער געפונען ביים אנדערן; ביי יעדערן באַזונדער האָט מען אבער גע־
פונען נאָך אַן אנדער חטא. איין סטודענט איז געווען א ראמאנטיקער; דימיטרי
סערגייאיטש איז געווען א פּראָיעקטען מאַכער; דער צווייטער סטודענט איז געווען
א פּרוש; פאַרשטעהט זיך אַז א זייטיגער מענש קען לענגער ווי פינף מינוט ניט
זיך צוהערן צו אַזוינע חטאים זוכעריי; איינער פון די וואס האָבען זיך געקריגט,
דער ראמאנטיקער, האָט אליין ניט אויסגעהאַלטען מעהר ווי אנדערהאַלבען שעה
און איז אַנטלאָפען צו די טענצער, ניט אָהן נצחון, ער איז אין כעס געוואָרען אויף
איינעם פון די מאָדערניסטען, דאַכט זיך זאָגאַר אויף מיר אליין, כאָטש איך בין גאָר
דערביי ניט געווען און וויסענדיג — אַז די אורזאַכען פון זיין כעס איז שוין אַלט
עטליכע יאָהר, האָט ער אויסגעשריען: „וואס רעדט איהר וועגען איהם? איך וועל
אייך ברייגנען די ווערטער וואס זעהר א קלוגע פרוי האָט געזאָגט צו זעהר אַן אנ־
שטענדיגען מענשען; נאָר ביז 25 יאָהר קען אַן אנשטענדיגער מענש אנהאַלטען
אַן עהרליכען זאַרט דענקען". — איך ווייס דאָך, ווער די דאַמע איז, האָט אַזאַ
געטהאָן דער אפיציר, וואס איז אויפ'ן אונגליק פון ראמאַנטיקער צוגעגאַנגען צו זיי
— דאס איז מאַדאַם נ. ק. זי האָט עס געזאָגט אין מיין אנוועזענהייט; נאָר מען
האָט איהר גלייך אויף אַן אָרט געכאַפּט, אַז זי אליין איז שוין 26 יאָהר אַלט; און
דו געדיינקסט ווי זי האָט געלאַכט, צוזאַמען מיט אַלעמען? און איצט האָבען זיי
אלע פיער זיך פאַרנאַנדער געלאַכט און דער ראמאַנטיקער איז מיט א געלעכטער
אַנטלאָפען. דער אפיציר האָט אבער פאַרנומען זיין פּלאַטץ און די רייסערייי איז
אוועק נאָך ווייטער ביז צו טיי צייט. און דער אפיציר האָט, נאָך מיט מעהר כעס,
ווי דער ראמאַנטיקער, אויפגעדעקט די מיט איהם פון ראמאַנטיקער און פון
פּרוש און איהם אליין האָט מען געכאַפּט אַז ער איז אַן אנהייגער פון
אוגוסט קאָנטס לעהרען. נאָך טיי האָט דער אפיציר ערקלעהרט, דאס כל זמן
ער איז נאָך אין די יאָהרען פון האָבען עהרליכע געדאַנקען, האָט ער גאָר ניט געגען
דעם צוצושטעהן צו אנדערע מענשען פון זיינע יאָהרען; דימיטרי סערגעאיטש, און
ניט ווילענדיג אויף דער פּרוש, האָבען געמוזט נאָכטהאָן זיין ביישפּיעל; טאַנצען
האָבען זיי ניט געטאַנצט נאָר אין פאַנדען האָבען זיי יא געשפּיעלט. און ווען די

מענער האָבען זיך אוועקגעלאָזען יאגען איינע די אנדערע און אריבערשפּרינגען דעם גראבען, זיינען די דריי דענקער געווען צווישען די אייפריגסטע אָנטייל נעהמער אין די מוטיגע איבונגען; דער אפיציר האָט אלעמען אריבער געיאגט אין שפּרינגען איבערן גראבען. דימיטרי סערגעאיטש, זעהר א שטאַרקער מאַן, איז צוהיצט געוואָרען וואָס דער אפיציר האָט איהם גובר געווען; ער האָט געהאפט צו זיין דער ערשטער אויף דעם געביעט נאכ'ן פּרוש, וועלכער האָט גאַנץ בעקוועם אויפגעהויבען און אנידערגעלייגט אויף ד'רערד דימיטרי סערגעאיטש'ן און דעם אפיציר צוזאמען; דאָס האָט ניט אנגעריהרט ניט דימיטרי סערגעאיטש'ן, ניט דעם אפיציר, ווייל יענער פּרוש איז געווען בעוואוסט פאַר א גבר. אבער דימיטרי סערגעאיטש האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט לאָזען אויף זיך דעם פלעק אז ער קען ניט בייקומען דעם אפיציר; פינף מאָל האָבען זיי זיך ארומגעכאַפּט איינער פאַר'ן צווייטען, און אלע פינף מאָל האָט דער אפיציר איהם אוועקגעלייגט, כאָטש ניט אהן מיה. נאכ'ן זעקסטען מאל האָט דימיטרי סערגעאיטש צוגעגעבען אז ער איז בלי ספק שוואכער; ביידע זיינען געווען אויסגעמאַטערט. די דריי דענקער האָבען זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז און ווייטער זיך גענומען פאַרן אלטען קריעג; איצט איז אויסגעקומען אז דימיטרי סערגעאיטש איז שוין גאָר אוגוסט קאָנטס א תלמוד און דער אפיציר איז א פּלאַנען־מאכער, נאָר דער פּרוש איז געבליבען א פּרוש.

אהיים איז מען געפאָהרען אזייגער 11. די אלטע לייט און די קינדער זיינען איינגעשלאָפען אויף די לאָדקעס; נאָך גוט וואָס מען האָט מיטגענומען א סך ווארימע קליידער; דערפאַר אבער האָבען די אנדערע געערעדט אָהן אן אויפהער און אויף אלע זעקס שיפלאַך האָט מען ניט אויפגעהערט צו שטיפען און לאַכען.

7.

אין צוויי טעג ארום, ביים פריהמאָרגענדיגען טיי טרינקען, האָט ווערא פּאַוו־לאָוונא ערקלעהרט דעם מאַן, אז איהר געפעלט ניט די פאַרב פון זיין געזיכט. ער האָט געזאָגט, אז אין אמת'ן האָט ער די נאַכט ניט זעהר גוט געשלאָפען און נעכטען פון אבענד האָט ער שוין ניט גוט געפיהלט, אבער אז דאָס איז גאַרנישט, ער האָט זיך אביסעל צוגעקיהלט אויפען שפּאַציר, מן הסתם, דאַמאָלט ווען ער איז אַזוי לאַנג געלעגען אויף דר'ערד נאכ'ן ארומלויפען; ער האָט זיך אליין אויסגעזידעלט פאַר

רי אונפאַרזיכטיגקייט, אָבער האָט פאַרזיכערט ווערא פּאַווּלאָוונאַ, אַז דאָס איז אַ קלייניגקייט. ער איז אַוועק אויף זיין געוויינלעכע בעשעפטיגונג; ביים אָבענדטיי האָט ער געזאָגט אַז, דאַכט זיך, אַלץ איז פאַרביי. אָבער אויף מאָרגן אין דער־פריה האָט ער ערקלערט אַז ער וועט מוזן עטלעכע טעג בלייבן צו הויז. ווערא פּאַווּלאָוונאַ, וואָס איז שוין נעכטן געוואָרן אונרוהיג, האָט איצט זיך שטאַרק דער־שראָקן און געפאָדערט אַז דימיטרי סערגעאַיטש זאָל רופן אַ דאָקטאָר. — „איך בין דאָך אַליין אַ דאָקטאָר און וועל אַליין זיך קענען היילן, אויב עס וועט זיין נויטיג; דערווייל דאַרף מען נאָך ניט“, האָט דימיטרי סערגעאַיטש געפּרובירט איהר פאַרריידן. ווערא פּאַווּלאָוונאַ האָט אָבער ניט אָבגעטראָטן און ער האָט אָנגע־שריבן אַ צעטעל צו קירסאַנאָוו'ן, ערקלערענדיג אין צעטעל אַז די קראַנקהייט איז ניט קיין וויכטיגע און אַז ער בעט איהם קומען נאָר נאָכגעבענדיג דער פרוי.

קירסאַנאָוו האָט דערפאַר זיך ניט געאיילט: האָט פאַרבראַכט אין האָספּיטאָל ביז מיטאַגצייט און איז געקומען צו לאָפּוכאָווס שוין אַרום 6 אַזייגער פאַרנאַכט.

— ניין, אַלעקסאַנדער, איך האָב גוט געטהאָן וואָס איך האָב דיר גערופן; קיין געפאַהר איז ניטאָ, און עס וועט, וואַהרשיינליך, אויך ניט זיין; איך האָב אָבער לונגען ענטצינדונג. געוויס וואָלט איך זיך אויסגעהיילט אָהן דיר אויך, פון דעסט־וועגן באַזוך מיך. מען טאָר ניט, מען מוז עס כדי דעם געוויסן צו האַלטן ריין; איך בין דאָך ניט קיין וואָלקענאַק, ווי דו —

לאַנג האָבען זיי געטאַפּט די זייטען איינער דעם אַנדערן; קירסאַנאָוו האָט אויסגעהערט די לונגען און געפונען אַז לאָפּוכאָוו האָט קיין טעות ניט געהאַט: קיין געפאַהר איז ניט און וועט, וואַהרשיינליך, ניט זיין, אָבער די ענטצינדונג אין די לונגען איז אַ שטאַרקע. ער וועט דאַרפן ליגן אַ וואָכען אַנדערהאַלבן. לאָפּוכאָוו האָט אַביסעל פאַרלאָזן די קראַנקהייט, אָבער ניש־קשה.

קירסאַנאָוו האָט אָנגעהויבן באַזוכן דעם קראַנקען צוויי מאָל אַ טאָג: זיי האָבען ביידע איינגעזעהן אַז די קראַנקהייט איז איינפאַך און ניט געפעהרליך. אויפ'ן פערטען טאָג אין דער פריה האָט קירסאַנאָוו ערקלעהרט ווערא פּאַווּלאָוונאַן:

— דימיטרי געהט אויף אַ דרך: נאָך אַ דריי טעג וועט זיין שוועראַך, אָבער ניט ערגער ווי נעכטן, נאָכהער וועט ער שוין אָנהויבן ווערן בעסער. אָבער וועגן אייך אַליין, ווערא פּאַווּלאָוונאַ, וויל איך דורך ריידען מיט אייך זעהר ערנסט. איהר

טהוט שלעכט: צו וואס שלאפט איהר ניט נעכט? ער דארף ניט קיינעם, וואס זאל זיצען ביי זיין בעט, ער דארף מיר אויך ניט. זיך אבער קענט איהר שאדען טהאָן, און גאר אהן נוצען. ביי אייך זיינען די נערוועז שוין איצט דאך אויך ניט אין ארדנונג —

לאנג האָט ער געזוכט איינצורריידען ווערא פאוולאוונא, אבער אהן וועלכען עס ערפאלג, „בשום אופן ניט", „פאר קיין פאל ניט" איך וואלט אליין געוואָלט, איך קען אבער ניט — ד. ה. שלאפען ביי נאכט און לאזען דעם מאן אליין. ענדליך האָט זי געזאגט: „אלץ וואס איהר זאגט מיר, האָט ער אליין מיר דאך שוין געזאגט און א סך מאָל, איהר ווייסט דאך. איך וואלט געווים איהם גיכער געפאלגט ווי אייך; הייסט עס איך קען ניט. —

אויף אזא זארט ערקלעהרונג איז ניט געווען וואס צו ענטפערן, קירסאנאוו האָט א שאקעל געטהאָן מיט'ן קאפ און איז אוועק.

געקומען צום קראנקען ארום צעהן אזייגער ביי נאכט, איז ער צוזאמען מיט ווערא פאוולאוונא אבגעזעסען ביי א האלבע שעה און נאכהער געזאגט: „איצט געהט איהר, ווערא פאוולאוונא, זיך אויסרוהען. מיר בײדע בעטען אייך. איך בלייב דא נעכטיגען".

ווערא פאוולאוונא'ן האָט פארדראסען; זי האָט אליין געוואוסט אויף העלפט, מעהר ווי אויף העלפט, אז עס איז ניט נויטיג צו זיצען א גאנצע נאכט ביים קראנקען. און דאך מאכט זי קירסאנאוו'ן, א פארנומענעם מענשען, צו פארלירען צייט. וואס הייסט עס אין אמת'ן? „יא, עס קוקט אוים אז מען דארף ניט"... „עס קוקט אוים, אבער ווער ווייס? נײן, מען טאר דעם „ליעבינקען" ניט לאזען איינעם אליין; ווער ווייס וואס עס קען געשעהן; טאמער, וועט ער וועלען א טרונק, טאמער וועט ער וועלען א גלאז טיי, ער איז דאך אן אדעלער, וועט ניט וועקען, הייסט עס, אז מען קאן ניט, ניט זיצען ביי איהם. קירסאנאוו דארף אבער ניט זיצען, זי וועט ניט ערלויבען. זי האָט געזאגט, אז זי וועט ניט אוועקגעהן, ווארום זי איז ניט פארמאטערט, זי רוהט גענוג בייטאָג.

— אויב אזוי, ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך אוועקצוגעהן; איך בעט ענט־שידען. קירסאנאוו האָט איהר גענומען פארן האנד און כמעט מיט געוואלד איהר אבגעפיהרט צו איהר אין צימער.

— מיר איז באמת זעהר ניט אנגענעהם פאר דיר, אלעקסאנדר — האָט דער קראַנקער אזאג געטהאָן — דו זיצט אוים א נאכט ביי א קראנקען, וועמענס קראַנק־הייט עס פאדערט אזא זאך גאר ניט, איך בין דיר אבער זעהר דאנקבאר, איך קען דאך איהר ניט איינריידען, נעהמען כאטש א פלעגעריז, אויב זי האָט מורא מיר צו לאזען אליין — זי האָט קיינעם ניט געקאָנט אנטרויען.

— אויב איך וואלט עס ניט געזעהן, אז זי קען ניט זיין רוהיג, אנטרויענדיג דיך וועמען עס איז אן אנדערן, וואלט איך ניט געמאכט זיך אזוי ניט בעקוועם. אבער איצט, האָף איך, וועט זי איינשלאָפען; איך בין דאך א דאקטאר דיין פריינד. —

אין אמת'ן, ווי ווערא פאוולאָוונא איז צוגעגאנגען צו איהר בעט, איז זי באלד אנידערגעפאלען און איינגעשלאָפען. די דריי שלאפלאזע נעכט זיינען פאר זיך אליין ניט געווען וויכטיג. אבער די אונרוה, צוזאמען מיט די שלאָפלאָזע נעכט אהן וועל־כע עס איז רוהע בייטאג איז באמת געווען געפעהרליך; נאך צוויי־דריי מעת־לעת אהן שלאָף וואלט זי קראנק געווארען ערגער ווי דער מאַן.

קירסאנאוו האָט פארבראכט נאך דריי נעכט מיט'ן קראַנקען; איהם האָט עס וויניג וואס פערמאטערט, ווארום ער האָט אויסגעצייכענט געשלאָפען, נאר פון פאר־זיכטיגקייט האָט ער די טיהר פארמאכט, כדי ווערא פאוולאָוונא זאל ניט זעהן אזא רוהיגקייט, זי האָט פארדעכטיגט, אז ער שלאָפט אויף זיין דעזשורסטווא, זי אבער דאך געווען רוהיג: ער איז דאך א דאקטאר, היינט וואס איז דא מורא צו האָבען? ער וויים דאך, ווען ער מעג שלאָפען און ווען ניט. איהר האָט פאַרדראסען, וואס זי האָט פריהער ניט געקאָנט זיך בארוהיגען, אום איהם ניט צו שטערן, איצט אבער האָט ער שוין קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען איהרע פארזיכערונגען אז זי וועט סאי ווי סאי שלאָפען, אפילו ווען ער וועט ניט זיין, — „איהר זייט שולדיג, ווערא פאוולאָוונא און דאַרפט דערפאר ווערן באשטראפט. איך טרוי אייך ניט“.

אבער אין פיער טעג ארום, ווען זי אליין האָט שוין אויך געזעהן, אז דער קראַנקער איז שוין כמעט אוים חולה און די בעווייזען געגען איהר ניט טרויען זיינען געווען צו קלאָהר, האָבען זיי זאלבע דריט געשפּיעלט אין קאַרטען. לאָפּוכאָוו איז שוין האלב געלעגען, און ניט געלעגען. און גערעדט האָט ער מיט זעהר א גוטער שטים, קירסאנאוו האָט שוין געקאָנט אויפגעבען זיין נאכט וואך און האָט עס ער־פלעהרט.

אלעקסאנדר מאטווייאיטש פאר וואס האט איהר אן מיר אין גאנצען פארגעסען, נאר אן מיר? מיט דימיטריען זייט איהר גאנץ גוט; ער קומט ביי אייך גאנץ אפט; אבער איהר ביי אונז זייט שוין ניט געוועזן פאר זיין קראנקהייט כמעט א האלב יאהר, עס איז אזוי לאנג, און געדיינקט איהר? אין אנפאנג זיינען מיר געוועזן מיט אייך גאנץ נאהענט.

— מענשען בייטען זיך, ווערא פאוולאוונא. איך ארבייט דאך אזוי שווער, דערמיט קען איך אליין זיך באריהמען. איך קום כמעט אין ערגעץ ניט; ניטא קיין צייט און איך פויל זיך אויך, דו ווערסט אזוי פערמאטערט פון 9 אין דער פריה ביז 5 אין האספיטאל און אין אקאדעמיע, דאס נאכהער האסטו ניט קיין בעדערפנים און קיין אנדער ענדערונג, אויסער פון מונדיר גלייך אין שלאפראק. פריינדשאפט איז גוט, אבער זייט ניט בייז, א ציגאר אויפ'ן זאפע אין שלאפראק איז נאך בעסער. —

אין אמת'ן איז שוין קירסאנאוו שוין מעהר ווי צוויי יאהר כמעט ניט געוועזן ביי לאפוכאוו'ס. דער לעזער האט ניט באמערקט זיין נאמען צווישען די געוויינליכע געסט און אויך צווישען די זעלטענע בעזוכער איז ער שוין לאנג געוועזן דער זעל־טענסטער.

8

קלוגער לעזער — איך וויל זיך דורכריידען נאר מיט'ן לעזער, די לעזערין איז צו קלוג אום צו דערעסן מיט איהר טרעפען און דערפאר וועל איך מיט איהר קיין ערקלעהרונגען ניט האבען, דאס זאג איך איינמאל פאר אלע מאל; עס זיינען פאר־האן אויך צווישען די לעזער ניט וויניג נארישע מענשען; מיט די לעזער וועל איך אויך קיין ערקלעהרונגען ניט האבען; אבער דער גרעסטער טהייל פון די לעזער, מענשען חכמים מיט וועלכע איך האב האלט צו פיהרען געשפרעכען — אלזא, דער קלוגער לעזער זאגט: איך פארשטעה צו וואס עס געהט: אין לעבען פון ווערא פאוולאוונא הייבט זיך אן א נייער ראמאן, אין דעם ראמאן וועט קירסאנאוו שפיעלען א ראליע: איך פארשטעה נאך מעהר: קירסאנאוו איז שוין לאנג פארליעבט אין ווערא פאוולאוונא און דערפאר האט ער אויפגעהערט זיין ביי זיי. א, ווי קלוג דו זיבסט, קלוגער לעזער: ווי נאר מען זאגט דיר וואס עס איז, באמערקסטו גלייך:

„איך האָב עס פערשטאַנען“ און דו ווערסט אליין ענטציקט מיט דיין חכמה. איך בין פול פון התפעלות פאַר דיר, קלוגער לעזער.

אלזא אין דער געשיכטע פון ווערא פאַוולאָוונא בעווייזט זיך א נייע פערזאָן און מען וואלט איהר געדאַרפט בעשרייבען, ווען זי וואלט שוין ניט געווען באַשריבען. ווען איך האָב דערצעהלט וועגען לאָפּוכאָוו'ן, איז מיר שווער געווען איהם אבצוזונדערן פון זיין הארציגען פריינד, איך האָב ניט געקאָנט זאגען וועגען איהם כמעט קיין זאַך ניט, וואס מען זאָל ניט דאַרפען איבערחזר'ן וועגען קירסאַנאָוו'ן. און אין אמת'ן, אלץ וואס דער קלוגער לעזער וועט זיך דערוויסען פון דער נאכפאלגענדער בעשרייבונג פון קירסאַוואַנאָוו'ס פּרימעט'ן, וועט זיין א ווידערהאָלונג פון לאָפּוכאָוו'ס פּרימעטען. לאָפּוכאָוו איז געווען דער זון פון א קליינבירגער, א פערמעגליכען לויט זיין מעמד, ד. ה. אזא וואס האָט אָפט געהאַט פלייש אין די זויערס; קירסאַנאָוו איז געווען דער זון פון א שרייבער אין א קרייז געריכט, ד. ה. פון א מענשען, וואס האָט גאַנץ אָפט קיין פלייש אין די זויערס — דאס הייסט, פּאַרקעהרט, וואס האָט אבער ניט אָפט יא פלייש אין די זויערס. לאָפּוכאָוו האָט פון גאַנץ פריהער יוגענד ד. ה. כמעט פון קינדוויַיז אָן, אליין פאַרדיענט געלד פאַר זיך; קירסאַנאָוו האָט פון 12 יאָהר אָן געהאָלפען דעם פאָטער איבערשרייבען פּאַפּירען, און פון פערטען קלאַס גימנאַזיע אָן האָט ער שוין געגעבען שטונדען.ביידע האָבען מיט אייגענער ברוסט, אָהן פאַרבינדונגען, אָהן בעקאַנטשאַפט זיך דורכגעשלאָגען אַוועג. וואס פאַר א מענש איז לאָפּוכאָוו געווען? אין גימנאַזיע האָט מען די פראַנצויזישע שפּראַך זיך ניט אויסגעלערנט און אויף דייטש האָט מען קוים אויסגעלערנט צו געברויכען „דער, די, דאס“ מיט קליינע פעהלערן; אריינגעטרעטענדיג אין אקאַדעמיע האָט לאָפּוכאָוו באַלד דערזעהן אז מיט דער רוסישער שפּראַך אליין קען מען ווייט ניט אַוועקפאָהרען אין וויסענשאַפט: ער האָט גענומען א פראַנצויזישען ווערטער־בוך און וועלכע פראַנצויזישע ביכלאַך עס האָבען זיך איהם געמאַכט אונטערן האַנד — און געמאַכט האָבען זיך: טעלעמאַק, און די ערצעהלונגען פון פרוי זשאַנליס, און איינינע נומערן פון דעם קלוגען זשורנאַל „רעווי עטראַנזשער“ — ביכער אלץ ניט זעהר צוציהענדע — האָט זיי אלע גענומען און אליין זייענדיג, זעלבסטפערשטענדליך, א גרויסער ליעבהאָבער פון לייענען האָט ער צו זיך פון דעסטוועגען געזאָגט: איך וועל ניט עפענען קיין איין רוסיש בוך, ביז איך וועל ניט לייענען פ ר י י פראַנצויזיש; נו, האָט ער אָנגעהויבען פריי צו לייענען. און מיט דייטש

האט ער געמאכט נאך אנדערש ער האט געדונגען א ווינקעל, וואו עס זיינען געווען א סך דייטשע בעלי מלאכות עס איז געווען אן עקעלהאפטער ווינקעל, די דייטשען זיינען געווען לאנגווייליג, געהן אין אקאדעמיע האט מען גע־דארפט ווייט און פון דעסטוועגען האט ער דא אבגעוואהנט אזוי לאנג ווי עס איז איהם נויטיג געווען.ביי קירסאנאוו'ן איז געווען אנדערש: דייטש האט ער זיך געלערנט נאך פארשיידענע ביכער און ווערטערביכער און פראנצויזיש האט ער זיך אויסגעלערנט אויף אן אנדער אופן: פון איין בוך, אהן א ווערטער בוך — דער נייער טעסטאמענט, איז זעהר א בעקאנט בוך; נו האט ער געקראגען א בוך און א זשענעווער אויסגאבע און עס דורכגעלייענט אכט מאל; אופן נייגטען מאל האט ער שוין אלץ פערשטאנען — הייסט עס, אז ער איז פארטיג. וואס פאר א מענש איז געווען לאפוכאוו? — אט וואס פאר איינער: געגאנגען איז ער אין א צוריסע־נעם מונדיר איבער קאמענא־אסטראווסקי פראספעקט (פון א שטונדע, וואו ער האט געקראגען 50 קאפיקעס אמאל, דריי ווערסט פון דער אקאדעמיע) געהט איהם אנטקעגען זעהר א וואזשנער פארשוין, נעמט א שפאציר, און, ווי עס פאסט פאר א וואזשנעם פארשוין, געהט ער גלייך אויף לאפוכאוו'ן, זיך ניט אבבייגענדיג אן א זייט; לאפוכאוו האט דאמאלט געהאט געמאכט זיך א געזעץ: אויסער פאר פרויען, קיינעם ניט אבטרעטען די וועג, האבען זיי איינע די אנדערע אנגעריהרט די פלייצעס; יענער, מאכענדיג א האלבען רונד, האט געזאגט: „דו חזר איינער, בהמה איינער" און זיך פארבערייטעט פארטצוזעצען זיין דרשה לאפוכאוו האט זיך אומגעקעהרט צו איהם, ארום גענומען, צוגעטראגען און אוועקגעלייגט אין רינ־שטאק, זעהר פארזיכטיג, שטעהט איבער איהם און זאגט: דו ריהר זיך ניט, אז ניט וועל איך ווייטער ארייגשלעפען, וואו די בלאטע איז טיעפער. עס זיינען פארביי צוויי פויערים, האבען א קוק געטהאן און געלאכט; עס איז פארביי א בעאמטער, האט ניט געלאכט, נאר זיס א שמייכעל געטהאן; עס זיינען פארביי געפאהרען קארעטעס — זיי האבען זיך ניט אומגעקעהרט, פון דארטען האט מען גאר ניט געזעהן; איז לאפוכאוו געשטאנען א ווייל, ווידער גענומען יענעם, דעם מאל פאר'ן האנד, איהם אויפגעהויבען, איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן שאסעע און זאגט: אך, מיין הער, ווי אזוי האט איהר זיך ערלויבט אבצוטרעטען! זיך ניט צור־שלאגען, האף איך? ערלויבט אייך אבצוואווישען. עס איז פארביי א פויער און גענומען העלפען איהם אבווישען, עס זיינען פארביי צוויי קליינבירגער און גענומען

העלפען אבוווישען דעם פארשווין און זיי זיינען זיך פארנאנדער געגאנגען. מיט קיר־סאנאוו'ן איז אזא פאל ניט געווען: עס איז אבער געווען אן אנדער פאל. איינע א דאמע, וואס פלעגט האלטען יונגע לייט אויף שליחות האט זיך מישב געווען אז מען דארף צוזאמענשטעלען א קאטאלאג פון דער ביבליאטעק, וואס איז פארבליבען נאכ'ן מאן, א פריידיינקער, וועלכער איז געשטארבען מיט צוואנציג יאהר פריהער. צו וואס עפעס אין צוואנציג יאהר ארום איז מיט אמאל נויטיג געווארען א קאטאלאג: ווייס מען ניט. צוזאמענצושטעלען דעם קאטאלאג האט זיך אונטער געדרעהט קיר־סאנאוו; אנגענומען האט ער עס פאר 80 רובעל און האט אבגעארבייט אנדער־האלבען חדשים. מיט אמאל האט די דאמע זיך בארעכענט אז דער קאטאלאג איז ניט נויטיג; זי איז אריין אין ביבליאטעק און זאגט: „נעהמט זיך מעהר קיין טרחה ניט; איך האב זיך אנדערש באדיינקט און דא האט איהר פאר אייער מרחה". זי האט ארויסגענומען א צעהנרובעלדיגען און איהם דערלאנגט. — „איך האב שוין, אייער... — ער האט די דאמע אנגערופען ביים טיטעל — אבגעטהאן מעהר ווי א העלפט ארבייט, פון 17 שאפען האב איך שוין 10 איבערגעשריבען". — „איהר גע־פינט אז איך האב אייך געקריוודעט? ניקאלאס, קום אהער, רייד זיך דורך מיט דעם העררען" — ניקאלאס איז אריינגעפלויגען. — „דו איינער, ווי האסטו די העזה געהאט צו באליידיגען מיין מוטער? — „דו שנעק איינער — נישט קיין זעהר גרינדליכער אויסדרוק פון קירסאנאווס זייט: דער שנעק איז געווען א יאהר פינף עלטער פאר איהם — וואלכט פריהער כאטש אויסגעהערט". — „דיענער"! האט ניקאלאס גענומען רופען. „א, דו רופסט מענשען? איך וועל דיר ווייזען מענשען"! אין איין אויגענבליק האט די דאמע א קוויטש געטהאן און איז געפאלען אין חלשות און ניקאלאס האט פארשטאנען, אז ער קען די הענד א ריהר ניט טהאן, ווייל זיי זיינען צוזאמענגעדריקט אויף הינטען, ווי מיט אן אייזערנעם רינג און אז צוזאמענ־געדריקט זיינען זיי דורך קירסאנאווס רעכטע האנד און ער האט פערשטאנען, אז קירסאנאווס לינקע האנד, וואס האט איהם א ריס געטהאן פאר דער משופּריגע האלז שוין ביי זיין האלז און אז קירסאנאוו זאגט: „קוק ווי לייכט איך קען דיר דער־שטיקען" — און האט א דריק געטהאן די האלז; און ניקאלאס האט פערשטאנען אז באמת איז פאר איהם גאנץ לייכט דערשטיקט צו ווערען און אז, ווען די האנד האט אבגעלאזען די האלז, קען ער אטהעמען, אבער אז זי האלט זיך נאך אלץ אן זיין האלז. און קירסאנאוו זאגט, זיך ווענדענדיג צו די ריעזען, וואס האבען זיך באוויזען

ביים טיהר — שטעהט! וועז נים דערשטיק איך איהם; מאכט א ווארע, אז ניט דערשטיק איך איהם". דאס אלץ האָט ניקאלאס פערשטאַנען און איין אויגענבליק און האָט א מאך געטהאָן מיט'ן נאָז, ווי יענער זאגט: ער רעדט דאך גאנץ גרינד־ליך. — „איצט פיהר מיך, ברודער ארונטער די טרעפ", האָט קירסאנאוו געזאָגט, זיך ווידער ווענדענדיג צו ניקאלאס און האלטענדיג איהם, ווי פריהער, ארום גענומען, איז ער אריין אין פאדער צימער, איז אראפּ די טרעפּ, ווערענדיג באגלייט פון ווייטען פון די ריעזען, וואס האבען מיט ענטציקונג געקוקט אויף איהם; ביים לעטצטען טרעפּל האָט ער אבגעלאזען ניקאלאס' האלז, איהם א בריק געטהאָן און איז אריין אין א קראם קויפען א היטעל אנשטאט די, וואס ער האָט געלאזען ני־קאלס'ן אלס זיין בעלוינונג.

נו, וואס קענט איהר דא פאר פערשידענהייטען זאגען וועגען אזעלכע מענשען? אלע בולטע שטריכען זייערע, — זיינען ניט פון יחידים, נאר פון א טיפּ, פון א טיפּ, וואס אונטערשיידעט זיך אזוי ווייט פון די צו וועלכע דו, קלוגער לעזער, ביזט איינ־געוואהנט, אז דורך דאס געמיינזאמע וואס איז דא ביי זיי ווערט פארדעקט די פער־זענליכע באזונדערקייטען. די מענשען זיינען צווישען די אנדערע מענשען, ווי צווי־שען בינעזער עטליכע אייראפּעער, די בינעזער קענען ניט אונטערשיידען צווי־שען אט אזוינע אייראפּעער איינעם פון די אנדערע: ביי אלעמען זעהן יענע בינעזער נאר איינס, אז זיי זיינען רויטהעריגע בארבארען, וואס ווייסען ניט פון קיין צערעמאָניעס; אין זייערע אויגען זיינען די פראנצויזען אויך אזוינע „רויט האָריגע" ווי די ענגלענדער. און די בינעזער האבען רעכט: אין די בעציהונגען צו זיי זיינען אלע אייראפּעער, ווי איין אייראפּעער, ניט קיין יחידים, נאר פארשטעהער פון א טיפּ, מעהר גאר ניט; זיי א לע עסען ניט קיין ווערים, זיי אלע צושניידען ניט קיין מענ־שען אויף שטיקלאך, טרינקען אלע גלייך בראנפען און ווייז פון וויינטרויבען און ניט פון רייז, און אפילו די איינציגע זאך וואס די בינעזער דערזעהן ביי די אייראַ־פּעער אן אייגענע — דאס טיי טרינקען, טהוען זיי אויך ניט אזוי ווי די בינעזער; זיי טרינקען מיט צוקער, ניט אָהן צוקער. אזוי זיינען אויך די מענשען פון דעם טיפּ, צו וועלכען לאפּוכאוו און קירסאנאוו האבען געהערט, אין די אויגען פון מענשען פון ניט דעם טיפּ אלע ווי איינע. יעדער איינער פון זיי איז א מוטהיגער מענש, וואס ווארפט זיך ניט, וואס טרעט ניט צוריק, וואס קען זיך נעהמען פאר א זאך און אויב ער נעהמט זיך, כאפּט ער זיך שוין גוט אָן פאר דער זאך, זי זאל פון זיינע הענד זיך

ניט ארויסגליטשען; דאס איז איין זייט פון זייערע מעלות; פון דער צווייטער זייט איז יעדער איינער פון זיי עהרליך אהן א שום פלעק, אזוי אז עס פאלט גאר ניט איין צו פרעגען: „צו מען קאן דעם מענשען טרויען פאלשטענדיג?“ דאס איז אזוי קלאהר, ווי קלאהר עס איז אז ער אטהעמט מיט'ן ברוסט; און כל זמן די ברוסט אטהעמט איז זי ווארים און איהר קענט רוהיג אויף איהר אוועקלייגען אייער קאפ, מען קען זיך אברוהען אויף איהר. אט די געמיינזאמע שטריכען זיינען אזוי בולט, אז הינטער זיי ווערן פארשוואונדען די פערזענליכע פערשידענהייטען.

ניט לאנג צוריק איז דער טיפ ביי אונז אויפגעקומען. פריהער זיינען געווען נאר איינצעלנע פערזאנען, וואס האבען פאראויסגעזאגט זיין אנקומען, זיי זיינען געווען אן אויסנאהם און אלס אויסנאהמען האבען זיי זיך געפיהלט איינזאם, אהנ־מעכטיג און דערפאר האבען זיי גאר ניט געטהאן; ענטוועדער זיי פלעגען אריינ־פאלען אין א מרה שחורה, אדער קומען אין התפעלות, האבען ראמאנטיזירט, פאנ־טאזירט, ד. ה. זיי האבען ניט געקאנט האבען די וויכטיגסטע שטריכען פון דעם טיפ, זיי האבען ניט געקאנט האבען די פראקטישקייט, די גלייכע און אויסגערעכענטע טהעטיגקייט, די טהעטיגע אויסגערעכענטקייט. דאס זיינען געווען מענשען, כאטש פון דערזעלבער נאטור, נאר וואס האבען זיך נאך ניט דערוויקעלט צו דעם טיפ. ער, דער טיפ אליין, איז ניט לאנג געבארען געווארען; אין מיינע צייטען איז ער נאך ניט געווען, כאטש איך בין נאך ווייט ניט קיין זקן. איך אליין האב ניט געקאנט אויסוואקסען אזא — איך האב זיך אויפגעהאדעוועט ניט אין אזא צייט; דערפאר בין איך אליין ניט אזא און קען זיך ניט שעמענדיג, אויסדריקען מיין אכטונג צו איהם; צום בעדויערן ליוב איך ניט זיך, ווען איך זאג וועגען די מענשען; אויס־געצייכענטע מענשען.

ניט לאנג צוריק איז דער טיפ געבארען געווארען און פארמעהרט זיך שנעל. ער איז געבארען געווארען דורך דער צייט, ער איז א צייכען פון דער צייט און, אויף זאגען? ער וועט פארשווינדען צוזאמען מיט זיין צייט, זיין ניט לאנגער צייט. זיין ניט לאנגאניגער לעבען איז פארמשפט צו זיין ניט קיין לאנגער לעבען. מיט זעקס יאהר צוריק (געשריבען אין יאהר 1863) האט מען די מענשען אין גאנצען ניט געזעהן נאך; מיט דריי יאהר צוריק האט מען זיי פאראכטעט; און איצט... אבער אלץ איינס וואס מען טראכט וועגען זיי איצט; אין עטליכע יאהר ארום, אין גאנץ ווייניג יאהרען ארום וועט מען זיך ווענדען צו זיי: „ראטעוועט אונז“!

און וואס זיי וועלען זאגען, וועלען אלע ערפילען: נאך וויניג יאהרען, פיליכט ניט יאהרען זאגאר, נאר חדשים וועט מען זיי אנהויבען שילטען און מען וועט זיי ארונ־טער טרייבען פון דער ביהנע מיט א פייפעריי און זידלערייען. איז מילא פייפט און זידעלט, טרייבט און פארשילט, איהר האט פון זיי נוצען געהאט, דאס איז פאר זיי גענוג און אונטער דער גערויש פון דער פייפעריי, אונטער דעם דונער פון קללות וועלען זיי ארונטער פון דער ביהנע שטאלצע און באשיידענע, שטרענגע און גוטע, ווי געוועזן. און זיי וועלען גאר ניט בלייבען אויף דער ביהנע? — ניין. ווי זשע וועט זיין אהן זיי? שלעכט. אבער נאך זיי וועט אלץ זיין בעסער, ווי ביז זיי. און עס וועלען פארביי יאהרען און די מענשען וועלען זאגען: „נאך זיי איז געווארען בעסער; עס איז אבער פארט געבליבען שלעכט". און ווען זיי וועלען דאס זאגען, וועט עס הייסען, אז עס איז געקומען די צייט פאר דעם נייעם טיפ ווידער געבארען צו ווערען און ער וועט געבארען ווערען אין מעהר מענשען, אין שעהנערע פארמען, ווארום דאמאלט וועט זיין מעהר גוטעס און אלץ וואס גוט איז וועט זיין בעסער; און ווידער וועט די זעלבע געשיכטע זיך איבער'חזר'ן אין א נייער געשטאלט. און אזוי וועט עס געהן ביז די מענשען וועלען זאגען: „איצט איז אונז גוט", דאמאלט וועט דיזער באזונדערער טיפ שוין מעהר ניט זיין, ווארום אלע מענשען וועלען זיין פון דעם טיפ און זיי וועלען שווער פארשטעהן, ווי אזוי איז עס געוועזן א צייט, ווען מען האט עס גערעכענט פאר א בעזונדערן טיפ און ניט פאר די געמיינזאמע נאטור פון אלע מענשען?

.9

אבער אזוי ווי די אייראפעער צווישען כינעזער זיינען אלע ווי איין מענש און אויף איין אופן נאר אין זייער שייכות צו די כינעזער, אין אמת'ן אבער איז צווישען זיי דא פיעל מעהר פארשיעדענהייטען ווי צווישען די כינעזער, אזוי איז אויך צווישען דעם, לפנים נאר איין איינציגען, טיפ, מעהר ענטוויקעלט די פארשידענהייט פון פער־זענליכקייטען אויף פיעל מעהר פארשידענהייטען און בעזונדערהייטען, איידער די פערשיידענהייטען און באזונדערהייטען פון אלע אנדערע טיפען. דא זיינען פארהאן אלערליי מענשען: מענשען וואס האבען הנאה פון גוט לעבען און פרושים, שטרענגע און צערטליכע און אלע אנדערע זארטען. אבער פונקט אזוי ווי יעדער גרויזאמער אייראפעער קומט אוים זעהר גוט מוטהיג, יעדער טרום זעהר מוטהיג, יעדער אוים־

געלאסענער זעהר מאראליש פאר די כינעזער, אזוי אויך מיט זיי: די גרעסטע פרושים צווישען זיי האַלטען אז עס איז נויטיג פארן מענשען מעהר בעקוועמליכקייטען אין לעבען, איידער עס חלום'ן נאר די מענשען פון ניט זייער טיף; די ליידענשאפטליכסטע זיינען שטרענגער אין זייער מאראלישער אויפפיהרונג, איידער די מוסר זאגער פון ניט זייער טיף. נאָר דאס אלץ שטעלען זיי זיך פאָר עפּעס אויף אַן אייגענעם שטייגער: מאראל און בעקוועמליכקייט, ליידענשאפטליכקייט און גוטעס פארשטעהן זיי אויף אַ בעזונדערן אופן. און ניט נאָר פארשטהן זיי עס אויף איין אופן, אזוי אז מאראל און בעקוועמליכקייט, גוטעס און ליידענשאפטליכקייט קומט אויס איינס און דאס זעלבע, אבער דאס אלץ איז אין דער בעציהונג צו די בעגריפען פון כינעזער; צווישען זיך אליין געפינען זיך ביי זיי זעהר גרויסע פערשידענהייטען און די בעגריפען לויט די פערשיעדענהייטען פון זייערע נאטורען. אבער ווי קען מען איצט באשטימען די אלע פארשיעדענהייטען פון די נאטורען און בעגריפען צווישען זיי?

און די געשפרעכען וועגען זייערע געשעפטען צווישען זיך אליין, אבער נאָר צווישען זיך, ניט מיט די כינעזער, ווייזען זיך ארויס די פערשיעדענהייטען צווישען די נאטורען פון די אייראפּעער, אזוי אויך ביי די מענשען פון דעם טיף ווייזט זיך ארויס אַ גרויסע פערשיעדענהייט, ווען זיי פיהרען צווישען זיך געשעפטען. אבער נאָר צווישען זיך ניט מיט זייטיגע. מיר האָבען געזעהן פאר זיך צוויי מענשען פון דעם טיף: ווערא פאוולאוונא און לאפּוכאוו'ן און האָבען געזעהן ווי די בעציהונגען צווישען זיי האָבען זיך איינגעשטעלט. איצט טרעט ארויס אַ דריטער מענש. מיר וועלען אַ קוק טהאָן וואס פאר'ע פארשיעדענהייטען וועלן זיך ארויסווייזען ווען איינער פון זיי וועט האָבען אַ מעגליכקייט צו פערגלייכען צווישען זיך די אנדערע צוויי. ווערא פאוולאוונא זעהט פאר זיך לאפּוכאוו'ן און קירסאנאוו'ן, פריהער האָט זי ניט געהאט פון וואס אויסצוקלייבען; איצט האָט זי.

10

עס איז אבער דאך שוין צייט צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען קירסאנאווס אויסזעהן.

ער האָט געהאט, ווי לאפּוכאוו, רעגעלמעסיגע, שיינע געזיכטסציגע. איינינע האָבען געפונען אז לאפּוכאוו איז שעהנער; אנדערע אז קירסאנאוו. לאפּוכאוו, אַ

טונקעלער האָט געהאַט טונקעל ברוינע האָר, בלישצידיגע טונקעל ברוינע אויגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שוואַרץ, אַן אַדלערשען נאָז, דיקע ליפּען און אַ געזיכט אביסעל אַ קיילעכדיגע. קירסאַנאָוו האָט געהאַט העלע האָר פון אַ גאַנץ טונקעלער שאַטירונג, טונקעל־בלויע אויגען, אַ גלייכען גריכישען נאָז, אַ קליינע מויל און אַ גע־זיכט אַ לאַנגליכע וואונדערבאַר ווייס. זיי ביידע זיינען געווען גאַנץ הויך געוואַקסען, גלייך געבויטע; לאָפּוכאָוו איז געווען אביסעל ברייטער אין די ביינער: קירסאַ־נאָוו — אביסעל העכער.

קירסאַנאָוו'ס מעמד איז געווען אַ גאַנץ גוטער, ער האָט שוין געהאַט אַ קאַפּעדרע דער גרעסטער טהייל פון די וואָס איהם האָבען געדאַרפט אויסקלייבען זיינען געווען אפילו נעגען איהם; מען וואָלט איהם ניט נאָר ניט געמאַכט פאַר קיין פּראָפעסאָר, מען וואָלט איהם אפילו ניט דערלאָזען צו ווערן אַ דאָקטאָר, אבער מען האָט ניט גע־קאָנט. צוויי, דריי יונגע לייט, און נאָך איין יונגער מאַן פון זיינע געוועזענע פּראָ־פעסאָרען, זיינע פריינד האָבען שוין לאַנג איינגערעדט די איבעריגע, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט איינער אַ ווירכאָוו און אַז ער וואָהנט אין בערלין און נאָך איינער אַ קלאָד־בערנאַר וואָס וואָהנט אין פּאַריזש און נאָך עטליכע אַזוינע, וועמעס נעמען מען קען ניט געדיינקען, דער בערנאַר און נאָך ווער — זיי זיינען גאָר די גרויסע קעפּ אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט. דאָס אַלץ איז געווען לכלומין ניט צו גלויבען, ווארום מיר קענען דאָך די גרויסע קעפּ אין דער וויסענ־שאַפט: בורגראַוו, הופלאַנד; האַרוויי איז אויך געווען אַ גרויסער געלערטער, ווארום ער האָט ענדעקט די בלוט בעוועגונג; דזענער איז אויך געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, ווייל ער האָט געלערנט ווי צו שטעלען פּאָקען; קענען מיר זיי דאָך אַלע, אבער די ווירכאָוו'ס און בערנאַרס קענען מיר ניט, היינט וואָס פאַר'ע גדולים זיינען זיי? איבריגענס, דער טייוועל וויים זיי. און אַט דער קלאָדבערנאַר האָט מיט אכטונג זיך אויסגעדריקט וועגען קירסאַנאָווס אַרבייטען, ווען קירסאַנאָוו האָט נאָך דעם קורס געענדיגט — נו, קען מען דאָך גאָר ניט מאַכען; האָט מען קירסאַנאָוו'ן געגעבען דעם טיטעל דאָקטאָר און אין אַ יאָהר אַנדער האַלבען אַרום געגעבען די שטעל פון אַ פּראָפעסאָר. די סטודענטען האָבען געזאָגט אַז מיט זיין אַריינטרעטען אַלס פּראָפעסאָר איז די פּאַרטיי פון גוטע פּראָפעסאָרען פיעל שטאַרקער געוואָרען. קיין פּראַקטיקע האָט ער ניט געהאַט און געזאָגט אַז ער האָט אויפגעגעבען פּראַקטישע מעדיצין; אין האָספּיטאַל אבער פלעגט ער פאַרברייינגען זעהר לאַנג; עס פלעגען

זיין טעג ווען ער פלעגט דארט אויף בלייבען צו מיטאג עסען, אמאל אויך נעכטיגען. וואס האט ער דארט געטהאן? ער פלעגט זאגען, אז ער ארבייט פאר די וויסענשאפט, ניט פאר קראנקע. „איך הייל ניט נאר איך קוק זיך צו און מאך עקספערימענטען". די סטודענטען האבען עס באשטעטיגט, ערקלעהרענדיג דערביי, אז ביי איצטיגע צייטען היילען נאר נאראנים, ווארום איצט איז מען נאך ניט אימשטאנד צו היילען. די דיענער פון האספיטאל האבען אנדערש געאורטיילט: „אט דעם נעהמט קירסאנאוו ביי זיך אין פאלאטע, דאס הייסט אז עס איז א שווערער פאל", פלעגען זיי ריידען צווישען זיך און צום קראנקען פלעגען זיי זאגען: „האב גוטע האפענונגען, געגען דעם דאקטאר קען זעלטען וועלכע קראנקהייט זיך שטעלען אנטקעגען, ער איז א מומחה. און דערצו אן אמת'ער פאטער".

11

אין דער ערשטער צייט נאך ווערא פאוולאוונאס חתונה פלעגט קירסאנאוו גאנץ אפט זיין ביי לאפוכאווס, כמעט א טאג איבער א טאג, און, ריכטיגער געזאגט, כמעט יעדען טאג און באלד, כמעט פון ערשטען טאג אן, איז ער געווארען זעהר בעפריינדעט מיט ווערא פאוולאוונא, פונקט אזוי ווי מיט לאפוכאוו'ן אליין. דאס האט אנגעהאלטען ביי א האלב יאהר. איין מאל זיינען זיי געזעסען זאלבע דריט; ער, דער מאן און זי. דער געשפרעך האט זיך געפיהרט, ווי געוויינליך, אהן שום צערעמאניעם; קירסאנאוו האט געפלוידערט מעהר פאר אלעמען, אבער מיט אמאל איז ער אנטשוויגען געווארען. — „וואס איז מיט דיר, אלעקסנדר? — „וואס זייט איהר אזוי שטיל געווארען, אלעקסאנדר מאטווייאיטש"? — „אט אזוי, א מרה־שחורה ארויף!".

— „דאס טרעפט מיט אייך זעלטען, אלעקסנדר מאטווייאיטש" — האט ווערא פאוולאוונא אזאג געטהאן.

— אהן אן אורזאך טרעפט עס קיין מאל ניט, האט אלעקסאנדר מאטווייאיטש געזאגט עפעס מיט אן אנגעצויגענעם טאן.

אין איינינגע צייט ארום האט פאסירט אז ער איז אויפגעשטאנען פריהער ווי געוועהנליך און איז אוועק זיך געזעגענדיג ווי שטענדיג, איינפאך.

אין א טאג־צוויי ארום האט לאפוכאוו געזאגט ווערא פאוולאוונא'ן, אז ער איז

געוועזן ביי קירסאנאוו'ן, נאר יענער האט איהם עפּעס מאדנע באגעגנט. קירסאנאו
האט געוואלט זיין מיט איהם ליעבנסווירדיג, וואס דאס איז געוועזן גאר איבערי
צווישען זיי. לאפּוכאוו, דערלאנגענדיג א קוק אויף איהם, האט דירעקט געזאגט:
„דו אלעקסאנדר, ביזט צוליעב עפּעס וואס אנגעבלאזען: אויף וועמען, אויף מיר?
— „ניין". — „אויף ווערעשקא'ן"? — „ניין" — „טו וואס איז מיט דיר געווארען?
— „גאר ניט, וואס איז דיר מיט אמאל איינגעפאלען"? — „דו ביזט עפּעס ניט גוט
מיט מיר היינט, אנגעצויגען, ליעבענסווירדיג, קענטיג אז דו בלאזט זיך". קיר
סאנאוו האט אנגעהויבען צו פארזיכערן אז עס הייבט זיך גאר אזא זאך ניט אן או
דערמיט אליין בעוויזען, אז עפּעס איז ער אנגעבלאזען. נאכהער האט ער, וואהר
שיינליך, זיך פארשעהמט פאר זיך און איז געווארען איינפאך, גוט, ווי עס דארף זיין.
לאפּוכאוו, זיך באנוצענדיג דערמיט, וואס דער מענש איז געקומען צום שכל, האט
ווידער געפרעגט: „נו, אלעקסאנדר, זאג פאר וואס ביזטו געוועזן אנגעבלאזען?
„איך האב אפילו ניט געטראכט צו זיין אנגעבלאזען" — און איז ווידער געווארען
זיסלאך און עקעלדיג.

וואס פאר א זארט וואונדער? לאפּוכאוו האט זיך ניט געקאנט דערמאנע
אן קיין זאך מיט וועלכע ער האט איהם געקאנט באליידיגען און דאס וואלט גאר
ניט געוועזן מעגליך ביי זייער אכטונג איינער צום צווייטען און זייער הייסע פריינד
שאפט. ווערא פּאוולאוונא האט זיך אויך געמאטערט צו דערמאנען, צו האט זי ניט
מיט וואס עס איז איהם באליידיגט און האט אויך קיין זאך ניט געקאנט אויסגע
פינען און האט אויך געוואוסט, צוליעב דערזעלבער אורזאך ווי דער מאן, אז דאס
איז ניט מעגליך פון איהר זייט.

עס זיינען אוועק נאך א פאר טעג; פיער טעג נאך אנאנד ניט באזוכען לא
פּוכאוו'ס הויז איז פאר קירסאנאוו'ן אן אונגעוועהנליכע זאך, ווערא פּאוולאוונא
האט זאגאר א טראכט געטהאן: צו איז ער געזונד? לאפּוכאוו איז אריין זעה
צו איז ער אין אמת'ן ניט קראנק. וואס פאר א ניט געזונדקייט! בלאזט זיך ווי
געוועזן. לאפּוכאוו איז צוגעשטאנען צו איהם ענערגיש נאך דעם ווי ער האט פיע
מאל געפּרובירט אפּלייקענען, האט ער אנגעהויבען ריידען עפּעס א מין שטות'ערי
וועגען זיינע געפיהלען צו לאפּוכאוו'ן און ווערא פּאוולאוונא, אז ער ליעבט או
אכטעט זיי זעהר; נאר פון דאס אלץ איז געדרונגען אז זיי זיינען ניט געגוג אויפ

מערקזאם צו איהם — איבריגענס האָט מען פון זיינע הויכע פּראַזען דאָס אויך ניט געקאַנט ארויסנעהמען. עס איז געווען קלאָהר אז דער הערר זוכט עפּעס א נעכטיגען טאָג. דאס אלץ איז געווען אזוי ווילד צו זעהן ביי אזא מענשען, פאר וועלכען לאַ־פוכאוו האָט איהם געהאַלטען, אז דער גאסט האָט געזאָגט דעם בעל־הבית: „הער זיך איין, מיר זיינען דאך מיט דיר חברים; דו דארפסט דאך זיך שעהמען פאר דעם". קירסאנאוו האָט מיט אן אויסגעוועהנליכער פעסטקייט גענטפערט, אז באמת קען זיין אז פון זיין זייט איז עס א קליינינקייט, אבער וואס קען מען מאכען, אויב ער האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פון א סך זאכען. — „נו מיט וואס"? — ער האָט אנגעהויבען אויסרעכענען א סך פעלע, דורך וועלכע ער האָט די לעצטע צייט זיך געפיהלט באַליידיגט, אלץ פון אט דעם זארט: „דו האָסט געזאָגט אז וואס העלער די האר זיינען ביי א מענשען אלץ נעהענטער איז ער אליין צו פארבלאָזיגקייט. ווערא פּאוולאוונא האָט געזאָגט אז איצט איז טיי טייער געווארען, דאס איז א שטאָך אויף מיינע העלע האָר. דאס איז אן אנצוהערעניש, אז איך עס אייך אפּ די קאָפּ". לאַפוכאוו האָט אראבגעלאָזען די הענד: דער מענש איז משוגע געווארען אויף זוכען כבוד, אדער, ער איז פּשוט געווארען א נאר און א געמיינער מענש.

לאַפוכאוו איז געקומען אהיים א פערטרויערטער; עס איז געווען פארדראָסיג צו זעהן אזוינע חסרונות ביי א מענשען, וועמען ער האָט אזוי געליעבט. אויף די פראַגעס פון ווערא פּאוולאוונא, וואס האָט ער זיך דערוואוסט, האָט ער געענטפערט מיט אומעט, אז בעסער איז וועגען דעם ניט צו ריידען, אז קירסאנאוו האָט גערעדט אונאנגענעהמע פּלוידעריי, אז ער איז, וואַהרשיינליך, קראַנק.

אין 3־4 טעג ארום איז קירסאנאוו, וואַהרשיינליך, געקומען צו זיך און האָט דערזעהן די ווילדע געמיינהייט פון זיינע האַנדלונגען; ער איז געקומען צו לאַפּו־כאוום, געווען ווי עס בעדאַרף צו זיין און נאכהער גענומען ריידען אז ער איז געווען געמיין; פון ווערא פּאוולאוונא'ס ווערטער האָט ער דערזעהן, אז זי האָט ניט גע־הערט פון מאן זייגע נאַרישקייטען, איז באמת געווען דאנקבאר לאַפוכאוו'ן פאר זיין בעשיידענהייט און האָט, אלס שטראַף פאר זיך אליין גענומען אליין דערצעהלען אלץ ווערא פּאוולאוונא'ן, האָט זיך צוגאסען אין געפיהלען, האָט זיך ענטשולדיגט, גע־זאָגט אז ער איז געווען קראַנק און ווידער איז ארויס אלץ אזוי שלעכט. ווערא פּאוולאוונאהאָט געפּרובירט זאגען, אז ער זאל אויפהערן וועגען דעם צו ריידען, אז

דאס זיינען אלץ קלייניגקייטען; האט ער זיך צוגעטשעפּעט צו דעם ווארט „קלייניגקייטען" און האט אנגעהויבען ווידער ריידען אזוינע ווילדע נארישקייטען, ווי אין געשפרעך מיט לאפוכאוו'ן, זעהר דעליקאט און זעהר פיין האט ער גענומען ענטוויקלען דעם זארט געדאנקען, אז געווים זיינען עס „קלייניגקייטען", ווייל ער פארשטעהט ווי ווייניג וויכטיג ער איז פאר די לאפוכאווס, נאר אז ער פלוידערט מעהר ניט א. ז. וו.; דאס אלץ איז גערעדט געווארען מיט די טונקעלסטע, פיינסטע אנצוהערענישען און די ליעבענסווירדיגע אויסדריקע פון אכטונג און איבערגעבענהייט. ווערא פאוולאוונא, הערענדיג דאס אלץ, האט אויך אראפגעלאזען די הענד ווי דער מאן פריהער. ווען ער איז אוועק, האבען זיי זיך דערמאנט, אז שוין עטליכע טעג פאר זיין נייע געמיינהייט איז ער געווען זאנדערבאר; דאמאלט האבען זיי ניט באמערקט און ניט פארשטאנען; איצט זיינען קלאהר געווארען זיינע דאמאלסדיגע האנדלונגען; זיי זיינען געוועזן פון זעלבען זארט, נאר שוואכער.

נאכדעם האט קירסאנאוו געפרובירט זיי באזוכען גאנץ אפט; אבער פארטצוזעצען די אלטע איינפאכע באציהונגען איז געווען ניט מעגליך; פון אונטער דער מאסקע פון אן אנשטענדיגען מענש פלעגט אייניגע טעג ארויסשטעקען אזא לאנגער געוועזענעם פריינד, אפילו ווען דער אויער וואלט אויף אויביג זיך בעהאלטען; אבער פערדישער אויער, אז לאפוכאווס וואלטען פארלארען א גרויסען טייל פון אכטונג צום דער אויער פלעגט צייטענווייז זיך בעווייזען; פלעגט זיך ארויסשטעלען ניט אזוי לאנג און פלעגט שנעל זיך בעהאלטען צוריק, אבער עס איז געווען פארדריסליך, מאוס, געווען.

באלד איז מען צו קירסאנאוו'ן אין אמת'ן געווארען קאלט; ער האט שוין באמת געהאט אן אורזאך ניט צו געפינען ביי לאפוכאווס קיין פארגעניגען פאר זיך און האט אויפגעהערט צו קומען.

אבער ער פלעגט זיך טרעפען מיט לאפוכאוו'ן ביי בעקאנטע, און א געוויסע צייט ארום איז לאפוכאווס עקעל צו איהם שוואכער געווארען; ער איז געווען, ווי געדארפט צו זיין. לאפוכאוו האט אנגעהויבען איהם באזוכען, אין א יאהר ארום האט ער אפילו בענייט זיינע וויזיטען ביי לאפוכאווס און איז געווען דער פריהערינער אויסגעצייכענטער קירסאנאוו, אן איינפאכער און עהרליכער. ער פלעגט אבער קומען זעלטען; עס איז געווען קענטיג אז ער שעהמט זיך צו דערמאנען אז

דעם נארישען שפיעל וואס ער האט געשפיעלט. לאפוכאוו האט כמעט אן דעם פאר־געסען, ווערא פאוולאוונא אויך. אבער די איינמאל איבערגעריסענע באציהונגען האבען זיך ניט בענייט. אויסערליך זיינען לאפוכאוו און ער געווען ווידער פריינד, לאפוכאוו האט אנגעהויבען איהם צו אכטען כמעט ווי פריהער און ניט זעלטען איהם באזוכען; ווערא פאוולאוונא האט איהם אויך צוריק געגעבען א טייל פון דער פריי־הערדיגער סימפאטיע, זי האט אבער זעהר זעלטען איהם געזעהן.

12

איצט האט לאפוכאווס קראנקהייט, ריכטיגער געזאגט, ווערא פאוולאוונאס שטארקער צובונד צום מאן, געצוואונגען קירסאנאוו'ן מעהר ווי א וואך צו פאר־בריינגען אין זעהר נאהענטע באציהונגען צו די לאפוכאווס. ער האט פארשטאנען אז ער שטעלט זיך אויף א וועג, וואס איז זעהר געפעהרליך פאר איהם, ווען ער האט זיך באשלאסען אבצוזיצען אבענדען מיט זיי, כדי אבצושלאגען ביי ווערא פאוולאוו־נא די נאכט וואכט; ער איז דאך געווען אזוי צופריעדען און שטאלץ וואס דאמאלט, אן ערך פון דריי יאהר צוריק, ווען ער האט באמערקט ביי זיך די סמנים פון ליידענ־שאפט, האט ער געקאנט אזוי פעסט טהאן אלץ וואס איז נויטיג אבצושטעלען איהר ענטוויקלונג. איהם איז דאך געווען אזוי גוט דערפון. צוויי־דריי וואכען האט ער דאמאלט געצויגען צו לאפוכאווס, נאר אויך אין יענער צייט איז געווען מעהר פאר־גענינען פון זיין בעוואוסטזיין פון זיין פעסטקייט אין קאמפף, איידער עס האט איהם וועה געטהאן זייער פעהלען און אין א חודש ארום איז דער שמערץ אינגאנצען פארביי און געבליבען איז נאר די צופרידענהייט מיט זיין עהרליכקייט. ווי רוהיג, ווי ליעב איז איהם געווען אויפ'ן הארצען.

איצט איז די געפאהר געווען א גרעסערע, ווי דאמאלט; אין די דריי יאהר האט ווערא פאוולאוונא געוויס זיך פיעל ענטוויקעלט מאראליש; דאמאלט איז זי נאך געווען א האלב קינד; איצט איז שוין ניט דאס; דאס געפיהל, וואס זי האט ארויסגערופען האט שוין ניט געקאנט אנגענומען ווערן פאר א לייכטען צובונד צו א מיידעל, וועלכע דו ליעבסט און צו וועלכער דו שמייכעלסט אין דערזעלבער צייט, און ניט נאר מאראליש האט זי זיך ענטוויקעלט; אויב די שעהנקייט פון א פרוי איז אמת'ע שעהנקייט, דאמאלט וועט זי ביי אונז, אין צפון א לאנגע צייט וואס וויי־

טער אליץ שעהנער. דערצו נאך ענטוויקלען דריי יאהר לעבען אין אזא עלטער זעהר פיעל גוטעס אי אין דער נשמה, אי אין די אויגען, אי אין די געזיכטסציגע און אין גאנצען מענשען, אויב דער מענש איז גוט און דאס לעבען איז גוט.

די געפאהר איז געווען א גרויסע, אבער נאר פאר איהם, קירסאנאוו'ן, אבער וואס פאר א געפאהר איז עס פאר ווערא פאוולאוונא ? זי ליעבט דעם מאן, קיר־סאנאוו איז ניט אזוי פוסט און אזוי נאריש צו האלטען זיך פאר לאפוכאוו'ס א גע־פעהרליכער געגנער. ניט פון פאלשער בעשיידענהייט האט ער אזוי געטראכט, אלע אנשטענדיגע מענשען וואס קענען איהם און לאפוכאוו'ן שטעלען איהם און לאפוכאוו'ן אויף איין מדרגה. אבער אויף לאפוכאווס זייט איז דער גרויסער פארצוג, וואס ער האט שוין פארדיענט די ליעבע, יא, עס פארדיענט, וואס ער האט שוין אין גאנצען איינגענומען איהר הארץ, די אויסוואהל איז געמאכט, זי איז זעהר צופרידען און גליקליך מיט דעם אויסוואהל, ביי איהר קען זיך גאר ניט בעווייזען דער געדאנק צו זוכען וואס בעסערס ; צו דען איז איהר ניט גוט ? ווענען דעם איז גאר לעבערליך צו טראכטען ; אט אזא זארט מורא פאר איהר און לאפוכאוו'ן וואלט געווען א נאַ־רישע זעלבסט בעריהמעריי פון זיין זייט.

דערפאר, צו זאל ער צוליעב אזא פוסטע זאך, צוליעב דעם וואס איהם, קיר־סאנאוו'ן וועט אויסקומען צו בייגקען א חודש, העכסטענס צוויי, צו דען זאל ער צוליעב אזא קלייניגקייט לאזען איהר צושטערען די נערוועז און ריזיקירען מיט אן ערנסטער קראנקהייט פון זיצען נעכט ביים בעט פון קראנקען ? צו דען זאל ער צוליעב דעם וועלן אויסמיידען א צייטווייליגע צושטערונג פון די שטילקייט פון אייגענעם לעבען, דערלאזען אז ערנסטען שאדען פאר דעם לעבען פון אן אנדער מענשען, וואס איז ניט ווייניגער ווירדיג ווי ער אליין ? דאס וואלט דאך געווען ניט עהרליך און א ניט עהרליכע האנדלונג איז פיעל אונאנגענעהמער ווי יענער, באמת ניט שווערער קאמפף מיט זיך, וואס וועט איהם אויסקומען אריבערצוטראגען און פון וועלכען ער וויים פאראויס און שטאלצער צופריעדענהייט מיט זיך דעם זיכערן סוף.

אזוי האט געקלעהרט קירסאנאוו זיך באשליסענדיג צו פערטרייבען ווערא פאוולאוונא פון דער ניט נויטיגער נאכט וואכט.

די נויטיגקייט אין נאכטוואכט איז פארביי. אום אבצוהיטען אן אנשטענדיגען אויסזעהן און אום ניט צו מאכען קיין שארפע ווענדונג, וואס רופט ארויס אויפ־מערקזאמקייט, האט קירסאנאוו געדארפט נאך צוויי־דריי מאהל באזוכען לאפוכאווס די טעג, נאכהער אין א וואך ארום, נאכהער אין א חודש ארום און נאכהער אין א האלב יאהר ארום. נאכהער וועט דיזע ערוויטערונג זיך גענוג ערקלעהרען מיט די פיעל ארבייט.

13

אלץ איז געגאנגען ביי קירסאנאוו'ן אזוי ווי ער האט געטראכט. דער צובונד האט זיך בענייט, נאך שטארקער ווי פריהער; אבער דער קאמפף האט ניט אויסגע־וויזען אזוי שמערצליך און איז געוועזן לייכט. אט איז קירסאנאוו שוין דעם צווייטען מאל געוועזן ביי לאפוכאווס, אין א וואך ארום נאכדעם ווי דימיטרי סערגעאיטשס קוראציע האט זיך געענדיגט, אט זיצט ער ביז 9 אזייגער; גענוג, דער שטאט איז אבגעהיט; דעם נעכסטען מאל וועט ער קומען ערשט אין צוויי וואכען ארום; די דערוויטערונג איז כמעט ערפילט געווארען. איצט דארף מען זיצען נאך א שעה. אין דער וואך איז שוין כמעט אויף א העלפט דערשטיקט די ענטוויקלונג פון דער ליידענשאפט; אין א חודש ארום וועט זיין פארביי.. ער איז זעהר צופרידען. ער נעהמט אנטהייל אין געשפרעכען אזוי אהן אנשטרענגונג, דאס ער פרעהט זיך אליין מיט זיין ערפאלג און פון דער צופרידענהייט פארגרעסערט זיך זיין נאטירליכע האל־טונג.

לאפוכאוו האט זיך געקליבען מארגען צום ערשטען מאל ארויסצוגעהן פון הויז. ווערא פאוולאוונא איז צוליעב דעם געוועזן באזונדערס גוט אויפגעלייגט, האט זיך געפרעהט כמעט מעהר, און געווים מעהר, ווי דער געוועזענער קראנקער אליין. דער געשפרעך האט זיך געפיהרט וועגען דער קראנקהייט; מען האט געלאכט פון איהר; מען האט אין א שפאס געלויבט די טרייהייט פון ווערא פאוולאוונא אלס ווייב, וועל־כע איז כמעט קראנק געווארען פון אונרוהע וועגען דעם, וואס איז גאר ניט נויטיג געוועזן זיך צו בעאונרוהיגען. „לאכט, לאכט" — האט זי געזאגט — איך ווייס דאך אבער, אז איהר אליין וואלט אויך אנדערש ניט געהאנדעלט אויף מיין ארט!

— און וואס פאר אן איינפלוס עס האט עס אויף א מענשען די זארג פאר אנ־

דערע — האָט לאַפּוכאַוו געזאָגט — ער אַליין הייבט זיך דאָך אָן איינצורײדען, אַז גאַט ווייס וואָס פאַר אַ פאַרזיכטיגקייט עס איז איהם נויטיג, ווען ער זעהט וועגען וואָס מען בעאונרוהיגט זיך. אָט איך צ. ב. וואָלט שוין דריי טעג געמעגט אַרויס פון הויז און פון דעסטוועגען זיץ איך נאָך אַלץ אין הויז. הײנט אין דער פריה האָב איך געוואָלט אַרויסגעהן און פון דעסטוועגען אַבגעלייגט נאָך אויף אַ טאָג צוליעב גרע־סערע פאַרזיכטיגקייט.

— יאָ, דו קענסט שוין לאַנג געהן אויפ'ן גאַס, האָט קירסאַנאָוו באַשטעטיגט — אָט דאָס רוף איך אָן העלדישקייט, און, באמת גערעדט, האָט עס מיר שטאַרק דערעסען: איך וואָלט באַלד אַנטלאָפען.

— מיין ליעבער, דו האָסט באַוויזען די העלדישקייט אום מיך צו באַרוהיגען. און אויב דו ווילסט וואָס שנעלער פאַרענדיגען דיין אַבגעשלאָסענקייט, זאָלן מיר טאַקי באַלד אַנטלויפען. איך וועל באַלד געהן אויף אַ האַלבע שעה אין וואַרק־שטאַט. זאָלן מיר אַלע געהן צוזאַמען: דאָס וועט זיין פון דיין זייט זעהר אַ גרויסע פריינדליכקייט, וואָס דעם ערשטען וויזיט נאָך דער קראַנקהייט וועסטו מאַכען ביי אונזער חברותא, זיי וועלען עס באַמערקען און וועלען זעהר דאַנקבאַר זיין פאַר דיין אויפמערקזאַמקייט.

גוט, זאָלן מיר געהן צוזאַמען, האָט לאַפּוכאַוו געזאָגט מיט אַ קענטיגער צו־פרידענהייט, וואָס ער וועט קענען אַטהעמען פרישע לופט.

— דאָס הייסט אַ בעל־הבית'טע מיט טאַקט — זי האָט גאָר ניט אַ טראַכט געטהאָן אַז פיליכט האָט איהר, אַלעקסאַנדר מאַטווייאיטש, גאָר קיין שום חשק ניט צו געהן מיט אונז.

— פאַרקעהרט, עס איז זעהר אינטערעסאַנט: איך האָב זיך שוין לאַנג גע־קליבען. אייער געדאַנק איז אַ גליקליכער. —

אין אמת'ן איז וועראַ פּאַוולאָוונאַס געדאַנק געווען זעהר אַ גליקליכער, די מייד־לאַך זיינען געווען זעהר צופרידען, וואָס לאַפּוכאַוו האָט זיי אָבגעגעבען דעם ערשטען וויזיט נאָך דער קראַנקהייט, קירסאַנאָוו האָט זיך באמת זעהר אינטערעסירט מיט'ן וואַרקשטאַט. און אַזאַ מענש מיט זיינע אידעען האָט ניט געקאָנט זיך ניט אינטערעסירען מיט אַזאַ וואַרקשטאַט. אויב די געוויסע אורזאַך וואָלט איהם ניט צו־

ריקהאלטען וואלט ער פון אנפאנג אן געוועזן איינער פון די לעהרער אין דעם ווארק־שטאט. א האלבע שעה, פיליכט א שעה איז פאריבער ניט באמערקט. ווערא פאוו־לאוונא האט איהם ארומגעפיהרט איבער די פערשידענע צימערן און האט אלץ גע־וויזען. זיי האבען זיך אומגעקערט פון עם צימער אין די ארבייטס צימערן, ווען צו ווערא פאולאוונא'ן איז צוגעקומען א מיידעל וואס איז ניט געוועזן אין יענע צימערן. די מיידעל און קירסאנאוו האבען א קוק געטהאן איינער אויף די אנדערע — „נאס־טענקא"! — „סאשא"! און זיי האבען זיך ארומגענומען.

— סאשענקא, מיין פריינד, ווי גליקליך בין איך וואס איך האב דיר באגעגנט! די מיידעל האט איהם אלץ געקושט און געלאכט און געוויינט. קומענדיג צו זיך, האט זי געזאגט: ניין, ווערא פאולאוונא, וועגען געשעפטען וויל איך שוין איצט ניט ריידען. איך קען זיך ניט שיידען פון איהם. קום, סאשענקא, אין מיין צימער. קירסאנאוו האט זיך דערפרעהט ניט ווייניגער פאר איהר, אבער ווערא פאוו־לאוונא האט באמערקט שוין אין זיין ערשטען בליק אויך א סך טרויער ווען ער האט איהר דערקענט. און עס איז גאר קיין וואונדער ניט געוועזן; די מיידעל האט גע־האט אויסצעהרונג אין דער לעצטער מדרגה.

קרוקאווא איז אריינגעטראטען אין ווארקשטאט בערך מיט א יאהר פריהער און איז שוין דאמאלט געוועזן זעהר קראנק. וואלט זי געבליבען אין מאגאזין, וואו זי איז געוועזן ביז יענער צייט, וואלט זי שוין לאנג געשטארבען פון דער ארבייט, אבער אין ווארקשטאט האט זי געקאנט אביסעל לענגער לעבען. די מיידלאך הא־בען איהר אין גאנצען בעפרייט פון נייהען: מען האט געקאנט געפינען גענוג אנ־דערע באשעפטיגונגען וואס זיינען ניט געוועזן שעדליך פאר איהר געזונד: זי איז געשטאנען אין מאגאזין, האט אנטייל גענומען אין דער פערוואלטונג פון די פער־שיידענע סקלאדען, האט אנגענומען באשטעלונגען און קיינער האט ניט געקאנט זאגען אז קרוקאווא איז ווייניגער ווי אנדערע נוצליך אין ווארקשטאט.

מיט קירסאנאוו'ן.

לאפוכאוו'ס זיינען אוועק ניט דערווארטענדיג דעם סוף פון קרוקאווס געשפרעך

14

קרוקאוואס ערצעהלונג.

אויף מארגען, גלייך אין דער פריה, איז קרוקאווא געקומען צו ווערא פאוולאוונא.

— איך וויל זיך דורכריידען מיט אייך וועגען דעם וואס איהר האט נעכטען געזעהן, ווערא פאוולאוונא. האט זי געזאגט — זי האט א געוויסע צייט זיך געפיהלט אין א פערלעגענהייט, ווי פארטצוזעצען — איך וואלט ניט געוואלט אז איהר זאלט דיינקען שלעכט וועגען איהם, ווערא פאוולאוונא.

— וואס הייסט? איהר אליין, ווייזט אויס, האט פון מיר א גאנץ שלעכטע מיינונג, נאסטאסיא באריסאוונא.

— ניין, ווען דאס וואלט געווען אן אנדערע, ניט איך, נאר אן אנדערע וואלט זי אזא זאך ניט געטראכט. איהר ווייסט דאך, אז איך בין ניט אזא ווי די אנדערע.

— ניין, נאסטאסיא באריסאוונא, איהר האט קיין רעכט ניט אזוי צו ריידען וועגען זיך. מיר קענען אייך שוין א יאהר; און אויך פריהער האבען אייך געקאנט פיעלע פון אונזער געזעלשאפט.

— הייסט עס, אז איהר ווייסט גאר ניט וועגען מיר?

— וואס הייסט? איך ווייס זעהר פיעל. איהר זייט געווען א דיענסט — אין דער לעצטער צייט ביי דער אקטריסע נ.; ווען זי האט חתונה געהאט, זייט איהר אוועק פון איהר, כדי אוועקצוגעהן פון דעם פאטער פון איהר מאן; איהר זייט אנגעקומען אין מאגאזין נ. און פון דארטען — צו אונז; איך ווייס עס מיט אלע איינצעלהייטען.

— געוויס, איך בין געווען זיכער אז מאקסימאווא און שעגינא, וועלכע האבען געוואוסט וואס מיט מיר איז פריהער געווען, וועלען ניט דערצעהלען. איך האב אבער געמיינט אז, ווי עס איז, וועט פון דער זייט דערגעהן צו אייך און צו אנדערע. ווי גליקליך בין איך, וואס זיי ווייסען גאר ניט. אייך וויל איך אבער פארט דערצעהלען, כדי איהר זאלט ווייסען וואס פאר א דימענט ער איז. איך בין געווען זעהר אן אויסגעלאסענע, ווערא פאוולאוונא.

— איהר, נאסטאסיא באריסאוונא?

— יא, ווערא פאוולאוונא, איך בין געווען. איך בין געווען א גרויסע העזה'ני־

צע. איך האָב זיך פאַר קיין זאַך ניט געשעהמט. איך בין געווען שטענדיג שכור — דערפון האָב איך די קראַנקהייט, ווערא פאַוולאַוונא, וואס ביי מיין שוואַכע ברוסט, האָב איך געטרונקען. —

ווערא פאַוולאַוונא'ן איז שוין אַמאָל דריי אויסגעקומען צו זעהן אַזוינע ביי־שפּיעלען. די מיידלאַך, וואס האָבען זיך געהאַלטען אויף'ן שעהנסטען אופן פון דער צייט, וואס זיי האָבען זיך בעקאַנט, האָבען איהר געזאָגט אַז פריהער אַמאָל האָבען זיי געפיהרט א שלעכט לעבען. צום ערשטען מאָל, ווען זי האָט אויסגעהערט אַזא ודוי איז זי געווען שטאַרק איבערראַשט — אָבער, נאָכדענקענדיג עטליכע טעג, איז זי געקומען צום בעשלוס „אין מיין לעבען? די בלאַטע אין וועלכע איך בין אויסגעוואַקסען איז דאָך אויך געווען זעהר א שלעכטע. פון דעסטוועגען איז זי ניט צוגעשטאַנען צו מיר און עס בלייבען דאָך ריין פון איהר טויזענדער מיידלאַך, וואס זיינען אויסגעוואַקסען אין פאַמיליעס ניט בעסער ווי מיינע. וואס זשע איז דאָ באַ־זונדערס, וואס אויך פון דער ענדערונג קענען אַרויס ניט פאַרדאַרבען די, וועמען דער גליקליכער צופאַל האָט געהאָלפען דערפון זיך בעפרייען"? דעם צווייטען ודוי האָט זי שוין אויסגעהערט, זיך ניט וואונדערענדיג, וואס ביי דער דאָזיגער מיידעל זיינען פאַרבליבען די שעהנע מדות פון מענשען: דאָס ניט יאָגען זיך נאָך געלד, און די פעהיגקייט צו טרייער פריינדשאַפט און די ווייכקייט פון נשמה — און זאָגאַר א רעכטע ביסעל אונשולד.

— נאַסטאַסיא באָריסאָוונא, איך האָב שוין געהאַט אַזוינע געשפּרעכען ווי די וועלכע איהר ווילט אַנהויבען. סאַי די וואס דערצעהלט, סאַי די וואס הערט אויס פיהלען ביידע שלעכט. איך וועל אייך אַכטען ניט ווייניגער, גיכער מעהר, ווי פריהער, ווען איך וויים איצט אַז איהר האָט א סך איבער געטראָגען; אָבער איך פאַרשטעה אַלץ, ניט אויסהערענדיג אייך. זאָלן מיר וועגען דעם ניט ריידען; פאַר מיר דאַרפט איהר זיך ניט ערקלעהרען. ביי מיר אַליין זיינען פיעל יאָהרען אַוועק אין געוויסע ערגערנישען; איך באַמיה זיך ניט צו טראַכטען וועגען זיי און האָב ניט האַלט צו ריידען וועגען זיי — דאָס איז שווער.

— ניין, ווערא פאַוולאַוונא, ביי מיר איז אַן אַנדער געפיהל, איך וויל, אייך זאָ־גען, וואס פאַר א גוטער מענש ער איז; איך וויל, אַז ווער עס איז זאָל וויסען, ווי פיעל ער האָט געטהאָן פאַר מיר, און וועמען זאָל איך דערצעהלען, אויסער אייך?

פאר מיר וועט עס זיין א דערלייכטערונג. וואס פאר א לעבען איך האב געפיהרט, וועגען דעם, פארשטעהט זיך, איז ניטא וואס צו ריידען — ביי אלע אזוינע אונ־גליקליכע איז עס דאס זעלבע, איך וועל אבער דערצעהלען, ווי אזוי איך האב זיך מיט איהם בעקאנט; וועגען דעם איז מיר אזוי אנגענעהם צו ריידען; איך פאהר דאך אריבער צו איהם וואהנען — דארפט איהר דאך וויסען, פאר וואס איך פארלאז דעם ווארקשטאט.

— אויב פאר אייך וועט די ערצעהלונג זיין אנגענעהם, נאסטאסיא באריסאוו־נא, בין איך זעהר צופרידען צו הערן. ערלויבט מיר נעהמען די ארבייט.

— איך אבער טאר ניט ארבייטען. ווי גוט זיינען די מיידלאך, זיי האבען גע־פונען פאר מיר ארבייט נאך מיין געזונד, איך וועל יעדע איינע פון זיי אבדאנקען. זאגט ווערא פאוולאוונא, אז איך האב געבעטען אייך זיי אבצודאנקען פאר מיר.

איך בין געגאנגען איבער דעם נעווא פראספעקט, ווערא פאוולאוונא; אקארטש נעוועז ארויסגעגאנגען, עס איז נאך פריה געוועזן; עס איז געגאנגען א סטודענט, האב איך זיך צוגעטשעפעט צו איהם. ער האט גאר ניט געזאגט, נאר אריבער אויף דער אנדער זייט פון גאס. ער קוקט, איך לויף איבער צו איהם, האב איהם אנגע־כאפט פאר'ן האנד. —„ניין, זאג איך, איך וועל ניט אבשטעהן פון אייך, איהר זייט אזא גוטינקער". — „און איך בעט אייך, לאזט מיר אפ" — זאגט ער — „ניין, איהר מוזט געהן מיט מיר" — „ניט נויטיג" — „נו וועל איך געהן מיט אייך. וואו־הין געהט איהר? איך וועל שוין פון אייך ניט אבשטעהן בשום אופן ניט" איך בין דאך געוועזן אזא אונפערשעהמטע, ערגער פון אנדערע.

— עס קען זיין דערפאר, ווייל אין אמת'ן זייט איהר, נאסטאסיא באריסאוונא, געוועזן א שעהמעדיגע און עס איז אייך געוועזן אונאנגענעהם.

— יא, עס קען זיין, וויינינגסטענס, אויף אנדערע האב איך עס בעמערקט — ניט דאמאלט, זעלבסט פערשטענדליך, נאר שפעטער האב איך עס פערשטאנען. איז ווען איך האב איהם געזאגט, אז איך וויל דורכאוים געהן מיט איהם, האט ער זיך פארנאנדער געלאכט און געזאגט: „אויב איהר ווילט, געהט. נאר עס וועט זיין אומזיסט" — ער האט געוואלט מיר אנלערנען, ווי ער האט נאכהער ערקלעהרט: איהם האט פארדראסען, וואס איך שטעה צו, איך בין טאקי געגאנגען און אנגערעדט א סך נארישקייטען, ער האט אבער אלץ געשוויגען. אט זייגען מיר געקומען. לויט

זוי פאר א סטודענט האָט ער שוין דאמאלט אויך געלעבט גאנץ גוט, האָט באקומען פון שטונדען א רובעל 20 א חודש און געוואוינט איינער אליין. איך האָב זיך פארנאנדער געלייגט אויפ׳ן זאפע און זאג: „נו, גיב אהער בראנפען“. — „ניין, זאגט ער, קיין בראנפען וועט איהר ניט באקומען, טיי אויב איהר ווילט, קענט איהר באקומען“ — „מיט פונש?“ — „ניין, אָהן פונש“. איך האָב אנגעהויבען טהאָן נארישקייטען, מאוס זיך געהאלטען. ער זיצט, קוקט און שענקט קיין אויפמערקזאמקייט ניט: עס איז מיר געווארען אזוי פארדראסיג, איצט טרעפט מען שוין אזוינע יונגע לייט, ווערא פאוולאוונא — די יונגע לייט זיינען בעסער געווארען פון יענער צייט אָן, דאמאלט אבער איז עס געווען א זעלטענהייט, איך האָב זיך זאגאר געפיהלט געקריינקט און גענומען איהם זידלען: „אויב איהר זייט אזא הילצערנער, וועל איך בעסער אוועק“ — „צו וואס שוין אוועק, טרינקט בעסער אויס א גלעזל טיי: די בעל־הבית׳טע וועט באלד אריינטראגען דעם סאמאוואר, נאר רעדט ניט קיין גראבע רייד“, און האָט מיר אלץ גע׳איהרצט, — „איהר דערצעהלט מיר בעסער, ווי אזוי דאס האָט מיט אייך געטראפען“ — איך האָב איהם אנגעהויבען דערצעהלען, וואס איך האָב געקאנט אויסטראכטען: מיר פערפאסען די פערשידענע געשיכטען און דערפאר גלויבט אונז קיינער ניט, עס זיינען אבער דא אזוינע, ביי ועמען די געשיכטען זיינען ניט קיין אויסגעטראכטע: עס זיינען דאך צווישען אונז דא ארעליגע און געבילדעטע אויך. ער האָט געהערט, געהערט און זאגט: ניין, איהר האָט עס ניט געראטען אויסגעטראכט, איך וואלט געוואלט גלויבען, קען מען אבער ניט“. מיר האָבען דערווייל געטרונקען טיי, טוט ער א זאג: ווייסט איהר, אז לויט אייער געביי זעה איך, אז פאר אייך איז שעדליך צו טרינקען: דערפון איז שוין ביי אייך די ברוסט איצט, וואהרשיינליך א קראנקע. לאזט, איך וועל אייך אונטערזוכען. וואס דענקט איהר ווערא פאוולאוונא, איך האָב זיך דאן גענומען שעהמען — און וואס פאר אלעבען איך האָב געפיהרט פאר דעם, ווי אונפערשעהמט איך בין געווען! און ער האָט עס בעמערקט, — „ניין, זאגט ער, נאר אויסהערן די לונגען“. ער איז דאמאלט נאך געווען אין צווייטען קורס, ער האָט אבער שוין א סך געוואוסט אין מעדיצין, ער פלעגט אין ווינטערשאפט כאפען פאראויס, ער האָט אנגעהויבען אויסהערן די לונגען — יא, זאגט ער, — טרינקען טויג פאר אייך גאר ניט; איהר האָט א צרה׳דיגע ברוסט. — ווי זשע קענען מיר ניט טרינקען — זאג איך — אָהן דעם קענען מיר ניט אויסקומען! און מען קען טאקי ניט אויסקומען, ווערא פאוולאוונא.

„טו וואַרפט אוועק אזא לעבען — איך וועל געהן אוועקוואַרפען ! עס איז דאך היימ־לאך!“ — „נו, זאגט ער, א קנאַפּע היימליכקייט איצט — זאגט ער וועל איך זיך נעהמען פאַר אַרבייט און איהר געהט“ — איך בין אוועק א בייזע, וואס דער אבענד איז אומזיסט פאַרלאָרען געגאַנגען ; און עס האָט מיר פאַרדראָסען, וואס ער איז אזוי אבגעקומען: מיר האָבען דאך אין דעם אונזער אמביציע. אין א חודש אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין יענע ערטער : טראַכט איך זיך ; מען דאַרף אַריינגעהן צו יענעם הילצערנעם, מאַכען אביסעל חוזק פון איהם, דאס איז געוועזן פאַר מיטאָג צייט ; איך האָב זיך יענע נאַכט אויסגעשלאָפען און ניט געוועזן שכור, ער זיצט ביי א בוך, — „גוט מאָרגען הילצערנער“, „גוט מאָרגען, וואס וועט איהר זאגען ?“ איך האָב ווידער אנגעהויבען אבטהאָן נאַרישקייטען — „איך וועל אייך — זאגט ער — אַרויסטרייבען, הערט אויף, איך האָב אייך געזאגט אז איך האָב עס ניט ליעב, איצט זייט איהר ניט שכור, קענט איהר פאַרשטעהן, איהר באַטראַכט נאָר אַט וואס : אייער פּנים ווייזט אז איהר זייט מעהר קראַנק ווי פריהער, איהר דאַרפט אוועקוואַרפען טרינקען, פאַרריכט די קלייד און זאָלן מיר זיך גוט דורכריידען ! אין אמת׳ן האָט מיר שוין אנגעהויבען וועהטאָן אין ברוסט, ער האָט ווידער אויסגעהערט און געזאגט אז די ברוסט איז קראַנקער ווי פריהער, האָט א סך גערעדט ; און די ברוסט האָט מיר וועה געטהאָן — האָב איך זיך צוגאָסען אין געפיהלען און זיך צור־וויינט : איך האָב דאך ניט געוואָלט שטאַרבען און ער האָט מיר געשראָקען מיט אויסצעהרונג, איך זאג : „ווי אזוי וועל איך עס אוועקוואַרפען אזא לעבען ? די בעל־הבית׳טע וועט מיר ניט אַרויסלאָזען — איך בין איהר 17 רובעל שולדיג“. — זי האַלט דאך אונז אזוי, אז מיר זיינען שטענדיג ביי איהר בעל־חובות, כדי מיר זאָלן זיין אונבעהאָלפען — „נו, זאגט ער, קיין 17 רובעל געפינען זיך ביי מיר ניט, קומט אבער איבערמאָרגען“. מיר איז עס אויסגעקומען זאנדערבאַר, איך האָב דאך גאָר ניט געמיינט דערמיט, און ווי האָב איך גאָר געקאָנט ערוואַרטען אזא זאך ? האָב מיינע אויערן ניט געגלויבט, האָב זיך נאָך מעהר צואווינט : געמיינט אז ער מאַכט פון מיר חוזק : „אַ עולה פון אייך באַליידיגען אַן אָרימע מיידעל, ווען איהר זעהט אז איך וויין“, איך האָב א לאַנגע צייט איהם ניט געגלויבט, ווען ער האָט גענומען מיר פאַרזיכערן אז ער מיינט עס ניט אין שפּאַס. און וואס מיינט איהר ? ער האָט דאך טאַקי צוזאַמענגעקליבען אזוי פיעל געלד און מיר אוועקגע־געבען אין צוויי טעג אַרום, מיר האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט, „וואס הייסט,

זאג איך, פאר וואס גיט איהר מיר דאס געלד, ווען איהר ווילט ניט האבען מיט מיר צו טהאן?" איך האב זיך אויסגעקויפט פון דער בעל־הבית'טע און געדונגען אן איינענעם צימער, איך האב דאך אבער ניט געקאנט קיין זאך אנהויבען טהאן: מיר האבען דאך באזונדערע בילעטען — וואו קען איך זיך בעוויייזען מיט אזא בילעט? און קיין געלד איז אויך ניטא? האב איך געלעבט ווי פריהער — ד. ה. ניט אין גאנצען ווי פריהער; וואס פאר א פערגליייך, ווערא פאוולאוונא! איך האב דאך שוין אנגענומען נאר איינענע בעקאנטע, גוטע מענשען, אזוינע וואס האבען ניט באליידיגט. און קיין בראנפען האב איך שוין אויך ניט געהאלטען ביי זיך, דערפאר וואס פאר א פערגלייך איז עס! און איהר ווייסט, אין פערגלייך מיט פריהער איז דאס שוין אויך געווען לייכט פאר מיר. אבער דאך שווער; און וואס זאל איך אייך זאגען; איהר טראכט דאך אודאי אז שווער איז מיר געווען דערפאר, ווייל איך האב געהאט א סך פריינד — א מאן פינף; ניין עס איז ניט דערפאר, ווייל יעדער איינער פון זיי איז מיר געווען סימפאטיש, און דאס וואלט מיר ניט געארט, זייט מיר מוחל וואס איך רייד אזוי, נאר איך בין אפענהערציג מיט אייך; איך דענק איצט אויך אזוי, איהר קענט מיר דאך איצט? בין איך איצט אן אויסגעלאסענע? ווער האט איצט פון מיר וואס געהערט אויסער גוטעס? אין ווארקשטאט האב איך דאך אויך צו טהאן נאר מיט די קינדער און אלע האבען מיר האלט און אפילו די אלטע ווייבער וועלן ניט זאגען אז איך לערן די קינדער עפעס אויסערדאס בעסטע? נאר מיט אייך, ווערא פאוולאוונא, בין איך אפענהערציג און איך טראכט אזוי. אויב דיר איז ווער סימפאטיש איז עס גאנץ גלייך, אבי ניט נארען יענעם; אט ווען מען נארט יענעם איז שוין אן אנדערזאך.

אט אזוי האב איך געלעבט. עס זיינען אוועק א חדשים דריי, איך האב שוין פיעל אבגערוהט אין יענער צייט, ווארום א לעבען האב איך געפיהרט א רוהיגען און באטש איך מיין געוויסען איז געווען ניט גאנץ ריין צוליעב די געלד, וואס איך פלעג באקומען, אבער איך האב זיך שוין ניט געהאלטען פאר א שלעכטע מיידעל.

נאר, ווערא פאוולאוונא, סאשענקא פלעגט ביי מיר ארייינקומען אין יענער צייט און איך פלעג איהם באזוכען. אט בין איך צוגעטראטען ווידער צו דעם, וועגען וואס איך האב נאר געדארפט ריידען. ער פלעגט מיר אבער ניט באזוכען ווי אנדערע, נאר ער פלעגט נאכקוקען נאך מיר, איך זאל זיך ניט אומקעהרען צוריק צו דער

פריהערדיגער שוואכקייט, און זאל ווידער ניט אנהויבען טרינקען. און אין אמת׳ן ער האט מיר די ערשטע מעג געשטיצט, ווארום עס האט מיך געצויגען צו דער גלעזעל, איך האב זיך אבער געשעהמט פאר איהם; טאמער געהט ער אריין און דער־זעהט. עס ווייזט אויס, אז אהן דעם וואלט איך ניט בייגעשטאנען, ווארום מיינע פריינד, גאנץ גוטע מענשען, פלעגען זאגען: איך וועל שיקען נאך בראנפען, אבער איך האב זיך געשעהמט פאר איהם, פלעג איך זאגען — ניין, מען דארף ניט. ווען ניט דאס, וואלט איך געווים זיך געלאזען איינריידען: דער געדאנק אליין וואס איז פאר מיר שעדליך צו טרינקען, וואלט מיך ניט צוריקגעהאלטען, נאכהער, אין א וואך דריי ארום.. בין איך שוין אליין געווארען פעסטער: עס איז פאריבער די דורשט נאכ׳ן בראנפען און איך בין געווארען אבגעוואהנט פון דעם, ווי מען האלט זיך שכור׳ערהייט. איך האב אלץ געקליבען געלד, איהם אבצוגעבען און אין צוויי חדשים ארום האב איך אבגעגעבען דאס גאנצע געלד. ער איז געווען אזוי צופרידען, וואס איך האב איהם אבגעגעבען. אויפ׳ן צווייטען טאג האט ער געבראכט סחורה אויף א קלייד און נאך אנדערע זאכען וואס ער האט אנגעקויפט פאר דאס געלד. נאכ־הער פלעגט ער צו מיר אלץ קומען אזוי ווי א דאקטאר וואס קוקט נאך א קראנקען. נאכהער, אין א חודש ארום, נאך דעם ווי איך האב מיט איהם זיך פארנאנדער גע־צאהלט, איז ער אויך געזעסען ביי מיר און זאגט: „אט איצט, נאסטענקא האט איהר אנגעהויבען מיר געפעלן צו ווערן“. און אין אמת׳ן: פון בראנפען ווערט דאס געזיכט פארמאוסט און דאס האט ניט געקאנט מיט אמאל פארבייגעהן; דא־מאלט אבער איז שוין געווען פארביי און איך האב בעקומען א צערטליכע פארב און די אויגען זיינען געווען ליכטיגער; און אויך דאס וואס איך האב זיך אבגע־וואהנט פון פריהערדיגען האלטען זיך, וואס איך האב אנגעהויבען באשיידען צו ריידען און געדאנקען זיינען אויך געווען באשיידענע, ווען איך האב אויפגעהערט צו טרינקען, כאטש אין רייד פלעג איך זיך זעהר אפט זיך נאך פארפלאנטערן און אריינ־ווארפען מאוס׳ע ווערטער; צו יענער צייט האב איך זיך שוין איינגעוואוינט זיך צו האלטען און צו ריידען באשיידענער. ווי ער האט עס געזאגט, אז איך הייב אן איהם געפעלן צו ווערן, האב איך זיך אזוי דערפרעהט, דאס איך האב געוואלט זיך ווארפען איהם אויפ׳ן האלז, נאר איך האב מורא געהאט און און זיך צוריקגעהאלטען. און ער האט געזאגט: „איהר זעהט, נאסטענקא, איך בין ניט קיין מענש אהן גע־פיהלען“ און האט ווייטער גערעדט אז איך בין געווארען א שייניקע און באשיידע־

נע און האָט אנגעהויבען מיר לאשצענען — און ווי לאשצענען ? — גענומען זיין האנד און אוועקגעלייגט אויף מיינע און גענומען גלעטען מיט דער צווייטער האנד; און קוקט אויף מיין האנד ; און אין אמת'ן זיינען די הענד ביי מיר דאמאלט שוין געוועזן ווייסע, צערטליכע... אט אזוי, אז ער האָט גענומען מיין האַנד — איהר וועט ניט גלויבען, איך בין אזש רויט געווארען : נאך יענעם לעבען, ווערא פאוולאוונא, גאר ווי אן אונשולדיגע פריילין — עס איז לעכערליך, ווערא פאוולאוונא, ביי מיין גאנצע שאנדע, אבער עס איז פארט אמת — און איך האָב אזאג געטהאָן : „פאר וואס עפּעס האט איהר געוואלט מיר צולאשצענען, אלעקסאנדר מאטווייאיטש ?" און ער ענטפערט : „ווייל איהר זייט איצט, נאסטענקא, אן עהרליכע מיידעל". און די ווערטער וואס ער האָט מיר אנגערופען עהרליכע מיידעל האָבען מיר אזוי דערפרייט. אז איך האָב זיך באגאסען מיט טרעהרען, און ער האָט גענומען ריידען : „וואס איז מיט אייך, נאסטענקא?". און האָט מיר א קוש געטהאָן : וואס מיינט איהר ? פון דעם קוש האט די קאפּ זיך פארדרייט ביי מיר און איך האָב זיך אין גאנצען פאר־לארען ; קען מען דען גלויבען ווערא פאוולאוונא, אז דאס זאל קענען פאסירען נאך אזא לעבען מיינער ?

אט אויף מארגען אין דער פריה זיץ איך און ווײן ; וואס קען איך איצט טהאָן, איך אזוינע, ווי וועל איך אנהויבען צו לעבען ווייטער ? עס בלייבט מיר אבער נאר איין זאך : זיך ארייננווארפען אין נעווא. איך פיהל, איך קען מעהר ניט טהאָן דאס, פון וואס איך האב ביז איצט געמאכט א לעבען ; קוילעט מיר, איך וועל פון הונגער שטארבען, אבער איך וועל עס מעהר ניט טהאָן. איהר זעהט, דאס הייסט אז איך האָב איהם שוין לאנג געליעבט, אבער אזוי ווי ער האָט צו מיר קיין שום געפיהל ניט ארויסגעוויזען און איך האָב קיין האָפנונג ניט געהאט, אז איך זאל איהם געפעלען, איז די ליעבע ביי מיר געוועזן אבגעשטארבען, און איצט האָט עס מיט אמאָל זיך ארויסגעוויזען; און דאס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז ווען דו פיהלסט אזא ליעבע, טו וואס קען מען דען קוקען אויף אן אנדערן אויסערדעם, ווענען דו ליעבסט. דאס פיהלט איהר נאך זיך, אז מען קען ניט. דא געהט שוין אלץ פערפאלען אויסער דעם איין מענשען. אט אזוי זיץ איך און וויין : וואס זאל איך איצט טהאָן, פון וואס מאכען א לעבען ? איך האָב שוין באמת געטראכט : וועל אריבער צו איהם, נאך אמאָל איהם אנקוקען, נאכהער וועל איך געהן און זיך דערטרינקען. אט אזוי האָב איך א גאנץ פריהמארגען

אבגעווײנט, נאר מיט אמאל דערזעה איך, ער געהט ארײן און האט זיך אווארף געטהאן מיר קושען און זאגט: נאסטענקא, דו ווילסט לעבען מיט מיר? און מיר האבען אנגעהויבען צו לעבען צוזאמען.

אט דאס איז געוועזן א גליקליכע צייט, ווערא פאוולאווגא; איך דענק, אז ווייניג מענשען האבען אזוי פיעל גליק געהאט. און ער האט אלץ געצאצקעט זיך מיט מיר. וויפיעל מאל האט פאסירט: איך כאפ זיך אויף, ער זיצט ביי א בוך, נאכהער געהט ער צו און טהוט א קוק אויף מיר, און אזוי פארגעסט ער זיך, שטעהט און קוקט אויף מיר. נאר, וואס פאר א בעשיידענער ער איז געוועזן, ווערא פאוולאוונא; איך האב נאכהער שוין דאך געקאנט פארשטעהן, איך האב דאך אנגעהויבען לייענען, האב זיך דערוואוסט ווי די ליעבע ווערט ארומגעשריבען אין די ראמאנען, האב געקאנט אורטהיילען. אבער, ביי זיין גאנצער בעשיידענהייט, ווי אזוי ער האט דאס אנגעקוואלען פון מיר! און וואס פאר אזארט געפיהל איז עס, ווען דער, וועמען דו ליעבסט, קוועלט אן פון דיר: דאס איז אזא זארט פרייד, וועגען וועלכע מען קען גאר קיין בעגריף ניט האבען. וואס דארפט איהר מעהר, ווען ער האט מיר צום ערשטען מאהל א קוש געטהאן: די קאפ האט זיך אזש ביי מיר פארדרעהט, איך האב זיך אראפגעלאזען ביי איהם אויף די הענט, דאכט זיך, איז דאך שוין א זיסער געפיהל, איז עס אבער פארט ניט דאס. דאמאלט פארשטעהט איהר מיר, קאכט דאס בלוט, עס איז עפעס אזא אונרוהיגקייט, און אין דעם זיסען געפיהל איז דא עפעס א מין שמערץ, אזוי אז עפעס א שוואכקייט פיהלט זיך אין דעם — כאטש עס איז דאך איבעריג צו זאגען, דאס פאר אזא מינוט קען מען א לעבען אוועק געבען — און מען גיט אוועק — הייסט דאך, אז עס איז א גרויס גליק, פון דעסטוועגען איז עס נאך ניט אזוי ווי יענער. דאס איז דאס זעלבע ווי ווען איינער פאר'חלומט זיך, ווען ער זיצט אליין און טראכט: אך, ווי איך ליעב איהם, אין דעם איז דאך שוין ניטא קיין אונרוה, קיין שמערץ, אט דאס זעלבע איז עס, נאר טויזענד מאל נאך שטארקער, ווען דער געליעבטער קוועלט אן פון דיר: דו פיהלסט אזוי רוהיג, די הארץ קלאפט ניט, דאס וואלט דאך שוין געוועזן אונרוה, ניין, דאס פיהלסטו ניט, נאר אזא מין גלייכמעסיגקייט און אנגענעהמקייט, אזוי ווייך קלאפט דאס הארץ, און די ברוסט ווערט ברייטער, און עס אטהעמט זיך לייכטער, אט דאס איז עס דאס אמת'ע ווארט: עס אטהעמט זיך לייכטער, אך, ווי לייכט! אזוי אז א שעה, צוויי געהן פארביי, ווי איין מינוט, ניין, ניטא קיין מינוטען, קיין סעקונדען,, בכלל קיין

צייט ניטא, גאנץ גלייך ווי דו וואלסט איינשלאפען און דו כאפסט זיך אויף, ווייסט אז עפעס איז אוועק א שטיק צייט, זינט דו האסט איינגעשלאפען: אויף וואס איז אבער די צייט אוועק? קיין איין אויגענבליק געדיינקסטו ניט, אויך אין דעם איז עס גלייך ווי נאך א שלאף: ניטא קיין פארמאטערטקייט, נאר פארקעהרט א פריש־קייט, מונטערקייט, ווי דו וואלסט אבגערוהט און אזוי איז עס טאקי: באמת אב־גערוהט: איך האב געזאגט „עס אטהעמט זיך זעהר לייכט" און אזוי איז עס. וואס פאר א כח ליעגט אין בליק, ווערא פאווּלאוונא: קיינע אנדערע צערטליכקייטען צערטלען ניט אזוי און גיבען ניט אזא גליק געפיהל, ווי דער בליק. אלעס איבעריגע, וואס איז דא אין ליעבע, איז ניט אזוי צערטליך און מאכט ניט פיהלען אזויגליקליך.

און ער פלעגט אנקוועלען, שטעהן און אנקוועלען. אך, וואס פאר א דער־קוויקונג דאס איז! דאס קען זיך קיינער ניט פארשטעלען, ווער עס האט דאס ניט איבערגעלעבט. איהר ווייסט עס ווערא פאווּלאוונא.

און ווי ווערט ער דאס ניט פארמאטערט צו קושען די אויגען, די הענד, די ברוסט, די פיס, דעם גאנצען קערפער — און איך שעהם זיך גאר ניט: און איך בין דאך נאכהער שוין דאמאלט געווען אזא, ווי איצט. איהר ווייסט דאך, ווערא פאווּלאוונא, איך שעהם זיך דאך זאגאר פאר א פרויען בליק, אין אמת'ן; אונזערע מיידלאך וועלען אייך דערצעהלען, ס'אר א שעהמעדיגע איך בין, איך וואוין דאך דערפאר אין א בעזונדערן צימער. און ווי מאדנע דאס איז, איהר וועט ניט גלויבען. אז ווען ער פלעגט קוקען און זיך ניט קענען אנקוקען אויף מיר און מיר קושען, פלעג איך זיך גאר ניט שעהמען, נאר עס איז מיר געווען אנגענעהם און איך האב לייכט געאטהעמט. פון וואס זשע קומט עס, ווערא פאווּלאוונא, וואס פאר אונזערע מייד־לאך שעהם איך זיך און פאר זיין בליק האב איך זיך ניט געשעהמט? דאס איז דענק איך, דערפאר, וואס ער האט מיר שוין ניט אויסגעוויזען ווי אן אנדער מענש, נאר ווי מיר ביידע וואלטען געווען איין מענש, דאס איז, ניט ווי ער קוקט אויף מיר, נאר ווי איך אליין וואלט קוקען אויף זיך: דאס קושט ער ניט מיר, נאר איך אליין קוש זיך — אין אמת'ן, אזוי האט עס מיר זיך אויסגעוויזען; דערפאר האב איך זיך ניט געשעהמט. איהר ווייסט דאך אליין, אייך דארף מען עס ניט דערצעהלען — דאך, ווען דו טהוסט א טראכט וועגען דעם, קענסטו זיך ניט אברייסען פון דעם גע־דאנק. ניין, איך וועל שוין געהן, ווערא פאווּלאוונא, מעהר קען איך וועגען קיין זאך ניט ריידען. איך האב נאר געוואלט דערצעהלען, וואס פאר א גוטער מאשא איז.

15

קרוקאווא האָט פארענדיגט דערצעהלען ווערא פאוולאוונא’ן איהר געשיכטע אין אנדערע טעג. זי האָט אבגעלעבט מיט קירסאנאוו’ן ארום א צוויי יאהר. די סמנים פון דער קראנקהייט זיינען אזוי ווי פארשוואונדען. אבער צו ענד פון צווייטען יאהר, ווען דער פריהלינג איז געקומען, האָט די אויסצעהרונג זיך באוויזען שטארק ענטוויקעלט. צו לעבען מיט קירסאנאוו’ן וואלט געהייסען פאר קרוקאווא’ן זיך פאר’משפט’ן אויף א באלדיגען טויט. זיך ענטזאגענדיג פון דעם, האָט זי געקאנט האפען אז די קראנקהייט וועט ווידער פארשטיקט ווערן אויף לאנג. זיי האָבען באשלאָסען זיך פארנאנדערגעהן. זיך צו באשעפטיגען מיט וועלכע עס איז אן ארבייט וואס מען דארף זיצען אויף איין ארט, וואלט אויך געהייסען זיך רואינירען. מען האט געדארפט זוכען די שטעל פון א הויז פערוואלטערין, הויז מיידעל, אן אויפזועהערקע אויף קינדער — עפּעס וואס פון דעם מין — און ביי אזא בעל־הבית’טע, ביי וועלכע עס זאל ניט אויסקומען שווער צו ארבייטען און ביי וועלכער עס זאלן ניט זיין — און דאס איז די וויכטיגסטע זאך — קיין אונאנגענעהמקייטען: באדינגונגען גאנץ זעלטענע. אבער אזא שטעל האָט זיך געפונען, קירסאנאוו האָט געהאָט בעקאַנטע צווישען די ארטיסטען — אנפאנגער; דורך זיי האָט קרוקאווא געקראגען די שטעל אלס הויז מיידעל ביי איינער א שוי־שפּיעלערין פון רוסישען טהעטער, אן אויסגעצייכענטע פרוי. לאנג האָט גענומען דאס פארנאנדערגעהן זיך מיט קירסאנאוו’ן און זיי האָבען ניט געקאנט זיך צושיידען: „מארגען וועל איך שוין אוועק אויף מיין שטעל“ און אזוי פלעגט איין מארגען אוועקגעהן נאכ’ן צווייטען: זיי האָבען געוויינט און גע וויינט, און אלץ געזעסען ארומגענומען, ביז די אקטריסע. וואס האָט געוואוסט צוליעב וואס זיי געהן זיך פארנאנדער, איז אליין געקומען נאך איהר: זי האָט פארשטאַנען פאר וואס די מיידעל קומט אזוי לאַנג ניט און האָט איהר אוועקגענומען פון דארט, וואו עס איז געוועזן שעדליך פאר איהר צו פארבלייבען לייגנער.

אזוי לאנג ווי די אקטריסע איז געבליבען אויף דער ביהנע איז קרוקאוו’ן געוועזן גאנץ גוט צו וואהנען ביי איהר: די אקטריסע איז געוועזן אן איידעלע פרוי; קרוקאווא האָט דעם פלאַץ טייער געהאלטען — עס איז געוועזן שווער צו קריגען אַן אַנדער פלאַץ אזא — ווייל זי האָט ניט געהאָט קיין אונאנגענעהמליכקייטען פון

דער בעל־הבית׳טע. קרוקאווא האָט צו איהר זיך אויך צוגעבונדען. די אקטריסע, עס זעהענדיג, איז געווען נאָך בעסער צו איהר. קרוקאווא האָט געפיהרט א גאנץ רוהיג לעבען און איהר קראנקהייט האָט ווייטער זיך ניט ענטוויקעלט, אדער כמעט זיך ניט ענטוויקעלט. אבער די אקטריסע האָט חתונה געהאט, האָט פארלאזען די ביהנע און זיך באזעצט אין דער פאמיליע פון מאן, ווי ווערא פאוולאָוונא האָט שוין פריהער געהערט, האָט דער פאטער פון דער אקטריסעס מאן גענומען צו־שטעהן צו דער מיידעל; קרוקאווא איז אין געפאהר ניט געווען, אבער עס האָט זיך אנגעהויבען א פאמיליען רייסעריי: די אקטריסע האָט אנ־געהויבען אויסריידען דעם אלטען, דער אלטער האָט אנגעהויבען זיך ביי־זערן. קרוקאווא האָט ניט געוואלט זיין די אורזאכע פון פאמיליען רייסעריי, און ווען זי וואלט אפילו יא געוואלט, האָט זי שוין אויך ניט געהאט דעם רוהיגען לעבען פון דער פריהערדיגער שטעל און זי האָט זיי פארלאזען.

דאס איז געווען מיט א יאָהר צוויי שפעטער ווי זי האָט פארלאָזען קיר־סאנאוו׳ן. זי האָט מיט איהם זיך שוין איינגאנצען אויפגעהערט צו זעהען. אין אָנ־פאנג פלעגט ער זי בעזוכען; אבער די שמחה פון זיך זעהען מיט איהם פלעגט אזוי שלעכט ווירקען אויף איהר געזונד, אז ער האָט ביי איהר אויסגענומען אן ערלויבניש צו איהר ניט צוקומען צוליעב איהר אייגענער נוצען. קרוקאָווא האָט געפרובירט לעבען אלס הויזמיידעל נאָך אין צוויי - דריי פאמיליעס; אָבער איבעראל איז געווען אזוי פיעל אויפרעגונג און אונאנגענעהמקייטען, אז עס איז שוין געווען בעסער אָנצוקומען פאר א נייטערקע, כאָטש דאָס האָט געהייסען זיך פארמשפטען אויף א שנעלע ענטוויקלונג פון דער קראנקהייט: די קראנק־הייט וואלט דאָך סאי ווי סאי זיך ווייטער ענטוויקעלט דורך די אונאנגענעהמקייטען — איז שוין בעסער דעם שיקזאל אריבערטראָגען אָהן ערגערניש, נאר פון דער ארבייט אליין. א יאָהר פון דער ארבייט ביי דער מאשין האָט קרוקאָוו׳ן אין גאנצען דערהרגט. — ווען זי איז אָנגעקומען ביי ווערא פאוולאָוונא אין וואר־שטאַט, האָט לאָפוכאוו, וואס איז דארט געווען דער הויז־דאקטאר, געטהאָן אלץ וואָס מעגליך איינצוהאלטען דעם גאנג פון אויסצערונג; ער האָט פיעל געטהאָן, לפי ערך פון דער שווערער אויפגאבע, די קאטאסטראָפע איז אבער געקומען אלץ נעהנטער.

קרוקאווא האָט ביז דער לעצטער צייט געלעבט אין דעם געוויינליכען טעות

פון לייט וואס ליידען אויף אויסצעהרונג, מיינענדיג אז איהר קראנקהייט האט זיך ניט שטארק ענטוויקעלט, און דערפאר האט זי ניט אויסגעזוכט קירסאנאוו׳ן, ניט וועלנדיג זיך ברייגגען שאדען. אבער שוין א חדשים צוויי, ווי זי האט גענומען לא־פוכאוו׳ן שטארק אויספרעגען: צו האט זי נאך לאנג צו לעבען? צו וואס זי דארף עם וויסען, האט זי ניט געזאגט. לאפוכאוו האט ניט געפונען פאר ריכטיג איהר אפען צו זאגען וועגען דעם אז דער קריזיס איז נאהענט, מיינענדיג אז איהרע פרא־גען קומען נאר פון געוויינליכען צובונד צום לעבען. ער האט איהר בארוהיגט. זי אבער האט, ווי עס פאסירט אין די מייסטע פעלע, זיך ניט בארוהיגט, נאר זי האט זיך צוריקגעהאלטען פון ערפילען דאס, וואס האט נאר געקאנט פערשאפען פרייד ביים סוף פון איהר לעבען; אליין האט זי געזעהן אז זי קען לאנג ניט לעבען און איהרע געפיהלען זיינען געווארען באשטימט לויט דעם געדאנק; אבער דער דאקטאר האט איהר פארזיכערט, אז זי דארף זיך נאך היטען; זי האט געוואוסט, אז זי דארף איהם מעהר גלויבען ווי זיך און דערפאר האט זי געפאלגט און ניט גע־זוכט קירסאנאוו׳ן.

געוויס, האט דיזער טעות לאנג ניט געקאנט אנהאלטען; וואס נעהענטער די קאטאסטראפע איז געווען, אלץ צודרינגליכער וואלטען איהרע פראגען געווארען: ענטוועדער זי וואלט ארויסגעזאגט, אז זי האט א בעזונדערע אורזאך צו וויסען דעם אמת אדער, אדער לאפוכאוו, צו ווערא פאוולאוונא וואלטען גענומען פארשטעהן אז עס ליעגט א בעזונדערע נויטווענדיגקייט אין איהר נאכפרעגען זיך און אין צוויי־דריי וואכען, פיליכט אין עטליכע טעג ארום, וואלט עס פארט דערגאנגגען דערצו. צו וואס עס איז דערגאנגען אביסעל פריהער, אדאנק קירסאנאווס פאר קרוקאוו׳ן אונערווארטעטען וויזיט אין ווארקשטאט. איצט אבער האט דאס מיספערשטענד־ניס זיך געענדיגט ניט צוליעב די וויטערדיגע פראגען, נאר דורך דעם אומשטאנד.

— וואס פאר א גליק, וואס פאר׳א גליק, איך האב זיך דאך געקליבען צו דיר, סאשענקא! האט קרוקאווא געזאגט, ווען זי האט קירסאנאוו׳ן געפיהרט אין איהר צימער.

— יא, נאסטענקא! איך פריי זיך ניט ווייניגער ווי דו; איצט וועלן מיר זיך שוין ניט צושיידען; פאהר אריבער צו מיר וואהנען, האט קירסאנאוו געזאגט, ווערענדיג הינגעריסען פון געפיהל פון מיטליידענדער ליעבע. און ארויסריידענדיג

עס, האט ער זיך באלד דערמאנט: ווי אזוי האב איך איהר עס געזאגט? זי פארשטעהט דאך נאך, וואהרשיינליך ניט, אז דער קריזיס איז נאהענט?

אבער זי, ענטוועדער זי האט אין ערשטען אויגענבליק ניט פארשטאנען דעם זינען, וואס איז געווען געדרונגען פון זיינע ווערטער, אדער עס איז איהר ניט געלעגען אין זינען צו טראכטען וועגען דעם, און די פרייד פון דער בעגייסטערער ליעבע האט פארשטיקט אין איהר דעם שמערץ פון נאהענטען סוף — ווי עס זאל ניט זיין, נאר זי האט זיך געפרייט און געזאגט: ווי גוט דו ביזט, דו ליעבסט מיר נאך ווי פריהער.

אבער ווען ער איז אוועק, האט זי זיך צואווינט, נאר איצט האט זי ענטוועדער פארשטאנען, אדער זיך ארומגעזעהן אז זי האט פערשטאנען דעם זינען פון דער בעגייאונג פון דער ליעבע, אז „איצט דארפסטו זיך שוין ניט היטען, דו וועסט זיך סאי ווי סאי ניט איינהיטען; האב כאטש פרייד“.

און זי האט באמת זיך געפרעהט; ער פלעגט אויף א מינוט ניט אבטרעטען פון איהר, אויסער די שטונדען וואס ער האט געדארפט פארברייגען אין האספיטאל און אין אקאדעמיע; אזוי האט זי אבגעלעבט ארום א חודש, און די גאנצע צייט זיינען זיי געווען צוזאמען, און ערצעהלונגען, ווי פיעל ערצעהלונגען זיינען געווען וועגען אלץ, וואס איז פארגעקומען מיט יעדען פון זיי אין דער צייט פון צושיידונג; און נאך מעהר איז געווען עראינערונגען וועגען פריהערדיגען לעבען; און פארגעניגענס וויפיעל איז געווען! זיי פלעגען שפאצירען צוזאמען — ער האט געקראגען א קארעטקע און זיי פלעגען יעדען אבענד ארומפאהרען איבער די געגענדען ביי פעטערבורג און פלעגען ווערן ענטציקט פון זיי; די נאטור איז אזוי טייער די מענשען אז זיי פרעהען זיך אפילו מיט דער קלענליכער, פערעכטליכער, כאטש זי קאסט מיליאנען און צעהנדליגע מיליאנען, נאטור פון די געגענדען ארום פעטערבורג; זיי האבען געלייענט, זיי האבען געשפיעלט אין פאנטען, אדער אין לאטא, זי האט זאגאר אנגעהויבען זיך לערנען שפיעלען שאכמאט, אזוי ווי זי וואלט געהאט צייט זיך אויסצולערנען.

ווערא פאוולאוונא איז עטליכע מאל אבגעזעסען ביי זיי ביז שפעט אין אבענד, נאכדעם ווי זיי פלעגען קומען פון שפאציר, אדער, נאך עפטער, פלעגט זי זיך ארייננכאפען אין דער פריה, איהר צו צושטרייען ווען זי פלעגט בלייבען אליין; און ווען זיי פלעגען בלייבען אליין, האט קרוקאווא געהאט נאר איין אינהאלט פאר איהרע

לאנגע, ליידענשאפטליכע ערצעהלונגען — וואס פאר א דימענט סאשענקא איז און וואס פאר א צערטליכער, און ווי שטארק ער ליעבט איהר!

16

עס זיינען אוועק א חדשים פיער, די זארג וועגען קרוקאווא, נאכהער די ער־אינערונג וועגען איהר, האבען קירסאנאוו'ן אבגענארט: איהם האט זיך געדאכט אז איצט איז ער אויסער געפאהר פון געדאנקען וועגען ווערא פאוולאוונא: ער פלעגט איהר ניט אויסמיידען, ווען זי, באזוכענדיג קרוקאווא, פלעגט זיך טרעפען מיט איהם און אויך ניט נאכהער, ווען זי פלעגט זוכען איהם צו צושטרייען, אזוי לאנג ווי ער האט געטראכט אז אין זיינע דייטליכע געפיהלען צו ווערא פאוולאוונא נישט געוועזען קיין זאך, אויסער פריינדליכע דאנקבארקייט פאר איהר אנטהייל נעהמען.

אבער — דער לעזער ווייס שוין פאראויס דעם זינען פון דעם „אבער", און, ווי שטענדיג, ווייס ער שוין פאראויס וואס עס וועט דערצעהלט ווערען אין די שוין דורכגעלייענטע זייטען — אבער, עס פארשטעהט זיך, אז דאס געפיהל פון קירסאנאוו'ן צו קרוקאווא איז נאך דער צווייטער באגעגעניש געוועזען ניט דאס וואס ביי קרוקאווא צו איהם: די ליעבע צו איהר איז שוין לאנג, לאנג פארביי ביי קירסאנאוו'ן; ער איז נאר געבליבען סימפאטיש צו איהר ווי צו א פרוי, וועלכע ער האט אמאל געליעבט. די פריהערדיגע ליעבע זיינע צו איהר איז געוועזען נאר דער דורשט פון א יונגען מאן וועמען עס איז, כאטש וועמען עס איז, צו ליעבען. געווים איז קרוקאווא ניט געוועזען קיין פאר פאר איהם, ווארום זיי זיינען ניט געוועזען קיין פאר לויט זייער ענטוויקלונג. ווען ער האט אויפגעהערט צו זיין א גאנץ יונגערמאן האט ער נאר מיטלייד געהאט באקומען צו קרוקאווא, ניט מעהר, ער האט געקאנט זיין צערטליך צו איהר צוליעב די עראינערונגען און פון מיטלייד — אבער ניט מעהר. זיין טרויער נאך איהר איז באמת באלד פארשוואונדען, האט ער נאך אלץ גערדיינקט, אז ער איז דערמיט פארנומען, און ווען ער האט שוין אליין באמערקט אז עס איז נימא מעהר קיין טרויער, נאר איינפאך אן עראינערונג נאך איהר, האט ער זיך דערזעהן אין אזוינע באציהונגען צו ווערא פאוולאוונא דאס ער איז שוין געוועזען אריינגעפאלען אין א גרויסען אונגליק.

ווערא פאוולאוונא האָט זיך באמיהט איהם צו צושטרייען און ער האָט זיך אונטער געגעבען אונטער דעם, מיינענדיג אז ער איז אויסער געפאהר, אדער, ריכטיגער געזאגט, פארגעסענדיג, אז ער ליעבט דאך ווערא פאוולאוונא'ן, און ניט דערמאָנענדיג זיך, אז דורך דעם ציהט ער זיך אריין אין אן אונגליק. און וואס איז געווען איצט, נאך צוויי־דריי חדשים נאכדעם ווי ווערא פאוולאוונא האָט גענומען איהם צושטרייען פון זיין טרויער נאך קרוקאווא? קיין זאך ניט, אויסער דעם וואס אט אין דער גאנצער צייט האט ער כמעט יעדען אבענד פארבראכט ביי די לאפוכאווס, אדער ער האָט וואו עס איז באגלייט ווערא פאוולאוונא, אפט באגלייט איהר צוזאמען מיט'ן מאן, אפט — איינער אליין. נאר דאס איז געשעהן, אבער אויך דאס איז געווען מעהר ווי גענוג, ניט נאר פאר איהם, זאנדערן פאר איהר אויך.

ווי האָט ווערא פאוולאוונא איצט פארבראכט די טעג? ביז אין אבענד — דאס זעלבע ווי פריהער, נאר אט איז 6 אזייגער. עס פלעגט טרעפען אז אין דער צייט פלעגט זי אליין געהן אין ווארקשטאט, אדער פלעגט זיצען ביי זיך אין צימער און ארבייטען אליין. איצט אבער, אויב זי דארף אבענדס זיין אין ווארקשטאט איז שוין פאראויס ארויסגעגאנגען א בעפעהל צו קירסאנאוו'ן און ער קומט איהר באגלייטען. אויפ'ן וועג אהין און צוריק, כאטש ניט קיין זעהר ווייטער וועג, ריידען זיי וועגען וואס עס איז, געוויינליך וועגען ווארקשטאט: קירסאנאוו איז איהר טהעטיגסטער בעהעלפער אין ווארקשטאט אנגעלעגענהייטען. דארט איז זי פארנומען מיט אבגעבען באפעהלען און ער האָט אויך א סך צו טהאָן: צו דען האבען די דרייסיג מיידלאך ווייניג זאכען אויסצוגעפינען און בעזארגען, וואס ער קען אויפ'ן בעסטען אופן אויפטהאָן? און צווישען די אלע ארבייטען זיצט ער און פלוידערט מיט די קינדער: דא נעהמען שוין עטליכע מיידלאך אן אנטהייל אין געשפרעך וועגען אלץ אין דער וועלט — אי וועגען דעם, ווי גוט עס זיינען די אראבישע מעשה'לעך פון „טויזענט און איין נאכט", פון וועלכע ער האָט שוין איבערדערצעהלט; אויך וועגען די ווייסע העלפאנטען, וועלכע מען אכטעט אזוי אין אינדיען, ווי ביי אונז האבען פיעל האלט ווייסע קעץ: א העלפט פון דער חברה געפינען, אז דאס איז געשמאקלאז — ווייסע העלפאנטען, קעץ, פערד, דאס אלץ זיינען קראנקהאפטע ברואים, נאך די אויגען זעהט מען אז זיי האבען ניט אזא גוטע געזונד ווי די פארביגע; די צווייטע העלפט פון די חברה באשיצט די ווייסע

קעז. צו ווייסט איהר ניט מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען פון ביטשער־סטאו, וועמעס ראמאן מיר קענען אלע פון אייערע ערצעהלונגען? פרעגט איינע פון די דערוואקסענע: ניין, קירסאנאוו וויים ניט איצט, אבער ער וועט זיך דערוויסען, דאס איז איהם אליין אינטערעסאנט: דערווייל קען ער וואס עס איז דערצעהלען וועגען האווארד'ן, וועלכער איז געווען כמעט אזא זארט מענש ווי פרוי ביטשער־סטאו. אט אזוי ציהען זיך דא קירסאנאווס ערצעהלונגען, דא קירסאנאווס דעבאטען מיט דער חברה, פון וועלכע דער קינדערשער טייל איז שטענדיג דער זעלבער, די דערוואקסענע אבער האלטען זיך אין איין בייטען. נאר אט האט ווערא פאוולאוונא געענדיגט איהרע ארבייטען, זי געהט מיט איהם צוריק אהיים, צו טיי: איצט פארברייגגען ווערא פאוולאוונא און דימיטרי סערגעאיטש צוזאמען פיעל מעהר צייט ווי פריהער, ווען קירסאנאוו איז ניט געווען. כמעט יעדען אבענד, ווען זיי פארברייגגען נאר זאלבע דריט, ווערט א שעה, אדער זאגאר צוויי, אבגעגעבען מוזיק: דימיטרי סערגייאיטש שפיעלט, ווערא פאוולאוונא זינגט, קירסאנאוו זיצט און הערט: אפט שפיעלט קירסאנאוו און דימיטרי סערגייאיטש זינגט צוזאמען מיט דער פרוי. איצט אבער טרעפט אפט אז ווערא פאוולאוונא איילט זיך אין וואָרקשטאָט, כדי זי זאל קענען בעווייזען זיך אנטהאָן פאר דער אפערא: איצט געהן זיי גאנץ אפט אין דער אפערא, אמאל אלע דריי צוזאמען, אמאל קירסאנאוו אליין מיט ווערא פאוולאוונא. אויסער דעם האָבען ביי די לאפוכאווס אנגעהויבען צו קומען געסט עפטער ווי פריהער: פריהער, ניט רעכענדיג די יונגווארג — וואס פאר'ע געסט זיינען מישטיינס געזאגט די יונגווארג? דאס זיינען נאר פלימעניקעס — פלעגען קומען נאר מערצאלאווס: איצט זיינען די לאפוכאווס נאהענט בעקאנט געווארען מיט נאך צוויי־דריי אזוינע ליעבענסווירדיגע פאמיליעס. מערצאלאווס, און נאך צוויי פאמיליעס האָבען באשלאָסען, אז יעדע וואך דארף מען מאכען קליינע אבענד אונטעהאלטונגען מיט טענץ, נאר אין אייגענעם הויז — עס טאנצען 6 פאר, זאגאר 8 פאר. לאפוכאוו געהט כמעט קיינמאל אהן קירסאנאוו'ן ניט אין דער אפערא , ניט ביי די בעקאנטע פאמיליעס, אבער קירסאנאוו באגלייט אפט אליין ווערא פאוולאוונא אין די אויספאהרונגען. לאפוכאוו זאגט אז ער וועט בלייבען אין זיין מאנטעל אויף דער זאפע, דערפאר פארברייגגען זיי נאר א טהייל פון די אבענדען זאלבע דריט, אבער די אבענדען שוין כמעט גאר אהן אן אונטערברעכונג זאלבע דריט: און יענע אבענדען זיינען זיי שוין די גאנצע צייט צוזאמען: אמת איז,

אז ווען אויסער קירסאנאוו'ן איז קיינער ניטא ציהט די זאפע עפּטער ארויס לאָפּו־כאוו'ן פון דעם זאל וואו די פּיאנא שטעהט; (די פּיאנא איז איצט אריבער גע־שטעלט געווארען פון ווערא פּאוולאוונאס צימער אין זאל). אבער דאס ראַטעוועט דימיטרי סערגייאיטש'ן ווייניג: אין א פערטעל שעה, העכסטענס אין א האלבע שעה ארום, ווארפען קירסאנאוו און ווערא פּאוולאוונא אויך אוועק די פּיאנא און זעצען זיך אוועק ביי דער זאפע; ווערא פּאוולאוונא זיצט, איבעריגענס, ניט לאנג ביי דער זאפע; זי זוכט אויס א שטיקעל פּלאץ אויף דער זאפע גופא, האלב ליגענדיג, אבער אזוי אז דעם מאן זאל זיין בעקוועם צו זיצען; די זאפע איז דאך א ברייטע; עס איז אפילו ניט זעהר גערא‏מיג, אבער זי האָט דעם מאן ארומגע־נומען מיט איין האנד און דערפאר איז איהם שוין בעקוועם צו זיצען.

אט אזוי איז פארביי א חדשים דריי און מעהר. היינטיגע צייטען זיינען אידיליעס ניט אין דער מאדע און איך אליין בין ניט קיין גרויסער ליעבהאבער פון אידיליעס, ד. ה. פּערזענליך האָב איך עס ניט האלט, ווי איך האב ניט האלט קיין שפּאצירען קיין שפּארגעל און ווער ווייסט נאך וואס איך האָב ניט האָלט? איין מענש קען דאך ניט האלט האָבען אלע געריכטען, אלע זארטען אונטערהאלטונגען: איך ווייס אבער, אז די אלע זאכען, וואס זיינען ניט נאך מיין געשמאק זיינען גאנץ גוטע זאכען, אז זיי זיינען נאכ'ן געשמאק, אדער האָבען געקאנט זיין נאכ'ן גע־שמאק פון א פיעל גרעסערע צאהל מענשען ווי די, וואס האלטען בעסער פון שאך־שפּיעלען, איידער פון שפּאצירען געהן, פון זויערע קרויט מיט בוימאויל, איידער פון שפּארגעל; איך ווייס זאגאר אז ביי דער מאיאריטעט, וואס טהיילט ניט מיין גע־געשמאק צו שאך שפּיעל און וואלטען געוועזען זעהר צופרידען ניט צו טהיילען מיין געשמאק צו קרויט מיט בוימאויל, אז זיי האָבען א בעסערען געשמאק ווי איך און דערפאר זאג איך: זאל זיין אויף דער וועלט וואס מעהר שפּאצירען און זאל זויער קרויט מיט בוימאויל אין גאנצען פארשווינדען פון דער וועלט און פערבלייבען נאר אלס זעלטענהייט פאר אזוינע זאנדערבארע ברואים ווי איך!

פונקט אזוי ווייס איך, אז פאר די גרעסטע צאהל מענשען, וואס זיינען ניט ערגער פון מיר, מוז דאס גליק האָבען דעם כאראקטער פון אן אידיליע און איך רוף אויס: זאל אנהויבען הערשען אין לעבען איבער אלע אנדערע פארמען פון לעבען דער כאראקטער פון לעבען אלס אן אידיליע. פאר די ווייניגע זאנדערבארע ברואים, וואס זיינען ניט קיין ליעבהאבער דערפון, וועלען זיין אנדערע פארמען פון גליק, די

גרעסטע צאהל אבער נויטיגט זיך אין אידיליעס. אי וואס אידיליעס זיינען ניט אין דער מאדע און דערפאר האלטען זיך די מענשען פון דערווייטענס פון זיי, איז עס דאך ניט קיין אבפרעג; זיי האלטען זיך פון זיי פון ווייטען, פונקט ווי דער פוקם האט זיך, לויט דער פאבעל, געהאלטען פון ווייטען פון די וויינטרויבען. זיי דאכט זיך אויס, אז זיי קענען ניט צוקומען צו דער אידיליע און דערפאר האבען זיי גרויסגעטראכט אז זי איז ניט אין דער מאָדע.

עס איז אבער פוסטע רייד צו זאגען אז צו אן אידיליע קען מען ניט צוקומען; זי איז ניט נאר א גוטע זאך, כמעט פאר אלע מענשען, נאר אויך א מעגליכע זאך, זעהר א מעגליכע: עס וואלט ניט שווער געווען צו שאפען אזוינס אבער ניט פאר איין מענשען און ניט פאר 10 מענשען, נאר פאר אלעמען. די איטאלענישע אפערא איז דאך אויך ניט מעגליך פאר 5 מענשען, אבער פאר גאנץ פעטערבורג איז זי זעהר מעגליך און אלע זעהן און הערען; אויך די געזאמעלטע ווערק פון גאגאל 1867 איז אן אונמעגליכע זאך פאר 10 מענשען, אבער פאר דאס גאנצע פובליקום איז עס זעהר מעגליך און ניט טייער אויך, ווי אלע ווייסען. אבער כל זמן קיין אפערא איז ניטא פאר די גאנצע שטאדט, קענען נאר איינינע, זעהר אייפעריגע קונסט ליעבהא־בער זיך באנוגענען מיט וועלכע עס איז קאנצערטען. און איידער דער צווייטער טייל פון „טוידטע נשמות“ איז געווען געדרוקט האבען נאר ווייניגע, זייער הייסע חסידים פון גאגאל'ן זיך איבערגעשריבען קאפיעס פון דעם. צו לייענען פון גע־שריבענע איז פיעל ערגער ווי פון א געדרוקטען בוך, און וואס עס איז פאר א קאנצערט איז פיעל ערגער ווי די איטאלענישע אפערא, פון דעסטוועגען איז עס אויך גוט.

17

אויב ווער עס איז א זייטיגער וואלט געקומען זיך מישב זיין מיט קירסאנאוו'ן וועגען אזא לאגע, אין וועלכער קירסאנאוו האט זיך אליין דערזעהן ווען ער האט זיך אבגעטשוכעט; און ווען קירסאנאוו וואלט אין גאנצען געווען פרעמד יענע פער־זאנען, וועגען וועמען עס רעדט זיך, וואלט ער געזאגט דעם, וואס קומט פרעגען די עצה: „פארריכטען די זאך דורך אנטלויפען איז שוין צו שפעט; איך ווייס ניט ווי דאס וועט זיך ענדיגען, אבער פאר אייך איז אנטלויפען און בלייבען אויף איין ארט — די זעלבע געפאהר; און פאר יענע, וועגען וועמעס רוהע איהר זארגט

איז אייער אנטלויפען נאך געפעהרליכער, איידער דאס פערבלייבען".

געוויס וואלט קירסאנאוו עס געזאגט נאר אזא מענשען ווי ער אליין איז, אדער ווי לאפוכאוו איז, א מענשען פון א פעסטען כאראקטער און פון שטרענגער עהרליכקייט. מיט אנדערע מענשען איז נוצלאז צו ריידען וועגען אזוינע לאגעס. ווארום יענע אנדערע מענשען וועלן סאי ווי סאי האנדלען מיאוס און שלעכט; זיי וועלן באשמוצען די פרוי, וועלן זיך אליין אנטהאן שאנדע, נאכהער וועלן זיי געהן צו דער גאנצער חברה ענטוועדער יאמערן, אדער זיך באריהמען, זיך לאבען מיט זייער העלדישער טוגענד, אדער מיט זייער ליעבעס קראפט. מיט אזוינע מענשען האבען ניט לאפוכאוו, ניט קירסאנאוו ניט האלט געהאט צו ריידען, ווי אזוי עס דארפען האנדלען מענשען אנשטענדיגע. אבער אויב קירסאנאוו וואלט געזאגט צו א מענשען פון זיין מין אז אנטלויפען איז איצט געפעהרליכער, ווי פערבלייבען

געוועזן גערעכט. דערביי וואלט מען פערשטאנען: „איך וויים ווי דו וואלסט זיך געהאלטען, פערבלייבענדיג: אזוי אז דו זאלסט דורך קיין זאך ניט ארויסווייזען דיין געפיהל, ווארום נאר אין דעם פאל וועסטו ניט זיין קיין אויסוואורף בלייבענדיג. די אויפגאבע באשטעהט אין דעם, וואס ווייניגער שטערן די רוהע פון א פרוי, וועמעס לעבען עס געהט גוט. איינגאנצען ניט שטערן, דאס איז, דאכט זיך, שוין ניט מעגליך. א געפיהל וואס שטימט ניט מיט איהרע איצטיגע בעציהונגען, איז שוין, וואהרשיינליך — און צו וואס נאך דאס „וואהרשיינליך", איינפאך גערעדט: אהן צווייפעל — שוין געשאפען געווארען ביי איהר, נאר זי מערקט עס נאך ניט. צו וועט ער באלד אדער ניט באלד זיך בעווייזען גאר אהן ארויספאדערונג פון דער זייט, דאס קען מען ניט וויסען — דאס אבטרעטען פון פלאץ וועט עס ארויסרופען, הייסט עס אז דיין מאכען פלטה וועט נאר גיכער מאכען דאס, וואס דו ווילסט אויסמיידען".

קירסאנאוו האט אבער וועגען דער זאך געאורטיילט ניט ווי א פרעמדער מענש, נאר ווי איינער וואס נעהמט אין דעם אן אנטהייל. איהם האט זיך אויסגדוכט, אז אבצוציהען איז שווערער ווי פערבלייבען: דאס געפיהל ציהט איהם צו פערבלייבען, הייסט עס, אז פערבלייבענדיג, צו גיט ער ניט נאך דעם געפיהל און לאזט זיך פארפיהרען פון איהם? מיט וואס פאר א רעכט קען ער זיין פאלשטענדיג זיכער, אז ער וועט מיט קיין ווארט, מיט קיין בליק ניט ארויסווייזען זיין געפיהל, וועט ניט מאכען קיין ארויספאדערונג? דערפאר וועט זיין זיכערער אבצופאהרען פון פלאטץ. אין אמת'ן איז זעהר שווער צו אונטערשיידען אויף ווי פיעל דער

שכל ווערט פארנארט דורך פלפולים פון תשוקה ווארום די עהרליכקייט זאגט: האנדעל פארקעהרט געגען דער תשוקה, דאמאלט, האסטו מעהר אויסזיכטען צו האנדלען גרויסמוטיג. דאס הייסט אזוי אין דער איבערזעצונג פון טהעארעטישער שפראך אויף דער געוויינליכער שפראך, אבער די טעאריע, אז וועלכער קירסאנאוו האט זיך געהאלטען, האלט אזוינע פרעכטיגע ווערטער ווי גרויסמוטהה פאר צוויי־דייטיג, טונקעל; אויף זיין שפראך וואלט קירסאנאוו אזוי זיך אויסגעדריקט: יע־דער מענש איז א עגאיסט, איך אויך; איצט פרעגט זיך: וואס איז פאר מיר נוצליכער, אבציהען אדער פערבלייבען? אבציהענדיג זיך אונטערדריק איך אין זיך איין עהרליכען געפיהל; פארבלייבענדיג, ריזיקיר איך אויפצואוועקען געגען זיך דעם געפיהל פון מיין מענשליכער ווירדע דורך די נארישקייט פון וועלכען עס איז א ווארט, אדער א בליק, וואס דער איין געפיהל וועט ארויסרופען. איין איינציגען געפיהל קען מען אונטערדריקען און אין א געוויסע צייט ארום וועט מיין רוהע ווידער צוריקקומען און איך וועל ווידער זיין צופרידען מיט מיין לעבען. וועל איך אבער איינמאל האנדלען געגען מיין מענשליכער נאטור, וועל איך אויף אלע מאל פארלירען די מעגליכקייט פון רוהע, די מעגליכקייט פון זיין צופרידען מיט זיך. און וועל פארגיפטען מיין גאנצען לעבען. מיין לאגע איז אט אזא: איך ליעב וויין, פאר מיר שטעהט א בעכער מיט זעהר גוטע וויין; איך האב אבער א פער־דאכט, אז דער וויין איז פארגיפטעט. זיך דערוויסען, צו איז מיין פערדאכט בע־גרינדעט קען איך ניט.. צו דארף איך טרינקען פון דעם בעכער, אדער איהם איבערקעהרען, כדי ער זאל מיר ניט פארפיהרען? איך דארף ניט אנרופען מיין בעשלוס ניט גרויסמוטיג, ניט זאגאר עהרליך — דאס זיינען צו הויכע ווערטער, איך דארף איהם אנרופען אויסגערעכענט, שכל'דיג. איך קעהר איבער דעם בעכער, דורך דעם נעהם איך ביי זיך אוועק א געוויסע אנגענעהמקייט, טהו זיך א געוויסע אונאנגענעהמקייט, דערפאר אבער זיכער איך מיין געזונד, ד. ה. די מעגליכקייט לאנג און פיעל צו קענען טרינקען אזא וויין, ווען איך וויים גאנץ גוט, אז עס איז ניט פארגיפטעט. איך האנדעל ניט נאריש, דאס איז דער גאנצער לויב פאר מיר.

18

אבער אויף וואס פאר'ן אופן ציהט מען אפ? דער פריהערדיגער שפאס, זיך צו מאכען ווי באליידיגט, ארויסשטעלען וועלכע עס איז פון די וואולגארע

זייטען פון כאראקטער, כדי אויף דעם זיך צו שטיצען, דאס טויג שוין ניט: צוויי מאל אבנארען מיט דער זעלבער זאך קען מען ניט; א צווייטע געשיכטע אזא, וואלט נאר ענדערקט דעם זינען פון דער ערשטער און וואלט איהם ארויסגעשטעלט פאר א העלד ניט נאר פון די נייסטע צייטען, נאר אויך פון די פריהערדיגע צייטען. און בכלל דארף מען זיך ענטזאגען פון יעדען שנעלען איבערייסען די בעציהונגען; אזא זיך צוריקציהען וואלט געווען לייכטער, אבער דאס וואלט געמאכט א רושם, וואלט ארויסגערופען אויפמערקזאמקייט, ד. ה. וואלט איצט געווען אי וואולגאר, אי נידערטרעכטיג: נאך קירסאנאוו'ס טעאריע פון עגאיזם — אי נאריש, אי ניט אויסגערעכענט. דערפאר בלייבט נאר איין מיטעל, דער קליגסטער און שמערצליכסטער: שטיל אבטרעטען אויף א לאנגזאמען, ניט באמערקבארען אופן, אזוי אז מען זאל גאר ניט באמערקען, אז ער ציהט אפ. שווער און פארדרייט איז אזא זאך. פארשווינדען פון די אויגען, אזוי אז מען זאל ניט באמערקען דיין בעוועגונג, ווען מען קוקט אויף דיר מיט אויסגעשטעלטע אויגען; עס העלפט אבער ניט, מען דארף אזוי האנדלען. איבריגענס איז דאס נאך קירסאנאווס טעאריע ניט שמערצליך, נאר זאגאר אנגענעהם; ווארום וואס שווערער אזאך איז, אלץ מעהר פרעהסטו זיך (צוליב דער איינענליעבע) מיט דיין כח און פלינקייט, ווען דו פיהרסט עס גוט דורך.

און אין דער אמת'ן האט ער זעהר גוט דורכגעפיהרט, ער האט זיינע פלענער ניט ארויסגעוויזען דורך קיין געזאגטען אדער ניט דערזאגטען ווארט, דורך קיין בליק ניט, ער האט ווי פריהער זיך געהאלטען פריי און געשטיפט מיט ווערא פאוולאוונא; ווי פריהער האט מען געמערקט, אז איהם איז אנגענעהם אין זייער געזעלשאפט; נאר עס האבען זיך גענומען בעווייזען פארשידענע שטערונגען געגען זיין בעזוכען לאפוכאווס אזוי אפט ווי פריהער און צו פארברייננגען ביי זיי גאנצע אבענדען ווי פריהער, עס פלעגט זיך אלץ אזוי מאכען, אז לאפוכאוו פלעגט איהם אכאפ טהאן דא פאר א האנד, דא פאר דעם לאץ פון ראק מיט די ווערטער: „ניין, פריינד מיינער, פון דעם געשפרעך וועסטו אזוי שנעל ניט אוועק" — אזוי אז אלץ מעהר און מעהר פון דער צייט, וואס קירסאנאוו פלעגט פארברייננגען ביי לאפוכאווס, פלעגט ער אבזיצען ביי דער זאפע פון זיין פריינד. און דאס אלץ איז אבגעטהאן געווארען אזוי טריט ביי טריט, אז עס איז גאר ניט געווען קענטיג, ווי אזוי די ענדערונג האט זיך ענטוויקעלט. שטערונגען פלעגען זיך בעווייזען און קירסאנאוו פלעגט

גיט נאָר זיי ניט ארויסשטעלען, נאָר פלעגט בעדויערן וואס זיי מאכען זיך (דאס גיט אפט, וואָרום צו אפט בעדויערן, וואלט ניט געטויגט). די שטערונגען פלעגען זיין אלץ אזוינע נאטירליכע, אונפערמיידליכע, אז אפט פלעגען די לאפוכאווס אלייז איהם טרייבען, דערמאנענדיג איהם, אז דא האָט ער פארגעסען זיין פארשפּרעכען צו זיין היינט אין דער היים, ווארום דער און דער פון זיינע בעקאנטע, פון וועל־כען ער האט זיך ניט געקאנט אברייסען דארף דארט זיין... אדער ער האָט פאר־געסען, אז אויב ער וועט היינט ניט זיין ביי יענעם און יענעם, וועט יענער זיך באַ־ליידיגען; אדער ער האָט פארגעסען, אז ער האָט נאך א שעה 4 וויניגסטענס, ארבייט ביז מארגען פריה: דענקט ער דען גאר ניט צו שלאָפען א גאנצע נאכט? עס איז דאך שוין 10 אזייגער, ניטא וואס צו פלוידערן, ס'איז צייט צו געהן צו דער ארבייט. קירסאנאוו האָט ניט אלע מאל זאגאר געפאלגט דיזע דערמאָנונגען: ער וועט ניט פאהרען צו דעם בעקאַנטען, זאל יענער האָבען פאריבעל; אדער: די ארבייט וועט ניט אנטלויפען, נאך דא צייט, ער וועט דערזיצען דעם אבענד דא. שטערונגען זיינען אבער געווען אלץ מעהר; וויסענשאפטליכע ארבייטען, וועלכע מען קען ניט אבלייגען, האבען ביי קירסאנאוו'ן אנגעהויבען אוועקצונעהמען אבענד נאך אבענד — וואלטען זיי צום טייוועל געהן אט די וויסענשאפטליכע ארבייטען (אזוינע באמערקונגען זיינען געמאכט געווארען פארבייגעהענדיג) און בעקאנטע האָבען זיך אויך צוגעטשעפּעט (דאס באמערקט מען אויך לייכט און זעלטען) — פשוט ניט אויסצוהאלטען, ווי זיי האָבען זיך אָנגעטשעפּעט! איהם דאכט זיך אוים אזוי: לאפוכאווס פארשטעהן אבער גאנץ גוט פאר וואס עס איז אזוי; ער הייבט אן צו ווערן באריהמט, בעווייזען זיך אלץ מעהר און מעהר מענשען, וואס דארפען איהם; און די ארבייט דארף ער אויך ניט פערנאכלעסיגען, ניט גוט וואס ער הויבט זיך אן אונטערצופוילען — ווייל ער האָט אין די לעצטע חדשים אזוי זיך אבגעלאזען, איז איהם איצט שווער צו נעהמען זיך פאר דער ארבייט — „מען דארף אבער ברודער אלעקסאנדר", „עס איז צייט, אלעקסאנדר מאטווייאיטש"!

שווער איז געווען אזא מאנעוורע; אויף גאנצע וואכען האָט מען געמוזט אויסציהען דיזען דרעה אויף לינקס ארום און זיך איבערדרעהען אזוי לאנגזאם, אזוי גלייכמעסיג, ווי דער ווייזער פון אזייגער: קוקט אויף איהר, ווי אויפמערק־זאם איהר ווילט, וועט איהר ניט באמערקען אז ער דרעהט זיך, און טהוט זיך שטילערהייט זיין זאך און געהט זיך אוועק, און דער זייט פון זיין פריהערדיגע

לאגע, דערפאר וואס פאר א פערגעניגען האט עס קירסאנאוו געפיהלט אלס טהעאָרעטיקער קוקענדיג, ווי פלינק ער איז אין דער פראקטיקע. זיי, די עגאיסטען און מאטעריאליסטען, זיי טהוען דאך אלץ נאר צוליעב זייער אייגענעם פארגניגען, און קירסאנאוו האט טאקע געקאנט זאגען, אוועקלייגענדיג די האנד אויפ'ן הארצען, אז ער טהוט אפ דעם גאנצען שפאס צוליעב זיין אייגענעם פארגניגען: ער האט זיך געפרייהט מיט זיין אייגענער קונסט און מוטה.

אזוי איז אוועק א חודש, עס קען זיין אביסעל מעהר; און ווען איינער וואלט אויסגערעכענט, וואלט ער אויסגעפונען, אז אין פערלויף פון דעם חודש איז זיין נאהענטקייט צו לאפוכאווס נים קלענער געווארען ניט אויף איין האר, עס איז אבער קלענער געווארען אויף פיער מאל אזוי פיעל די צייט, וואס ער האט ביי זיי פערבראכט און פון דער צייט אליין איז אויף א העלפט פארקלענערט געווארען לפי ערך די צייט, וואס ער פארברייננט מיט ווערא פאוולאוונא. נאך א חודש און ביי זייער גאנצער אנהאלטענדער פריינדשאפט, וועל'ן זיי זיך גאנץ וויניג זעהן — און די זאך וועט זיין אבגעטהאן.

לאפוכאוו האט א גוטע ראיה — צו דען באמערקט ער גאר ניט?

ניין, גאר ניט.

און ווערא פאוולאוונא? און ווערא פאוולאוונא באמערקט אויך גאר ניט. און אין זיך אליין צו באמערקט זי גאר ניט? און אין זיך אליין באמערקט ווערא פאוולאוונא גאר ניט, נאר עס חלומט זיך איהר א חלום.